STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02488

MEMUARN FUN A BUNDIST

Ch. L. Poznanski

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ה. ל. פּאָזנאַנסקי

מעמוארן פון אַ בונדיסט

ערשטער באַנד

וואַרשע 1938

Printed in Poland

Ch. L. POZNAŃSKI

MEMUARN FUN A BUNDYST

Warszawa 1938

זעצעריי ה. גלאַנץ, מוראַנאָווסקע 28 וו. 25

Druk. „Grafia" Nowolipki 7

ח. ל. פּאָזנאַנסקי

פאָרוואָרט

דער מאַטעריאַל, וואָס איז אַריין אין ערשטן באַנד פון מיינע זכרונות, איז אין גרעסטן טייל געווען געדרוקט אויף די שפּאַלטן פון „פאָלקסצייטונג", אַ טייל קאַפּיטלען זענען גרינד־לעך איבערגעאַרבעט געוואָרן, אַ טייל — זענען פולשטענדיק נייע.

דער ערשטער באַנד נעמט אַרום דעם פאַרפּעריאָד פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, ווי אויך די יאָרן 1905 און 1906.

בשעת איך האָב געשריבן די זכרונות, זענען פאַר מיינע אויגן אויפגעשטאַנען בילדער, עפּיזאָדן פון אַמאָל: ס'האָבן ווי דורכמאַרשירט שטעט און שטעטלעך פון דער צאַרישער אימפּע־ריע, גרעסערע און קלענערע בונדישע אָרגאַניזאַציעס פון אַמאָ־ליקן „רוסלאַנד, ליטע און פוילן" — צוזאַמען מיט זייער „מאַסע", מיט זייערע „בירזשעס", מיט זייערע טוער און פירער; אָרגאַני־זאַציעס מיט זייערע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע קאַמפן, מענטשן מיט גרויסן אידעאַליזם, מיט שטאַרקן מוט, מיט אומבאַשרייבלע־כער ליבע און איבערגעבנקייט צו דער אַרבעטער־זאַך, צו דער אָרגאַניזאַציע, צום „בונד".

פון דער צווייטער זייט זענען אויפגעשטאַנען אין זכרון צאַרישע תפיסות מיט הונגער־שטרייקן, תפיסות מיט „רעדנדיקע ווענט", מיט טרויעריקע מאָנאָטאָנע קייטן־קלאַנגען, און דאָן — גאַלעריעס טיפּן פון צאַרישע דינער — גרויסע, קליינע, בייזע, שפּלדיקע.

איך האָב מיך באמיט דאָס אַלץ ווי ווייט מעגלעך אויפ־לעבן אויך פאַרן לייענער.

ווי ווייט דאָס האָט זיך מיר איינגעגעבן – וועלן שוין זאָגן אַנדערע.

* * *

ביים פאַרענדיקן די דאָזיקע עטלעכע שורות פון פאָרוואָרט, געפין איך פאַר מיין אַנגענעמען חוב דאָ אַרויסצוזאָגן מיין חברישן דאַנק אין דער ערשטער ריי – דעם לאָדזשער קאָמיטעט פון „בונד״, ווי אויך אַלע חברים און פריינד, וואָס האָבן אין דער אָדער אַנדערער פאָרם מיטגעווירקט ביים אַרויסגעבן מיינע זכרונות.

ח. ל. פּאָזנאַנסקי

אין אפּריל 1938

I

מיינע ערשטע „דערציִער“. — מיין סביבה. — אונזער „זשאַרגאָנישע“ ביבליאָטעקל.

מיין געבורטשטאָט איז קאַמעניעץ־פּאָדאָלסק. דאָרט האָב איך באַקומען מיין ערשטע „בילדונג“ — אין חדרים. איך האָב געהאַט עטלעכע רביס, אָבער אין זכרון איז מיר פאַרבליבן „עליע קאַנטשיק“, אַ מלמד, וואָס האָט זיך כשר פאַרדינט זיין צונאָמען. איך געדענק דאָס שמוציקע חדר, דעם רבין מיט זיינע ניין אַ האַלבן פינגער (דער צענטער האַלב־אָפּגעהאַקטער פינגער האָט אים אָפּגעראַטעוועט פון „גויעשע הענט“ — פון מיליטער־דינסט). אָט שטייט ער מיטן קאַנטשיק און קנעלט מיט אונז אין דעם „ואני בבאי מפדן“, און דער קאַנטשיק שפּריצט מיט פייער איבער די הענט, איבער די פּלייצעס, איבער די קעפּ פון די תלמידים. און אָט איז די רביצין רבקה־רעניע, אַ רירעוודיקע יידענע, וואָס פאַבריצירט און פאַרקויפט הייוון טאַקע דאָ אין חדר.

איך דערמאָן זיך אַ צווייטן רבין — פון אַ העכערער מדרגה — ר׳ שואל. אַ הויכער ייד מיט אַ גרויסער געלער באָרד. ער שלאָגט אונז זעלטן. ר׳ שואל איז אַ ייד אַ חסיד, פאָרט ער אָפט צום רבין. ר׳ שואל האָט אַ „נעבן־געשעפט“ — שדכנות, האָט ער צו אונז ווייניק צייט, לאָזט ער אונז אָפט פריי אויפן שמוציקן הויף. אין חדר־שטוב איז אויך „פריילעך“: די רביצין מיט די טעכטער זיצן און פליקן פעדערן און העלפן אַזוי צו דעם רבין שואל אין ענין פרנסה. פליק, פליק! פעדערלעך פאַלן

אין שיסל אַריין, אין אַ גרויסן טאָפּ אַריין, פליען אין דער לופט, זיי באַדעקן די שמוציקע פּאָדלאָגע, דאָס אָרעמע ביסל באַלעבאַ־טישקייט. אָבער — ס׳גוט, ס׳איז היימלעך, ס׳איז וואַרעמלעך, מ׳דערציילט זיך מעשיות, מ׳פילט זיך פריי. נאָך עליע קאַנטשיקס רעזשים איז דאָ אַן אמתער גן־עדן.

די סביבה מיינע איז געווען אַ באַלעבאַטישע, אַ ביז גאָר רעליגיעזע, ווי אין יידישן שטעטל מיט 50–60 יאָר צוריק. אַ שטרענגע הונדערט־פּראָצענטיקע פרומקייט האָט געהערשט אין שטוב — אַ דאַנק מיין מוטער אסתר, אַ טיף־רעליגיעזער פרוי, וואָס איז געווען בקי אין אַלע יידישע דינים און מנהגים. זי האָט געהאַט אַ זעלטן גוטן קלוגן קאָפּ, אַ שאַרף אויג, מיט איין קוק דורכגענומען אַ מענטשן דורך און דורך. זי האָט באַזיצט אַ גלענצנדן זכרון, געהאַט ביי זיך אין קאָפּ עפּעס אַ מין שליסל צום יידישן קאַלענדאַר, לויט וועלכן זי האָט אָן אַ טעות אייך געקאָנט, למשל, זאָגן, אין וואָסער אַ טאָג פון וואָך ס׳איז אויסגעפאַלן דער אָנהויב פון דעם און דעם יום־טוב אָדער תענית מיט אַ פּאָר צענדליק יאָרן צוריק.

אַ בית־מדרש האָבן מיר געהאַט אַן אייגענעם, טאַקע ביי אונז אין הויף, ספּעציעל געבויט דורך מיין עלטער־זיידן (פון דער מוטערס זייט) חיים־לייב ווייסלאָוויטש, אַ פרומען גבירישן יידן, וואָס איז אויף דער עלטער געפאָרן שטאַרבן אין ארץ־ישראל.

באַלעבאָסטע פון הויז, ווו מיר האָבן געוווינט, איז געווען, זינט איך געדענק זיך, די באָבע גיטל. וועגן איר פרומקייט פלעגט מען דערציילן גאַנצע לעגענדעס. דעם עול פון באַלעבאָסטע האָט זי געטראָגן זייער נישט גערן, באַזונדער צוליב דער שטענדיקער מורא פאַר פּאָליציי. מ׳דאַרף נעמען אין אַכט, אַז אין קאַמעניעץ־פּאָדאָלסק האָבן אין די צאַרישע צייטן געמעגט וווינען נאָר די יידן, וואָס זענען דאָרט געבוירן געוואָרן, אויך הויז־באַזיצער אד״גל, ווייל אין גרענעצפּאַס פון 50 וויאָרסט האָבן בכלל יידן נישט געטאָרט וווינען, און קאַמעניעץ איז געווען נאָענט פון דער גרענעץ (עסטרייכישער). זענען דאָרט נאָך מיט העכער 50 יאָר

צוריק איינגעפּירט געוואָרן מעלדונג-ביכער, און אַזוי ווי די שטאָט איז נאָך דערצו געווען אַ גובערניאַלע, האָט די פּאָליציי שטרענג אָפּגעהיטן דאָס געזעץ וועגן ווױנרעכט פון די יידן, און יעדן נישט-כשרן יידן פלעגט מען אַרעסטירן און אַרויסשיקן, אָפּט מיטן „עטאַפּ" (טראַנספּאָרט). יעדעס מאָל, ווען ס'פלעגט זיך אין הויף באַווייזן אַ פּאָליציייש קנעפּל, פלעגט ווערן אַ בהלה צווישן די נישט-איינגעמאָלדענע יידן, דערהויפּט — איך ווייס נישט פאַרוואָס — צווישן די דינסט-פרויען. די באָבע פלעגט ווערן שטאַרק דערשראָקן און נאָך איידער וואָס אַרויסשיקן דעם פּאָליציאַנט אַ געוויסע מטבעה (אָנבאַלאַנגט דער גרויס פון קנעפּל).

אין אַזעלכע פאַלן האָט זי געהאַט אַ טבע צו לאָזן רייטן אַ פינגער איבער דער נאָז, און שאָקלענדיק זיך, ווי ביים דאַוונען, פליסטערן: שפּל, שפּל! דאָס האָט באַדאַרפט הייסן: נישט גוט. ס'גייט אַ צרה, ווער ווייסט, מיט וואָס פאַר אַן אומגליק דאָס שמעקט. אַזעלכע סצענעס האָב איך, זייענדיק אַ קינד, אָבסערווירט נישט איין מאָל.

דער בית-מדרש איז געשטאַנען אין עק פון הויף. דער גרעסטער טייל פענצטער פון בית-מדרש איז אַריינגעגאַנגען דירעקט אין גאָרטן אַריין, וואָס האָט זיך געצויגן טעראַסנווייז — פון הויף נידעריקער און נידעריקער אַראָפּ, כמעט ביז צום טייך צו, צום סמאָטריטש. און אין זכרון שטייען איצט אויף בילדער פון יענער צייט, פון מיין קינדהייט: ס'איז אַ שבת אָדער אַ יום-טוב. אין שול שטייען אַ סך, אַ סך יידן אין טלתים און שאָקלען זיך, יעדער אויף זיין שטייגער, ווי ווען דיק מיט דעם אַרט שאָקלעניש אַרויסווייזן וואָס אַ גרעסערע פרומקייט, און אין דער זעלבער צייט, געטריבן פון ווינט, וואַרפן זיך די צווייגן, וויגן זיך די ביימער אין גאָרטן, און דער גערויש פון די ביימער גיסט זיך צונויף האַרמאָניש מיט דעם געזאַנג און ווײ-געשריי פון די יידן פון בית-מדרש, און איך, דאַן אַ רעליגיעז יינג יינגל, פאַרנעם מיט עפּעס אַ מאָדנער זיסקייט די פייערלעכקייט און הייליקייט פון דעם גערויש אין גאָרטן, פון די תפילות אין שול, וואָס רייסן

זיך דורך די אָפענע פענצטער סיי צו די ביימער אין גאָרטן, סיי צו די הימלען.

מיין פאָטער האָט זיך אויסגעטיילט אין דער גאַנצער סביבה — סיי מיט זיין אייראָפּעישער קליידונג (וואָס ס'האָט אים געקאָסט פיל קאַמף, און וואָס האָט אַריינגעטראָגן נישט ווייניק פאַרביטערונג אין די באַציונגען פון זיין סביבה), סיי מיט זיין „פּראָגרעסיווער" פירונג בכלל. נעמט, למשל, אַזאַ זאַך, ווי פירן די קינדער אויף שפּאַציר, אויף מוזיק — דאָס איז אין יענער צייט געווען אַ סימן פון פּראָגרעס. און אונזער טאַטע פלעגט אונז קינדער טאַקע מיטנעמען — באַזונדער שבת פאַרנאַכט — אויף שפּאַצירן אין די שיינע בולוואַרן פון קאַמעניעץ-פּאָדאָלסק, און אַ מאָל, געדענק איך, איז ער אין אַ פּראָסטיקן אויפדער-נאַכט געקומען מיך אַרויסנעמען פון חדר, כדי מיך צו שליטלען הינטער דער שטאָט אויף דעם ווייסן, קנאַקעדיקן שניי. דער קאָנטראַסט פון דעם הערלעכן ווינטער-פּייזאַזש מיט עליע קאַנ-טשיקס חדר איז געווען אַזוי גוואַלדיק, אַז ביזן היינטיקן טאָג געדענק איך דעם דאָזיקן עפּיזאָד.

מיין פאָטער האָט געשטאַמט פון באַלטע, אַ קליינע שטאָט אין אוקראַינישן פּאָדאָליע. זיין פאָטער וואָלף, אָדער ווי מ'האָט אים גערופן ר' וועלוועלע פּאָזנאַנסקי, איז אין זיין שטעטל געווען אַ חשובער גביר, אַ סוחר, אַ באַנקיר, געהאַט סוחרישע באַציונ-גען אין דער גאַנצער אומגעגנט, אַזש מיט דער גרויסער און שיי-נער שטאָט אָדעס (דרום-רוסלאַנד). ער איז אין זיין שטאָט און אין דער אומגעגנט געווען זייער געאַכטעט. נאָך די באַרימטע ערשטע פּאָגראָמען אין די יאָרן 1881—1883, פון וועלכע ער האָט אויך מאַטעריעל שטאַרק געליטן, איז ער געווען אויסגעקליבן אין אַ דעלעגאַציע פון חשובע יידן, וואָס איז אין שייכות מיט די פּאָגראָמען געפאָרן זיך משתדל זיין ביי דער גובערניאַלער מאַכט פון פּאָדאָליען.

אַגב וועגן דעם דאָזיקן פּאָגראָם. דער זיידע מיינער האָט אַ דאַנק זיין באַקאַנטשאַפט מיטן פּאָליצמייסטער אויסגעפּועלט אַ ספּעציעלע וואַך פון עטלעכע סאָלדאַטן, וואָס האָבן באַדאַרפט אָפּ-

היטן זיין הויז פון פּאָגראָם, אָבער די סאָלדאַטן האָבן געהיטן דעם טויער, און די כוליגאַנעס זענען אַריינגעשפּרונגען אין הויף דורכן פּאַרקן, און דורכגעפירט דעם פּאָגראָם, אפשר נישט אַזוי פּאַכמעניש, ווי היינטיקע ספּעציאַליסטן פון בריסק און טשענסטאָכאָוו, אָבער דאָך גענוג גרינטלעך.

כאַראַקטעריסטיש איז געווען דאָס פּאַרענטפּערן זיך פון די סאָלדאַטן. זיי האָבן געטענהט, אַז זיי האָט מען אָנגעשטעלט היטן דאָס טויער, האָבן זיי אים טאַקע אָפּגעהיטן און קיינעם נישט אַריינגעלאָזן. וועגן היטן דעם פּאַרקן האָט מען זיי גאָרנישט געזאָגט, האָבן זיי זיך, נעבעך, נישט געקאָנט אַריינמישן.

מיט אַ סך יאָרן שפּעטער איז מיר אויסגעקומען צו לייענען אין די אַלטע יאָרגענג פון רוסיש־יידישן חודש־זשורנאַל „וואָסכאָד" די געריכט־כראָניק פון די פּאָגראָם־פּראָצעסן אויף דרום־רוסלאַנד. איך האָב אין דעם „וואָסכאָד" אויך אָנגעטראָפן אויפן פּראָצעס וועגן פּאָגראָם ביי מיין זיידן אין באַלטע, און אויף וויפל איך געדענק, איז דאָרט געווען איבערגעגעבן די נאָר־וואָס דערציילטע מעשה מיט די „שיצער", די סאָלדאַטן.

מיין זיידן האָב איך ווייניק געקאָנט פּערזענלעך, אָבער מעשיות וועגן אים האָב איך זיך אָנגעהערט זייער אַ סך. אַזוי למשל, האָט מען ביי אונדז דערציילט, אַז איין מאָל, צוריקקומענדיק פון אָדעס, האָט ער מיטגעברענגט אַזאַ „ווילדע" פאַר יענע צייטן (70־80־ער יאָרן פון נייַנצנטן יאָרהונדערט) זאַך, ווי אַ שאַכטעלע אייגענע וויזיטקאַרטן — פאַרשטייט זיך, אין דער רוסישער שפּראַך. מ'דאַרף קענען דאָס יידישע לעבן פון אַזאַ באַלטע מיט אַ 60—70 יאָר צוריק, כדי צו באַגרייפן, וואָס הייסט וויזיטקאַרטן ביי אַזאַ פרומען, לאַנג־געקליידעטן ייד ווי מיין זיידע איז געווען.

מיין זיידע וועלוועלע האָט געהאַט אַ שוואַכקייט איינצוקויפן פאַרשידענע „אַנטיקן". בעת יעדער רייזע קיין אָדעס פלעגט ער אויסגעבן אויף די אַנטיקן שווערע צענטליקער, אויב נישט הונדערטער רובלס. אַזוי האָט ער געהאַט אַ גאַנצע קאָלעקציע מיט טאַשן־זייגערלעך, אַזעלכע וואָס קלינגען, וואָס לייכטן ביינאַכט־

וואָס ציען זיך אָן אויטאָמאַטיש בשעתן גאַנג פון מענטש אד״גל;
דאַן ציגאַרנשפּיצן – מיט בורשטין, מיט זילבער אד״גל, פּשוטע
און קונציקע רעגנשירעמס, אַלערליי שטעקעלעך, היינט בשמים־
פּושקעלעך, שמעק־טאַבאַק־שאַכטעלעך און נאָך און נאָך. ער האָט
ליב געהאַט, ווי זיין פרוי, די באָבע סויבל, פלעגט זיך שפּאָטיש
אויסדריקן, „אַפּצולייזן“ פון זיין „קראַם“, ד״ה אַוועקצושענקען
קינדער און אייניקלעך אַ טייל פון זיינע שמאָכטעס (וואָס זענען
אים שוין נמאס געוועזן), כדי... צו קענען איינקויפן נייע
אַנטיקן.

אויף דער עלטער האָט ער פאַרלוירן זיין גאַנצן קאַפּיטאַל,
געוואָרן אַ יורד, און ווי דער שטייגער פון דעם מין יידן איז
געווען, האָט ער „זיך געלאָזט“ קיין ארץ־ישראל. אָבער אויך דאַן,
בעת די קינדער האָבן אים איינגעפּאַקט זיין אָרעמזעליקן רייזע־
אינווענטאַר, האָט מען אים געמוזט איינפּאַקן אַ גאַנצן קאַסטן מיט
רעגנשירעמס און שטעקנס פון די רעשטלעך פון זיינע קאָלעק־
ציעס.

מיין פאָטער איז געווען און איז פאַרבליבן ביז אין טיפן
עלטער אַ ליבהאָבער פון דער נאַטור. ער האָט אויך ליב געהאַט
צו צייכענען, צו מאָלן. אין אים איז געוויס פאַרלוירן געגאַנגען
אַ מאָלער־טאַלאַנט, וועלכער איז אין אים דערשטיקט געוואָרן.
נישט איין מאָל האָט ער מיר דערציילט אַזאַ מין פאַקט. דער
זיידע וועלוול (ד״ה זיין פאָטער), האָט אַראָפּגעבראַכט פון אָדעס
אַ באַוווסטן אין יענער צייט מאָלער, כדי קינסטלעריש אויסצו־
מאָלן די סופיטן אין זיין אייגענער דירה. דער קליינער יאָסל
(מיין פאָטער) איז נישט אָפּגעטראָטן פון דעם מאָלער. איין מאָל,
ווען דער מאָלער איז געשטאַנען אויף דעם לייטער און געמאָלט
עפּעס אויפן סופיט, האָט זיך אונטן אַוועקגעשטעלט מיין פאָטער,
דאַן אַ יינגל פון אַ יאָר 10–12 און מיט אַ בליי נאָכקאָפּירט
דאָס, וואָס דער מאָלער האָט געמאָלט. אין דעם מאָמענט איז
אַריין דער זיידע און געכאַפּט זיין יינגל אויפן „אָרט פון פאַר־
ברעכן“.

– מענטשעלעך וועסטו גאָר מאָלן, אַנשטאָט צו גיין אין

דחר! — און ער האָט געגעבן דעם „פאַרברעכער" די אמתע פאַרציע.

דער מאָלער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דער מחלוקת, ער איז אַראָפּ פון לייטער און גענוי באַטראַכט די צייכענונג פון דעם קליינעם יאָסל. ער איז געוואָרן אַנטציקט פון דעם שטיקל אַרבעט, האָט אָנגעהויבן בעטן דעם זיידן, ער זאָל דעם יינגל נישט שטערן, פאַרקערט, ער זאָל אים לאָזן לערנען מאָלעריי. נאָך דער דאָזיקער געשיכטע איז דעם פאָטער מיינעם שטרענג פאַרבאָטן געוואָרן צו באַווייזן זיך דאָרט, ווו ס'אַרבעט דער מאָלער. מיין פאָטער איז אָבער פאַרבליבן אויף שטענדיק אַ ליבהאָבער פון מאָלעריי. באַזונדער איז גרויס געווען זיין נייגונג צו צייכענען הייזער. נישט האָבנדיק דורכגעמאַכט קיין שום שול, אַפילו נישט האָבנדיק קיין שום אָנווייזונגען, אפילו קיין ריין־טעכנישע, וועגן מאָלן, האָט ער דאָך מיט אַ פּשוטן בליי געשאַפן עטלעכע אַרבעטן, פון וועלכע איינס איז דאָס בילד פון מיין באָבעס הויז אין קאַמעניעץ־פּאָדאָלסק, ווו איך האָב פאַרבראַכט מיינע גאַנצע קינדער־יאָרן. כאַראַקטעריסטיש, אַז דאָס הויז האָט מיין פאָטער געמאָלן פון זכרון, זייענדיק מייל־ווייט פון קאַמעניעץ. די צייכענונג איז אַרויסגעקומען זעלטן גוט און האָט אָפּגעשפּיגלט דאָס הויז — כמעט פאָטאָגראַפיש — מיט אַלע איינצלהייטן.

מיין פאָטער האָט מיט גרויס פאַרגעניגן באַזוכט יידיש טעאַטער (ווען ער פלעגט זיך נאָר אַרויסכאַפּן אין דער גרויסער וועלט אַריין) און פלייסיק געלייענט „זשאַרגאָנישע" ביכלעך און ביסלעכווייז זיך אפילו געשאַפן אַן אייגן ביבליאָטעקל — אַ זאַך, וואָס איז מיט אַ יאָר 45—50 צוריק געווען אַ זעלטנהייט אין אַ יידישער בירגערלעכער פאַמיליע.

געלייענט האָט מען ביי אונז אין שטוב שמרס ראָמאַנען, ליניעצקין, די איבערזעצונגען פון זשול ווערן, די אומצייליקע ווערק פון אייזיק מאיר דיק. א. מ. דיק איז געווען באַזונדערס באַליבט אין אונזער שטוב, און גערופן האָט מען אים ביי אונז גאַנץ פאַמיליאַר פּשוט ביים נאָמען — „אייזיק מאיר".

און שפעטער, אין בערדיטשעוו, זענען ביי אונז אין שטוב פּאָפּולער און באַליבט געוואָרן: ספּעקטאָר, שלום־עליכם.

אין יענער צייט האָב איך אין מיין טאַטנס הויז דערזען ספּעקטאָרן גופא. ער איז דאַן געקומען קיין בערדיטשעוו אין ענין פון זיינע אויסגאַבן. געווען איז דאָס אומגעפער אין די יאָרן 1891—1892. איך בין דאַן גאָר שטאָלץ געווען ביי זיך, וואָס אַזאַ באַוווסטער שרייבער קומט צו אונז מיט „וויזיטן".

אמת, צו אונז אין שטוב פלעגט אויך אַריינקומען אַ יונגער בערדיטשעווער שרייבער הירש האָרנשטיין, ער האָט אונז אָבער ווייניק וואָס אימפּאָנירט, סיי צוליב דעם, וואָס ער האָט אינגאַנצן געהאַט אָנגעשריבן אַ צוויי־דריי קליינע זאַכן און איז געווען ווייניק באַקאַנט דער ברייטער אוידיטאָריע, סיי צוליב זיין שרעקלעכער אויסערלעכקייט: הירש האָרנשטיין איז געווען אַ קאַליקע, אַ האַלב־פּאַראַליזירטער מענטש. אָבער ווען איין מאָל איז טאַקע דער זעלבער אייביק־קראַנקער האָרנשטיין צוגעפאָרן צו אונזער ווינונג צוזאַמען מיט עפּעס אַן אומבאַקאַנטן, און האָט אים פאָרגעשטעלט: ספּעקטאָר! האָבן זיך געהויבן די אַקציעס אויך פון דעם אומגליקלעכן האָרנשטיינען.

נישט זעלטן פלעגן ביי אונז פרייטיק צו נאַכטס איינגעאָרדנט ווערן אימפּראָוויזירטע „לייען־אָוונטן" פאַר די שכנים — פאַר וועלכע דער פאָטער פלעגט לייענען עפּעס פון „אייזיק מאיר", אָדער פונעם „שלאַק" פון שלום־עליכמען.

אויך איך האָב פון קינדוויי̆ז אָן געהאַט אַ צוטריט צו מיין פאָטערס ביכלעך. אמת, ביי שמרן האָב איך נישט אַלץ פאַרשטאַנען, א. מ. דיק האָט מיך שטאַרק געגודיעט, דערפאַר האָב איך מיט אינטערעס געלייענט די איבערזעצונגען פון זשול ווערן. אויף יעדן פאַל איז מיר די „זשאַרגאָנישע" ליטעראַטור צונוץ געקומען אין מיין שפּעטערדיקן לעבן.

2

אין בערדיטשעוו. — די קאזיאנע יידישע פאָלקסשול און איד „סמאַטריטל״ יאַקאָוו ראַמאַנאָוויטש קאָרנבליט.

דאָס איבערפאָרן פון קאַמעניעץ-פּאָדאָלסק קיין בערדיטשעוו איז געווען אַ גאַנצער איבערברוך אין מיין לעבן. איבערגעפאָרן זענען מיר צוליב פּרנסה. אין קאַמעניעץ-פּאָדאָלסק האָבן זיך מיין פאָטערס געשעפטן אויסגעלאָזן מיט גאָרנישט. נישט ווייט פון בערדיטשעוו, עפּעס אַ צוואַנציק וויאָרסט פון דער דאָזיקער שטאָט, אין אַ דאָרף רודניע אין וואָלינער גובערניע, האָט מיין פאָטער געהאַט אַ חלק אין אַ מיל. איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מיר וועלן זיך באַזעצן אין בערדיטשעוו, כדי דער פאָטער, וואָס האָט געוווינט אין רודניע ביי דער מיל, וו ער האָט אויך דאָן פאַרנומען עפּעס אַ שטיקל פּאָסטן, זאָל קענען פון צייט צו צייט זיך זען מיט פרוי און קינדער.

קודם האָט דער פאָטער מיך מיטגענומען אין דאָרף. די איבעריקע פאַמיליען-מיטגלידער זענען פון קאַמעניעץ אַרויסגעפאָרן אַ ביסל שפּעטער.

ס׳ערשטע מאָל אין מיין לעבן בין איך געפאָרן צווערשט אין אַ מין קאַרעטע, שפּעטער מיט דער באַן, דאַן מיט אַ פויערישן וואָגן — ביז מיר זענען אָנגעקומען אין דאָרף.

איך האָב זיך אָנגעזאַפּט מיט אַ מאַסע פרישע איינדרוקן. פאַר מיינע אויגן זענען דורכגעלאָפן פאַרשידענע טיפּן, יידישע, טיילווייז פויערישע שטעטלעך, דערפלעך, וואָקזאַלן, איינפאָר-

הייזער, קרעטשמעס. איך האָב דאָס ערשטע מאָל גאָענט דערזען די שיינע זומער־נאַטור פון אוקראַינע, דאָס ערשטע מאָל דערזען אַ גרויסע וואַסער־מיל און קליינינקע פויערישע כאַטעס, גרויסע וועלדער און ברייטע פעלדער, חיות און בהימות. פאַר אַזאַ ייִנגל ווי איך, איז דאָרט געווען גענוג „אַרבעט" פאַר אַ גאַנצן טאָג, אָבער פרייהייט האָב איך אין דאָרף געהאַט ווייניק, ווייל אין גיכן האָט מען מיך אַריינגעזעצט אין אַ קאָמפּלעט, וואָס אַ מלמד, אַ ליטוואַק, האָט געהאַט אין דאָרף ביים בוכהאַלטער פון דער מיל. ווען די פייגעלעך האָבן אַזוי פריילעך געזונגען, ווען די פליגן און בינען האָבן אַזוי מעלאַנכאָליש געזשומעט דורך די אָפענע פענצטער, ווען דאָס פרישע אָפּגעשניטענע גראָז האָט אַזוי מחיהדיק געשמעקט, ווען די גאַנצע נאַטור האָט אַזוי הייס און האַרציק גערופן אין דאָרף, אין פעלד און וואַלד אַריין, צום טייך, צום בריקל, ווו דאָס וואַסער האָט מיט קאַסקאַדן און מיט טומלדיקן גערויש געיאָגט די רעדער פון דער מיל, — דאַן האָבן מיר, אומ־גליקלעכע חדר־ייִנגלעך, געמוזט לערנען — איך געדענק עס גוט — „ישעיהו", זינגענדיק מיט דעם זעלבן טרויער־ניגון, ווי דער ליט־וואַק, דער מלמד. צוליב דעם קאָנטראַסט פון שטוב און דרויסן, איז דאָ אין דאָרף געווען נאָך ערגער ווי, למשל, ביי „עליע קאַנטשיק" אָדער ביים רבין שואל. איין גליק איז געווען, וואָס מיין פאָטער (ווערלכער האָט מיך בלויז צוליב דער פרומער מו־טער מיינער אַוועקגעזעצט אין דאָרף ביי דער תּורה) פלעגט מיך גאַנץ אָפט אַרויסראַטעווען פון די הענט פון מלמד. און מיך מיט־נעמען אויף זיינע רייזעס אין די אַרומיקע דערפער.

אין דאָרף בין איך לאַנג נישט געווען, ווייל אין גיכן איז מיין מוטער מיט די איבעריקע קינדער אָנגעקומען קיין בערדי־טשעוו, וווהין מ'האָט אויך מיך אַרויסגענומען.

איך האָב שטאַרק געבענקט נאָך מיין שיינער געבורטס־שטאָט, מיט די גרינע בערג, מיט די אַלטע שיינע בולוואַרן און ריינע אויסגעפּלאַסטערטע גאַסן. איך האָב געבענקט נאָך אונזער דירה, נאָך די אַלטע אַקאַציעס אין הויף, נאָך דעם טעראַסן־מעסיקן גאָרטן, שוין אָפּגערעדט וועגן דער בענקעניש נאָך די נאָענטע מענטשן,

און וואָכן לאַנג נאָכן אָנקומען אין בערדיטשעוו פּלעגט זיך מיר פסדר חלומען, אַז איך בין צוריק אין מיין געבורטס־שטאָט.

אין בערדיטשעוו האָט זיך פאַר מיר אָנגעהויבן גאָר אַ ניי לעבן — אויס חדר, אויס קאַנטשיק, אויס רביצין — מ'האָט מיך אָנגעהויבן צוגרייטן אין דער „קאַזיאָנער יידישער שול". אַ געוואַלדיקן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט די שול, איר אָרדענונג, די לערער אין די מונדורן מיט „גילדענע קנעפּ". אין פאַרגלייך מיט דעם חדר האָט די קאַזיאָנע שול אויסגעזען, ווי אַ הערלעכער טעמפּל פון וויסנשאַפט. מיט מזל האָב איך אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, און אָנגעקומען אין שול.

דאָס איז געווען אַ געוויינלעכע קאַזיאָנע עלעמענטאַר־שול — אין דער רוסישער לערנשפּראַך. דער לייטער („סמאָטריטעל") יאַקאָוו ראַמאַנאָוויטש קאַרנבליט האָט געהאַט איין ציל — געפעלן נאַטשאַלסטוואָ. דאָס איז געווען אַ טיפּישער רוסישער ביוראָקראַט. ער האָט געזען אין אונז איינפלאַנצן פּאַטריאָטיזם. מיט גרויס פּאַטאָס פלעגט ער אונז דעקלאַמירן „איוואַן סוסאַנין". ער פלעגט זיך פשוט באַלעקן, ווען ער פלעגט אונז לייענען בלעטלעך פון אילאָוואַיסקיס „געשיכטע" (לייענען פון ביכל איז געווען זיין איינציקע לערן־מעטאָדע, קיין אַנדערע האָט ער, נעבעך, נישט געקענט), וועגן „פּיאָטר דעם גרויסן", אַלעקסאַנדער דעם ערשטן און „אַלעקסאַנדער דעם באַפרייער". ביי יעדער געלעגנהייט פלעגט ער אונז איינאָרדנען גאָט־דינסטן אין שול, און יעדן טאַבעלע־טאָג (גאַלוווקע) פלעגט ער אונז פירן אין „סינאַגאָגע", ווו ער איז אגב געווען גבאי.

יאַקאָוו ראַמאַנאָוויטש האָט ביי אונז שילער געהייסן פשוט: „יאַנקעלע" (מיט אַ צונאָמען, וואָס לאָזט זיך נישט איבערחזרן אויפן פּאַפּיר). מיר פלעגן אים געבן גאַנצע בערג שריפטלעכע אַרבעטן, אָבער מיר האָבן קיין איינע צוריק נישט באַקומען. די אַלע העפטן פלעגט ער גאַנץ פשוט טראָגן אין טואַלעט־צימער, און טאַקע דעריבער האָבן מיר, חברה, אים געגעבן דעם אַראָמאַטישן צונאָמען.

אויך אַנדערע לערער האָבן געהאַט צונעמען. איינעם, למשל,

האָט מען גערופן „קיגעלע״, אַ צווייטן „ראַזבאַיניק״ (גזלן) אאַ״וו.

יאַקאָוו ראַמאַנאָוויטש איז געווען אַ מענטש מיט איניציאַטיוו. ער האָט נאָך אין יענע יאָרן (מיט אַ 50 יאָר צוריק) איינגעפירט אין שול מונדירן, מיליטערישע גימנאַסטיק, מיליטערישע איבונגען מיט הילצערנע ביקסן אונטער דער אָנפירונג פון אַן אָפיציר. ער האָט אויך אָרגאַניזירט אַ טישלער-וואַרשטאַט, אַ בלאָז-אָרקעסטער. דער בלאָז-אָרקעסטער – דאָס איז געווען זיין ליבלינג. די מוזי-קאַנטן פלעגט ער מוחל זיין אַלע חטאים. זיי פלעגן דאָס אויסנוצן און דורכלאָזן לימודים, נישט צוגרייטן די לעקציעס. זיי האָבן געהאַט איין ענטפער: געווען פאַרנומען אין אָרקעסטער.

פערשטייט זיך, אַז נאַטשאַלסטווע האָט סוף כּל סוף אָפּגע-שאַצט די פּאַטריאָטישע טעטיקייט פון יאַקאָוו ראַמאַנאָוויטשן, און האָט אים, אַ יידן, געשענקט אַ דריי-עקיקן קאַפּעלוש און אַ שפּאַגע, און אויך באַשטימט אים פאַר אַ „גלאַסני״ אין דער „שטאָ-טישער דומע״ (ד״ה פאַר אַ ראַטמאַן).

מיין גאָט! ווי גרויס ער איז ביי זיך געוואָרן, „יאַנקעלע״, מיט וואָס פאַר אַ גדלות ער האָט עס פּאַראַדירט אין דעם „דריי-עק״! און מיט נאָך אַ שטאַרקערן פייער האָט ער פאַר אונז גע-ב/עטערט די אילאָוואַיסקי-מעשיות פון דער רוסישער געשיכטע.

אָבער צי האָט ער זיך געקאָנט פאָרשטעלן, אַז איינער פון זיינע בעסטע שילער וועט אים פאַרשאַפן אַזוי פיל בזיונות? צי האָט ער זיך געקאָנט פאָרשטעלן, אַז איינער פון זיינע רויקסטע שילער וועט שפּעטער איינגעשפּאַרט ווערן טאַקע אין בערדיטשע-ווער טו־מע פאַר אַ פּאָליטיש פאַרברעכן!

אָבער, אַז ס׳איז באַשערט „בזיונות״, איז נישט שייך. איז נישט נאָר איך, נאָר זיין אייגענער זון סאַשע אויך געשטרויכלט געוואָרן מיט בונדיזם, און איז אויך געזעסן אין „מיין״ בערדי-טשעווער טורמע פאַר בונדישע חטאים.

ביי אַ געלעגנהייט וויל איך דאָ באַמערקן, אַז פון דעם בערדיטשעווער סאַשע קאָרנבליט איז מיט יאָרן שפּעטער אַרויס-געשפּרונגען אַ באַרימטער רוסישער טעאַטער-רעזשיסער אונטערן פסעוודאָנים טאַאיראָוו.

ג

„וואַסכאַד־שטימונגען. — און „אומלעגאלע” „ביב־ליאָטעק”. — אַ סאָציאַליסטיש קרייזל. — „דער פּראָצעס פון 1־טן מערץ”. — די בינע רופט מיך.

עס זענען איבערגעלאָפן פיר יאָר, און איך האָב געענדיקט יאַקאָוו ראָמאַנאָוויטשעס קאַזיאָנע פאָלקסשול.

איך בין שוין אַ ייִנגל פון 14 יאָר. וואָס טוט מען ווייטער? נישטאָ קיין פּלאַן, נישטאָ קיין אָנגעמערקטער וועג. האָב איך זיך גענומען צום לייענען.

די זומער־חדשים האָב איך פאַרבראַכט כמעט אויסשליסלעך אין דער געזעלשאַפט פון ייִדיש־רוסישן „וואָסכאָד”, פון וועלכן איך האָב געקראָגן אַ קאָמפּלעט פון עטלעכע יאָרגענג.

גאַנצע טעג פלעג איך לייענען די אומענדלעכע היסטאָרישע ראָמאַנען און דערציילונגען פון „וואָסכאָד”, און מיין ייִנגע נשמה האָט זיך אָנגעהויבן אָנזאַפּן מיט דעם גייסט פון דעם דאָזיקן זשורנאַל. דאָס איז געווען דער געפיל פון שטילער בענקעניש נאָך דער צייט פון דער עקזיסטענץ פון דער ייִדשער מלוכה. דאָס איז געווען דער געפיל פון פרוגס שטילע טרויער־לידער, דאָס איז געווען דער ווייגעשריי פון מאָרדאָווצעווס אַ העלד אין „צווישן האַמער און קאָוואַדלע”: פאַר וואָס האָבן מיר ייִדן נישט קיין פריילינג־לידער?

דער פּאָליטישער ציוניזם איז נאָך דאַן נישט געווען אויף דער גאַס. עס האָט אָבער אין די ייִדישע קלייבירגערלעכע פאַ־מיליעס געשמעקט מיט חובבי־ציון. איך דערמאָן מיר דעם זאַמל־

בוך אויף יידיש „אין הייליקן לאַנד", וואָס כ'האָב דאַן איבער־געלייענט, דאָס ליד „די סאָכע", וואָס איז געזונגען געוואָרן ביי אונז אין שטוב, דאָס אַלץ האָט דאַן געמאַכט אויף מיר אַ טיפן איינדרוק און איך האָב אָנגעהויבן טרוימען צו ווערן אַ קאָלאָ־ניסט... נאָר דאָ האָב איך זיך באַקאַנט מיט אַ פּאָר ייִנגע בחורים, וואָס האָבן, ווי איך, געזוכט אַ ציל אין לעבן, וואָס האָבן אויך זיך נישט געקאָנט אָפּגעבן אַ קלאָרן דין־וחשבון, וואָס אייגנטלעך זיי ווילן, וואָס האָבן ווי איך געשטרעבט „נאָך בילדונג". איך מוז זיך דאָ מודה ומתודה זיין: קיין קלאָרן באַגריף, וואָס איז אַזוינס בילדונג, האָבן מיר נישט געהאַט.

לאָמיר זיך לערנען דעם קורס פון גימנאַזיע — האָבן מיר זיך געטראַכט און די בילדונג וועט שוין קומען (עס האָט זיך דאַן אָנגעהויבן אויף דער יידישער בירגערלעכער גאַס די עפּאָכע פון „עקסטערנעס").

צווישן מיינע נייע חברים האָט זיך געפונען איינער מיט אַ מאָדנעם נאָמען: אוליע ראָזענפעלד. אויך ער האָט פיל צייט אַוועקגעגעבן די לערביכער, ער האָט שוין אָבער געוווּסט מיר צו דערקלערן, אַז די שול־לימודים זענען נאָך נישט אַלץ, אַז מ'דאַרף לייענען ביכער, און גוטע ביכער: בעלעטריסטיק, קריטיק, פּובלי־ציסטיק. אָט דאַן, האָט ער מיר געזאָגט, קאָן מען זיך אַנט־וויקלען.

און איך האָב זיך גענומען צו די רוסישע קלאַסיקער. מיין נייער פריינט האָט מיר געבראַכט אויך אַ פּאָר אַלטע נומערן פון רוסישן זשורנאַל „אָטיעטשעסטווענניאַ זאַפּיסקי". אויב אָט די לי־טעראַטור האָט מיך ווירקלעך „אַנטוויקלט", איז שווער צו זאָגן, יעדנפאַלס האָט זי מיך אַריינגעפירט אין אַ ניי לעבן, מיט אַנ־דערע אינטערעסן, און האָט מיך ביסלעכווייז אָפּגעצויגן פון די „וואָסכאָד"־ראָמאַנען.

מיט מיינע חברים פלעגן מיר זיך טרעפן טאָג טעגלעך. איך פלעג זיי איבערדערציילן די „וואָסכאָד"־ראָמאַנען, וועלכע זענען מיר געלעגן טיף אין זכרון און אין דער נשמה. זיי, די פריינד מיינע, פלעגן זיך אָנטציקן — איבער גאָגאָלן, טורגעניעוון, ביע־

לינסקין און פּיסאַריעוון. צוזאַמען האָבן מיר געבויט פאַנטאַסטישע פּלענער וועגן אונזער צוקונפט.

און דערווייל איז מען צוגעטרעטן צו... עפענען אַן אייגענע ביבליאָטעק.

יינגלשע געדאַנקען, קינדערשע פּלענער! נאָך וואָס האָט אונז געטויגט די ביבליאָטעק, אַז אין שטאָט האָט עקזיסטירט אַן עפנטלעכע ביבליאָטעק? דאַכט זיך, אַז דער הויפּט-מאָטיוו איז געווען צו געבן אַן ערי-מקלט פאַר די פאַרעלטערטע „אָטיעטשעס-טווענייאַ זאַפּיסקי”, וואָס די לעגאַלע ביבליאָטעקן האָבן נישט געטאָרט אַרויסגעבן די אַבאָנענטן. מיטן גאַנצן יוגנטבערען זענען מיר צוגעטראָטן צו דער אַרבעט: געזאַמלט געלט, ביכער, די בי-כער אַליין געבונדן און ענדלעך די „ביבליאָטעק” געעפנט. כאַ-ראַקטעריסטיש איז, אַז מיר האָבן מיט דער הילף פון אַ קיעווער יינגן סטודענט ריבאַקאָוו (זייער אַ סימפּאַטישן מענטשן) געקויפט פאַר אונזער ביבליאָטעק אויך אַ ביסל יידישע פּאָפּולערע וויסנ-שאַפטלעכע בראָשורן.

די ביבליאָטעק איז געווען אַזוי „גרויס”, אַז זי האָט קוים פאַרנומען אַ שופלאָד ביי איינעם פון אונזערע חברים. דעם אויסוואַל פון די ביכער קאָנט איר זיך שוין פאָרשטעלן, און דאָך האָבן מיר געהאַט אַ פּאָר געצאָלטע אַבאָנענטן: אונזער ביבליאָ-טעק האָט געהאַט איר צוציונגס-קראַפט -- זי איז געווען אַ גע-היימע.

דאָס איז געווען מיין ערשטע „געזעלשאַפטלעכע אַרבעט” און ווי אומשולדיק-קינדיש זי איז געווען, איז דאָס דאָך געווען אַן אָנטייל אין אַן אַרבעט, מיט וועלכער מען האָט זיך באַדאַרפט אויסבאַהאַלטן פאַרן וואַכזאַמען אויג פון דער צאַרישער פּאָליציי.

ביסלעכווייז האָב איך זיך דערוווסט פון מיין חבר אוליאַ, פונוואַנען ער ברענגט צו שלעפּן די „אָטיעטשעסטווענייאַ זאַפּיסקי”. נאָך מער — ער האָט מיך אַפילו באַקאַנט מיט די באַלעבאַטים פון דעם דאָזיקן פאַרבאָטענעם זשורנאַל. דאָס איז געווען אַן אינ-טימער קרייז פון סאָציאַליסטיש-געשטימטער אינטעליגענץ. די, הויפּט-פיגורן פון קרייז זענען געווען פריוואַטע לערער טומער-

מאַן, דוד בראָדסקי און סאַשע האָראָוויץ. אוליאַ ראָזענפעלד איז מיט זייער גאַנצן קרייז געווען אין גאַנץ נאָענטע באַציונגען, איך האָב זיך אָבער געהאַלטן פון דער ווייטנס. איך האָב זיך פשוט געפילט צו יינג צווישן זיי די „גרויסע” און אַנטוויקלטע.

איין מאָל האָט מיר אוליאַ געבראַכט אַ בוך, וואָס ער האָט מיר איבערגעגעבן בסוד־סודות. דאָס בוך האָט געהייסן: „דער פּראָצעס פון 1־טן מערץ”. דאָס איז געווען אַ זעלטן אינטערעסאַנט בוך — כמעט אַ סטענאָגראַפישער באַריכט פון פּראָצעס וועגן דעם באַרימטן באָמבען־אַטענטאַט אויף אַלעקסאַנדער דעם 2־טן (1 מערץ 1881).

מיט דער גרעסטער שפּאַנונג האָב איך געלייענט דאָס דאָזיקע בוך, מיט דער גרעסטער סימפּאַטיע, מיט אומבאַשרייבלעכן יראַת־הכבוד האָב איך זיך באַצויגן צו די מאָנומענטאַלע פיגורן פון זשעליאַבאָוו, קיבאַלטשיץ, סאָפיאַ פּעראָווסקאַיאַ א״אַ העלדן פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ”, וואָס האָבן אויסגעפירט דעם אַטענטאַט אויף אַלעקסאַנדער דעם 2־טן (דעם „באַפרייער”), און מיט ביטערע טרערן האָב איך באַוויינט זייער גורל (זיי האָבן פאַרענדיקט זייער העלדיש לעבן אויף דער תליה).

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס דאָזיקע בוך האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין מיין לעבן.

אָבער אַזעלכע ביכער איז זעלטן געווען צו געפינען אין בערדיטשעוו, אַפילו אין דעם קרייז פון טומערמאַנען, אַזוי אַז מיר האָבן זיך באַגרענעצט מיט דער לעגאַלער ליטעראַטור. פּאַראַלעל מיט גאָגאָלן, טאָלסטאָי, טורגעניעוו א״אַ האָבן מיר זיך אַ נעם געטון צו די קריטיקער און פּובליציסטן — בעלינסקי, פּיסאַריעוו און דאָבראָליובאָוו.

זומער־צייט איז אין בערדיטשעוו אַראָפּגעקומען אַ רוסישע דראַמאַטישע טרופּע. אמת, אַ פּראָווינציעלע, אָבער מיט אַן ערנסטן קלאַסישן רעפּערטואַר און מיט אינטעליגענטע אַרטיסטן.

מיין חברה האָט זיך מיטן גאַנצן ברען אַ לאָז געטון אין טעאַטער. מען פלעגט אָפּשפּאָרן קאָפּיקעס פון די לעקציעס, וואָס מיר האָבן געגעבן, און געכאַפּט בילעטן אויף „גאַליאָרקע”. באַ־

זונדער בין איך אַנטציקט געווען פון „רעוויזאָר" (גאָגאָלס) און פון „האַמלעט", איך האָב שטאַרק מקנא געווען דעם הויפּט־אַרטיסט פון דער טרופּע ביעלאָקאָן, און האָב באַשלאָסן... אַליין צו ווערן אַן אַרטיסט.

דאָס איז נישט זייער געפעלן געוואָרן מיין אוליען, וועלכער האָט שוין געהאַט אַ מער ערנסטע באַציונג צו געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע פראַגן, אָבער דאָך האָט ער מיר נישט שטאַרק געשטערט צו טרוימען וועגן דער בינע.

צו וועמען גייט מען? פאַרשטייט זיך צו ביעלענקאָנען. ער וועט שוין אַן עצה געבן.

איך האָב באַקעמפט מיין איינגעבוירענע שעמעוודיקייט און בין אַוועק צו ביעלאָקאָנען. מיט האַרץ־קלאַפּעניש בין איך אַריין אין זיין צימער. אָבער איך האָב אים גראָד נישט געטראָפן אין דער היים. אָט דער צופאַל האָט געהאַט אַ דעצידירנדיקע באַדייטונג. איך האָב אין זיך נישט געפונען קיין דרייסטקייט נאָך אַ מאָל צו באַזוכן דעם „העלד" פון טעאַטער. ביסלעכווייז האָט זיך אויסגעוועפּט די שטרעבונג מיינע צו דער בינע. אמת, זי האָט נאָך אין פאַרשידענע צייטן אויפגעבליט אין מיין נשמה אָבער קיינמאָל שוין נישט מיט אַזאַ ברען, ווי דאַמאָלט בעת די אַרויסטריטן פון ביעלאָקאָנען אין דעם פּשוטן הילצערנעם בערדיטשעווער טעאַטער.

4

מיינע ערשטע וואַנדערונגען: קיעוו, אָדעס. — מעשה ווין־רעכט. — וואָס איז דער ציל פון לעבן?

אין האַרבסט 1895 האָב איך געמאַכט מיין ערשטן אַרויספאָר אין „דער וועלט", און גראָד אין דער הייליקער שטאָט קיעוו, ווו פשוטע יידן האָבן נישט געהאַט קיין ווין־רעכט.

געפאָרן בין איך לערנען. איך האָב איבערגעלעבט אַ שווערן קאַמף מיט זיך אַליין, ווייל מיין מוטער איז געווען אַנטשידן קעגן מיינע שטרעבונגען און, משמעות, אויך קעגן דעם פאָרן אין קיעוו. דער פאָטער מיינער האָט פאַרנומען אַ נייטראַלע און אַפילו האַלב־פריינטלעכע פּאָזיציע צו מיין רייזע, אַזוי אַז איין מאָל, גראָד אין אַ פינצטערער רעגנדיקער האַרבסט־נאַכט, האָב איך פאַרלאָזט בערדיטשעוו און אויפן צווייטן טאָג גאַנץ פרי בין איך אָנגעקומען קיין קיעוו.

שוין פון דער ערשטער מינוט האָט מיר נישט געגליקט אין דעם שיינעם קיעוו. איך האָב באַדאַרפט אַריינפאָרן צו דער פאַמיליע פון סטודענט ריבאַקאָוו, וועגן וועלכן איך האָב שוין דערמאָנט — אין צוזאַמענהאַנג מיט אונזער קינדישער ביבליאָטעק אין בערדיטשעוו. אָבער פונקט איז די נאַכט דאָרט געווען אַ זשאַנדאַרמען־רעוויזיע, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיטן אַרעסט פון צוויי סטודענטן. די שטימונג אין שטוב איז געווען אַ געדריקטע, אַן אויפגערעגטע. מ'האָט מורא געהאַט פאַר אַ צווייטן באַזוך פון דער זשאַנדאַרמעריע. אַזוי אַז מיך האָט מען אַריינגעפירט צו אַ סטודענט, אַ שכן.

אַזוי איז געווען דער אָנהייב. און אויך ווייטער איז גע־

גאַנגען נישט בעסער. די הויפּט־צרה איז געווען מיין אומלע־גאַלקייט, דאָס מוזן זיך אויסבאַהאַלטן פאַר פּאָליציי, פאַרן הויז־וועכטער, און אַלץ צוליבן ווין־רעכט. קיין אַנדערע חטאים האָב איך נאָך דאַן נישט געהאַט — בלויז די יידישע נאָז. איך האָב זיך אַזוי אַרומגעשלעפּט אין קיעוו אַ זעקס וואָכן. אַ גאַנצן טאָג געלערנט אין דער ווינונג פון די ריבאַקאָווס, געגאַנגען פון איין סטודענט צום צווייטן — מיינע אומזיסטע לערערס. און אין אָוונט געזוכט נאַכט־לעגער. די רעוויזיעס זענען געוואָרן עפטער. די פּאָליציייאישע באַדינגונגען שווערער און שווערער, ביז ס'איז ענדלעך באַשלאָסן געוואָרן, איך זאָל צוריקפאָרן קיין בערדיטשעוו.

דער פּלאַן איז געווען אַזעלכער: אין בערדיטשעוו וועל איך זיך אויסלערנען עפּעס אַ פאַך, דאָס וועט מיר געבן ווין־רעכט אין קיעוו (יידישע האַנטווערקער האָבן געהאַט רעכט צו ווינען אויסער דעם „תחום"). דאַן וועל איך פאָרזעצן מיין ביל־דונג.

מיט אַ שווער געמיט האָב איך פאַרלאָזט דעם נישט־גאַסטפריינטלעכן קיעוו, און צו דער גרעסטער פרייד פון מיין מוטער בין איך צוריקגעקומען קיין בערדיטשעוו, ווו איך האָב זיך גענומען לערנען איינבינדעריי. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַ פאַך, וואָס מ'קאָן זיך אויסלערנען אין אַ גאָר קור־צער צייט.

איך האָב אָפּגעאַרבעט בערך אַ חודש צייט, זיך אויסגע־לערנט צו מאַכן די פּרימיטיוווסטע איינבונדן, און — גענוג פאַר מיר. אָבער דאָס ביסעלע קענטעניש פון איינבינדעריי האָט שפּע־טער געשפּילט אַ געוויסע ראָל אין מיין לעבן — אין אָדעס, דער צווייטער שטאָט פון מיין יוגנט־וואַנדערניש.

ס'איז אַוועק אַ יאָר. אין פאַרלויף פון דער צייט האָט זיך איבערגעטראָגן קיין אָדעס דער גרעסטער טייל פון טומערמאַנס חברה. איך — אויך. אין דער גרויסער פּרעמדער שטאָט האָב איך זיך אַלץ מער דערנעענטערט צו זיי, און איך בין דאָרט געוואָרן ביי זיי אַ שטענדיקער איינגייער.

געהייסן האָט עס — לכל הפּחות פאַר מיין אייגן געוויסן,

אַז איך גרייט זיך צו עקזאַמענס, אָבער פּאַקטיש פלעג איך כמעט די גאַנצע צייט זיצן אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק, אין דעם רייכן לייען־זאַל פון דער צייטונג „אָדעסקי ליסטאָק”.— און ביי די בערדיטשעווער פריינט.

איך האָב דאַן איבערגעלעבט אַ שווערן פּערזענלעכן קריזיס: איך האָב געזוכט פאַר זיך אַן ענטפער אויף דער ווייטיקדיקער פראַגע — וואָס איז דער ציל פון לעבן? איך האָב קיין איין מענטשן נישט אָנפאַרטרויט מיינע איבערלעבונגען, און שווער איז מיר געווען, אַ יינגל אין 17־טן יאָר, צו געפינען אַן ענטפער. איך בין געוואָרן פעסימיסטיש געשטימט, אָנגעהויבן פירן אַ טאָג־בוך, און בלויז דעם טויטן פּאַפּיר האָט איך דערציילט וועגן מיין פיין. די שווערע שטימונגען זענען אַלץ געוואָרן שטאַרקער. עפּטער און איך האָב אָנגעהויבן ערנסט צו קלערן, אַז אַזוי ווי איך געפין נישט קיין ציל אין לעבן, איז בעסער זיך צו געזעגענען מיטן לעבן. עס איז דערגאַנגען צו דעם, אַז איך האָב אָנגעהויבן צו שטעלן אַ טערמין, ווען די געזעגעניש צו מאַכן. פאַרשטייט זיך, אַז דעם טערמין פלעג איך אַלע מאָל אָפּרוקן, אָפּשלעפּן, ביז — דער קריזיס איז ביסלעכווייז פאַריבער. אַ שאָד, וואָס איך האָב נישט יעצט דעם טאָג־בוך מיינעם פון יענער צייט: ער איז צוזאַמען מיט אייניקע יוגנטשריפטן מיינע פאַרלוירן געגאַנגען אין יאָר 1905. דערפאַר איז פאַרבליבן ביי מיר אַן אָנדענק פון יענע ביטערע טעג פון זוכעניש און פאַרצווייפלונג — אַ טאַשן־זייגערל, אַן אַלטמאָדיש, מיט אַ מאָדנעם ציפערבלאַט, וו אויף דער אינעווייניקסטער זייט פון דעקל קען מען נאָך איצט איבערלייענען אַן אויפשריפט געצייכנט מיט מיין האַנט: „5/III 1896, אָדעס”. דאָס איז געווען איינער פון די „געזעגענונג־טערמינען”, וועגן וואָס איך האָב פריער דערמאָנט. דאָס זייגערל האָט מיר באַדאַרפט שטענדיק דערמאָנען: געדענק אין דיין טאָג! נו, איז שוין פון יענעם „שרעקלעכן” טערמין אַוועק באַלד 42 יאָר...

יאָ. דאַן אין אָדעס, אין יאָר 1896 איז מיר געווען גאַנץ שווער!

5

בערדיטשעווער און אַלט־קאָנסטאַנטינער אינטע־ליגענץ־קרייז אין אָדעס. — מיינע ערשטע באַציִונגען מיט דער „אַרבעטער־באַוועגונג".

דער קרייז פון די בערדיטשעווער, מיט סאַשע האָראָוויץ אין דער שפּיץ, איז אַלץ געוואַקסן און אַלץ בולטער זיך פאָר־מירט אַלס אַ קרייז פון סאָציאַליסטישער, באַלד מאַרקסיסטישער, סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ.

ס'איז געווען דאָס יאָר 1896—1897, ס'זענען נאָך געווען פריש די אָפּקלאַנגען פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", אָבער דער מאַרקסיזם האָט שוין אָנגעהויבן נעמען די אויבערהאַנט. צום קרייז פון די בערדיטשעווער זענען צוגעקומען די אַלט־קאָנסטאַנ־טינאָווער: מאָיסיי ווינאָקור, דאָראַ קאָיגען א. א., וואָס האָבן שפּעטער געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין „בונד". (דאָראַ קאָי־גענס מאַן — פישל „יונה" — שפּעטער אַ מיטגליד פון צ. ק. פון „בונד" — איז שוין דאַן געזעסן אין טורמע אין צוזאַמענ־האַנג מיט די ערשטע עקאָנאָמישע שטרייקן אין אָדעס, פונוואַ־נען ער איז אויף 4 יאָר אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין סיביר).

אין דעם דאָזיקן קרייז האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען אַ חבר מיטן נאָמען „טימאָפיי". ערשט מיט אַ 10 יאָר שפּעטער האָב איך זיך דערוווסט, אַז דער דאָזיקער „טימאָפיי" איז — צמח קאָפּעלזאָן, איינער פון די פּיאָנערן פון „בונד". וואָס טי־מאָפיי האָט דאַן געטון אין אָדעס (דאָס האָט באַדאַרפט זיין אין יאָר 1896 אָדער 1897) ווייס איך נישט, איך דערמאָן מיך נאָר אַ כאַראַקטעריסטישן פאַקט, וואָס מ'האָט דאַן דערציילט אין די

קרײַזן פֿון סאָשע האָראָװיץ. אין אָדעס האָט דאַן זיך אָנגעהויבן אויסברייטערן אַ פּראָגרעסיווע באַוועגונג: בײַם אוניווערזיטעט האָט זיך געבילדעט אַ פֿאָלקס־אוניווערזיטעט, דער שטאָט־„גאָלאָוואַ" (פּרעזידענט) גריגאָרי מאַראַזלי האָט אויפֿגעבויט און געשענקט דער שטאָט אַ מין פֿאָלקס־טעאַטער אונטערן פּשוטן נאָמען „אוידיטאָריע", ווו מ'פֿלעגט אָרגאַניזירן מוזיקאַליש־ליטעראַרישע אָוונטן פֿאַר שפּאָט בילִיקע פּרייזן. די ראַדיקאַלע און סאָציאַליסטישע קרייזן פֿלעגן מאַסנווייז באַזוכן די פּאָפּולערע לעקציעס, ווי אויך די פֿאָלקס־אוידיטאָריע. איז אָט אונזער דאַמאָלסטיקער גאַסט „טימאָפּיי" געווען אויף אַן אָוונט אין דער מאַראַזלי־אוידיטאָריע, און איז אַזוי באַגייסטערט געוואָרן סיי פֿון דעם פּראָגראַם, סיי פֿון דעם אַרבעטער־עולם, וואָס האָט פֿאַרפֿולט די בענק פֿון דער „אוידיטאָריע", אַז פֿון שמחה האָט ער זיך צעוויינט אויפֿן אָרט, אין דער אוידיטאָריע.

וואָס האָט אייגנטלעך געטון דער דערמאָנטער קרייז, און צי האָט ער בכלל געטון עפּעס אַ קאָנקרעטע רעוואָלוציאָנערע אַרבעט — איז פֿאַר מיר געווען אַ סוד און פֿרעגן האָט מען נישט געטאָרט. איך האָב נאָר געזען, ווי מ'קומט זיך צונויף אין אַ קלענערער אָדער גרעסערער גרופּע, מ'לייענט געשמאַק די חודש־זשורנאַלן „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ" און נאַטשאַלאָ"*), און—מ'פֿירט טעאָרעטישע דיסקוסיעס, אָנגעשטויסן האָב איך זיך, אַז אייניקע פֿון די באַזוכער פֿון קרייז, שטייען אין באַציונגען מיט אַרבעטער, האָבן מיט זיי קרייזן, טוען וויכטיקע און פּראַקטישע אַרבעט.

מיינע פֿונקציעס זענען אָבער געווען ריין טעכנישע: דאָס דערמאָנטע איינבינדעריי, אָפּפֿירן עסן אין טורמע, אַריינטראָגן אין זשאַנדאַרמעריע ביכער פֿאַר די אַרעסטירטע.

ס'זענען ביסלעכווייז צוגעקומען נאָך אַנדערע אויך שטו־

---

*) „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ" האָט געהאַט אַ ריכטונג פֿון די „נאַראָדניקעס" און איז אַרויסגעגאַנגען אונטער דער רעדאַקציע פֿון דעם באַוווּסטן פּובליציסט ניקאָלאַי מיכאַילאָווסקי און באַרימטן בעלעטריסט וו. קאָראָלענקאָ. „נאַטשאַלאָ" איז געווען דער ערשטער לעגאַלער מאַרקסיסטישער זשורנאַל. ער איז אינגיכן דערשטיקט געוואָרן דורך דער צאַרישער צענזור.

דירנדיקע יוגנט, און ס'איז געוואָרן אַ גרעסערע סאָציאַליסטישע גרופּע. ס'האָט אָנגעהויבן קורסירן אומלעגאַלע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור. דאָס זענען געווען די רעשטלעך פון דער ליטעראַטור פון די „נאַראָדאָוואָלצעס", און די ערשטע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אויסגאַבן אויף רוסיש, ווי „די ערפורטער פּראָגראַם" א. א.

די ערשטע אומלעגאַלע בראָשור, וואָס איז דאַן צו מיר אַרייַנגעפאַלן אין די הענט, איז געווען „צאַר — הונגער". די בראָשור, געדענק איך, איז אינגאַנצן געווען דורכגעגעצט פון נאַפּט, און איך האָב געמוזט מאַכן גרויסע אָנשטרענגונגען ביי-צוקומען מיינע עסטעטישע געפילן... נאָך דעם „פּראָצעס פון 1-טן מערץ" איז דאָס געווען דאָס צווייטע בוך, וואָס האָט גע-האַט אַ דעצידירנדיקע באַדייטונג ביים אויספאָרמירן מיינע סאָ-ציאַליסטישע אָנשויונגען.

נאָך „צאַר — הונגער" האָב איך באַקומען אַ גאַנצע ריי בראָשורן פון „פאָנד פון פרייער פּרעסע", וואָס זענען אַרויסגע-געבן געוואָרן אין לאָנדאָן דורך די רעשטלעך פון דער „נאַראָד-נאַיאַ וואָליאַ", מיט סטעפּניאַק-קראַווטשינסקי אין דער שפּיץ.

די בראָשורן-ליטעראַטור האָט מען באַדאַרפט איינבינדן, און דאָ האָט מען זיך דערמאָנט אָן מיינע פּאַך-קענטעניש. מיין אַרבעט אויף דעם געביט (ווייכע שוואַרץ-לייוונטענע בינדן) איז שטאַרק געפעלן געוואָרן דעם עולם, באַזונדער איז אַנטציקט געווען מ. ווינאָקור, שוין דאַן אַן איבערצייגטער מאַרקסיסט, און מיט רעוואָלוציאָנערן סטאַזש: ער איז דאַן נאָר וואָס באַפרייט געוואָרן פון תפיסה און האָט זיך געפונען אונטער פּאָליצייאישער אויפזיכט. האָט מיר דער בייפאַל מצד אַזאַ פּערזאָן שטאַרק אימפּאָ-נירט און איך בין שוין געוואָרן אויף אַ לענגערער צייט דער איינבינדער פון קרייז. פאַרשטייט זיך, אַז געשמעקט האָט מיר נישט נאָר דאָס, וואָס איך ברענג נוצן דער אַרבעט, נאָר אויך דאָס, וואָס איך האָב איינער פון די ערשטע געהאַט די מעגלעכ-קייט צו לייענען די אינטערעסאַנטע בראָשורן.

מיט דער צייט האָט מען מיר אָנפאַרטרויט נאָך אַ שטיקל

אַרבעט: אַ לעקציע מיט צוויי יידישע אַרבעטער-מיידלעך. איך האָב מיט זיי געדאַרפט לערנען רוסישע גראַמאַטיק, רעכענען, און דעם אמת-געזאָגט, האָב איך געהאַט ווייניק נחת פון אָט דער אַרבעט. אָבער דאָס איז דאָך געווען — דירעקטע באַציונגען מיטן „פּראָלעטאַריאַט”, איז דאָס געווען אַ שטיקל טרייסט.

געהאָפט האָב איך, אַז מיינע שילערינס וועלן פאַרפירן שמועסן „וועגן דער אַרבעטער-זאַך”, איז אָבער מיין „פּראָלעטאַריאַט” שטענדיק געווען מיד פון דעם לאַנגן אַרבעטס-טאָג, זיך געלאַנגווייליקט פון די שפּראַך-לעקציעס, און האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין בייגונג צו שמועסן וועגן געזעלשאַפטלעכע פראַגן. מיינע שילערינס זענען נאָך געווען גאָר רוי אין הלכות קלאַסן-קאַמף, און איך האָב עס געזאָלט זיי דורכפירן דורך דער רוסישער גראַמאַטיק אויפן וועג צו סאָציאַליסטישער אויפקלערונג. ס'איז דאָך געווען דער פּעריאָד פון „קרייז-אַרבעט”. איין זאַך ווייס איך, אַז ס'איז מיר געווען שטאַרק נודנע מיט מיינע שילערינס. איך האָב אָבער נישט גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו איבערצוגיין צו אַ מער אינטערעסאַנטער באַשעפטיקונג: איך האָב נישט געוואָלט איבערשטייגן די פולמאַכטן, וואָס מ'האָט מיר געגעבן, און די פולמאַכטן זענען דאָך געווען קלאָרע: גראַמאַטיק און אַ ביסל חשבון — און שוין.

די עקזיסטענץ פון דעם, לאָמיר אים רופן בערדיטשעווער-אַלט-קאָנסטאַנטינאָווער קרייז האָט לאַנג נישט געדויערט. צוליב אַן אומלעגאַלן רעפעראַט, וואָס זיינע אָנטיילנעמער זענען שפּעטער „פאַרשיט” געוואָרן, זענען פאָרגעקומען מאַסן-אַרעסטן (מיך האָט מען צו דעם רעפעראַט נישט איינגעלאַדן — געהאַלטן פאַר צו יונג). צווישן אַנדערע זענען אַריינגעפאַקט געוואָרן אין דער טורמע מאָיסיי ווינאָקור (צום צווייטן מאָל), סאַשע האָראָוויץ א. אַ. איך האָב זיך געפילט עלנט, צעבראָכן און אינגיכן האָב איך פאַרלאָזט אָדעס און צוריקגעקומען קיין בערדיטשעוו.

5

צוריק אין בערדיטשעוו. — פאַר וועמען איז אַראָפּ־געבראַכט געוואָרן דער ערשטער טראַנספּאָרט סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ליטעראַטור?

אין אייניקע חדשים אַרום איז צוריק געקומען קיין בער־דיטשעוו סאַשע האָראָוויץ מיט איר שוועסטער סאָניע, דוד בראָד־סקי א״אַ. סאַשע איז שוין געקומען מיטן אָרעאָל פון אַ געליטענער, אַ געזעסענער, אַן אַרויסגעשיקטער אונטער פּאָליציייאישער אויפזיכט.

ס'האָט זיך ווידער געבילדעט אַ קליינע, אָבער, ווי מ'זאָגט אויף רוסיש, וואַרעמע געזעלשאַפט. מ'האָט געלייענט ביכער, צייַ־טונגען און זשורנאַלן. אין די פרילינג־און זומער־פאַרנאַכטן פלעגט מען אַרויס אונטערן שטאָט אויפן פעלד, זינגען רוסישע רעוואָ־לוציאָנערע און פאָלקס־לידער, אָדער זיך גאָר שיפן איבער דעם בערדיטשעווער פאַרשימלטן טייך — די באַרימטע „גניל־אָפּיאַטקע", אין די שיפלעך פון ניט ווייניקער באַרימטן אין בערדיטשעוו — חיים „סמאַרקאַטע". ווינטער ווייטער איז מען געזעסן לאַנגע אָוונט־שעהן אין דער עפנטלעכער ביבליאָטעק, אין לייען־זאַל, וואָס האָט זיך אגב געפונען אונטער דער עגידע פון „מיין" יאַקאָוו ראָמאַנאָ־וויטש.

מיט דער אַרבעטערשאַפט האָט קיינער נישט געזוכט קיין פאַרבינדונגען. און מיט וועלכע, אייגנטלעך, אַרבעטער האָט מען געקאָנט האָבן באַציונגען — אַז די יידישע האָט מען גאָרנישט גענומען אין חשבון (אויך מיר עפּעס פּראָלעטאַריאַט — שוסטער, שניידער, נייטאָריגס) און פון רוסישן פאַבריקס־אַרבעטער —

איז מען געווען ווייט ווי מזרח ביז מערב ? איז געזעסן אין בער־דיטשעוו אַ גרופּע גאַנץ גוטע און ווילע יינגע מענטשן, סאָציאַ־ליסטן, רעוואָלוציאָנערן און זיך געקאָכט אין אייגענעם זאַפט, און אין שטאָט איז געווען שאַ שטיל. מ׳האָט אפילו נישט אָנגעהויבן הערן וועגן דעם קלענסטן שטרייק אָדער בכלל קאָנפליקט צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל, שוין אָפּגערעדט וועגן אַ פּאָליטישער אַרויס־טרעטונג.

דאָס ווילדע נישט צעאַקערטע יידיש־פּראָלעטאַרישע פעלד פון בערדיטשעוו האָט, ווייזט אויס, געוואַרט אויף אַנדערע מענטשן. און זיי האָבן טאַקע אויף זיך לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן. ס׳איז געקומען דער „בונד״, און בעדדיטשעוו האָט אויפגעלעבט, אויפ־געברויזט, אָבער וועגן דעם — ווייטער.

איך דערמאָן זיך אַ געוואַלדיק כאַראַקטעריסטישן פאַקט פון יענער צייט, אומגעפער האָט עס באַדאַרפט זיין אין זומער 1898. איינמאָל האָט מיר סאַשע פאַרגעלייגט אַרויסצופאָרן מיט איר צו דער באַן אין אַ זייער קאָנספּיראַטיוון ענין. אין וואָס דער ענין באַשטייט — האָט זי מיר נישט געזאָגט.

פאַרטאָג, ס׳איז נאָך געווען טונקל, זענען מיר אַרויס אויפן פּעראָן. סאַשע איז אויף גיך דורכגעלאָפן פאַרביי די וואַגאָנען, אַריין אין איינעם פון זיי, זיך הייס צעקושט מיט אַן אומבאַקאַנ־טער דאַמע, אויף גיך גענומען ביי איר אַ גרעסערן קאָרב און מיר אים איבערגעגעבן.

מיר זענען בשלום אַרויס אויף יענער זייט וואָקזאַל. אין אַ זייט האָט אונז אָפּגעוואַרט דוד בראָדסקי. מיר האָבן זיך אַלע אַריינגעזעצט אין אַ דראָזשקע און מיט הינטער־גאַסן אַוועק צו בראָדסקין אין ווינונג. ס׳האָט געדויערט אַ פּאָר מינוט, און אין אונזערע הענט האָבן זיך באַוויזן אומלעגאַלע בראָשורן, רוסישע און אויך יי ד י ש ע.

ווער ס׳האָט זיי געשיקט, ווייס איך נישט. ס׳איז, אמת, געווען גאַנץ לאָגיש — קיין בערדיטשעוו צו שיקן כאָטש אַביסל יידישע ביכער, אָבער ביטער איז געווען דער גורל פון די דאָזיקע יידישע בי־כער: אַ חוץ מיר האָט זיי אפשר געלייענט דוד בראָדסקי און

מער קיינער נישט. צו קיין יידישן אַרבעטער זענען זיי נישט אָנ־
געקומען. אמת, די רוסישע ליטעראַטור איז אויך געבליבן בלויז
אין די קרייזן פון דער אינטעליגענץ, נאַטירלעך — דער יידישער.
למען האמת, מוז איך דאָ אָבער אַריינטראָגן אַ קליינע אויסבע־
סערונג: אין אונזער קרייז האָט זיך אויך געפונען איין פאָר־
שטייער פון דער בערדיטשעווער „נאַציאָנאַלער מינדערהייט", ד"ה
פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג. דער דאָזיקער בן־יחיד איז
געווען אַ גאַנץ סימפּאַטישער יינגערמאַן מיטן נאָמען גאַלופּסקי, אַן
אָנגעשטעלטער ביי אַ נאָטאַר. ער האָט שפּעטער פאַרנומען „אַן
אָרט אין דער ביאָגראַפיע" פון סאַשען, וואָס ס'האָט מיר פערזענ־
לעך — זאָל איך זיך מודה זיין – קיין איבעריקן פאַרגעניגן נישט
פאַרשאַפט...

7

זשיטאָמיר. — מיר ווילן גרינדן אַ פאַריין פון „עקס־טערנעס״. — דער דורכפאַל.

ס׳איז ווידער געקומען אַ צייט, ווען איך האָב זיך דערמאָנט אין מיין „שטודיום״.

מיינע עלטערן האָבן אינצווישן פאַרלאָזן בערדיטשעוו און זענען אַריבערגעפאָרן קיין לאָדזש. איך בין געבליבן איינער אַליין און האָב באַשלאָסן זיך צו באַזעצן אין זשיטאָמיר און דאָרטן זיך נעמען צום לערנען.

זשיטאָמיר, אַ ריינינקע און שטילינקע גובערניע־שטאָט, איז דאַן געווען אַ צענטראַלער פונקט פון יידישע „עקסטערנעס״, הונ־דערטער יינגלעך און יינגע לייט האָבן זיך געגרייט צו עקזא־מענס: אויף 4 און 6 קלאַסן גימנאַזיע און דערהויפּט צו „מאַ־טורע״. יעדעס יאָר פלעגן צוטרעטן צו די מאטורע־עקזאַמענס אַ 30–40 יינגע לייט, אָבער דעם גרעסטן טייל פלעגט מען „שניידן״. חברה איז ביי זיך נישט געפאַלן און מען פלעגט האַלטן עקזא־מען צום צווייטן און צום דריטן מאָל.

איך האָב געקאָנט צווישן די עקסטערנעס איינעם ג. איז ער שוין געווען נישט ווייט פון די „פערציקער״. צוויי מאָל איז ער דורכגעפאַלן און געגרייט זיך צום לעצטן קאַמף, צום דריטן שטורם אויף דער מאַטורע. ער איז געווען אַ מין טאַטע פון די „עקס־טערנעס״. אַ גאַנצער דור פון זיינע תלמידים האָבן שוין געטראָגן בלויע סטודענטן־היטלען, ער אַליין, נעבעך, האָט קיין מזל נישט געהאַט.

אין זשיטאָמיר האָב איך געטראָפן מיין אַלטן פריינט אוליע, וואָס האָט געשמאַק געאַרבעט ביי די לער-ביכער, און נאָך אַ בערדיטשעווער פריינט מיינעם — אפרים ניעבראַט — ביידע האָבן טאַקע זוכה געווען אויסצוהאַלטן דעם מאַטורע-עקזאַמען און דערנאָך צו ווערן דאָקטוירים. צווישן די עקסטערנעס האָט זיך דאַן אויך געפונען משה נאָוואָמייסקי, וואָס איז שפּעטער אַרויפגעשווומען אויף דער געזעלשאַפטלעכער אַרענע און פּאָפּולער געוואָרן אונטער דעם פּסעוודאָנים „אָלגין".

איך האָב זיך דאָרט אויך געטראָפן מיט מיינעם אַ נאָענטן באַקאַנטן (שפּעטער אַ פריינט) פון אָדעס — דוד שלאָסבערג (שפּעטער אַ טוער אין „בונד" — סאַלאָמאָן, „נפתלי"). ער איז געווען אַ שילער פון דער באַוווסטער האַנטווערקער-שול „טרוד" (אַרבעט) אין אָדעס. מיר פלעגן אין אָדעס זיך טרעפן אין דער „ביליקער קיך" אויף באַזאַרנע גאַס, ווו מ'פלעגט פאַר 5 קאָפּיקעס באַקומען אַ טעלער זופּ מיט פלייש מיט אַ שטיקל ברויט. מיר זענען אָבער געווען אַזעלכע גרויסע קבצנים, אַז אפילו 5 קאָפּיקעס איז אויך געווען אַ גרויסע מטבע. פלעגן מיר אַרויסבאַקומען גאַנץ בחינם טאַלאָנען אויף מיטאָגן פון דער „געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן יידן". דאָס פלעגט שוין דורכפירן אַן אַלטיטשקער פּשוטער ייד שוויף, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַ פאָטערלעכע באַציונג צו דער יידישער שול-יוגנט.

ביי די לאַנגע מאַרמאָר-טישן (פון דער ביליקער קיך) מיט די פאַרגאָלדעטע אויסגעקריצטע נעמען פון די בירגערלעכע מנדבים, פלעגן מיר מיט שלאָסבערגן פירן דיסקוסיעס אויף הויכע טעמעס (ער איז געווען געשטימט נאַציאָנאַליסטיש, איך — סאָציאַליסטיש).

שלאָסבערג האָט פאַרלוירן די אַרבעטס-קראַפט פון די פינגער, ער האָט געמוזט פאַרלאָזן די שול „טרוד", און איז געקומען קיין זשיטאָמיר צו זיין פאָטער. איז אונז ביידן שטאַרק אָנגעלייגט געווען די באַגעגעניש און מיר האָבן נישט איינמאָל זיך אָדורכגעשמועסט וועגן די „אַלטע" צייטן פון אָדעס.

אַריינגעטון אין די לער-ביכער, האָט פונדעסטוועגן ביי אַ

גרופּע עקסטערנעס נישט פֿאַרפֿעלט די איניציאַטיוו צו שאַפֿן עפּעס אַ מין פֿאַריין פֿון עקסטערנעס. דער ציל פֿון פּראָיעקטירטן פֿאַריין איז געווען, אויף וויפֿל איך דערמאָן זיך, קעגנזייטיקע הילף.

ס'ווייזט אויס, אַז דער פֿאַריין איז געווען אַ נויטיקע זאַך, ווייל צו דער אָרגאַניזיר-פֿאַרזאַמלונג וועגן וועלכער מיר האָבן אגב נישט געמאָלדן דער מאַכט, איז זיך צוזאַמענגעקומען אַ 200–300 עקסטערנעס. אין מיטן לייענען דעם פּראָיעקט פֿון סטאַטוטן איז אָנגעקומען פּאָליציי, געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל און פֿאַנאַנדער-געלאָזט די פֿאַרזאַמלונג. פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען אַ טויט-קלאַפּ פֿאַרן פֿאַריין, אויף וועלכן אוליע און איך, וואָס זענען שוין דאַן געווען כּמעט באַוווסטזיניקע סאָציאַליסטן, האָבן אגב געלייגט האָפֿענונגען פֿון גאָר אַן אַנדער מין, ווי ריינע קעגנזיי-טיקע הילף.

אויך זשיטאָמיר האָט מיר ווייניק געהאָלפֿן אין מיינע „שטודיען". ס'ווייזט אויס, אַז אָדעס און בערדיטשעוו האָבן מיר שוין געהאַט אַזוי שטאַרק „דעמאָראַליזירט", אַז אפֿילו די זשיטאָמירער „עקסטערנע"-אַטמאָספֿער האָט מיר נישט געקאָנט „ראַטעווען". די ערשטע צייט איז נאָך ווי נישט איז געגאַנגען די אַרבעט ביי די לערער-ביכער, דאָס גרייטן זיך לויטן גימנאַזיע-פּראָגראַם.

ס'דערמאָנט זיך ביי דער געלעגנהייט אַן אויסטערלישער לערער פֿון מאַטעמאַטיק, ביי וועלכן כּמעט אַלע עקסטערנעס פֿון יענער עפּאָכע האָבן גענומען כאָטש אַ פּאָר לעקציעס. זיין נאָמען איז, דוכט מיר, געווען קאַפּלאַן. איך געדענק ביז איצט דעם געוואַלדיקן איינדרוק, וואָס ער האָט אויף מיר געמאַכט, ווייל דער דאָזיקער לערער איז געווען אַ פֿולשטענדיק בלינדער. אַ גאַנצן טאָג פֿלעגט ער זיצן ביים טיש און געבן לעקציעס. די עקסטערנעס פֿלעגן קומען צו אים צו צוויי און צו דריי (ס'זאָל אויסמאַכן ביליקער). איין גרופּע האָט געוואַרט די צווייטע זאָל ענדיקן. ווען איך בין געווען ביי דעם וווּנדערבאַרן לערער דאָס ערשטע מאָל, און ער האָט געשווינד דערקלערט פֿאַרשידענע פֿאַר-וויקלטע טעאָרעמעס פֿון געאָמעטריע און סטערעאָמעטריע, ווען ער האָט אין געדאַנק פֿלינק געפֿירט ליניעס פֿון פֿאַרשידענע געאָמעט-

רישע פיגורן, געלייזט און אויפגעקלערט אויפגאַבן, האָט אַזש אין קאָפּ ביי מיר אָנגעהויבן שווינדלען.

אָט דער בלינדער מענטש האָט פאַרדינט אַ סך געלט און אויסגעהאַלטן אַ גאַנץ הויז־געזינד.

אין זשיטאָמיר איז געווען אַ גוטע עפנטלעכע ביבליאָטעק, און איך פלעג יעדן טאָג אָפּזיצן אַ פּאָר שעה אין די ווייכע קלובשטולן פון גרויסן לייען־זאַל, לייענענדיק געשמאַק די פרישע רוסישע זשורנאַלן און צייטונגען. ס'איז געווען די צייט פון דרייפוס־פּראָצעס, וואָס האָט אויפגעטרייסלט גאַנץ פראַנקרייך און נישט נאָר פראַנקרייך. מיט דעם גרעסטן אומגעדולד פלעג איך דערוואַרטן די פרישע צייטונגען, די טעלעגראַפישע באַריכטן פון פּראָצעס. איך געדענק נאָך ביז יעצט אַ געוויסן פרימאָרגן, ווען דער איינציקער יידישער צייטונגס־פאַרקויפער אין זשיטאָמיר, אַ ייד מיט אַ גרויסער באָרד און אין אַ ווייסן כאַלאַט, איז אַרומגעלאָפן אַ פאַרסאָפּעטער מיט אַ פּאַק עקסטראַ־טעלעגראַמען אין דער האַנט און האָט מיט אַ טרויעריקער שטימע הויך אויסגערופן: „דרייפוס פאַרמשפּט! דרייפוס פאַרמשפּט!” דער איינדרוק איז געווען אַ קאָלאָסאַלער.

מיין ליבלינג איז געווען די ערנסטע צייטונג פון די מאָסקווער פּראָפעסאָרן „רוסקיאַ וויעדאָמאָסטי”. די סימפּאַטיע צו דער דעמאָלט בעסטער רוסישער צייטונג האָב איך נאָך מיטגעבראַכט פון אָדעס. באַזונדער אינטערעסאַנט און צוציענדיק פאַר דער ראַדיקאַלער און סאָציאַליסטיש־געשטימטער יוגנט, זענען געווען די קאָרעספּאָנדענצן פון אויסלאַנד. די „רוסקיאַ וויעדאָמאָסטי” האָבן געהאַט גלענצנדיקע קאָרעספּאָנדענטן: אין בערלין — יאָללאָס (שפּעטער דעפּוטאַט פון דער ערשטער דומע פון דער פאַרטיי קאָנסט.־דעמאָקראַטן („קאַדעטן”), געהרגעט געוואָרן אין מאָסקווע דורך דער רוסישער שוואַרצער מאה), פון פאַריז האָט געשריבן קודרין און פון לאָנדאָן — דיאָנעאָ (שקלאָווסקי). אין די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענצן האָט זיך נישט נאָר אָפּגעשפּיגלט דאָס ברייטע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן פון מערב־אייראָפּע, נישט נאָר דער קאַמף פון די קלאַסן, נאָר ס'זענען אויך באַלויכטן געוואָרן פראַגן,

וועגן וועלכע מ'האט אין רוסלאנד, (אויף וויפל ס'האט זיך געהאנדלט וועגן רוסלאנד גופא) נישט געטארט שרייבן.

אין די רוסישע זשורנאלן „רוסקאיע באגאטסטווא", „מיר באזשי" א"א איז אויך די אפטיילונג „פון אויסלאנד" געווען די אינטערעסאנטסטע, און א דאנק אט דער צייטונג און זשורנאלן זענען אונז נאענט געווען די פארטיי-קאנגרעסן פון דער דייטשער סאציאל-דעמאקראטיע, זענען אונז ליב געווארן בעבעל, זשארעס. אדלער א"א. אפילו דאשינסקי, וואס איז דאן געווען דעפוטאט אין עסטרייכישן פארלאמענט, איז מיר פון יענער „רוסקיא וויעדאמאסטי" פארבליבן אין זכרון אלס א גלענצנדיקער רעדנער און הייסער קעמפער פאר די ארבעטער-אינטערעסן פון יענע צייטן.

איך בין, ווייזט אויס, נישט געווען געאייגנט צו באקעמפן דעם קאזיאנעם גימנאזיאל-קורס. נישט איין מאל האב איך זיך „גענומען אין די הענט", ענערגיש אנגעהויבן צו לערנען, אבער גיך פלעגט מיר באהערשן אן אומעט. אין זשיטאמיר האבן זיך איבערגעחזרט ביי מיר די פעסעמיסטישע שטימונגען פון מיין ערשטן פעריאד אין אדעס, און... איך האב ווידער גענומען אויסגיסן מיין סקעפטיציזם אין מיין טאג-בוך. ביז גאר פלעגט אויפרייצן מיינע נערוון א הויכער האלצערנער פארקן, וואס איז געשטאנען קעגן מיין פענצטער, און ווען דער רעגן פלעגט מאכן דעם פארקן נאך מער גרוי, נאס און אומעטיק, פלעג איך מיט כעס אוועקווארפן די לערן-ביכער און אוועקלויפן אין ביבליאטעק, דארטן פלעגן זיך מיינע נערוון בארואיקן, דארטן פלעג איך אוועקפליען אין אנדערע וועלטן, אבער גלייכצייטיק פלעג איך זיך מאכן די שטארקסטע פארווורפן פאר מיין שוואכן ווילן.

* * *

פארענדיקנדיק דאס קאפיטל זשיטאמיר, איז מיר געקומען אין זכרון א קוריאז וועגן מיינער א באגעגעניש מיט דער דארטיקער פאליציי. דאס איז געווען אין דער צייט נאכן פאנאנדערלאזן די גרינדונגס-פארזאמלונג פון עקסטערנעס-פאריין. איך באדארף באמערקן, אזביים אויסארבעטן דעם סטאטוט, בין איך גע-

ווען אַ שטיקל מחותן, אַזוי, אַז איך האָב געקאָנט דערוואַרטן קאָנ־סעקווענצן. איינמאָל קום איך אַהיים און טרעף מיין ווירטין אַ צעטומלטע, אַ צעשראָקענע. זי דערציילט מיר, אַז ס'איז געווען אַ פּאָליציאַנט („גאָראָדאָוואָי") און האָט אָנגעזאָגט, איך זאָל גלייך קומען אין „אוטשאַסטאָק" (קאָמיסאַריאַט). וועגן וואָס פאַר אַן ענין — האָט ער נישט געוואָלט זאָגן.

אויפן גנב ברענט דאָס היטל, בין איך געווען איבערגע־צייגט, אַז ס'האַנדלט זיך וועגן דעם אומגליקלעכן פאַריין.

מיט אַ שרעקנדיק האַרץ בין איך אַוועק אין קאָמיסאַריאַט. ס'האָט זיך נאָך אַ חקירה ודרישה אַרויסגעוויזן אַזאַ געשיכטע: פּאָליציי האָט געזוכט עפּעס אַ יינגנמאַן (וועגן מיליטער־ענינים) מיטן נאָמען קניזשניק. אויף רוסיש איז קניגאַ — אַ בוך, „קניזש־ניק" — אַ מענטש, וואָס האָט צו טון מיט ביכער. ווען דער פּאָ־ליציאַנט האָט געפרעגט מיין ווירטין, צי וווינט נישט ביי איר אַ יינגערמאַן קניזשניק, האָט זי געענטפערט: יאָ, ווייל איך בין דאָך אַן עקסטערן, אַ ביכער־מענטש. נו, האָט זיך פאַרקאָכט אַ קאַשע, פאַרשטייט זיך, אַז איך בין געבליבן צופרידן, וואָס כ'בין אָפּגע־קומען בלויז מיט שרעק.

לאָדזש. — דאָס ערשטע מאָל דערהערט „בונד". — טשערקאַס. — די ערשטע איינדרוקן אין דער קאַזארמע.

פון זשיטאָמיר בין איך אין יאָר 1899 אָפּגעפאָרן קיין לאָדזש. פון דער „מאַטורע" האָב איך שוין געהאַט רעזיגנירט, און איך האָב זיך גענומען גרייטן צו אַ פאַך־עקזאַמען — אויף אַ דיפּלאָם פון אַ „הויז־לערער". איך האָב געאַרבעט גאַנץ אינטענסיוו, און נאָר פון צייט צו צייט פלעג איך זיך אַריינכאַפּן אין לייען־זאַל פון לערער־פאַריין, וואָס האָט זיך דאַן געפונען אויף זשעלאָנע נ׳ 11.

וועגן יענעם פעריאָד פון מיין לעבן וואָלט נישט געלוינט צו דערציילן, ווען נישט דאָס, אַז אין יענער צייט האָב איך דאָס ערשטע מאָל דערהערט דאָס וואָרט „בונד". וואָס איז דאָס אַזעלכעס „בונד", האָב איך נישט געוווסט, און זיך אויך נישט געקאָנט דערוויסן ביי דער פּערזאָן, וואָס האָט מיר דערציילט וועגן גרויסע פּאָליטישע אַרעסטן, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין צוזאַמענהאַנג מיט עפּעס אַ געהיימנישפולן „בונד".

אין יענער צייט האָב איך זיך אין לאָדזש באַקענט מיט אַ דענטיסטין בערטאַ סלוצקאַ. זי האָט געהאַט איר קאַבינעט אויף זגערשער גאַס. זי איז אויך געווען אַרעסטירט אין יאָר 1898 (איר נאָמען האָב איך שפּעטער געטראָפן אין צעטל פון ערשטן גרויסן בונדישן אַרעסט). אין לאָדזש איז זי דאַן געווען אונטער פּאָליציי־אישער אויפזיכט. מיר פלעגן זיך אָפט טרעפן, אָבער קיין איין

מאָל אַפילו האָט זי נישט דערמאָנט נישט וועגן אַרעסט, נישט וועגן „בונד“, וואָס האָט מיך אַזוי פאַראינטריגירט מיט זיין סודותדיקייט.

אויסגעהאַלטן בשלום דעם עקזאַמען, האָב איך זיך געכאַפּט, אַז ס׳רוקט אָן גאָר אינגיכן דער טערמין פון מיליטער־דינסט. איך האָב באַשלאָסן זיך אָפּגעבן אין מיליטער אַלס „וואָלנאָאָפּרעדיעליאַאושטשי“ (פרייוויליקער), כדי אויסצונוצן געוויסע פּריווילעגיעס, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט אָט דעם טיטול. איך האָב אַרויסגעשיקט העכער צוואַנציק אָנפראַגן אין פאַרשידענע פולקן. פון גרעסטן טייל האָב איך באַקומען דעם באַקאַנטן ענטפער: „פאַר יידן נישטאָ קיין וואַקאַנסן“. דאָך איז פון צוויי פולקן: פון זשיטאָמיר און טשערקאַס אָנגעקומען אַ פּאָזיטיווער ענטפער. איך האָב גלייך איינגעפּאַקט די וואַליזקע, און אַוועק אין זשיטאָמיר ווו ס׳האָט זיך מיר זייער געוואָלט בלייבן, צוליב מיינע אַלטע פאַרבינדונגען אין שטאָט. דער מיליטער־אַרצט האָט מיך אָבער פאַרבראַקירט, און איך בין אַוועק אין טשערקאַס, אַ קליינע אוקראַינישע שטאָט ביים דניעפּער.

דער אַדיוטאַנט פון פולק האָט אין ערשטן מאָמענט פּרובירט מיך אָפּפטרן מיטן באַרימטן תירוץ — נישטאָ קיין וואַקאַנסן. האָב איך אים דערמאָנט וועגן זיין בריוו צו מיר, איז מיטאַמאָל די וואַקאַנס צוריק געבוירן געוואָרן, און איך בין מיט מזל אָנגענומען געוואָרן אין מיליטער אַלס פּריווילעגירטער סאָלדאַט.

ס׳איז געווען אין אויגוסט, דער פולק האָט זיך געפונען אויף מאַניעווערעס, האָב איך זיך געמוזט דערווייל באַזעצן אויף אַ פּריוואַטער וווינונג און זיך אַליין באַשפּייזן. דאָס איז געווען אַ ביטער שטיקל צייט. קיין געלט האָב איך נישט געהאַט, קיין שום באַשעפטיקונג, קיין באַקאַנטע אויך נישט. האָב איך זיך געלאַנגווייליקט, געמאַטערט ביז גאָר און גאַנץ אָפט אַ ביסל אונטערגעהונגערט. ענדלעך איז צוריקגעקומען מיין פולק אין טשערקאַס.

מיין פעלדפעבעל פּאַוועל קאַראַטיטש האָט מיך אויפגענומען, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ מענטשן, וואָס האָט די מאַכט — אַפּי־

ציעל, טרוקן, אָבער מעשה באַלעבאָס: ער האָט געהייסן אַריינ־טראָגן מיינע זאַכן אין דער ראָטנע קאַנצעלאַריע. ער האָט פאַר־אָרדנט צו ברענגען פרישע שטרוי פאַר מיין שטרוי־זאַק, און איז אַרויס אין זאָל צו זיין חייל. די טיר פון דער קאַנצעלאַריע איז געשטאַנען אָפן אין דעם גרויסן קאַשאַרן־זאַל, און איך האָב גע־האַט די געלעגנהייט צו הערן די ערשטע גרויסע רעדע פון מיין פעלדפעבעל, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַרן פראָנט פון דער טויט־מידער און פאַרשלאָפענער ראָטע. און מיין פעלדפעבעל, מוז איך זאָגן, האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו גרויסע דרשות, וועלכע ער פלעגט האַלטן כמעט יעדן אָוונט ביי דער „פאָווערקע" (קאָנטראָ־לע). וועגן יעדער קלייניקייט האָט ער געקענט אָפּדרשענען אַ שפּאַר ביסל צייט. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז אָט די דרשה איז געווען אַ ביסל אין צוזאַמענהאַנג מיט מיין אָנקומען. דאָס האָט — הייסט עס — קאַראַטיטש מיר געוואָלט ווייזן, וואָס ער קאָן. פאַרשטייט זיך, אַז די פעלדפעבעל־דרשה איז געווען דורכגעפלאָכטן מיט אַ שפּאַר ביסל אמת־רוסישע זידל־ווערטער.

ענדלעך האָט דער פעלדפעבעל געענדיקט, און האָט אויס־געשריגן: „צום געבעט!" די ראָטע אויסגעמאַטערטע מענטשן, וואָס זענען די גאַנצע צייט געשטאַנען אויף די פיס, אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע, האָבן זיך געגעבן אַ דריי אויס צום הייליקן בילד, איבער וועלכן ס'האָט געברענט אַ קליין לעמפעלע, און מיט טיפן רעליגיעזן געפיל אָפּגעזונגען די תפילה: „פאָטער אונזערער".

באַלד איז אַריין צו מיר אין קאַנצעלאַריע דער צופרידע־נער מיט זיך אַליין פעלדפעבעל, געהייסן אויסלעשן דאָס קליינע נאַפט־לעמפל און געווונטשן מיר אַ גוטע נאַכט.

איך בין געבליבן ליגן אויפן האַרטן שטרוי־זאַק מיט אָפענע אויגן. לאַנגע שעהן האָב איך נישט געקענט איינשלאָפן, זיי־ענדיק אונטער די ערשטע איינדרוקן פון די קאַשאַרן און פון איר, ד"ה אויך — מיין הערשער.

[illegible]

וואָס איז בעסער: טירמע צי קאזארמע. — מיניסטער באָגאָליעפּאָוו באשטראָפט סטודענטן מיט מיליטער־דינסט. — די געזעלשאפטלעכע פיזיאָנאָמיע פון מיינע נייע קאָלעגן.

צען חדשים, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין דער קאַזאַרמע, האָבן זיך געצויגן, ווי מיר האָט זיך אויסגעוויזן, ווי צען יאָר, און דאָס איז — נישט געקוקט אויף מיינע פּריווילעגיעס. נישט איינמאָל האָב איך אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען איך האָב פאַרזוכט דעם טעם פון פאַרשידענע טורמעס, געמאַכט אַ פאַרגלייך צווישן קאַזאַרמע און טורמע. איך האָב מיר געשטעלט די פראַגע: וואָס וואָלט איך שוין בעסער געוואָלט (אויב מיר איז שוין באַשערט אַן אָפּקומעניש) קאַזאַרמע אָדער טורמע, — און איך האָב מיר אָן שום וואַקלעניש געענטפערט — טורמע.

וואַרשיינלעך, האָט דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט אויך פאַרטרעטן אַזאַ שטאַנדפּונקט. ד״ה, אַז קאַזאַרמע איז ערגער פון טורמע, און ווען ס׳האָבן אין יאָר 1900 אויסגעבראָכן „אומרוען״ אין קיעווער אוניווערזיטעט, האָט דער בילדונגס־מיניסטער באָגאָליעפּאָוו אַוועקגעשיקט אין די קאַזאַרמעס 183 צעבונטעוועטע סטודענטן. דערביי איז אַבסאָלוט נישט גענומען געוואָרן אין אַכט דער געזונט־צושטאַנד, די דינסט־פעיקייט פון די סטודענטן, אַזוי אַז צווישן די אָפּגעגעבענע אין מיליטער־דינסט סטודענטן, האָבן זיך געפונען האַלב בלינדע, לאָמע אד״גל.

מיין ראָטני־קאָמאַנדיר, קאַפּיטאַן באָנדאַריאָוו איז געווען

אַ פאַרהעלטנישמעסיק ליבעראַלער מענטש: ער האָט מיר דער־לויבט צו באַזוכן דעם שטאָטישן לייען־זאַל, צו אַבאָנירן די זעלבע צייטונג, וואָס ער האָט געלייענט — די „בירזשעוויאַ וויעדאָמאָסטי" (אַ ביליקע, זייער פאַרשפּרייטע אין יענע צייטן בירגערלעכע צייטונג). ער האָט מיר אַפילו געגעבן צו לייענען ביכער פון זיין פּריוואַטער ביבליאָטעק, אָבער זייענדיק אַ גרויסער בעל פּחדן, האָט ער אויף אַן איידעלן אופן קאָנפיסקירט ביי מיר מיינעם אַ בוך — פּוליעס פילאָזאָפיע. געהייסן האָט עס, אַז ער „באָרגט" ביי מיר דאָס בוך פאַר זיך, צום לייענען, אָבער איך האָב זיך מיט דער „פילאָזאָפיע" געזען ערשט נאָך מיין באַפרייאונג פון מיליטער־דינסט, ווייל מיין קאַפּיטאַן האָט איינגעפונען, אַז „פילאָזאָפיע איז נישט פאַר אַ קאַזאַרמע".

חברה מיליטער־לייט האָט גענומען מיך אויסנוצן: דער פעלדפעבעל האָט מיר איבערגעגעבן די גאַנצע שריפטלעכע אַרבעט פון דער קאַנצעלאַריע, די אָפיצירן — די ראָטנע „ביבליאָטעק" און די ראָטנע שול, און איך האָב באַקומען אַ גאַנצן אינטערנאַציאָנאַל פון טעמפּע תלמידים־סאָלדאַטן: רוסן, אוקראַאינער, גרוזינער, טאַטאַרן. איינמאָל, עטלעכע טעג נאָך דעם באַרימטן באַפעל פון מיניסטער באָגאָלעפּאָוו וועגן די קיעווער סטודענטן, האָט מיך קאַפּיטאַן באָנדאַריאָוו אַריינגערופן אין קאַנצעלאַריע אויף אַ פאַרטרויליכן שמועס:

— איר ווייסט דאָך פון די צייטונגען — האָט ער אָנגעהויבן זיין שמועס, — אַז אַ געוויסע צאָל קיעווער סטודענטן זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין מיליטער. אָט, אין אונזער פּולק זענען באַשטימט געוואָרן 8 סטודענטן, און איינער פון זיי — אין אונזער ראָטע. מיר האָבן באַקומען גאַנץ שטרענגע אינסטרוקציעס וועגן זיי, וועגן די סטודענטן. איך קאָן אייך נישט פאַרבאָטן צו רעדן מיט אים, מיט דעם נייעם סאָלדאַט, איך בעט אייך אָבער — קיינע אינטימערע באַציונגען, וואָס ווייטער פון אים! ער וועט זיך געפינען אין אַלגעמיינעם זאַל, איר — אין קאַנצעלאַריע, ווי ביז איצט. זעט זיך ווי ווייט מעגלעך צו איזאָלירן פון אים און פון די אַנדערע סטודענטן.

אויפן צווייטן טאָג איז טאַקע צו אונז אָנגעקומען אין ראַטע אַ סטודענט מיטן נאָמען פּידעלסקי, אַ פּאָליאַק. אין אַ שעה אַרום איז ער שוין געווען אָנגעטון אין סאָלדאַטישן מונדיר. מ׳האָט זיך משמעות צוגעאײַלט אַראָפּצונעמען פֿון אים די סטודענטישע קליידער, וואָס האָבן, פֿאַרשטייט זיך, אַרויסגערופֿן אַ סענסאַציע אין קאַזאַרמע.

פּידעלסקין האָט מען אײַנגעאָרדנט אין אַ ווינקל אין דער קאַזאַרמע, לעבן זײַן בעטל האָט מען אַוועקגעשטעלט דאָס בעטל פֿון זײַן „עלטסטן", אַ פּאָסקודנעם צבועקישן חברה־מאַן, וואָס האָט געהאַט די טאָפּלטע אויפֿגאַבע צו לערנען און צו היטן דעם געפֿערלעכן סאָלדאַט.

ווי נאָר די אָפֿיצירן און דער פֿעלדפֿעבעל זענען אַוועק פֿון קאַזאַרמע בין איך צוגעגאַנגען צו פּידעלסקין. איך האָב אים אײַנגעלאַדן אויף נאַכט־עסן, און בכלל זיך באַמיט אים אַ ביסל מוטיקן, ווײַל ער איז געווען שטאַרק נידערגעשלאָגן פֿון די ערשטע קאַזאַרמע-אײַנדרוקן.

מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט בײַם געמיינזאַמען קאַזאַרמעטיש און פֿאַרפֿירט אַ פֿאַרזיכטיקן שמועס וועגן די לעצטע געשעענישן אין קיעוו און אין לאַנד, וועגן לעבן אין קאַזאַרמע אאַז״וו. די גאַנצע צײַט האָבן זיך אַרום אונז געדרייט נײַגעריקע סאָלדאַטן, און באַזונדער דער „לערער" פֿון פּידעלסקין.

אויף מאָרגן אין דער פֿרי האָב איך טאַקע אַרײַנגעכאַפּט אַ דעליקאַטע פּאָרציע פֿון קאַפּיטאַן באָנדאַריאָוו פֿאַר מײַן חברן זיך מיטן סטודענט.

אין די ראָטעס איז דער רעזשים בנוגע די סטודענטן געווען פֿאַרשידנאַרטיק. אין אייניקע נאָך שטרענגער ווי בײַ אונז, אין אייניקע — פֿאַרקערט — איז גלייך פֿון ערשטן טאָג אײַנגעשטעלט געוואָרן אַ גאַנץ ליבעראַלע באַציאונג, באַזונדער מצד די יונגע אָפֿיצירן, וואָס האָבן אַפֿילו געשיקט זייערע אייגענע סאַמאָווארן פֿאַר די נײַע סאָלדאַטן.

אינגיכן האָב איך זיך באַקאַנט מיט דער גאַנצער גרופּע 16 סטודענטן, וואָס זענען געשיקט געוואָרן אין די צוויי פּולקן

פון טשערקאַס. און איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך בין געבליבן שטאַרק אַנטוישט. אַנדערש האָב איך מיר פאָרגעשטעלט די גייס־טיקע און אידעאישע פיזיאָנאָמיע פון די „מאַרטירער"־סטודענטן. איך פלעג זיך מיט זיי אָפט טרעפן, יעדן זונטיק אָדער יום־טוב־טאָג פלעגט מען זיך צוזאַמענקומען ביי דעם אָדער יענעם סטו־דענט אָדער פרייוויליקן אין קאַזאַרמע, פאַרשטייט זיך דאָרט ווו דער רעזשים איז געווען אַ פרייערער — און מ'פלעגט —טרינקען. אַמאָל שוין אָנגעשיכורט, פלעגט עמעצער זיך דערמאָנען וועגן קיעוו, וועגן אוניווערזיטעט, וועגן דער באַוועגונג — אָבער דאָס איז געווען אַ זעלטנהייט.

פון דער גאַנצער טשערקאַסער גרופע סאָלדאַטן־סטודענטן איז מיר אין די שפּעטערדיקע יאָרן אויסגעקומען צו טרעפן אויף דער אַרענע פון פּאָליטישער טעטיקייט בלויז איין נאָמען—פּיאָטר פּיליפּאָוו, אַן אַקטיווער מיטגליד פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, אויב איך האָב נישט קיין טעות — פון איר באַרימטער קאַמף־אָרגאַניזאַציע („באָיעוואַיאַ אָרגאַניזאַציאַ").

און אויך דער פּיליפּאָוו — „פּעטיאַ" — פלעגט ליגן אויף דעם האַרטן סאָלדאַטן־בעטל און ציען פון אַ טשייניק דעם ביי־טערן טראָפּן פון דער רוסישער „מאָנאָפּאָלקע", און צוזאַמען מיט דער גאַנצער חברה דערציילן גאַרישע אַנעקדאָטן און פּעטע וויצן

ח

„די קאַטעגאָריע פון באַשטראַפטע״. — די פּיינלע־בע שמיץ־עקזעקוציע. — דער שאַס פון קאַרפּאָ־וויטשן. — פריי פון דער קאַזאַרמע.

איך האָב שוין דערמאָנט, רעדנדיק וועגן מיין ראָטנער שול, אַז אין דער קאַזאַרמע האָבן מיר געהאַט אַ גאַנצן אינטער־נאַציאָנאַל. דער רוב איז באַשטאַנען פון רוסן פון די צענטראַל־גובערניעס פון רוסלאַנד, אַ ביסל קליין־רוסן (אוקראַינער), און דאַן יידן, אַרמענער, טאַטאַרן, גרוזינער. אַ באַזונדער רחמנות איז געווען אויף די גרוזינער פון קאַווקאַז. זיי האָבן זיך נישט גע־קאָנט צוגעוווינען צו דעם קאַלטן קלימאַט, צום שוואַרצן סאָל־דאַטסקן ברויט און בכלל צום גראָבן עסן פון דער אַמאָליקער רוסישער קאַזאַרמע. פלעגן זיי כּסדר קרענקען, און דער גרעס־טער טייל פון זיי פלעגט ביסלעכווייז אויסשטאַרבן. שוין פון וויטן וועג פלעגן זיי אָנקומען בלאַסינקע, מיט פיבערנדיקע אויגן. אומבאַהאָלפענע זענען זיי געווען: אַ פרעמד לאַנד, אַ פרעמ־דע שווערע שפּראַך, וועלכע נאָר געציילטע זענען געווען בכח ווי נישט איז אַרויסצוברענגען פון מויל. איינזאַמע און פאַרוואָגלטע פלעגן זיי אויסגיין, ווי אַ ליכט, פאַר אַלעמען אין די אויגן.

יידן האָבן מיר געהאַט אין אונזער ראָטע אַ גאַנצן מנין. קיין באַזונדערן אַנטיסעמיטיזם איז נישט געווען צו באַמערקן, סיידן אַ פאַרשטענדלעכע פיינטלעכע באַציאונג צו יענע יידן, וואָס האָבן געזוכט מיטלען זיך אַרויסצודרייען פון שווערע, נישט אָנגענעמע אַרבעטן. און אַזעלכע — זאָלן זיי מיר מוחל זיין —

האָבן נישט געפעלט, דערפאַר געדענק איך צוויי יידן (איינער פון דער היים אַ פורמאַן), וועלכע מ'פלעגט זייער אַכטן, ווייל זיי האָבן קיינמאָל נישט געזוכט קיין תירוצים אויסצומיידן דאָס וואַשן פּאָדלאָגעס, האַקן האָלץ, טראָגן וואַסער. מ'האָט זיי פשוט ליב געהאַט אין קאַזאַרמע. ביידע זענען געווען ראָטנע פּויקערס. אַזאַ טראַדיציע איז שוין געווען אין קאַזאַרמע: דער אַמט פון פּויקערס איז בירושה געגאַנגען פון איין יידן צום צווייטן, ראָטנע טרומייטערס זענען געווען — אַרמענער, קאַשע־קאָכערס — רוסן אאַז״וו.

וואָס אָנבאַלאַנגט דעם אָפיצירן־פּערסאָנאַל פון אונזער ראָטע און באַטאַליאָן, האָט זיך בלויז איינער אויסגעצייכנט מיט זיין אַנטיסעמיטיזם. דאָס איז געווען דער פּאָדפּולקאָווניק גלעבאָווסקי, אַ ווייניק אַנטוויקלטער און כמעט אַן אַנאַלפאַבעטישער מענטש, וואָס האָט באַקומען זיין הויכן ראַנג אין די אַלטע צייטן. אָט דעם פּאָדפּולקאָווניק פלעג איך אַרויסהעלפן אין זיינע שריפטלעכע אַרבעטן, אין זיינע באַריכטן, וואָס ער האָט באַדאַרפט צושטעלן דער העכערער מאַכט. איך פלעג אים מוזן אַלץ אויספירלעך שרייבן. אַפילו פאַרענדיקן: קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן, „פּאָדפּולקאָווניק". בלויז דעם נאָמען זיינעם „גלעבאָווסקי" פלעגט ער באַווייזן — אמת מיט גרויס מאַטערניש — אַליין אַוועקלייגן אויפן אָפיציעלן פּאַפּיר. איז אָט דער גלעבאָווסקי האָט ליב געהאַט צו דערציילן פאַרן פראָנט פון די סאָלדאַטן אַנטיסעמיטישע וויצן.

די טאָטערן האָט מען נישט ליב געהאַט אין קאַזאַרמע, ווייל זיי האָט מען שטענדיק חושד געווען אין גנבות. ביידע טאָטערן פון אונזער ראָטע זענען דורך אַ מיליטערישן געריכט איבערגעטראָגן געוואָרן אין דער „קאַטעגאָריע פון די באַשטראָפטע", איינער פאַר אַ גנבה פון אַ פּאָר סאָלדאַטסקע שטיוול. דער צווייטער — כאַסמאַנטדינאָוו — פאַר אַ גנבה פון אַ טשייניק אין ווערט פון 40 קאָפּיקעס.

דאָס איבערטראָגן אַ סאָלדאַט אין דער „קאַטעגאָריע פון באַשטראָפטע", איז געווען אַ שרעקלעכע שטראָף, ווייל אַזאַ איי־

נעם האָט דער ראַטנע קאָמאַנדיר געהאַט דאָס רעכט (ער אַליין אָן וועלכן נישט איז משפּט) צו באַשטראָפן מיט 15 שמיץ („ראָזי-געס"). אונזערע צוויי טאָטערן האָבן געציטערט פאַר דער שטראָף, געזען צו זיין וויל און גוט, אָבער דאָך האָט איינער פון זיי — כאַסמאַנטדינאָוו — נישט אויסגעמיטן די שרעקלעכע שטראָף.

איך דערמאָן זיך איצט מיט גרויל — אין העכער 36 יאָר אַרום — וועגן דער שרעקלעכער עקזעקוציע.

דאָס איז געווען דאָס פיינלעכסטע, דאָס גרויזאַמסטע, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין דער קאַזאַרמע.

וואָס איז איצט געווען די שולד פון כאַסמאַנטדינאָוון? — אַ פּלומרשטער „בונט".

די מעשה איז געווען אַזוי: אין אונזער ראָטע איז געווען אַ סטאַרשי באָגאָלובאָוו, אַ פאַסקודנער יעזואיטישער טיפּ, וואָס פלעגט לענגער פון אַלעמען קניען פאַר דער איקאָנע (הייליק בילד) אַלעמען דערגיין די יאָרן מיט זיין פרומקייט, זיסינקע ווערטעלעך און מיאוסע מעשים. אָט דער באָגאָלובאָוו האָט עפּעס, איך ווייס נישט פאַרוואָס, שטאַרק געהאַסט דעם טאָטער כאַסמאַנטדינאָוו, האָט ער וועגן אים אויסגעקלערט אַ גאַנצע מעשה נורא. ער האָט דערציילט, אַז ער האָט אונטערגעהערט אַ שמועס פון כאַסמאַנט-דינאָוון מיט אַ גרופּע יינגע סאָלדאַטן-טאָטאַרן, וואָס זענען נאָר וואָס געבראַכט געוואָרן אין קאַזאַרמע. כאַסמאַנטדינאָוו האָט זיי פּלומרשט אַגיטירט קעגן דער מאַכט בזה הלשון: „פאָלגט נישט נאַטשאַלסטוואָ. איך פאָלג אויך נישט, און מיר איז גוט". דעם ליגן האָט מען געקענט אָנטאַפּן ממש מיט די הענט, ווייל אויב אַ שמועס איז וויר קלעך פאָרגעקומען צווישן כאַסמאַנטדינאָוו און זיינע יינגע קאָלעגן, איז דאָך דער שמועס געפירט געוואָרן אויף טאָטעריש (די יינגע טאָטערישע רעקרוטן האָבן נישט געקאָנט אַרויסרעדן קיין איין רוסיש וואָרט), ווי זשע האָט באָגאָלובאָוו געקאָנט פאַרשטיין וועגן וואָס די טאָטערן שמועסן?

אָבער פעלדפעבל קאַראַטייטש האָט געמאַכט אַ גאַנצן וועזן פון דער מסירה. ער האָט ראַפּאָרטירט וועגן דעם ראָטני

און צוגעגעבן, אַז מ׳דאַרף, לויט זיין מיינונג, באַשטראָפן דעם „בונטאַר״ — מיט שמיץ.

קאַפּיטאַן באַנדאַריאָוו, וואָס איז בטבע געווען אַ ווייכער מענטש, האָט זיך שטאַרק געקווענקלט. ער האָט אַריינגערופן אין קאַנצעלאַריע דעם מסור באַגאַלובאָוון און יענער האָט מיט אַלע איינצלהייטן איבערגעגעבן די כּלומרשט־אונטערגעהערטע אַגי־טאַציע־רעדע פון כאַסמאַנטדינאָוון.

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז קאַפּיטאַן באַנדאַריאָוו איז געווען אַ גרויסער בעל פּחדן. ער האָט מורא געהאַט, אַז די הע־כערע מאַכט זיינע זאָל אים נישט מאַכן קיין פאָרוווּרף, אויב ער וועט נישט באַשטראָפן דעם אומגליקלעכן טאַטער. דער קאַפּיטאַן האָט זיך קיין עצה נישט געקאָנט געבן. ענדלעך האָט קאַפּיטאַן באַנדאַריאָוו באַשלאָסן „צו דערפילן זיין פליכט״.

אויפן צווייטן טאָג איז אין די ווענט פון דער קאַזאַרמע, אין דער אַנוועזנהייט פון דער גאַנצער ראָטע מיט די אָפיצירן אין דער שפּיץ, פאָרגעקומען אַ פייערלעכע און העסלעכע צערע־מאָניע — דאָס פייניקן און שענדן אַ מענטש לויט אַלע כּללים פון מיליטערישן שטראָף־קאָדעקס...

* * *

דער שאָס פון קאַרפּאָוויטשן, וועלכער האָט זיך נוקם גע־ווען פאַר די סטודענטן פון קיעווער אוניווערזיטעט און האָט גע־הרגעט דעם מיניסטער באָגאָלעפּאָוו, האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע שמחה ביי אונזערע סטודענטן־סאָלדאַטן.

פיליפּאָוו האָט זיך גלייך שטאַרק אָנגעכּוסהט, אַריין אין קאַזאַרמע און אָנגעהויבן שרייען צו די סאָלדאַטן: איר ווייסט — ווער איך בין? איך בין סטודענט פון קיעווער אוניווערזיטעט, פּיאָטר פיליפּאָוו! איך — לייד פאַרן פאָלק אַאַז״וו. מ׳האָט אים באַלד איינגעשטילט, אָוועקגעלייגט שלאָפן, און אויף צומאָרגן איז ער באַשטראָפט געוואָרן מיט 3–2 טעג אַרעסט דורך זיין „ראָט־נעם״, וועלכער האָט נישט געוואָלט מאַכן קיין גרויס ווען פון פיליפּאָווס „רעוואָלוציע״ אין קאַזאַרמע.

זומער־צייט האָט „ניקאָליי דער צווייטער״ אויסגענוצט די געלעגנהייט פון עפּעס אַ שמחה אין דעם קייזערלעכן הויף און האָט באַפרייט די סטודענטן פון דער קאַזאַרמע.

מיר האָט אויך געשפּילט דאָס גליק. אומדערוואַרט פאַר מיר אַליין בין איך, צוליב מיין קורצזיכטיקייט, געשיקט געוואָרן קיין קיעוו אויף אַ קאָמיסיע, און אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט מען מיך אַנערקענט פאַר נישט־פּעיק צום פראָנט־דינסט. מיט דער גרעסטער צופרידנקייט האָב איך פאַרלאָזט דאָס טויטע שטעטל טשערקאָס מיט דער וויסטער קאַזאַרמע.

II

מיין „קאַנדיציע“ אין א דאָרף. — ד״ר דאוויד טאַרגאָוויעץ. — ווידער אין בערדיטשעוו. — די נייע ווינטן. — די „סטרוצקע“. — פראַניע גרע־בעלסקא און אנד.

אַ געוויסע צייט האָב איך זיך אַרומגעדרייט אין בערדיטשעוו און געזוכט באַשעפטיקונג. ענדלעך האָב איך באַקומען אַ „קאָנדיציע“ אין אַ דאָרף – אָסטראָזשאָק האָט עס געהייסן – אין וואָלינער גובערניע. אין אָסטראָזשאָק איז געשטאַנען אַ גרויסע פּאַפּיראָס־פּאַפּיר־פאַבריק, וואָס האָט געהערט צו דער משפּחה וו. — עטלעכע ברידער מיט אַ פאָטער, אַ באַוווּסטער גביר אין בערדיטשעוו.

איך האָב געקראָגן די קאָנדיציע ביי דער אלמנה וו., וועלכע האָט געוווינט מיט אירע קינדער און אייניקלעך ביי דער פאַבריק אין אָסטראָזשאָק. מיין אַרבעט איז געווען – געבן לעקציעס די טעכטער און זון פון דער פרוי וו., דערפאַר האָב איך באַקומען אַ באַזונדער צימער, פולע אויסהאַלטונג און אויך אַ געוויסע פענסיע במזומן.

אַזעלכע קאָנדיציעס אין אַ דאָרף אָדער אַ שטעטל זענען דאַן געווען נישט קיין זעלטענע דערשיינונג. מיין לאַגע דאָרט ביי די וו. איז אָבער געווען אַ דעליקאַטע, און אָט צוליב וואָס:

מיט אַ פאָר יאָר פאַר מיר האָט אין דעם זעלבן הויז פון די וו. געהאַט אַ קאָנדיציע דער לערער דוד בראָדסקי, אַ נאָענטער גליד פון

בערדיטשעווער סאָציאַליסטישן קרייזל טומערמאַן, סאַשע האָראָוויץ א. אַ. געלערנט, געלערנט — און אַרויסגעשפּרונגען איז אַ ראָמאַן מיט דער עלטסטער שילערין זיינער פון די וו. אַזוי ווי קיין הסכמה אויף אַזאַ „מעזאַליאַנס" איז נישט געווען צו דערוואַרטן, ווייל ווי קומט עס, אַז אַ גביריש כלה־מיידל זאָל חתונה האָבן מיט אַן אָרעמען לערער (דערצו נאָך אַ זון פון אַ בערדיטשעווער מלמד) איז דאָס פאַרליבטע פּאָרל אַוועק ערגעץ אין אַ שטעטל און געשטעלט אַ „שטילע חופּה" און באַלד נאָך דעם אָנגעקומען קיין אָדעס, ווו דוד בראָדסקי האָט זיך גלייך פאַרבונדן מיט דעם מאַרקסיסטישן בערדיטשעווער אַלט־קאָנסטאַנטינער קרייזל, וועגן וועלכן איך האָב שוין געשריבן.

נאָך אַזאַ מין „אומגליק" איז מען אין אָסטראָזשאָק זיך באַגאַנגען אַ געוויסע צייט אָן אַ לערער, אָבער מ'מוז דאָך די קינדער געבן בילדונג, האָט מען זיך סוף כל סוף דעצידירט ווידער צו אַנגאַזשירן עמעצן צו לערנען און צו בילדן די טעכטער און דעם יאַט, דעם מוזיניק פון דער אלמנה. ס'איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, אַז אויך אויף מיר האָט מען געמוזט קוקן מיט אַ געוויסן חשד, איז דעריבער מיין לאַגע געווען זייער אַ דעליקאַטע.

בוכהאַלטער אויף דער פאַבריק איז געווען מאיר בראָדסקי, אַ ברודער פון דערמאָנטן דוד בראָדסקי. מאיר האָט געהאַט אַ סימפּאַטישע שטימע, ער האָט אַמאָל געהאַט געזונגען אין אַן אָפּערן־טרופּע. ער פלעגט אונז זינגען שיינע לידער, אַריעס פון דעם בעסטן רעפּערטואַר, דערציילן אינטערעסאַנטע מעשיות פון לעבן פון אַן אָפּערן־וואַנדער־טרופּע, פון טריקן פון יידישע אָפּערן-אַרטיסטן ערגעץ אין וויטן סיביר. באַזונדער לעבעדיק פלעגט ער ווערן, ווען מיר פלעגן זיך מיט אים אַריינכאַפּן אין שטעטל ראַגאַטשאָוו. (אַ 2—3 קילאָמעטער פון אונזער אָסטראָזשאָק) צום דאָקטאָר טאָרגאָוויעץ.

ד"ר דאַוויד מאָסייעוויטש טאָרגאָוויעץ איז געווען אַ זעלטן סימפּאַטישער, האַרציקער מענטש, פון דעם טיפּ גאָר אידעלע יידיש־רוסישע אינטעליגענטן פון אַמאָל. זיין פרוי, זיין שוועסטער, דער פרויס שוועסטער פלעגן אונז אויפנעמען גאָר פריינט־

לעך, און ס'האָט זיך שוין אַזוי איינגעשטעלט, אַז איין מאָל אין וואָך פלעגן מיר זיך אין אָן אָוונט צוזאַמענקומען ביים דאָקטאָר: מיר פון אָסטראָזשאָק, משה נאָוואָמייסקי (אַלגין) מיט זיינס אַ קאָלעגע — ביידע פון ראָגאַטשאָוו. ס'איז דאָרט, ביים דאָקטאָר, געווען היימלעך, ווארעם, ס'האָט זיך גאָרנישט געוואָלט אַוועקגיין פון דאָרטן — בפרט נאָך אין דעם פינצטערן אָסטראָזשאָק אריין, אין — דעם שטענדיק אָנגעברוגזט הויז פון מיין באַלעבאָסטע, דער גבירישער מאַדאַם וו.

ד"ר דאַוויד טאַרגאָוויעץ איז געווען אומגעהייער געליבט און געאַכטעט ביי זיך אין שטעטל. ער איז נאָך דאַן געווען אַ ציוניסט, אַקטיוו געאַרבעט אין תלמוד־תורה, דעם איינציקן „בילדונג"־אַנשטאַלט אין שטעטל.

דאַוויד טאַרגאָוויעץ איז אויך געווען פאַבריק־דאָקטאָר אין די אַרומיקע פאַבריקלעך און זאַוואָדן. יעדן שבת פלעגט ער אַרומפאָרן זיין ראַיאָן. איינמאָל האָט ער מיך איינגעלאַדן איך זאָל מיט אים מיטפאָרן אין די פאַבריקן. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב מיט פאַרגעניגן אָנגענומען זיין איינלאַדונג. און אין אַ פראָסטיקן טאָג, אין אַ שבתדיקן פרימאָרגן, האָבן מיר זיך מיטן דאָקטאָר געלאָזן אין וועג אריין אויף אַ גוט אויסגעבעטן שליטן. דער שטייפער שניי האָט געקנאַקט אונטער דעם שליטן, דער פראָסט האָט געבריט. אָט זענען מיר אין אַ וואַלד, די הויכע ביימער, באַדעקט מיט ווייסן שניי, שטייען אַזוי שטאָלץ פון ביידע זייטן וועג און קוקן ווי אונזער שליטעלע גליטשט זיך איילִיק אויפן שניי, און פליט אַלץ ווייטער און ווייטער. אָט זענען מיר אין אַ דאָרף, דער שליטן גייט צווישן צוויי קרומע רייען פויערשע כאַטעס, און אָט שטעלן מיר זיך אָפּ אין אַ גלאָז־הוטע. אַרבעטער ציען אויס לכבוד די געסט לאַנגע גלעזערנע שטעקעלעך. אָט זענען מיר אין אַ עסיג־זאַוואָד, אין אַ יידישן עסיג־זאַוואָד, וואָס זעט אויס מיט זיין גאַנצער איינאָרדנונג, מיט זיין גאַנצער פינצטערניש, ווי אַ יידישער באָד־אַנשטאַלט פון אַמאָליקן יידישן שטעטל. און אָט זענען מיר אין אַ גרויסער פאַיאַנס־פאַבריק אין דעם שטעטעלע קאָמעניבראָד. אין דער דאָזיקער פאַבריק האָבן שוין דאַן געאַרבעט אַ

שפּאַר ביסל יידישע אַרבעטער, און אין עטלעכע יאָר שפּעטער האָט דאָס שטעטל קאַמעני בראָד שוין אויך אָנגעהויבן זיך באַווייזן אויף די שפּאַלטן פון ביולעטין פון בונד „לעצטע נאַכריכטן".

ד"ר טאַרגאָוויעץ האָט זייער שווער געאַרבעט אויף פּרנסה, אָבער תּמיד האָט ער אויסגעזען גוטמוטיק, פריינטלעך, גרייט צו דינען יעדן איינעם, וואָס נויטיקט זיך אין זיין הילף.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג ווערט שטאַרקער, שטעלט זיך ד"ר טאַרגאָוויעץ אין אירע רייען. ער ווערט אַן אַקטיווער מיטגליד פון „בונד". אַרבעט אין זשיטאָמירער אָרגאַניזאַציע פון בונד. אין זשיטאָמיר ווערט ער אין 1907 יאָר אַרויסגעשטעלט אַלס קאַנדידאַט פון „בונד" צו דער III-טער גאָסודאַרסטווענע דומע. דאָס איז געווען דער פּעריאָד פון אינטענסיווסטער אַרבעט פון ד"ר טאַרגאָוויעץ, אָבער אויך — דער פּעריאָד פון זיין מאַטעריעלער נויט, ווייל די יידישע בירגערלעכע געזעלשאַפט האָט זיך איינגעאַנצן אָפּגעקערט פון אַזאַ דאָקטאָר, וואָס דערלויבט זיך קאַנדידירן מצד דעם „בונד", און די פּאָפּולערקייט ביי דער אַרבעטערשאַפט האָט ווייט נישט געקאָנט געבן קיין פּרנסה דעם דאָקטאָר מיט זיין פאַמיליע.

ד"ר טאַרגאָוויעץ האָט זיך פון אַ פּאַציענט אָנגעשטעקט מיט אַ טיפוס און איז — אין פאַרהעלטנישמעסיק יונגן עלטער — געשטאָרבן (אין יאָר 1909 אָדער 1910). וועגן ד"ר טאַרגאָוויעצס שטילער און ביז גאָר שיינער אידעאַליסטישער פּערזענלעכקייט קענען די לייענער געפינען עטלעכע באַגייסטערטע בלעטלעך אין די „זכרונות פון אַ יידישן סאָציאַליסט" פון ב. מיכאַלעוויטש (III-טער באַנד), וועלכער האָט אין יענער צייט, ד"ה, אין 1907, געפירט אויף דרום-רוסלאַנד די וואַל-קאַמפּאַניע פון „בונד".

* * *

אין פרילינג 1902 האָב איך זיך ווידער באַזעצט אין בערדיטשעוו.

בערדיטשעוו איז געווען באַרימט אין לאַנד, אַלס אַ גרויסע

יידישע שטאָט, אַ מסחר־שטאָט אין „תחום־המושב". געציילט האָט בערדיטשעוו בערך 100 טויזנט איינוווינער, דערהויפּט יידן. די קריסטן זענען אין בערדיטשעוו באמת געווען אַן אומבאַדייטנדיקע מינדערהייט.

בערדיטשעוו האָט פאַרמאָגט אַ גרעסערן יידישן פּראָלע־טאַריאַט, וועלכער איז געווען צעוואָרפן אין קליינע וואַרשטאַטן און פאַבריקלעך. די יידישע אָרעמקייט איז געווען צונויפגעפּרעסט אין די ענגע ביז גאָר שמוציקע געסלעך פון די „פּיסקעס" און „קאַטשאַניווקע" — פּראָלעטאַרישע צענטרען, קעגן וועלכע וואַר־שעווער סמאָטשע און לאָדזשער באַלוט זענען אידעאַלן פון שיינ־קייט, ריינקייט און עשירות.

ווי נאָר איך האָב נאָך מיין צוריקקומען אָנגעהויבן זיך אַרומקוקן אין דעם מיר גוט באַקאַנטן בערדיטשעוו, האָב איך דערפילט, אַז עס בלאָזן דאָ נייע ווינטן. פון מיינע אַלטע באַ־קאַנטע האָב איך זיך דערוווסט, אַז ס'האָבן זיך דאָ באַזעצט עפּעס נייע מענטשן, וואָס האָבן אָנגעקניפּט באַציאונגען מיט די יידישע אַרבעטער און פירן צווישן זיי אַ גרויסע אַרבעט — דערהויפּט אַן עקאָנאָמישע.

ערשט מיט אייניקע חדשים צוריק איז נאָך אין בערדי־טשעוו אויף דער אַרבעטער־גאַס געווען שטיל און רואיק, ווי אויף אַ בית־עולם, און אַט רוישט און קאָכט אין שטאָט. עס שטרייקן שניידער און שוסטער, טישלער און גאַרבער, נייטאָרינס און פּרע־סער אאַז"וו. אאַז"וו. אַ טייל פאַכן שטרייקן שוין צום צווייטן מאָל. די זשיטאָמירער גאַס ווערט אין אָוונט פול געפּאַקט פון אַר־בעטער. דאָרט איז די „בירזשע", אָדער ווי די בערדיטשעווער אַרבעטער פלעגן זי רופן — די „סטרוצקע" (פאַרדרייט פון וואָרט אינסטרוקציע). אָבער נישט נאָר די בירזשע הייסט אין בערדי־טשעוו „סטרוצקע", די גאַנצע באַוועגונג ווערט אין שטאָט באַצייכנט מיט אָט דעם מאָדנעם נאָמען. דער „בונד" הייסט ביים פאָלק — „סטרוצקע", שטרייקערס הייסן „סטרוצקעניקעס" אד"גל.

די מאַסן־באַוועגונג פון די יידישע אַרבעטער, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיינע אויגן, האָט מיר שטאַרק אימפּאָנירט

מיט איר ברייטן פּאַרנעם, מיט דעם קאָכעדיקן טעמפּאָ, וואָס זי האָט געקלאַפּט, מיט דעם פייער, וואָס האָט געשפּריצט אין אַלע ווינקעלעך פון בערדיטשעווער אַרבעטער־לעבן.

די רעדער אין דער באַוועגונג האָבן זיך האַסטיק געדרייט, אַריינציענדיק אין דער מאַשין אַלץ, וואָס איז געווען לעבעדיקעס אויף דער יידישער גאַס. איך האָב געטראָפן כמעט אַלע מיינע באַקאַנטע פון דער יוגנט אין אָדער אַרום דער אַרבעטער־באַוועגונג. אומעטום איז געווען ברייט פאַרשפּרייט אומלעגאַלע ליטעראַטור פון „בונד" און טיילווייז פון דער רוסלענדער ס. ד. אַ. פּ.

אַן אומגעהויערן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט פאָלגנדיקער פאַקט: דריי באַקאַנטע מיידלעך פון באַלעבאַטישע הייזער האָבן באַשלאָסן איבערצורייסן מיט אַלע טראַדיציעס און פאָראורטיילן פון דער יידישער בירגערלעכער וועלט, און ווערן בעלי־מלאכות, נעמלעך — זיך אויסלערנען דאָס שניידער־פאַך, כדי ווי אַמבעסטן צו קענען דינען דער אַרבעטער־זאַך. זיי האָבן זייער באַשלוס דורכגעפירט אין לעבן, און שפּעטער טאַקע אָנגעפירט מיט די שטרייקן אין נאָדל־פאַך. די מיידלעך זענען געווען: פראַניע גרעבעלסקאַ, אסתר ווייספעלד און קלאַראַ גרינבערג.

פון אָט די דריי חברטעס האָט זיך באַזונדער אויסגעטיילט פראַניע גרעבעלסקאַ. זי האָט זיך אויסגעצייכנט סיי מיט איר הייציקער רעוואָלוציאָנערער נאַטור, סיי מיט איר אויסערגעוויינלעכער צוגעבונדנקייט צו דער באַוועגונג, ווי אויך מיט אירע אַגיטאַטאָרישע פעאיקייטן. דאָס אַלץ האָט זי אַרויסגערוקט אין די ערשטע רייען פון דער בונדישער באַוועגונג. אין 1904 יאָר איז זי איבערגעשיקט געוואָרן קיין וואַרשע, ווו זי איז גיך פּאָפּולער געוואָרן צווישן די ברייטע אַרבעטער־מאַסן אונטערן נאָמען „וויעראַ". אין פרילינג 1905 איז פראַניע־וויעראַ אין אירע בליענדסטע יאָרן געפאַלן מיט אַ העלדישן טויט (צוזאַמען מיט סעמיאָן מאַרגאָלין) בעת אַ בונדישער דעמאָנסטראַציע ביים „פּאַוויאַק".

איך קער זיך אום צום פּעריאָד פון מיין צוריקקומען קיין בערדיטשעוו — פרילינג 1902. אין דער שפּיץ פון דער בונדישער באַוועגונג — און קיין אַנדערע איז דאַן בכלל נישט געווען

אין בערדיטשעוו — זענען געשטאַנען צוויי צוגערייזטע „ליטוואַקעס", ביידע מיט פסעוודאָנימען „אַלטער": „אַלטער דער קליינער" און „אַלטער דער הויכער". זיי זענען, פאַרשטייט זיך, געווען זייער פאַרקאָנספּירירט, און ס'האָט געדויערט גענוג צייט ביז איך האָב מיך מיט זיי פּערזענלעך באַקאַנט.

די צוויי אַלטערס האָבן געאַרבעט צווישן די ברייטע מאַסן. אַ חוץ זיי איז געווען נאָך אַ וויכטיקער טוער „לעאָן" (קאַנטאָר), וואָס האָט דערהויפּט געאַרבעט צווישן דער יוגנט, צווישן דער אַזוי גערופענער האַלבער אינטעליגענץ.

מיט אָט דעם „לעאָנען" האָב איך זיך שוין יאָ אין גיכן צוזאַמענגעטראָפן. ער האָט געמאַכט אַ מאָדנעם, אָבער סימפּאַטישן איינדרוק. תּמיד אין אַ זומער-מאַנטל פון עפּעס אַן אויסלענדישן שניט, די פאָדערשטע טאַשן אָנגעפּאַקט מיט צייטונגען — אַזוי איז ער האַסטיק אַרומגעלאָפן, וואַרפנדיק זיך אין די אויגן נישט נאָר מיט זיין מאַנטל מיט די צייטונגען, נאָר אויך מיט זיין אינטעליגענטן אויסזען, מיט זיין, ווי עפּעס אויסגעווייקטן, דורכזיכטיקן פּנים. אַ גליק, וואָס אין בערדיטשעוו זענען אין יענער צייט נאָך נישט געווען נישט קיין זשאַנדאַרמען, נישט קיין שפּיאָנען, ווען נישט וואָלט אַזאַ „לעאָן" (וואָס האָט אגב פאַר זיין נישט פאַרזיכטיקייט אַריינגעכאַפּט נישט איין באַמערקונג פון „אַלטער דעם קליינעם") זיך פאַרשיט אין פאַרלויף פון אייניקע טעג.

צו דער צאָל גאָר אַקטיווע טוער דאַרף מען נאָך צוגעבן מיין אַלטן פריינט פון אָדעס, דוד שלאָסבערג. איך האָב שוין אַמאָל דערמאָנט, אַז ער איז געווען אַ שילער פון דער באַוווסטער אָדעסער האַנטווערקער-שולע „טרוד". ער האָט די שולע געמוזט פאַרלאָזן, ווייל די פינגער פון די הענט זענען אים ביי דער אַרבעט טיילווייז פאַראַליזירט געוואָרן, איז ער געבליבן נישט אַהין, נישט אַהער. נישט קיין אַרבעטער, נישט קיין אינטעליגענט. ער איז געפאָרן קיין ווין זיך היילן די הענט. די הענט האָט ער נישט אויסגעהיילט, אָבער ער האָט זיך באַקענט מיט דער דאָרטיקער אַרבעטער-באַוועגונג און איז צוריקגעקומען פון אויסלאַנד אַן איבערצייגטער סאָציאַל-דעמאָקראַט.

ער האָט דאַן אין בערדיטשעוו געאַרבעט מיטן גאַנצן יונגט־ברען זיינעם, „געלעבט" פון קליינע לעקציעס. שפּעטער איז ער געוואָרן אַ „פּראָפעסיאָנאַל" (אַ געצאָלטער פונקציאָנאַר) ביי דער פּאַרטיי און האָט געאַרבעט ביז דעם יאָר 1907 אין אַ גאַנצע ריי שטעט (זשיטאָמיר, וויטעבסק, גראָדנע, פּוילישער ראַיאָן־קאָמיטעט פון „בונד" א. אַ.) און איז באַקאַנט געווען אונטער די פּסעוודאָנימען „סעמיאָן" און „נפתלי".

12

ראָמאַנטיזם און פּראָזע. — די קאַיגענס. — מאַיסיי ווינאָקור. — מעשה ווילנע. — לעקערט. — איך טרעט אַריין אין „בונד".

איך האָב פריער באַשריבן דאָס נייע לעבן אין בערדיטשעוו, די נייע פיגורן, וואָס האָבן זיך באַוויזן אויף דעם געזעלשאַפטלעכן האָריזאָנט. די צאָל פון די נייע פערזאָנען איז אין דער ווירקלעכקייט געווען פיל גרעסער, און מיר וועט נאָך אויסקומען וועגן אייניקע פון זיי צו דערציילן.

כאַראַקטעריסטיש איז געווען די באַציונג פון די „אַלטע" צו די נייע לעבנס־דערשיינונגען. איך מיין דאָ סאַשע האָראָוויץ, דוד בראָדסקי א. אַנד., וואָס זענען שוין אַ ביסל באַקאַנט די לייענער. סאַשע איז דאַן געווען צוריקגעקומען פון אָדעס, ווו זי איז געזעסן אייניקע חדשים אין טורמע אין צוזאַמענהאַנג מיט די ס.ד.־קרייזלעך. סיי סאַשע, סיי בראָדסקי האָבן זיך געפונען אונטער פּאָליציייִשער אויפזיכט.

זיי ביידע זענען געשטאַנען ווייט פון דער בערדיטשעווער באַוועגונג. דאָס האָט אָבער, פאַרשטייט זיך, גאָרנישט געשטערט דער פּאָליציי, נאָך יעדן פאַרשפּרייטן בלעטל אָדער אַנדערע געשעעניש, צו מאַכן רעוויזיעס דווקא ביי סאַשען, בראָדסקין א״אַ אָפיציעל רעגיסטרירטע חברים, ווייל די אמתע טוער זענען געווען אומבאַקאַנט דער נאָך ווייניק דערפאַרענער אין אַזעלכע ענינים בערדיטשעווער פּאָליציי.

די לייענער דערמאָנען זיך ווי סאַשע האָט מיט מיין הילף

אָראָפּגעפירט דעם ערשטן טראַנספּאָרט אומלעגאַלע ליטעראַטור. ווי נישט זי און נישט בראָדסקי (וועלכער האָט אויך אין דעם עסק צוגעהאָלפן) האָבן נישט געוווּסט, וואָס צו טון מיט דער ליטעראַטור, דערהויפּט מיט דער יידישער (אין דעם ביז גאָר יידישן בערדיטשעוו!). איצט האָבן בראָשורן, אומלעגאַלע צייטונגען, אויפרופן פאַרפלייצט די אַרבעטערשאַפט פון בערדיטשעוו, וואָס האָט געפיבערט מיט די אומאויפהערלעכע שטרייקן, אָבער סאַשע און בראָדסקי זענען זיך געזעסן יעדער אונטער זיין פייגנבוים און פילאָזאָפירט, צי איז באַרעכטיקט אַ באַוועגונג צווישן דעם האַנטווערקערישן יידישן פּראָלעטאַריאַט, צי קען זיך אַזאַ מין פּראָלעטאַריאַט דערהויבן איבער זיינע שמאָלע עקאָנאָמישע אינטערעסן, צי איז ער מסוגל אָנטיילצונעמען אין פּאָליטישן קאַמף. צי איז ער מסוגל אַלס מאַסע זיך דורכצודרינגען מיט די אידעען פון סאָציאַליזם, און על כּלם — צי איז דערהויפּט דערלאָזבאַר די עקזיסטענץ פון אַ באַזונדערער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע פון יידישן פּראָלעטאַריאַט.

זיי האָבן געקלערט און געצווייפלט, און זיי האָבן גאָר נישט באַמערקט, אַז דאָס לעבן האָט שוין געגעבן אַ פּאָזיטיוון ענטפער אויף די אַלע פראַגן.

קוקנדיק אויף דעם נייעם ברויזנדן בערדיטשעוו, טרעפנדיק זיך כּמעט טאָג־טעגלעך מיט איינעם פון די פירער פון דער אָרגאַניזאַציע — מיט שלאָסבערגן, האָב איך מיר אָנגעהויבן שטעלן פראַגן: נו, און וואָס וועט זיין מיט מיר? ווי לאַנג נאָך וועל איך שטיין אין דער זייט אַלס אַ פּאַסיווער צוקוקער?

און איך האָב אַלץ אָפּגעלייגט סיי דעם אַנטגילטיקן באַשלוס פאַר מיר אַליין, סיי דעם ענטפער פאַר לעאָנען, וועלכער האָט מיר שוין נישט איינמאָל פאָרגעלייגט אַריינצוטרעטן אין דער אָרגאַניזאַציע און זיך נעמען צו אַקטיווער אַרבעט.

וואָס האָט מיך אָפּגעהאַלטן פון צושטיין צו דער אָרגאַניזאַציע?

דאָס זענען געווען מער פּסיכאָלאָגישע, ווי פּרינציפּיעלע מניעות. איך וועל פּרובירן זיי אויפקלערן.

פון מיינע יינגע יאָרן אָן האָב איך געטראָגן אין מיין זכרון די העלדישע געשטאַלטן פון דער עפּאָכע פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ“ (די לייענער דערמאָנען זיך אפשר, אַז דאָס ערשטע רעוואָלוציאָנערע בוך, וואָס האָט אין אַ געוויסער מאָס באַשטימט מיין ווייטערדיקן גורל, איז געווען: „דער פּראָצעס פון 1-טן מערץ 1881“).

מיט אַזאַ מאָס בין איך שפּעטער צוגעגאַנגען צו אַ סך רעוואָלוציאָנערן, מיט וועלכע דאָס לעבן האָט מיך צונויפגעפירט. אמת, איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ביי אַ מאַסן-באַוועגונג מוז דער פּערזענלעכער ניוואָ פון די טוער זיין אַ סך אַ נידעריקערער, ווי ביי אַ באַוועגונג פון אויסדערוויילטע. איך האָב זיך אָבער אין האַרצן נישט געקאָנט אָפּזאָגן צו פאָדערן ביי יעדן טוער, ביי יעדן אַרבעטער-פירער אַ געוויסן מינימום גייסטיקע שיינקייט, אין יעדן רעוואָלוציאָנער האָב איך געזוכט כאָטש שפּורן פון די אַמאָליקע העלדן.

ביי אַ טייל טוער האָב איך קיין שפּור פון אַזאַ שיינקייט נישט געזען. פאַרקערט, אין מיינע אויגן האָט זיך געוואָרפן גרויסע פּראָזע, וואָכעדיקייט. איך האָב זיך צו דעם נישט געקאָנט צוגעווינען.

איך דערמאָן זיך, אַז איינער אַ וויכטיקער טוער אין דער בערדיטשעווער אָרגאַניזאַציע, אַ מענטש מיט אַ סטאַזש אין דער בונדישער באַוועגונג, האָט די ערשטע צייט פון מיין באַקאַנטשאַפט מיט אים געווירקט אויף מיר אָפּשטויסנדיק — אַזוי פיל פּראָזע, אַזוי פיל באַלעבאַטישקייט איז געלעגן אין זיין בלאָנדן בערדל, אין זיין קאַפּעלושל, אין זיין רעגן-שירעם, (וואָס ער האָט שטענדיק געטראָגן אונטערן אָרעם) אַפילו אין זיין גענגל.

אָפּגעשטויסן האָט מיך אויך די חברה יינגלעך און מיידלעך, די האַלבע אינטעליגענץ, וואָס איז מאַסנווייז געקומען צום „בונד“, ווי ס'האָט זיך מיר געדאַכט, נישט צוליב איבערצייגונג אין סאָציאַליזם, נאָר פּשוט צוליב מאָדע. איך בין אָבער געווען נישט גערעכט. אַ גרויסער טייל פון דער חברה האָט זיך מיט דער צייט אַנטוויקלט, אויסגעבילדעט סאָציאַליסטיש, פאַרבליבן

איבערגעגעבענע קעמפער פאַר די אַרבעטער-אינטערעסן. דאָס האָב איך ערשט שפּעטער דערזען, דערווייל אָבער בין איך געווען דעזאָריענטירט צוליב די אוממיטלבאַרע איינדרוקן, וועלכע האָבן מיך, משמעות, פאַרפירט און גורם געווען דאָס אָפּשלעפּן מיט מיין ענדגילטיקן באַשלוס בנוגע דעם אַריינטרעטן אין דער אָרגאַני-זאַציע.

אָבער ס'איז געווען נאָך אַ סיבה פון מיינע וואַקלענישן. אַ סיבה גאָר אַ וויכטיקע: איך האָב זיך צום ענין אַרבעטן אין דער אַרבעטער-באַוועגונג באַצויגן מיט דער פולסטער ערנסטקייט. איך האָב ביי זיך געוווסט, אַז ווי נאָר איך וועל זאָגן: יאָ! — וועל איך זיך שוין בינדן אויף שטענדיק, און אַזעלכע באַשלוסן פאָדערן לענגערע איבערלייגונג און זיי ווערן לייכט נישט אָנגע-נומען.

* * *

אין אַ זייטיק געסל ביי דער ביעלאָפּילער (דעמאָלטיקער הויפּט-גאַס אין בערדיטשעוו) איז געשטאַנען אַ קליין נידעריק הייזל מיט צוויי איינגענג. אויף דער טיר פון פאַראַדנעם איינ-גאַנג איז געווען צוגענעגלט אַ וויזיט-קאַרטע מיט דער אויפשריפט אויף רוסיש: „פּ. קאַיגען, דענטיסט".

דאָ האָבן געוווינט פישל און דאָרע קאַיגען מיט זייער קליין טעכטערל איזאַ. אַלע דריי זענען מיט אַ קורצער צייט צוריקגע-קומען פון ווייטן און קאַלטן סיביר. צוזאַמען מיט דער וויזיט-קאַרטע האָט די קליינער איזאַ צוגעגעבן דער וווינונג דעם אָנ-זען פון אַ כּשרער בירגערלעכער פאַמיליען-נעסט. דאָס איז באמת זייער נויטיק געווען דעם ח' „יונה" (פישל), וועלכער האָט גע-האַט, ווי מיר וועלן זען, וואָס צו באַהאַלטן פאַר זייטיקע אויגן.

„יונה" איז ווירקלעך געווען אַ דענטיסט, און אַ זעלטן גו-טער דענטיסט, אָבער זיין אמתער „פאַך" איז געווען — די אַר-בעטער באַוועגונג, דער „בונד", די רעוואָלוציע. ער האָט פּאַקטיש נישט פּראַקטיצירט, סיידן ער פלעגט אַמאָל צו הילף-קומען אַ נאָענטן פריינט. אויב מען האָט אפילו אַמאָל געזען אַרויסגיין פון זיין דירה עמעצן מיט אַן אַרומגעבונדענער באַק, איז דאָס דאָך

מערסטנטייל נישט געווען קיין פּאַציענט, נאָר פּשוט — אַ טוער פון דער אָרטיקער בונדישער אָרגאַניזאַציע אָדער פון אַן אַנדע־רער שטאָט, וואָס איז געקומען צו אים, כּדי צו דערליידיקן פאַר־שידענע אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים.

פישל קאַיגען („יונה", „יאַנאָוו") האָט געשטאַמט, ווי זיין פרוי דאָראַ, פון אַלט־קאָנסטאַנטין (וואָלין). ער האָט באַקומען אַ חסידישע דערציִונג. צו 15 יאָר איז ער געוואָרן אַ משכּיל, גאָר גיך איז ער אַריבער צו טאָלסטאָאיזם און פון אים צו „נאַראָד־נאַיאַ וואָליאַ". אַ ייִנגל פון אַ יאָר 18 קומט ער קיין אָדעס, דאָרט טרעט ער צוערשט אַריין אין דער אָרגאַניזאַציע פון „אַלטע נאַ־ראָדאָוואָלצעס". אונטערן איינפלוס פון פּלעכאַנאָווס בראָשורן און מאַרקס' „קאַפּיטאַל" ווערט ער סוף 1893 אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט.

ער איז אַזוי איינער פון די ערשטע אָדעסער סאָציאַל־דעמאָקראַטן. סוף 1895 ווערט ער אַרעסטירט אין שייכות מיט די ערשטע ס. ד. שפּראָצונגען אין אָדעס. ער זיצט אָפּ 2 יאָר טורמע, ווערט אַרויסגעשיקט אויף 4 יאָר קיין סיביר, אין יאַקוטער געגנט. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, קומט דאָרע קיין זשיטאָמיר, צום וואָלינער גובערנאַטאָר. איך געדענק זי פון יענעם באַזוך אין זשי־טאָמיר אַ לעבעדיקע, אַ מוטיקע. דאָרע באַקומט אַ דערלויבעניש מיטצופאָרן מיטן מאַן קיין סיביר. דאָרט, אין סיביר, ווערט געבוירן זייער איין און איינציק טעכטערל איזאַ, וואָס האָט פון ערשטן טאָג פון איר לעבן צוזאַמען מיט אירע עלטערן מיטגעמאַכט דעם שווערן דערנער־וועג פון אַ שטענדיק וואַנדערנדיקן רעוואָלוציאָ־נער.

מיר דוכט, אַז נאָך אין סיביר איז ח' קאַיגען געוואָרן אַ בונדיסט. אַלנפאַלס נאָך זיין צוריקקומען פון פאַרשיקונג, אין יאָר 1901, גיט ער זיך אָפּ אין גאַנצן דער בונדישער באַוועגונג. ח' יונה האָט יאָרן לאַנג אומדערמידלעך געאַרבעט אין „בונד", זיי־ענדיק אַ מיטגליד פון צ. ק. און צייטנווייז זיין פאַרטרעטער אויף צווישנפּאַרטייאישע צוזאַמענקונפטן. סוף 1910 איז יונה קראַנק געוואָרן, דורכגעמאַכט עטלעכע שווערע אָפּעראַציעס. קומענדיק אַביסל צו די כּוחות אַרבעט ער ווידער אין דער באַוועגונג. אין 1921

נאָך דער שפּאַלטונג פון „בונד" אין רוסלאַנד, ווען דער קאָמבונד האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, איז יונה פּאַרמעל אַריבער צו די קאָמוניסטן. ער פּאַרט דערנאָך אַר־בעטן אין ראַטן־רוסלאַנד, ווי ער פירט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי־אַרבעט אויפן אוראַל. אין 1923 איז ח׳ פישל קאַיגען געשטאָרבן אין אַ סאַנאַטאָריע אין מעראַן.

* * *

אַזוי ווי מיט דער קאַיגען האָבן מיר זיך נאָך געקאָנט פון אָדעס — בין איך גלייך געוואָרן אַן אָפטער איינגייער ביי די קאַיגענס. ווען אינגיכן איז נאָך צוריקגעקומען — אויך פון סיבי־רער פאַרשיקונג (פיר יאָר) אַ גאָר נאָענטער פריינט פון די קאַי־גענס — מאַיסיי ווינאָקור („מאַקס ליסי"), מיט וועמען מיר האָבן זיך אויך גוט געקאָנט פון אָדעס, איז שוין אין דער קליינינקער דירה פון „דענטיסט" געוואָרן גאָר וואַרעם און היימלעך.

דאָרט ביי די קאַיגענס, ווו איך פלעג זיין כמעט יעדן טאָג, פלעג איך אָפט טרעפן פרעמדע, אומבאַקאַנטע מענטשן, פאַרשי־דענע טיפּן פון דורכרייזנדע, וואָס פלעגן אַזוי גיך פאַרשווונדן ווערן, ווי אומדערוואַרטעט זיי פלעגן זיך באַווייזן. דאָרט, ביי די קאַיגענס, האָב איך דאָס ערשטע מאָל דערהערט געהיימנישפולע נעמען, וואָס האָבן געשמעקט כמעט מיט לעגענדע: אַלעקסאַנדער, וולאַדימיר, דזשאָן, גלעב, „פראַנץ־יאָזעף", נח, מאַרק א"אַ. איך האָב זיי, חוץ מאַרקן (ליבערן), נאָך דאַן נישט געהאַט געקענט. איך פלעג נאָר פון די שמועסן זיך אָריענטירן, אַז — די און די אַרבעטן אין אויסלאַנד, די אַנדערע זענען פאַרשיקט אָדער זיצן אין טורמע אד"גל. און ס׳האָט זיך אַזוי געוואָלט זען די דאָ־זיקע חברים, וואָס זייערע נעמען קלינגען אַזוי אינטערעסאַנט, אַזוי געהיימנישפול!

אין יענער צייט (1901—1902) האָט דער „בונד" אָנגעהויבן אויסשפרייטן זיין איינפלוס אויך אויף דרום־רוסלאַנד. בערדיט־שעוו און זשיטאָמיר זענען געוואָרן פון די ערשטע שטעט אין דעם נייעם ראַיאָן, ווו דער „בונד" האָט אָנגעהויבן בויען אַ

פרישע נעץ פון זיינע אָרגאַניזאַציעס. די געגנט פון דרום-רוסלאַנד איז געווען פאַרנאַכלעסיקט, און עס האָט זיך געפאָדערט אַ שטענדיקע השגחה מצד דעם צ. ק., כדי אַוועקצושטעלן די אַרבעט אויף דער נויטיקער הויך. די ראָל פון אַ פאַרטרעטער פון צ. ק. פון „בונד" איז אָנפאַרטרויט געוואָרן דעם ח' פישל קאַיגען.

דאָס איז געווען אַ זעלטן פיינער און סימפּאַטישער מענטש, אַן איבערגעגעבענער און אומדערמידלעכער רעוואָלוציאָנערער טוער.

די קאָנספּיראַציע איז דאַן געווען זייער שטאַרק. מ'האָט געזען און געהערט, אָבער פרעגן האָט מען נישט געטאָרט. האָב איך געגוי נישט געוווּסט, וואָס פאַרא פונקציע „יונה" דערפילט. איך האָב מיך נאָר אָנגעשטויסן, אַז „יונה" איז אַ צענטראַלע פיגור אין דער באַוועגונג.

„יונה" איז שפּעטער געוואָרן זייער פּאָפּולער אין דער בונדישער אַרבעטער-באַוועגונג, און איז לאַנגע יאָרן געווען איינער פון די אַקטיווסטע מיטגלידער פון צ. ק. פון „בונד".

דאָרע האָט אויך געהאַט געוויסע אַרבעט. זי האָט געהאַט פאַרבינדונגען מיט דער „טעכניק", מיטן אַרכיוו און אַ געוויסע צייט — מיט דער געהיימער בונדישער דרוקעריי אין בערדיטשעוו.

מאַיסיי ווינאָקור איז נאָך געווען ווי אויף אורלויב. ער האָט גאָרנישט געטון אין דער באַוועגונג, ער האָט זיך נאָך ווי אָפּגעַרוט פון דער סיבירער רייזע, שטודירט און אָבסערווירט דאָס נייע אויפגעוואַכטע לעבן פון דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. אין אַ פּאָר חדשים אַרום איז ער אַריין אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע, געוואָרן אַ מיטגליד אין דעם בערדיטשעווער קאָמיטעט פון „בונד". אין 1903 איז ער פון בערדיטשעוו געווילט געוואָרן אויפן 5טן צוזאַמענפאָר פון „בונד". נאָכן צוזאַמענפאָר איז ער שוין פאַרבליבן אין אויסלאַנד, און איז געוואָרן אַ מיטגליד אין אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד", וואָס האָט געשפּילט אַ געוואַלדיקע ראָל אין דער בונדישער באַוועגונג.

פישל קאַיגען און מאַיסיי ווינאָקור לעבן שוין מער נישט. אַ שאָד! אַזעלכע מענטשן טרעפט מען נישט אַזוי אָפט אין לעבן.

* * *

אין דער געזעלשאַפט פון אַזעלכע מענטשן, אין אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די יינגע טוער פון דער אָרטיקער באַוועגונג, וואָס איז, אגב, אַלץ געגאַנגען באַרג־אַרויף, איז אַלץ מער רייף געוואָרן מיין באַציִונג צו דער אַרבעט. איך האָב אָבער נאָך אַלץ נישט געקאָנט זיך אָנטשליסן צו ווערן אַן אַקטיווער טוער. די לייענער געדענקען דאָך נאָך געוויס די סיבות פון מיינע ספקות.

אָבער פלוצים איז געשען אַ פאַקט, וואָס האָט מאָמענטאַל געמאַכט אַ סוף צו מיינע גריבלענישן און וואַקלענישן. דאָס זענען געווען די געשעענישן אין ווילנע — די שענדלעכע שמיץ־עקזעקוציע איבער די ווילנער בונדישע דעמאָנסטראַנטן פון 1־טן מאַי 1902 און דער נקמה־אַקט, דער שאָס פון פשוטן שוסטער הירש לעקערט אין דעם ווילנער גובערנאַטאָר פאָן וואַל.

ס'איז שווער איבערצוגעבן די געפילן, וואָס האָבן מיך דאַן באַהערשט, טראַכטנדיק וועגן ווילנע און ליידנדיק מיט ווילנע. איינס געדענק איך: איך האָב מיך געשעמט פאַר מיין אייגן געוויסן, וואָס בעת אַזעלכע געשעענישן, שטיי איך אין אַ זייט, וואָס בעת אַנדערע דראָט דער געפאַר שוין נישט נאָר פון טורמעס און פאַרשיקונג, נאָר פון דער שרעקלעכסטער דערנידעריקונג, פילאָזאָפיר איך און מאַך פאַרגלייכונגען פון די אַמאָליקע „נאַראָדנאָוואָלצעס" מיט די היינטיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

איך האָב ענדגילטיק באַשלאָסן תּיכף אָנצוהויבן אַקטיוו צו אַרבעטן אין דער אָרגאַניזאַציע, און וועגן מיין באַשלוס האָב איך מיטגעטיילט „לעאָנען", פאַרשטייט זיך - אויך מיינע נאָענטסטע פריינט.

מאָיסיי ווינאָקור, ביי וועלכן איך האָב גראָד די נאַכט גענעכטיקט — און אפשר האָב איך עקסטרא ביי אים גענעכטיקט, כדי זיך צו טיילן מיט מיינע איבערלעבענישן? — האָט אויף מיר אַ קוק געטון מיט אַ צופרידענעם שמייכעלע און האַרציק געדריקט מיין האַנט.

אין יענעם טאָג האָט זיך פאַרענדיקט דער פעריאָד פון מיין „מיטקרעכצן" מיט דער רעוואָלוציע — אַ פעריאָד, וואָס האָט

זיך אָנגעהויבן אין פריעסטע יאָרן, מיט אַ יאָר אַכט צוריק, ד״ה אין דער צייט פון מיין באַקאַנטשאַפט מיט אוליען, אין דער צייט פון לייענען מיין גורל־בוך: „פראָצעס פון ערשטן מערץ 1881״. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן פאַר מיר אַ נייַ לעבן.

דער קאַלענדאַר האָט געוויזן: מאַי 1902.

13

דוד ליפּיעץ („מאַקס חרפּה״) און זיין שוועסטער פאַניע. – מיין ערשט קרייזל. – מיר פאַרשפּרייטן די ערשטע פּראָקלאַמאַציע.

אין בערדיטשעוו איז געווען אַ רייכער סוחר ליפּיעץ. האָט זיך, נעבעך, אין זיין שטוב אַריינגעכאַפּט די „סטרוצקע״, און אַרויס־געריסן צוויי קינדער ליפּיעצעס: דוד און פאַניע: זיי זענען ביידע אַוועק צום „בונד״. ביידע זענען זיי דאַן געווען זייער יונג, פול מיט לעבן און ענערגיע און געטון בשלימות אַלע אַרבעטן, וואָס די אָרגאַניזאַציע האָט געהייסן.

דוד ליפּיעץ איז געווען אַ פּעיִקער יינגל. אמת, ווייניק איבערגעלייגט, צופיל איינגעגלויבט אין זיך. נישט זעלטן חוצפּה־דיק, אָבער זיינע מעלות האָבן אים געמאַכט פאַר אַ זייער נוצלעכן טוער אין דער באַוועגונג, באַזונדער ווען ער האָט זיך גאָר אין גיכן אויסגעאַרבעט אַלס גלענצנדיקער מאַסן־רעדנער, ווי דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אין די יאַנואַר־טעג 1905 און שפּעטער.

פון דוד ליפּיעץ איז געוואָרן „מאַקס״, „ד״ר גאָלדפאַרב״ און „מאַקס חרפּה״ (צוליב זיין לאַנגער נאָז – „אַ נאָז אַ חרפּה!״) – אונטער די דאָזיקע נעמען איז ער פּאָפּולער געוואָרן אין גאַנצן ראַיאָן פון „בונד״.

אין די יאָרן פון דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש האָט ליפּיעץ, ווי אויך זיין שוועסטער פאַניע נירענבערג, געשפּילט גאָר אַ גרויסע ראָלע, אַרבעטנדיק אין דער רויטער אַרמיי.

ער איז דאַן באַקאַנט געוואָרן אונטערן נאָמען פּיעטראָווסקי.

איז אַט דער ליפּיעץ (דאַן — אין די טעג פון הירש לע־קערט — נאָך גאָר אַ יינגער בחור) האָט מיך צונויפגעפירט מיטן פאַרשטייער פון דעם קרייז, וואָס איז געווען פאַר מיר באַשטימט דורך דער אָרגאַניזאַציע. די באַגעגעניש איז געווען, פאַרשטייט זיך, לויט אַלע כללים פון קאָנספּיראַציע. מיר האָבן מיטן קרייז־פאָר־שטייער אָפּגערעדט, ווען און ווו זיך צו טרעפן, כדי איבערצו־נעמען דעם קרייז.

איך האָב זיך אָנגעהויבן צו גרייטן צו דער ערשטער לעקציע, וואָס האָט געדאַרפט זיין וועגן מערוווערט.

איך געדענק, אַז נאָך אַלע צוגרייטונגען, האָב איך די לעקציע קאָנספּעקטירט לויט דעם פּאָפּולערן ביכל פון דיקשטיין „פון וואָס איינער לעבט".

מיט אומגעדולד האָב איך געוואַרט אויפן באַשטימטן טאָג. ענד־לעך איז ער געקומען. איך בין געגאַנגען געבן די לעקציע מיין ערשטן קרייז: שוין נישט די אַדעסער צוויי שניידערקעס, וואָס האָבן געגעבעצט איבער מיינע לעקציעס פון רוסישער גראַמאַטיק, נאָר אַן אמתער קרייז — פון אַרבעטער, מעכאַנישע שוסטער, און דערצו אויף אַזאַ טעמע ווי — „מערוווערט", ווו מ'קאָן פּאָפּולאַריזירן קאַרל מאַרקס' תורה.

דער קרייז איז פאָרגעקומען אין איינער פון די אָרעמסטע דירות אויף די באַרימטע בערדיטשעווער „פּיסקעס". אַריין בין איך אויפן קרייז באַהערשט פון פאַרשידענע געפילן. קודם כל פון שמחה, וואָס איך בין ענדלעך פירער פון אַ קרייז, פון דער צוויי־טער זייט אָבער פון אַ מורא — טאָמער וועלן מיך מיינע תלמידים נישט גוט פאַרשטיין, טאָמער וועל איך האָבן ביי זיי אַ דורכ־פאַל. דאָס איז דאָך געווען מיין ערשטער קרייז!

די בערדיטשעווער אַרבעטער בכלל זענען, אין פאַרגלייך מיט די אַרבעטער פון ווילנע, מינסק אד״גל. געשטאַנען אויף אַ נידריקער שטופע פון אינטעליגענץ און אַנטוויקלונג, בפרט נאָך אַזאַ חברה ווי מעכאַנישע שוסטער.

אַ גרויסער טייל פון מיינע קרייז־מענטשן איז פּשוט גע־ווען אַנאַלפאַבעטן. איך האָב אָנגעשטרענגט אַלע מיינע כוחות צו מאַכן דעם באַהאַנדלטן מאַטעריאַל וואָס פּשוטער, וואָס קלע־

רער, וואָס נענטער צו זייער טאָג־טעגלעכן לעבן, און ענדלעך האָב איך באַמערקט ביי אַ טייל צוהערער מיינע אַ לעבעדיק פייערל אין די אויגן, וואָס האָט עדות געזאָגט, דאָס זיי האָבן פאַרשטאַנען די לעקציע, דאָס זיי זענען צופרידן.

איך האָב געענדיקט. די קאַלטקייט, וואָס האָט געהערשט בעת מיין אַריינקומען אין שטיבעלע איז צערונען געוואָרן. מיר האָבן זיך געזעגנט היימיש, ווי מענטשן, וואָס האָבן געמיינזאַמע אינטערעסן, און אָפגערעדט, ווען מיר האָבן דעם נאָענטסטן קרייז.

שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מיין עולם איז געבליבן צופרידן מיט מיין לעקציע, פאַרשטייט זיך, דאָס האָט מיך זייער געפרייט.

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און מ'האָט מיר אָנפאַרטרויט נאָך אַ קרייז — אַרבעטער־מיידלעך. מיט אָט דעם קרייז, אויף וועלכן איך האָב געלייענט וועגן דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָט מיך צונויפגעפירט די שוין דערמאָנטע פראַניע גרעבעלסקאַ, וועלכע פלעגט גאַנץ אָפט אויך בלייבן אויפן קרייז אַלס צוהערערין (פראַניע האָט געהאַט אַ גרויסן דורשט נאָך וויסנשאַפט, די שטענדיקע אַרבעט אין דער באַוועגונג האָט אָבער איר גערויבט די מעגלעכקייט צו פּראָגרעסירן אין אַנטוויקלונג. זי פלעגט זיך שטענדיק אויף דעם קלאָגן).

איך האָב זיך אַלץ מער אַריינגעצויגן אין דער באַוועגונג, איבערנעמענדיק פאַרשידענע אַרבעטן. אינגיכן האָט מען מיר אַריינגענומען אין אַ „סכאָדקע" (ראַט פון אַ גרופּע), אויך אין דער „דיסקוסיע" — אַ שטענדיקער קרייז מענטשן, פירער פון פאַכן, גרופּן ווו ס'פלעגן דיסקוטירט ווערן פאַרשידענע פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן. אין אייניקע חדשים אַרום האָב איך זוכה געווען אָנצוקומען אין „צענטר" — אַ קערפּערשאַפט, וואָס איז געשטאַנען צווישן דעם געהיימנישפולן קאָמיטעט און די „סכאָדקעס", וואָס האָט פאָרמעל געהאַט בלויז באַראַטונגס־רעכט, וואָס האָט אָבער פאַקיש (אָנבאַלאַנגט פון פערזענלעכן צוזאַמענשטעל) געהאַט די גרעסטע באַדייטונג אין דער אָרגאַניזאַציע.

ענדע זומער 1902 איז מיר אויסגעקומען צום ערשטן מאָל

צו פאַרשפּרייטן אַ בלעטל אין די גאַסן. אויב איך האָב נישט קיין טעות, איז דאָס געווען דאָס ערשטע בלעטל מיט דער אונ־טערשריפט פון בערדיטשעווער קאָמיטעט פון „בונד", און זיין הויפּט־אינהאַלט איז געווען די פּראָקלאַמירונג פון דער עקזיס־טענץ פון דעם נייעם קאָמיטעט פון „בונד".

דאָס פּעקל בלעטלעך האָט מען געבראַכט צו מיר אין וווי־נונג (איך האָב אָפּגעדונגען אַ גאַנץ באַזונדערן צימער אויף דער ביעלאָפּילער גאַס). איך און נאָך אַ חבר האָבן אַ גאַנצן טאָג געפּאַלצט (צוזאַמענגעלייגט) איינצלנע פּראָקלאַמאַציעס אין פירן, געמאַכט פּעקלעך לויט ראַיאָנען פון דער שטאָט. אין אָוונט האָט מען אָנגעהויבן די „מצות" (אַזוי פלעגט מען אַמאָל רופן פּראָ־קלאַמאַציעס אויף קאָנספּיראַטיוון לשון) פאַרשפּרייטן איבער די הויפן, הייזער פון שטאָט.

מיר איז אויסגעקומען צו גיין צוזאַמען (בכלל איז מען גע־גאַנגען פאַרלעכוויז ביים פאַרשפּרייטן „מצות") מיט „אַלטער דעם קליינעם" — אַ גרויסן קאָנספּיראַטאָר און ספּעציאַליסט אין פאַרשפּרייטן „מצות". מיר האָבן געשטופּט די בלעטלעך אונטער די טירן, אונטער די לאָדנס, אויף טרעפּ, אין קעלערס. מיר האָבן גלענצנד באַאַרבעט אונזער ראַיאָן, און בשלום געקומען אַהיים. ווי בכלל דער גאַנצער אַפּאַראַט פאַרשפּרייטער פון בלעטל (עט־לעכע צענדליק מענטשן).

דאָס בלעטל האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם אין שטאָט. דאָס שטיקל אַרבעט, צו וועלכן בערדיטשעוו איז נישט געווען צוגעוווינט, האָט שטאַרק געהויבן דעם אָנזען פון דער אָרגאַני־זאַציע — פון דער „סטרוצקע".

פּאָליציי האָט גענישטערט, געזוכט די „פאַרברעכער". נישט געפינענדיק אָבער קיין שום פּאָדעם צום קאָמיטעט, האָט די פּאָליציי זיך אַ נעם געטון צו די „פּאָדנאַזאָרניקעס" ווי סאַ־שע האָרוויץ, דוד בראָדסקין א״א (וואָס זענען, ווי מיר ווייסן, געווען פולשטענדיק אומשולדיק סיי ביים אַרויסגעבן, סיי ביים פאַרשפּרייטן דאָס בלעטל) און דורכגעפירט ביי זיי שטרענגע רעוויזיעס.

14

מאַיסיי ווינאָקור און „אַלטער דער הויכער". — „בונד" און די אַרבעט צווישן קריסטלעכן פּראָלעטאַריאַט. — מיינע פריינט פּאַוועל און מאַלין. — אין שטעטעלע ראָמאַנאָוו.

איינמאָל איז אין מיין צימערל פאָרגעקומען אַ צוזאַמענטרעף צווישן מאַיסיי ווינאָקור און „אַלטער דעם הויכן". איך בין פון שטוב אַוועקגעגאַנגען און געלאָזן זיי אויג אויף אויג.

ווי מיר איז באַקאַנט, איז די טעמע פון שמועס צווישן מאַיסייען און אַלטערן געווען — דאָס אַריינטרעטן פון מאַיסייען אין דער אָרגאַניזאַציע, ווייל מאַיסיי איז — נאָך זיין צוריקקערן פון סיביר — געשטאַנען אין דער זייט פון דער באַוועגונג.

צוריקקומענדיק אין מיין צימער, האָב איך שוין געטראָפן מאַיסייען אָן אַלטערן.

— ווי געפעלט אייך אַלטער? האָב איך אַ פרעג געטון מאַיסייען.

מאַיסיי האָט, ווי געוויינלעך, געטון אַ שמייכעלע און מיר געזאָגט מיט אַ געלעכטערל:

— יאָ, ער קען גוט „דאָס סידורל". — דאָס האָט באַדאַרפט הייסן, אַז אַלטער איז אַ גוטער, באַוווסטזיניקער סאָציאַל־דעמאָקראַט, וואָס קאָן גוט דאָס „ערפורטער פּראָגראַם", דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" אד"גל.

מיך האָט זייער געפרייט די קוואַליפיקאַציע, וואָס מאַיסיי האָט אַרויסגעגעבן אַלטערן, ווייל איך האָב זייער און זייער גע־

האלטן פון אלטערן, וואס איז באמת געווען א ביז גאר אינטע־ליגענטער ארבעטער, א מענטש מיט א זעלבסטשטענדיקער מיי־נונג, דערצו — א געניטער און געאכטעטער ארבעטער־טוער.

באלד נאך דעם צוזאמענטרעף מאיסיי־אלטער, האט מאיסיי אנגעהויבן קומען אויף די זיצונגען פון „צענטר". דער צוזאמענ־טרעף מיט אלטערן האט, הייסט עס, געגעבן פאזיטיווע רעזול־טאטן.

דער צוזאמענשטעל פון „צענטר" איז אין יענער צייט גע־ווען פאלגנדיקער: ביידע אלטערס, לעאן, דוד שלאסבערג, מאי־סיי ווינאקור, פראניע גרעבעלסקא, „יאנקל דער שניידער", „אב־ראם הענטשקעמאכער", „וולאדימיר" און איך. דאכט זיך, אויך בענצל בעקער, א באוווסטזיניקער ארבעטער (איצט אין פאלעס־טינע, אין תל־אביב, א בעקער). א געוויסע צייט „זיידל", א שוסטער, א״אנד.

יאנקל שניידער איז געווען אן ארטיקער ארבעטער, א גאנץ אנטוויקלטער, האט זיך ארויסגערוקט פון דער מאסע אין גאנג פון די ערשטע בונדישע אקציעס אין בערדיטשעוו. ער איז אבער קיין סך צייט נישט געשטאנען אויף זיין פאסטן, ער איז נאך אין 1903 יאר אוועק קיין פאריז — „זיך בילדן". מער האב איך אים שוין נישט געזען.

„אבראם הענטשקע־מאכער" איז געווען אן אלטער בונדי־שער טוער, געקומען, דאכט זיך, פון ווילנע. א מענטש א זייער ערנסטער, א קאלטער, און אפשר האבן אים קאלט געמאכט... זיינע ברילן מיט שווארצע גלעזער. געארבעט האט ער אין א ווארשטאט ביי שלום־עליכמס ברודער ראבינאוויטש, וואס האט געהאט זיין ווארשטאט און געשעפט אויף ביעלאפילער גאס אין פראנט. דארט, ביים נידעריקן פענצטער, פלעגט זיך זיצן ביי זיין מאשין אבראם און שטעפן הענטשקעס. איך פלעג דארט אפט פארבייגיין, מיר האבן זיך געזען איינער דעם צווייטן, אבער קיינמאל זיך נישט געגריסט. אבראם האט געהאט די באציונגען מיטן „סקלאד" (ד״ה מיט דער באהעלטעניש פון ליטעראטור, ארכיוו אד״גל).

ווו ער איז איצט, ווייס איך נישט. דערפאַר ווייס איך, אַז זיין גצוועזענער באַלעבאָס, ראַבינאָוויטש, איצט אַ זקן, איז נאָך אין בערדיטשעוו. פון זיין בריוו צו מיין פאָטער, (זיי זענען אַמאָל אין בערדיטשעוו געווען ידידים), געשריבן אין יאָר 1936, ווייס איך, אַז ער איז איצט אַ פאַרוואַלטער פון אַ קאָאָפּעראַטיוון ווינ־רשטאַט אויסצואַרבעטן העגטשקעס. דאָס איז דער זעלבער ראַבינאָוויטש, וועמענס אינטערעסאַנטע זכרונות וועגן זיין גרויסן ברודער, שלום־עליכמען, זענען מיט אַ צייט צוריק געווען איבערגעדרוקט אין דער „פאָלקס־צייטונג".

„וולאַדימיר" איז געווען אַ זייער אינטעליגענטער אַרבע־טער (דאַכט זיך אַ מאַלער), געשטאַמט פון דרום־רוסלאַנד, גוט גערעדט רוסיש, האָט ער אָנגעפירט — צוזאַמען מיט נאָך צוויי בונדיסטן — מיט דער אַרבעט צווישן די רוסישע אַרבעטער.

כאַראַקטעריסטיש איז, אַז אין גאַנצן „צענטר" זענען דאַן נישט געווען קיין פּראָפעסיאָנאַלן. אַלע טוער האָבן זיך אויסגע־האַלטן פון זייער פאַך־אַרבעט.

די רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז אין יע־נער צייט געווען כמעט אַ פיקציע. אין לאַנד גופא איז נישט געווען קיין שום צענטראַלער אַפּאַראַט, און בלויז אין אויסלאַנד איז געזעסן אַ ליטעראַרישע גרופּע, וואָס האָט מיט איר צייט־שריפט געוואָלט. כאָטש אין געוויסע הינזיכטן, פאַרטרעטן אַ צענטר. די צייטשריפט איז געווען די באַרימטע „איסקראַ", איר רעדאַק־ציע — די קאָריפייען פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע: פּלעכאַנאָוו, לענין, מאַרטאָוו, אַקסעלראָד, וויערא זאַסוליטש.

סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּן, קרייזן, אָרגאַניזאַציעס זענען געווען צעוואָרפן אין פאַרשידענע שטעט, דערהויפּט — אין גרע־סערע, אָבער פאַקטיש זענען זיי נישט געווען פאַראייניקט, נישט פאַרבונדן. אין דער זעלבער צייט איז דער „בונד" שוין געווען אַ שטאַרקע מאַסן־אָרגאַניזאַציע, מיט אַ פעסטן צענטראַלן אַפּאַראַט מיט אַ צענטראַלן פּאַרטיי־אָרגאַן („אַרבעטער־שטימע") אאַ"וו.

און דעם „בונד" איז אויסגעקומען — נישט אין איין פּונקט

אין ראיאָן פון זיין טעטיקייט — צו אָרגאַניזירן, לויט זיינע מעג־לעכקייטן, אויך דעם נישט־יידישן פּראָלעטאַריאַט.

דאָס זעלבע איז געשען אויך אין בערדיטשעוו, ווו ס'איז אַגב געווען אַ באַדייטנדיקע צאָל קריסטלעכע אַרבעטער — אין די גרעסערע אונטערנעמונגען: פּלאַכעצקיס שטאָל־גיסעריי מיט אַ 500 אַרבעטער, שלענקערס גאַרבערייען א״אַ.

דער דערמאָנטער וולאַדימיר האָט אָנגעקניפּט באַציִונגען מיט אַ פּאָר באַוווסטזיניקע קריסטלעכע אַרבעטער פון פּלאַכעצ־קיס און שלענקערס זאַוואָדן און געשאַפן אַן אָרגאַניזאַציע, וועל־כע האָט באַקומען אַ גאַנץ באַשיידענעם נאָמען: „בערדיטשעווער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּע״.

צוהילף וולאַדימירן האָט דער בערדיטשעווער קאָמיטעט פון „בונד״ צוגעטיילט צוויי טרייע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, צוויי גוטע חברים — סטודענט מאַלין און „פּאַוועל״ (פלייש֞ער).

מאַלין, פּאַוועל און איך זענען געווען שטאַרק צוגעבונדן איינער צום אַנדערן. מיר זענען געווען איין בינטל נאָענטע פריינט־צוזאַמען האָבן מיר געבילדעט עפּעס אַ מין דריילינג — נישט צו צעשיידן.

פּאַוועל מיט מאַלינען האָבן געוווינט צוזאַמען, איך—באַזונ־דער אין אַ קליינטשיק צימערל. נישט זעלטן — קעגן אַלע כּללים פון קאָנספּיראַציע — פלעג איך בלייבן נעכטיקן ביי זיי אין צי־מער.

בכלל האָבן מיר נישט שטענדיק אָפּגעהיט די כּללים פון קאָנספּיראַציע — אויף וויפל דאָס האָט געהאַט אַ שייכות צו אונז גופא. מיר זענען געווען יונג, דרייסט און געקראָכן גלייך אין פייער אַריין. איך דערמאָן זיך אַזאַ מין פאַקט: אין 1903, אַ פּאָר חדשים נאָכן קישיניעווער פּאָגראָם, איז אין אַ שטעטעלע ראָמאַנאָוו אין וואָלין געווען אַ פּאָגראָם־שטימונג. מ'האָט וועגן דעם געמאָלדן אין בערדיטשעוו. האָבן מיר דריי גלייך באַשלאָסן צו פאָרן קיין ראָמאַנאָוו. מיר האָבן זיך באַזאָרגט מיט רעוואָל־ווערן און דעם זעלבן טאָג זענען מיר אַלע דריי צוזאַמען אַוועק־געפאָרן אין שטעטל.

אין שטעטל איז געווען אַ יאַריד. מאַסן פּויערים אויפֿן מאַרק. ס'איז געווען אַ פּאַניק־שטימונג, און מיר — פרעמדע, וואָס האָבן זיך בפּירוש געוואָרפן אין די אויגן אַריין מיט אונזער אויסזען און הולך—מיר האָבן אַרומגעשפּאַצירט מיט די רעוואָלווערן אין די טאַשן איבערן פּלאַץ פון יאַריד און זיך צוגעהערט און צוגעקוקט צו די פּויערים.

דער טאָג איז אַראָפּ בשלום, און צוריק זענען מיר ווידער געפאָרן צוזאַמען. ס'האָט אָפּגעגליקט. אָבער סוף־כּל־סוף זענען מיר אַלע דריי אַריינגעפאַלן אין תּפיסה, און געהאַט איין ספּראַווע — וועגן דער בערדיטשעווער ס. ד. גרופּע. הגם איך האָב צו דער דאָזיקער גרופּע קיין שייכות נישט געהאַט. נאָר וועגן דעם — ווייטער.

15

איך פּאָר אויף „תנאים" קיין זשיטאָמיר. — די אומלעגאַלע פאַרזאַמלונג אין חתונה־זאַל. — די נאַכט־מאַניפעסטאַציע אין בערדיטשעוו.

די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין בערדיטשעוו און זשיטאָמיר זענען שטענדיק געשטאַנען אין אַן ענגערן קאָנטאַקט. ביידע קאָמיטעטן פלעגן אפילו אַמאָל אַרויסלאָזן אַ געמיינזאַמע פּראָקלאַמאַציע.

אין זשיטאָמיר האָט געאַרבעט דער סטודענט פון קיעווער אוניווערזיטעט האָפּניק, אַ ביז גאָר סימפּאַטישער און פעיִקער יינגערמאַן. אַ געוויסע צייט — אויך באָריס פרומקין („אַלעקסאַנדער"). באָריס פרומקין איז געווען דער טעאָרעטיקער, דער פּראַקטישער טוער איז געווען „מיראָן" — אורטשיק, דאַכט זיך, אַ בערשטער, אַ געלאָפענער פון סיביר.

צווישן דער יוגנט האָט זיך אין זשיטאָמיר אויסגעטיילט אַ גימנאַזיסט ישראל נירענבערג (טוטיק), א זון פון אַ בערדיטשעווער רייכן סוחר (אויך ביי דעם אייזן־סוחר נירענבערג, פּונקט ווי ביים מאַנופאַקטוריסט ליפּיעץ און אַנדערע, האָט די „סטרוצקע" אַרויסגעשלעפּט קינדער).

טוטיק האָט מיט איבעררייסן געאַרבעט עטלעכע יאָר אין „בונד". אין די פאַרמלחמה־יאָרן האָט ער מיט זיין פרוי, פאַניע ליפּיעץ, זיך באַזעצט אין לאָדזש, ווו ער איז פּאָפּולער געווען אַלס לערער אין אייניקע גימנאַזיעס.

אין יענער צייט אין זשיטאָמיר, איז טוטיק געווען נאָך אַ

יינג גימנאַזיסטל. און האָט, צוו. אַנד., מיטגעהאָלפן צו אָרגאַניזירן אַ דרייסטע אונטערנעמונג: אַ גרויסע אומלעגאַלע פאַרזאַמלונג אין צענטער פון זשיטאָמיר.

פון בערדיטשעוו קיין זשיטאָמיר איז געווען אַ רייזע פון אַ שעה דריי מיט דער קליינבאַן. זענען מיר אַ חברה פון בערדיטשעוו געפאָרן זיך באַטייליקן אין דער זשיטאָמירער אונטערנעמונג.

אונטער דעם אויסרייד פון אַ תנאים, האָבן חברה געדונגען אַ חתונה־זאַל פונקט אין צענטער פון שטאָט. אין טאָג פון די תנאים, אין אָוונט, האָבן זיך אין זאַל אָנגעהויבן קלייבן מחותנים. חתן־כלה האָט מען אַוועקגעזעצט ביים טיש, גאָר אויבן־אָן.

אַלע מאָל האָט זיך געעפנט די טיר, און אַלץ נייע און נייע גרופעס מחותנים זענען אַריין אין דעם העל־באַלויכטענעם זאַל. ס'האָט זיך אָנגעהויבן וואַרפן אין די אויגן אַריין, אַז מ'זעט כמעט נישט קיין עלטערע מחותנים, אַז די געסט באַגריסן זיך אפילו נישט מיט חתן־כלה (דער גרעסטער טייל „געסט" האָט זיי פשוט נישט געקענט).

די באַלעבאַטים פון זאַל האָבן זיך אָנגעהויבן נאָכפרעגן אויף טאַטע־מאַמע, אויף די זיידעס, באָבעס פון די חתן־כלה, אויף כלי־קודש, מ'האָט געזען באַשיינפערלעך, אַז די יידן זענען זייער פאַרחידושט, אויב נישט באַאומרויִקט, צוליב די מאָדנע תנאים.

מ'האָט זיי פאַררעדט די ציין, דערציילט פאַרשידענע תירוצים און גלייכצייטיק שטאַרק זיי געהאַלטן אויפן אויג.

ווען דער זאַל איז געוואָרן פול, האָט זיך פלוצלונג אויף אַ באַנק אויפגעהויבן אַן עלטערער מענטש מיט אַ בלאַסן, כמעט געל־וואַקסענעם פנים און האָט אָנגעהויבן רעדן צום עולם. דער רעדנער איז געווען — „מיראָן", וועמענס שטענדיק בלאַס פנים, אַרומגערינגלט מיט טונקעלע האָר, האָט עדות געזאָגט וועגן אַ לעבן פון תפיסות, אין וועלכע ער האָט פאַרבראַכט פיל יאָרן אָן לופט, אָן זון.

מ'קאָן זיך פאָרשטעלן ווי איבערראַשט און דערשראָקן ס'זענען געוואָרן די יידן — די באַלעבאַטים פון זאַל. זייער ערשטע

באוועגונג איז געווען — לויפן צו דער טיר, אָבער דאָרטן איז שוין געשטאַנען אַ שטאַרקע שמירה.

מ׳האָט די באַלעבאַטים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן, גע־געבן זיי צו פאַרשטיין, אַז זיי וועט שוין גאָרנישט העלפן, זאָלן זיי זיך בעסער באַרויִקן און נישט שטערן די פאַרזאַמלונג.

ווען דער לעצטער רעדנער האָט געענדיקט, האָט זיך דער גרויסער, אַ פינפהונדערטקעפּיקער, עולם אַ לאָז געטון אין גאַס. מ׳איז געווען באַגייסטערט פון די רעדעס, פון דעם פאַקט אַליין, וואָס אַזאַ גרויסע אומלעגאַלע פאַרזאַמלונג איז בשלום אַראָפּ אונ־טער דער נאָז פון דער פּאָליציי, — און ס׳איז פּלוצלונג סטיכיש פאַרמירט געוואָרן אַ מאַניפעסטאַציע. מ׳האָט אָנגעהויבן מאַרשירן מיטן געזאַנג: „אויף די באַריקאַדן״ און אַנדערע רעוואָלוציאָנערע לידער. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און די לופט איז פאַרהילכט געוואָרן פון אַ פייפערײַ פון פּאָליציאַנטן. דער אַלאַרם איז שוין אָבער געווען אַ פאַרשפּעטיקטער. די פּאָר פּאָליציאַנטן האָבן זיך קיין עצה נישט געקענט געבן מיט אַזאַ גרויסן עולם, און ביז וואַנען ס׳זענען אָנגעלאָפן נאָך פּאָליציאַנטן, האָט זיך דער עולם צעשיט אין אַלע זייטיקע געסלעך.

פּאָליציי איז אַוועק אין זאַל און געפאָדערט, מ׳זאָל איר זאָגן, ווער ס׳האָט געדונגען דעם זאַל, ווער ס׳זענען די חתן־כּלה, אָבער קיין שום פעדעם האָט זי נישט געקענט געפינען.

* *
*

אַן ענלעכע „שמחה״, אין אַ קלענערן מאַסשטאַב, איז דעם זעלבן ווינטער פאָרגעקומען אויך אין בערדיטשעוו. די שמחה — די תּנאים זענען פאָרגעקומען אין אַ ווײַטער גאַס אין דעם טייל שטאָט, וואָס האָט געהייסן „אונטער דער גרעבלע״, פון יענער זייט „גנילאָפּיאַטקע״. צוריק איז מען געגאַנגען שפּעט אין אָוונט, אויסגעשטעלט אין רייען מיטן געזאַנג פון רעוואָלוציאָנערע לי־דער. ס׳האָט בלויז געפעלט אַ רויטע פאָן. נאָענט פון דער בריק האָט זיך באַוויזן אַ פּאָליציאַנט. ער האָט אָנגעהויבן לויפן צו דער ערשטער ריי פון די דעמאָנסטראַנטן — מיט אַ געשריי,

אין וועלכן ס'האָבן זיך אויך געהערט טענער פון שרעק: „גייט אייך פונאַנדער!"

דער פּאָליציאַנט האָט נאָך נישט באַוויזן אַרויסצוכאַפּן זיין פּייפל, איז ער שוין געלעגן אַ צעמזיקטער.

אויך די בערדיטשעווער פּאָליציי האָט פּרובירט זוכן די שולדיקע אין דער פאַרזאַמלונג און אין דער נאַכט־מאַניפעסטאַציע, אָבער זי האָט נישט געפונען קיין שפּור.

די סטיכישע מאַניפעסטאַציעס אין זשיטאָמיר און בערדיטשעוו האָבן באַוויזן, אַז אויך די דאָזיקע יונגע אָרגאַניזאַציעס פון „בונד" זענען שוין אַריבערגעוואַקסן דעם פּעריאָד פון ריינע עקאָנאָמישע קאַמפן, אַז ס'הייבט שוין אָן געבן רעזולטאַטן די פּאָליטישע אַגיטאַציע פון „בונד", אַז די מאַסע ווערט רייפער צו רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען.

דער אָנזען פון די אָרגאַניזאַציעס האָט זיך שטאַרק געהויבן נישט נאָר אין די אויגן פון דער מאַסע, נאָר אויך אין די אויגן פון דער בירגערלעכער געזעלשאַפט. אין בערדיטשעוו האָט מען בלויז געהאַט טענות צום בונד, פאַרוואָס די „סטרוצקע" איז אַרויס אין גאַס פונקט שפּעט אין אָוונט און אויף אַן אונטערגאַס.

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט, און די „סטרוצקע" האָט זיך באַוויזן אַ צווייט מאָל — מיט אַ רויטער פאָן און טאַקע אין מיטן העלן טאָג, און דוקא אין צענטער פון שטאָט.

16

בערדיטשעוו פייערט דעם 5־יאָריקן יובילײ פון „בונד". — די אַלטע בונדישע „שבועה". — אַ פאַר־זאַמלונג ווינטער אין גאָרטן.

אויף די „פיסקעס" און דער „קאַטשאַניווקע" פלעגן פאַר־קומען אונזערע קרייזלעך, זיצונגען פון די סכאָדקעס (ראַטן), פון צענטער. אימפּראָזעס גרעסערע, אומלעגאַלע פלעגן מערסטנ־טייל איינגעאָרדנט ווערן „אונטער דער גרעבלע". ווייזט אויס, אַז אין אָט דעם ראַיאָן איז לייכטער געווען צו געפינען גרעסע־רע און בעסער פאַרקאָנספּירירטע דירות, ווי, למשל, אַ גרויסן „זאַל" פאַר אַ „תנאים", וועגן וואָס איך האָב שוין דערציילט אין פריערדיקן קאַפּיטל.

סוכּות־צייט 1902 האָט מען אין בערדיטשעוו מיט גרויס פּאַראַד געפייערט דעם 5־יאָריקן יובילײ פון „בונד".

מיר איז אויסגעקומען צום ערשטן מאָל צו זיין אויף אַזאַ פייערונג און זי האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק.

„אונטער דער גרעבלע" — אין אַ פּראָלעטאַריש דירהלע פון 2—3 קליינע צימערלעך, איז זיך צוזאַמענגעקומען אַ 100—120 אַרבעטער און אַרבעטערינס מיט דער סמעטענע פון דער אָרגאַ־ניזאַציע אין דער שפּיץ. ס'איז עקסטראַ אויסגעקליבן געוואָרן שמחת־תּורה אויף דער נאַכט, אַ צייט אַ זיכערע, אַ נאַכט, וואָס איז, כּידוע, באַשטימט פאַר יידישע שמחות, וועגן וואָס ס'האָט זייער גוט געוווסט בערדיטשעווער פּאָליציי, וועלכע האָט אין אַזאַ יום־טוב אַריינגעכאַפּט נישט איין יידישע פּוסה.

דאָס דירהלע איז געווען יומטובדיק באַלויכטן. אין איין צימער איז געווען איינגעאָרדנט אַ „רייכער" בופעט מיט פּראַ־לעטאַרישע מאכלים און מיט קאַלטן ביר צום פּאַרטרינקען, מיט שמעקנדיקע עפּל צום פאַרבייסן.

ביים בופעט איז געשטאַנען אַ קליינער שטאַב חברטעס מיט די פרויען פוןביידע אַלטערס אין דער שפּיץ, עטקע און חנה — ביידע טוערקעס אין דער באַוועגונג, באַזונדער די פרוי פון „אַלטער דעם הויכן" — עטקע.

דער פּראָגראַם איז געווען אַ געמישטער: סיי דאָס, וואָס מיר וואָלטן היינט גערופן „יובילײ־אַקאַדעמיע", סיי אַ באַנקעט.

גערעדט האָבן ביידע אַלטערס, לעאָן און אַבראַם הענטש־קעמאַכער.

נאָך די רעדעס האָבן זיך אַ שאָט געטון אַ שפּאַר ביסל טאָסטן, געמישט מיט קאַמפּס־לידער, וואָס האָבן דאַן אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק.

אַ באַזונדערן רושם האָט אויף מיר געמאַכט די אַלטע בונדישע „שבועה" מיט איר פייערלעכער מוזיק און געהויבענע ווערטער.

דעם איינדרוק האָט נישט געקענט אָפּשוואַכן נישט די טע־אַטראַלישקייט פון איין טייל טעקסט, ווי

„לאָמיר לייגן אויפן הארצן די רעכטע האַנט
און שווערן מיט סאָוועסט (געוויסן) איצט",

אויך נישט די פאַרפלאָנטערטקייט פון אַנדערע ערטער פון טעקסט.

אין מיינע אויערן האָבן נאָך לאַנגע טעג געקלונגען:

איינער פון אונז איז צו שוואַך געוויס,
ווייל צו גיפטיק איז דער קאַפּיטאַל,
ווי פון אַ שלאַנג דער ביס".

און דאַן — די מעכטיקע טענער פון פינאַל:

„די קייטן די שווערע וועלן מיר צערייסן...
דעם יאָך דעם שווערן צוּנטערשמייסן..." אאז"וו.

שיין און הייליק איז געווען דאָס ליד אין יענעם אָוונט אין דעם קליינעם דירהלע, און שיין איז געווען דאָס ארבעטער־פאָלק, וואָס האָט דאָס ליד מיט גלויבן, מיט עקסטאַז געזונגען.

* * *

איך האָב פריער געזאָגט אַז אויף די „פיסקעס״ איז שווער געווען צו געפינען גרעסערע לאָקאַלן, אָבער דערפאַר זענען די „פיסקעס״ „רייך״ געווען אין גערטנער, אין... שטאַלן, וואָס מען האָט געקאָנט אויסנוצן אויף פאַרזאַמלונגען.

די „פיסקעס״, וואָס לויט זייער נאָמען (פעסאָק, פיאַסעק — זאַמד) האָבן זיי באַדאַרפט זיין זאַמדיק, זענען גראָד געווען בלאָטיק און שמוציק, נישט צום באַשרייבן, אָבער ס׳איז געווען צייטן אין יאָר, ווען מ׳האָט געקאָנט דרייסט זיך לאָזן אין די „פיסקעס״ אָן טיפע קאַלאָשן, דאָס איז געווען אין די גרויסע פרעסט; ווען די בלאָטעס פון די „פיסקעס״ פלעגן בלייבן שטיין פאַרפרוירן מיט אַלע קנייטשן, מיט אַלע בערגלעך און גריבלעך, אין וועלכע דער פראָסט האָט זיי פאַרכאַפּט.

געדענק איך אין אַ ווינטערדיקער נאַכט אַ גרויסע פאַרזאַמלונג אונטערן פרייען הימל אין עפּעס אַ גערטנדל אויף די פיסקעס.

די אָרגאַניזאַציע פלעגט איינאָרדענען פאַרזאַמלונגען צום יאָרצייט פון די דעקאַבריסטן, פון דער פאַרטיי „פראָלעטאַריאַט״, פון 1טן מערץ 1881, פון דער פאַריזער קאָמונע אד״גל.

די פאַרזאַמלונג אין גאָרטן איז געווען געווידמעט דעם 1טן מערץ, און איז שיער נישט דורכגעפאַלן צוליבן ערשטן רעדנער.

דער פראָסט איז געווען אַ שטאַרקער, קאַלט איז געווען שרעקלעך, באַזונדערס די חברים, וואָס זענען אָנגעקומען די ערשטע, ווייל צוליב קאָנספּיראַציע האָט מען זיך געזאַמלט אין גאָרטן צו איין פערזאָן, צווי פערזאָן, און ס׳האָט צוגענומען אַ מאָסע צייט ביז אין גאָרטן איז אָנגעקומען עטלעכע הונדערט מענטשן.

ענדלעך, האָט מען באַשלאָסן די פאַרזאַמלונג אָנצוהייבן. אין גאַס האָט מען געלאָזן עטלעכע חברים — פּאַטרולן.

אויף אַ שטול איז אַרויף „אַלטער דער קליינער" — און האָט אָנגעהויבן רעדן. אָנגעהויבן האָט ער גלייך מיט פּאַטאָס, מיט אַ הויכן טאָן, וואָס איז גאָרנישט געווען צוגעפּאַסט צו אַ פאַרזאַמלונג אונטערן פרייען הימל אין אַ שטילער ווינטער־נאַכט. האָט מען אַלטערן אַ צי געטון פאַר דער קאַפּאָטע, האָט ער געמיינט, אַז ער רעדט צו שטיל, און גענומען נאָך אַ העכערן טאָן, האָט מען אים געגעבן אַ גרעסערן צי ביי זיין פאָלטן, האָט ער אָנגעהויבן צו שרייען. איז געקומען צו לויפן אַ פּאַטרולירנדיקער חבר פון גאַס און האָט אָנגעוויזן, אַז ווייט־ווייט אין גאַס הילכט אָפּ די רעדע.

נאָך אַלטערן האָט געהאַלטן אַ באַגייסטערטע רעדע פּראַניע גרעבעלסקאַ — וועגן סאָפיאַ פּעראָווסקאַ — איינער פון די העלדינס פון 1טן מערץ.

די פאַרזאַמלונג איז געווען איינע פון די ערשטע פּאָליטישע מאַסן־פאַרזאַמלונגען פון די יידישע אַרבעטער אין בערדיטשעוו, און שרייבנדיק איצט די דאָזיקע שורות, זע איך פאַר מיינע אויגן די נאַקעטע פאַרפרוירענע ביימער אין דעם אָרעמען גערטנדל, די צוגויפגעדריקטע איינע צו די אַנדערע אַרבעטער, וואָס האָבן געוואָלט אַזוי אַרום אַ ביסל זיך אָנוואַרעמען, און „אַלטער דעם קליינעם" אויפן שטול, וואָס האָט מיט זיין פּאַטאָס שיער נישט איבערגעפירט די גאַנצע פאַרזאַמלונג.

17

קישינעווער פּאָגראָם. – מאסן אַרעסטן. – אַ נייע דרוקעריי. – די דעמאָנסטראַציע. — נאַכווייענישן.

אין פרילינג 1903 האָט די בערדיטשעווער אָרגאַניזאַציע פון „בונד" זיך שוין געפילט אויף אַזוי פיל שטאַרק, אַז זי האָט אָנגענומען אַ באַשלוס איינצואָרדענען אַ מאַי־דעמאָנסטראַציע, די ערשטע דעמאָנסטראַציע אין בערדיטשעוו, אויב נישט צו רעכע־נען די נאַכט־מאַניפעסטאַציע „אונטער דער גרעבלע" (וועלכע איך האָב באַשריבן אין איינעם פון די פריערדיקע קאַפּיטלען).

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַן אָנגעשטרענגטע צוגרייטונגס־אַר־בעט אין די גרופּן, קרייזן, אויף דער „בירזשע" און צום סוף – אויף גרעסערע אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען. מיר איז דאַן אויסגע־קומען צו האַלטן די ערשטע רעדע מיינע אויף אַ מאַסן־פאַרזאַמ־לונג. די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין אַ שבת אין דער פרי אין אַ פינצטערן „שמעקענדיקן" שטאַל אויף די אונז שוין באַ־קאַנטע „פּיסקעס".

אָט אין יענער צייט האָט מיר ח׳ יונה אָנפאַרטרויט אַ סוד, אַז ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן איינצואָרדענען אין בערדיטשעוו אַן אומלעגאַלע דרוקעריי און אַזוי ווי ס'איז דערווייל נישטאָ קיין פּאַסיקע דירה, לייגט ער פאָר, אַז די דרוקעריי זאָל צייטווייליק איינגעאָרדנט ווערן ביי מיר. פאַרשטייט זיך, אַז איך וועל מוזן נעמען אַ ספּעציעלע דירה׳ איך בין מסכים געווען. געמיינט האָב איך, אַז מ׳גייט אַוועקשטעלן אין בערדיטשעוו אַ נ יי ע דרוקע־ריי, ס'ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז מ׳האָט באַדאַרפט די שוין־עק־

זיסטירנדיקע דרוקערײַ איבערטראָגן אין אַ נײַער קאָנספּיראַטיווער וווינונג. איך בין זיך מודה: וועגן דעם האָב איך זיך דערוווּסט... ערשט נישט לאַנג, מיט... מיט 35 יאָר שפּעטער, ווען צו מיר איז אַרײַנגעפאַלן אין האַנט אַ סאָוויעטישער זאַמלבוך „1905 יאָר אין בערדיטשעוו", אַרויסגעגעבן דורך דער „בערדיטשעווער קרײַז־קאָמיסיע אויף דורכצופירן דעם 20־יאָריקן יובילײַ פון 1905־טן יאָר". דאָרט, אין דעם זאַמלבוך, אין דעם אַרטיקל „וועגן דער דרוקערײַ פון „בונד" און וועגן דעם טײַערן חבר יוינע (פישל קאַיגען) דערציילט פייסי יאַכניס, אַ חבר, וואָס האָט געאַרבעט אין די בערדיטשעווער דרוקערײַען פון „בונד", אַז די ערשטע דרוקערײַ האָט זיך געפונען אין דער דירה פון ח' קאָטליאַרסקי (וועגן אים און וועגן זײַן דירה האָב איך דערציילט אין מײַנס אַ בלעטל זכרונות וועגן 1־טן נומער „בערדיטשעווער פלוגבלאַט פון „בונד". זע יובל־נומער „פאָלקסצײַטונג" פון 19־טן נאָוועמבער 1937). די צווייטע דירה, דערציילט פייסי, האָט זיך געפונען אין אַ גאָרטן אין אַ פאַרמאַכטער „בעסיעדקע" (אַלטאַנקע) און דאָרטן איז געדרוקט געוואָרן די פראָקלאַמאַציע פון צ. ק. פון „בונד" וועגן קישיניעווער פאָגראָם. די דאָזיקע בעסיעדקע איז מיר אַגב געווען גוט באַקאַנט, ווײַל דאָרט פלעגן מיר אַמאָל אָפּהאַלטן זיצונגען פון אַ „סכאָדקע", פירן די „דיסקוסיע" צווישן דער יוגנטלעכער אינטעליגענץ. געוויס האָט דערנאָך די דרוקערײַ זיך דאָרט געפונען.

ווי נאָר איך האָב אָנגענומען יונהס פּראָפּאָזיציע וועגן דער דרוקערײַ, האָב איך געדונגען צוויי „מעבלירטע" צימערלעך — אַראָפּצו אויף מאַכנאָווקער גאַס, כמעט אַנטקעגן וולאַדימירס וווינונג.

מײַנע באַלעבאַטים זענען געווען סוחרים, פשוטע ייִדן, ווײַט פון יעדער פּאָליטיק, — מענטשן, וואָס האָבן געציטערט פאַר פּאָליציי, פאַר אַ קרומען קוק פון אַ קנעפּל.

מײַן דירה האָט געהאַט אַ גאַנץ באַזונדערן אַרײַנגאַנג. זי האָט אָבער געהאַט צוויי גרויסע חסרונות. ערשטנס, האָט זי זיך געפונען אין אַ נידעריקן פּאַרטער, אַזוי, אַז מ'האָט געקאָנט אין

די פענצטער אַריינקוקן, צווייטנס האָט דאָס צווייטע צימער, דאָס גרעסערע און בעסערע, געהאַט אַ בשותפותדיקע טיר מיט דעם ווייטערדיקן צימער פון מיין באַלעבאָס.

די דאָזיקע טיר און די נידעריקע פענצטער האָבן טאַקע שפּעטער איבערגעפּירט דעם גאַנצן עסק.

כדי מיינע באַלעבאַטים זאָלן נישט ווערן אויפפּאַלנד, וואָס אַזאַ יונגערמאַן ווי איך, נעם גאַנצע צוויי צימערן, האָב איך זיי דערציילט אַ מעשה, אַז איך וועל ווינען נישט אַליין, נאָר מיט אַ ברודער, וועלכער קומט די טעג צו פאָרן קיין בערדיטשעוו.

איך האָב גענומען מיין אָרעמען אינווענטאַר, און אים אַריבערגעפּירט אין דער נייער ווינונג. פאַר איין וועגס, האָב איך נאָך מיט אַ חבר אַריבערגעפּירט צוויי וואַליזעס מיט שריפט און זיי אַרונטערגעשטעלט אונטער מיין בעט, די בשותפותדיקע טיר האָב איך פאַרמאַכט אויף אַ ק ל יי ן קייטעלע, וואָס איז שוין פון פריער געווען אין טיר, הגם איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס דאָזיקע קליינע קייטעלע איז אַ שוואַכע שמירה. קיין שטאַרקערע באַוואָרעניש ביי דער טיר האָב איך אָבער נישט געקאָנט מאַכן, כדי נישט אַרויסצורופן קיין חשד ביי מיינע באַלעבאַטים.

אין שטאָט זענען דערווייל ווייטער געגאַנגען די פאָרבעריטונגען צו דער דעמאָנסטראַציע, וועלכע איז באַשטימט געוואָרן אויף אַ שבת פאַרן ערשטן, ד. ה. אין אַ טערמין, ווען די פּאָליציי וועט זיך גאָרנישט ריכטן אויף אַזאַ מין צרה.

דערווייל האָבן זיך אונטערגערוקט פּאַסירונגען, וואָס האָבן געשאַפן אין שטאָט אַ פּאַנישע שטימונג. איין פּאַסירונג איז אַפילו נישט געווען קיין אָרטיקע, אָבער זי האָט אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקע צערודערונג — דאָס איז געווען דער שרעקלעכער פּאָגראָם אין קישיניעוו (6–7 אַפּריל, 1903). פאַר אונז, פאַר דער אָרגאַניזאַציע, מיין איך, איז שוין דאַן געווען קלאָר דער צוזאַמענהאַנג פון קישיניעווער פּאָגראָם מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון די יידישע אַרבעטער. מ'האָט געמוזט גאַנץ גוט באַקלערן, אָפּמעסטן און אָפּוועגן די טאַקטיק אונזערע. די פּאַניק אין שטאָט האָט געפונען זן אָפּשפּיגלונג אין דער פּעריפעריע.

אין דער אָרגאַניזאַציע זענען געווען שטימונגען אָפּצולייגן די דעמאָנסטראַציע אויף אַן אַנדער צייט, אָבער, דאָס זענען מער נישט געווען ווי שטימונגען פון יחידים. די אָרגאַניזאַציע אַלס גאַנצע איז געבליבן פעסט ביי איר באַשלוס וועגן דער גאַסן־דעמאָנסטראַציע, און די גאַסן־דעמאָנסטראַציע איז — ווי מיר וועלן זען ווייטער, ווירקלעך פאָרגעקומען אין באַשטימטן טער־מין.

די צווייטע פּאַסירונג איז געווען — מאַסן־אַרעסטן. די ער־שטע מאַסן־אַרעסטן אין בערדיטשעוו.

די אַרעסטן זענען פאָרגעקומען עטלעכע טעג פאַר דעם שבת, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אַלס טאָג פון דער דעמאָנ־סטראַציע, דורכגעפירט זענען די אַרעסטן געוואָרן דורך אַ גאַנצער חברה זשאַנדאַרמען און שפּיאָנען פון קיעוו, וואָס זענען געקומען צו הילף דער בערדיטשעווער פּאָליציי, ריכטיקער געזאָגט—אָנצו־פירן מיט איר.

דאָס מאָל האָבן די אַרעסטן אָרומגענומען נישט נאָר די פּערזאָנען, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער פּאָליציייִשער אויפ־זיכט, ווי דוד בראָדסקי, מאָיסיי ווינאָקור, נאָר אויך אַ גאַנצע רייע אַנדערע חברים, ווי למשל „וולאַדימיר״, ביי וועמען מ׳האָט געפונען טיילן פון דער פאָן, וואָס מ׳האָט געגרייט צו דער דע־מאָנסטראַציע.

מיין וווינונג, וואָס איז געווען, ווי איך האָב שוין דער־ציילט, אַנטקעגן וולאַדימירס דירה, איז געבליבן אומבאַרירט. איך האָב נאָך באַוויזן אין דער נאַכט פון די אַרעסטן און רעוויזיעס אַרויסציבאַפן פון קאַיגענס וווינונג, וואָס איז שטאַרק באַוואַכט געוואָרן דורך שפּיאָנען, אַ גאַנצן אַסאָרטימענט כלים (ווי למשל אַ רעמל, אַ וואַלעק) נויטיקע צו דער אַרבעט אין דער געהיימער האַנט־דרוקעריי.

אַזוי ווי אין מיין וווינונג האָבן זיך געפונען די מאַטער־יאַלן פאַר דער דרוקעריי, האָט דער קאָמיטעט באַשלאָסן, אַז איך זאָל זיך נישט באַטייליקן אין דער דעמאָנסטראַציע.

שבת, אין טאָג, אויף וועלכן ס׳איז געווען באַשטימט די

דעמאָנסטראַציע, זענען צו מיר געקומען אַבראַם העַנטשקעמאַכער און פראַניע גרעבעלסקאַ און זיך גענומען ענדיקן די פאָן. דאָס האָט געדויערט עטלעכע שעה, און אַזוי ווי די פענצטער זענען געווען נידעריקע, האָבן מיר זיי געמוזט מיט עפּעס פאַרהענגען. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקן חשד ביי מיינע באַלעבאַטים. נישט ווייניקער חשד האָט אויך אַרויסגערופן די פּערזאָן גופא פון אַבראַמען מיט זיינע שוואַרצע ברילן.

ווי נאָר די פאָן איז פאַרענדיקט געוואָרן, איז פראַניע אַוועק. אַבראַם איז געבליבן וואַרטן, ווייל ער האָט באַדאַרפט אַרויסברענגען די פאָן צום אַרויסגאַנג־פּונקט פון דער דעמאָנ־סטראַציע, ביעלאָפּילער גאַס, נאָכן בולוואַר.

אַרום זעקס פאַרנאַכט איז אַבראַם אַרויס מיט דער פאָן אונטערן פאַלטן. איך האָב לאַנג נישט געקאָנט איינזיצן אין שטוב, און בין אַרויס אין גאַס, אַ קוק־טון, וואָס ס'הערט זיך דאָרטן. איך בין געגאַנגען לענגויס דער מאַכניוועקער גאַס (אַ פּאַ־ראַלעלע גאַס צו דער ביעלאָפּילער) אין דער ריכטונג צום צענטר פון דער שטאָט. אַ ביסל ווייטער פון דער „קאָרשול" האָב איך שוין דערזען לויפן אַ בינטל מענטשן. מיט אַ קנאַק האָבן אָנגע־הויבן זיך אַראָפּלאָזן די זשאַלוזעס פון די געציילטע קריסטלעכע קראָמען. פון ווייטנס האָט זיך געהערט אַ גערזאַנג, איילנדיקע הילכנדיקע אויסרופן, אַ שניידיקנדיקע פייפעריי פון פּאָליציי. דערשראָקענע יידן זענען געלאָפן אַנטקעגן און געוואָרנט: „גייט צוריק! מ'גייט מיט אַ פענדל!"

שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די דעמאָנסטראַנטן זענען צוגעגאַנגען ביז זשיטאָמירער גאַס, ווו זיי זענען צעטריבן געוואָרן דורך דער פּאָליציי, וועלכע האָט באַוויזן צו אַרעסטירן אַ פּאָר מענטשן, צווישן זיי אַנקע ליבאָוו, טימאַנאָוויטש און איינעם „קאָ־ליע". דער לעצטער האָט געכאַפּט גאָר שטאַרקע קלעפּ פון דער פּאָליציי. און מ'האָט קוים אָפּגעראַטעוועט זיינס אַ צעקלאַפּט אויג.

איך האָב זיך אומגעקערט צוריק אַהיים. ביים טויער פון מיין דירה זענען געשטאַנען צעשראָקענע מענטשן, גרייט יעדן מאָמענט אַריינצולויפן אינעווייניק אין הויף פון יענער זייט טוי־

ער. אויף מיר האָבן געקוקט אויגן אויפגערעגטע, מיך אָפּגעמאָסטן מיט חשד פון אויבן ביז אַראָפּ. איצט האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז נישט אומזיסט איז מיין פענצטער געווען פאַרהאָנגען, איצט האָבן זיי זיך געכאַפּט, אַז ביי מיר זענען היינט געזעסן סודותפולע געסט. דאָס ערגסטע איז אָבער געווען, וואָס מיינע באַלעבאַטים האָבן דערווייל געמאַכט אַ באַזוך ביי מיר אין די צימערן און אַנטדעקט די צוויי שווערע וואַליזעס (מיט שריפט). באַזונדער איז צעשראָקן געווען מיין באַלעבאָסטע, וואָס האָט אַזש אָנגעהויבן חלשן. די טעכטער, שניר און איידעמס (ס'איז געווען אַ גאָר גרויסע יידישע משפחה) זענען געשטאַנען אַרום איר און געשפּריצט מיט וואַסער, געריבן זי מיט עסיק.

ס'האָבן נישט געפעלט קיין העכסט־קאָמישע מאָמענטן אין דער אויסערגעוויינלעכער צעשראָקנקייט פון מיינע באַלעבאַטים.

די גאַנצע חברה איז געווען מוראדיק אויפגערעגט, חושד געווען, אַז אין די וואַליזעס געפינען זיך... באָמבעס, און געפּאָדערט איך זאָל נאָך די נאַכט באַפרייען די וווינונג. אויף אַזאַ מין זאַך האָב איך נישט געקאָנט איינגיין, ווייל אין דער גאַנצער שטאָט איז אַרומגעלאָפן די פּאָליציי אַן אויפגערעגטע צוליב דער דעמאָנטראַציע, גענישטערט אין אַלע ווינקעלעך. און מ'האָט בשום אופן נישט געטאָרט ריזיקירן איבערצופירן די זאַכן, אַפילו ווען מ'וואָלט געווען געפונען אַ דירה.

מיט גרויס מי האָב איך איבערצייגט מיינע באַלעבאַטים אַז אויף פאַר זיי לוינט נישט איך זאָל איצט שלעפּן פון זייער וווינונג מיינע זאַכן. איך האָב זיי צוגעזאָגט גאָר אין גיכן אַרויסצופירן די שרעקלעכע וואַליזעס, און ענדלעך האָבן זיי מיך געלאָזט צו רו, נאָכדעם ווי איך האָב זיי געוויזן מיין פּאַס, און איינער פון די זין האָט זיך דערמאָנט, אַז ער קאָן אַפילו מיין פאָטער, אַ כשרן, פון פּאָליציייִשן שטאַנדפּונקט — מענטש.

ס'איז געווען קלאָר, אַז אין דער דאָזיקער דירה מיינער וועט מען שוין אין אַפילו אויספּאַקן דעם שריפט אויך נישט קענען, ווער רעדט שוין וועגן איינאָרדענען דאָרט די קלענסטע דרוקעריי. איז באַשלאָסן געוואָרן דעם עסק צו ליקווידירן. איין מאָל אַ פאַר־

נאַכט איז צוגעקומען אַבראַם מיט אַ דראָזשקע, און מיר האָבן די וואַליזעס איבערגעפירט אין אַ קאָנספּיראַטיווער דירה אויף דער „קאַטשאַניוקע". באַלד האָב איך דאָס גרעסערע צימער צו־ריקגעגעבן מיינע באַלעבאַטים, און איך בין געבליבן וווינען אין דעם ערשטן קליינעם צימערל. איך האָב דאָרט געוווינט עפּעס העכער פון אַ יאָר צייט. מיינע באַלעבאַטים זענען אין פאַרלויף פון דער צייט געוואָרן גאַנצע „העלדן" — צוגעוווינט זיך צו מיינע „פּאַרדעכטיקע" געסט, צו די באַזוכן פון פּאָליציי, און אַפילו מיך פריינטלעך אויפגענומען נאָך מיין באַפרייונג פון טורמע און מיר צוריקגעגעבן מיין צימער,

18

ערשטער פּאָליטישער שטרייק. — ראָל פון פּלאַ־
בעצקיס זאַוואָד. — איך ווער אַרעסטירט.

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז געגאַנגען באַרג אַרויף מיט אַלץ אַ שטאַרקערן טעמפּ. באַזונדער האָט זיך עס געפילט אין ראַיאָן פון „בונד״, וועמענס אָרגאַניזאַציעס פלעגן אויסנוצן יעדע געלעגנהייט צו רעוואָלוציאָניזירן די אַרבעטער, צו וועקן זיי, צו רופן צו דרייסטערע מאַסן־אַרויסטרעטונגען פון אַ פּאָליטישן כאַ־ראַקטער.

בערדיטשעווער אָרגאַניזאַציע איז געווען איינע פון די ייִנגסטע אין „בונד״, אָבער געווען איז זי אַ לעבעדיקע, אַ רירעוו־דיקע, און פלעגט זיך אָפּרופן אויף אַלע וויכטיקערע געשעענישן אין לאַנד.

אין אַפּריל 1903 האָט דער ייִדישער בערדיטשעווער פּראָ־לעטאַריאַט געהאַט דעם ערשטן צוזאַמענשטויס מיט דער פּאָליציי בעת דער ערשטער אין בערדיטשעוו מאַי־דעמאָנסטראַציע. אין אַ קליינע פּאָר חדשים אַרום — דעם 12 אויגוסט (לויטן אַלטן סטיל) 1903 איז דער בערדיטשעווער פּראָלעטאַריאַט אַרויס אין ערשטן פּאָליטישן שטרייק.

דער דאָזיקער שטרייק איז פּראָקלאַמירט געוואָרן, כדי אויס־צודריקן מיטגעפיל די אָדעסער, קיעווער און קאַווקאַזער שטריי־קער און דעמאָנסטראַנטן, ווי אויך אַלס פּראָטעסט קעגן די רעפּ־רעסיעס, וואָס זענען אָנגעווענדעט געוואָרן מצד דער פּאָליציי.

דער דערמאָנטער פּאָליטישער שטרייק איז מיר גוט פּאַר־

בליבן אין זכרון, סיי צוליב דעם, וואָס דאָס איז געווען דער ערשטער פּאָליטישער שטרייק, וועלכן איך האָב מיטגעהאָלפן אָרגאַניזירן, סיי צוליב מיין ערשטן אַרעסט, וואָס איז פאָרגעקומען אין טאָג פון שטרייק, און אין צוזאַמענהאַנג מיטן שטרייק.

אין געציילטע טעג האָט מען באַדאַרפט אויפהויבן דעם בערדיטשעווער פּראָלעטאַריאַט צו אַ גענעראַל־שטרייק, איז די אַרבעט געגאַנגען אויסערגעוויינלעך אינטענסיוו. דער קאָמיטעט פון „בונד" האָט אַרויסגעלאָזן אַן אויפרוף, געדרוקט אין דער נייער דרוקעריי, וועלכע איז נאָך די פּאַסירונגען פון ערשטן מאַי סוף כּל סוף דאָך אויפגעשטעלט געוואָרן. די בערדיטשעווער גרופּע פון רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, ד. ה. פּאַוועל און מאַלין, וואָס האָבן נאָך דעם אַרעסט פון וולאַדימירן איבערגענומען די גאַנצע אַרבעט צווישן די קריסטלעכע אַרבעטער, האָבן אויך אַרויסגעלאָזן אַ ספּעציעל בלעטל אויף רוסיש צו די רוסישע אַרבעטער (באַזונדער איז געגאַנגען וועגן פּלאַכעצקיס זאַוואָד). דאָס בלעטל האָבן זיי אָפּגעקלאַפּט אויף אַ העקטאָגראַף, טאַקע ביי זיך אין דער וווינונג, און אַזוי ווי אין גרויס איילעניש האָבן זיי געלאָזן אויפן טיש צייכנס פון בלויען העקטאָגראַפישן טינט, האָט די זשאַנדאַרמעריע שפּעטער זיי באַשולדיקט, אַז זיי זענען די מחברים, דרוקער און פאַרשפּרייטער פון בלעטל.

גלייכצייטיק מיטן פאַרשפּרייטן די בלעטלעך איז געגאַנגען די מינדלעכע אַגיטאַציע פאַרן שטרייק. אין שטאָט האָט געקאָכט. פאַרזאַמלונגען, מאַסווקעס יעדן טאָג. אַ גרויסע אַרבעטער־פאַרזאַמלונג אויף די „פּיסקעס" איז דורכגעפאַלן. די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין אַ גאָרטן. דער עולם איז געשטאַנען שטאַרק פאַרטיפט אין דער רעדע, וואָס ס'האָט געהאַלטן „אַלטער דער קליינער", און פּלוצים טראַך — אַ שאָס. דאָס האָט אַ פּאָליציאַנט באַמערקט די פאַרזאַמלונג און זי פונאַנדערגעטריבן מיט איין שאָס אין דער לופטן. דער עולם האָט זיך געלאָזן לויפן, שפּרינגען איבער פּאַרקנס. דעם קליינעם אַלטער האָט מען איבערגעקערט, ער איז קוים אַרויס אַ לעבעדיקער. אויפן שלאַכטפעלד זענען געבליבן שטעקנס, שירעמס, שיך, אָבער קיין איין מענטש איז נישט אַרעסטירט געוואָרן.

ערב דעם שטרייק האָב איך אָפּגעהאַלטן אַן אָריגינעלע מאַסוווקע מיט אַ גרופּע טרעגערס און פּורמאַנעס. אַן עלעמענט גאָר אַ רויער, וואָס איז געווים צום ערשטן מאָל געווען אויף אַ פּאָליטישער פאַרזאַמלונג. מיינע צוהערער זענען געווען געזונטע יידן מיט ברייטע פּלייצעס (ביי אַ טייל — ווייסע, פון די זעק מעל, וואָס זיי האָבן אויף זיך געשלעפּט). זיי האָבן זיך ערנסט צוגעהערט צו מיינע ווערטער, צייטנווייז צוגעשאָקלט מיט די בערד, און צוגעקלאַפּט אָן דער פּאָדלאָגע מיט די בייטשן. צום סוף האָט מען גענומען אַ ביסל בראָנפן מיט פאַרבייסעכץ — די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין אַ קנייפּע, אין אַ קעלער־שטוב — און זיך צוגעווונטשן, אַז דער שטרייק זאָל זיך איינגעבן.

די נאַכט פאַרן שטרייק בין איך שלעכט געשלאָפן — צוליב דער אויפרעגונג און שפּאַנונג, אין וועלכער איך האָב זיך געפונען די לעצטע טעג פאַרן שטרייק.

לויט דער פאַרטיילונג פון די קרעפטן, האָב איך באַדאַרפט זיין אין דער פּרי אויף זשיטאָמירער גאַס, כדי דאָרט אָנצופירן מיטן אַראָפּנעמען די אַרבעטער פון די וואַרשטאַטן אין יענעם ראַיאָן. איך האָב אָבער באַשלאָסן קודם כל זיך אַריינצוכאַפּן צו פּאַוולען מיט מאַלינען, וועלכע האָבן באַדאַרפט אָפּשטעלן פּלאַכעצקיס זאַוואָד. אין יעדער שטאָט איז בעת אַ גענעראַל־שטרייק פאַראַן אַ פּונקט, צו וועלכן ס׳איז געווענדעט די גאַנצע אויפמאַרקזאַמקייט פון די אַרבעטער פון דער שטאָט. אין אייניקע ערטער איז דאָס דער טראַמוויי, אין אַנדערע — די עלעקטראָווניע, גאַזאָווניע, אָדער אַ גרעסערע פאַבריק אאַ״וו. אין אַ געוויסער מאָס איז דער דערפאָלג פון גענעראַל־שטרייק אָפּהענגיק פון דעם, צי די טראַמווייען וועלן זיך באַווייזן אין גאַס אָדער נישט, צי די גאַזאָווניע און עלעקטראָווניע־אַרבעטער וועלן צושטיין צום שטרייק אאַ״וו. אין בערדיטשעוו האָט דאַן די ראָל פון אַזאַ מין, אַזוי צו זאָגן, שטרייק־באַראָמעטער געשפּילט פּלאַכעצקיס שטאָל־גיסעריי. דאָרט האָבן געאַרבעט אויסשליסלעך קריסטלעכע, אין גרעסטן טייל נישט אָרגאַניזירטע, אומבאַוווסטזיניקע אַרבעטער.

מאַלין און פּאַוועל האָבן געהאַט מיטן זאַוואָד שוואַכע פאַר־

בּינדונגען. דאָס אָפּשטעלן אַזאַ פאַבריק צוליב אַ פּאָליטישן שטרייק, איז געווען אַ זייער צווייפלהאַפטע אונטערנעמונג, אָבער די האָפענונגען האָט מען דאָך נישט פאַרלאָרן...

מאַלין מיט פּאַוולען האָבן באַדאַרפט זיין אַרום דער טעריטאָריע פון זאַוואָד נאָך פאַרן ערשטן פייף פון דער פאַבריק. אָבער ווען איך בין גאַנץ פרי אַריינגעלאָפן צו זיי אין צימער, האָב איך זיי ערשט געמוזט וועקן פון געשמאַקן שלאָף. ס'איז געווען עפּעס אַ 15 מינוט פאַרן פייף אין פלאַכעצקיס זאַוואָד. אין איין מינוט זענען זיי געשטאַנען אויף די פיס, די קליידער ווי נישט אַרויפגעצויגן און מיט איילעניש זענען זיי ביידע אַרויסגעלאָפן אויף די ביעלאָפּילער גאַס, אין דער ריכטונג צו פלאַכעצקיס זאַוואָד, וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט פון וואָקזאַל.

ס'איז שוין צייט געווען צו גיין אויף מיין פּונקט — אויף דער זשיטאָמירער גאַס, ס'האָט אָבער מיך אַ צי געטון צו פלאַנעצקיס זאַוואָד,

איך האָב זיך געלאָזט גיין מיט דער ליניע פון דער בערדיטשעווער „קאָנקע” (פערדטראַמוויי), דער זעלבער — וואָס איז אַזוי באַרימט געוואָרן אויף דער גאַנצער וועלט אַ דאַנק שלום-עליכמען. וואָס נענטער צום וואָקזאַל, אַלץ מער איז געווען פּאָליציי, וועלכע האָט דורכגעשפּיזט מיט די אויגן יעדן ייִנגערן דורכגייער.

דער פראָנט פון פלאַכעצקיס פאַבריק האָט זיך געפונען אויף אַ גרויסן פרייען פּלאַץ נישט ווייט פון דער באַנליניע. דאָרט האָט זיך געפונען די קאַנטאָר און דער אַריינגאַנג אין זאַוואָד.

מאַלין איז אַרומגעגאַנגען אַרום דעם פראָנט פון דער פאַבריק, און זיך געלאָזן אין דער ריכטונג צו אַ שמאָל געסל, וואָס האָט געפירט צו ביעלאָפּילער גאַס. אין דעם געסל זענען אַרויסגעגאַנגען אייניקע געביידעס פון פאַבריק, אַרומגערינגלטע מיט אַ נידעריקן פּאַרקן. דאָרט, פון יענער זייט פּאַרקן, האָט מאַלינען באַדאַרפט אָפּוואַרטן אַן אַרבעטער פון דער פאַבריק און אים העלפן אַריבערקלעטערן דעם פּאַרקן. גראָד אין דעם מאָמענט, ווען מאַלין איז פון דער זייט פון פּלאַץ אַריין אין געסל, בין

איך פון דער צווייטער זייט — פון שטאָט, פון ביעלאָפּילער גאַס, אָנגעקומען צו דעם זעלבן געסל. ס׳איז, פאַרשטייט זיך, געווען פון מיין זייט אַן אומזין זיך אַריינצולאָזן אין דעם דאָזיקן געסל, וואָס איז געהיט געוואָרן פון צענטליקער פּאָליציייִשע אויגן, אָבער איך בין דעם הערלעכן פרימאָרגן באַגאַנגען איין פעלער נאָכן אַנדערן, און איך בין אַריין אין דעם געסל, גייענדיק אַנטקעגן מאַלינען. טיף אין געסל האָבן מיר זיך באַגעגנט. מאַלין האָט באַוויזן (מער מיט די ליפּן, ווי מיט דער שטים) מיר אַ זאָג צו טון, אַז מיטן זאַוואָד האַלט שלעכט, און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אין אַ קווערגעסל. אין דעם מאָמענט האָבן אָנגעהויבן פייפן די פאַבריק־סירענעס, די שווערע מאַשינען האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן. איך האָב דאַן אַ קלער געטון: דער זאַוואָד איז פאַרשפּילט, דער גאַנצער שטרייק איז אין געפאַר!

איך האָב זיך אויסגעדרייט און אָנגעהויבן גיין צוריק, אין דער ריכטונג צו דער שטאָט. פון דער ביעלאָפּילער גאַס האָט זיך אַ נעם געטון גלייך צו מיר אַ פּאָליציייִשער אָפיציר. ווו צו באַהאַלטן זיך איז נישט געווען. לויפן איז אויך געווען נעפּערלעך. בין איך מיר געגאַנגען כמעט רויִק אַנטקעגן דעם פּאָליציי־מאַן, פאַרשטייענדיק, אַז ער גייט צו מיר. ס׳האָט געדויערט אַ מינוט צוויי, דער פּאָליציאַנט האָט זיך אויסגעגליכן מיט מיר, אַרויסגעלייגט זיין האַנט אויף מיין אַקסל און מיט אַ שטרענגן טאָן מיר אַ זאָג געטון: „ייִנגערמאַן, איך אַרעסטיר אייך!“

19

דאָס לעבן אין טורמע. — ליקווידאַציע פון דער בערדיטשעווער גרופּע רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

שוין זיצנדיק אין אַרעסט, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז נישט געקוקט אויף אַלע רעפּרעסיעס, נישט געקוקט אויפן דורכפאַל אין פלאַכעצקיס זאַוואָד, האָט דער פּאָליטישער שטרייק זיך דאָך נישט שלעכט איינגעגעבן. געשטרייקט האָבן העכער 3000 אַרבעטער, צווישן זיי לערך 400 קריסטלעכע. פאַרן ערשטן פּאָליטישן גענעראַל־שטרייק איז דאָס געווען נישט קיין קליינער דערפאָלג.

פון גאַס האָט מען מיך געבראַכט אין צווייטן פּאָליציי־יִשן „אוטשאַסטאָק“ (קאָמיסאַריאַט), וווּהין מ׳האָט געפירט אַרעסטירטע חברים פון אַלע עקן שטאָט. אַ טייל זענען געווען גוט צעמזיקטאויף מאַליגען האָט מען באַלד געבראַכט. אים האָט מען אַרעסטירט כמעט אין איינער און דער זעלבער צייט מיט מיר, אויך לעבן פלאַכעצקיס זאַוואָד. געהאַלטן האָט מען אונז אין באַזונדערע קאַמערן, איזאָלירט איינעם פון צווייטן.

אַלץ האָט מיר אויסגעזען עפּעס מאָדנע פייערלעך אין יענעם הערלעכן אויגוסט־פרימאָרגן: די גאַס, די אַרעסטירטע חברים, וועלכע פּאָליציאַנטן האָבן געפירט, אפילו די בייזע און צעשראָקענע פּאָליציאַנטן.

ס׳איז געווען אַרום האַלב אַכט אין דער פרי. ווען דער פּאָליציימייסטער איז אַריין אַן אויפגערעגטער, אַ פאַרשמײַעטער אין דעם צימער, ווו איך בין געזעסן. ער האָט באַפוילן מיך תיכף צו פאָטאָגראַפירן, אומבאַדינגט אין צוויי פּאָזעס, אָן אַ הוט און מיט

אַ הוט אויפֿן קאָפּ, און באַלד נאָך דער פֿאָטאָגראַפֿישער אויפֿנאַמע האָט ער מיך גענומען אויף אַ פֿאַרהער.

איך האָב דערציילט אַ מעשה, אַז איך בין געגאַנגען צום וואָקזאַל כּלומערשט צו באַגעגענען אַ נאָענטן קרוב, וועלכער האָט באַדאַרפֿט פֿאַרבײַ פֿאָרן מיט דעם מאָרגנצוג. מיט דעם געהעלע (און נישט מיטן גלײַכן וועג — מיט דער הויפּטגאַס) בין איך געגאַנגען, ווײַל מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַזוי וועט זײַן נענטער צום וואָקזאַל. דעם „יונגענמאַן" (דער פּאָליציימײַסטער האָט, ווײַזט אויס „לשם קאָנספּיראַציע", מיר נישט אָנגערופֿן דעם נאָמען מאַלין). וועלכן איך האָב באַגעגנט אין געסל, קאָן איך אַבסאָלוט נישט.

גלײַך נאָכן פֿאַרהער איז דער פּריסטאַוו (קאָמיסאַר) ראַוויצקי אַראָפּגעפֿאָרן מיט מיר אין מײַן וווינונג, כּדי דורכצופֿירן אַ רעוויזיע. דער אַלטער פּריסטאַוו, מיט דער לאַנגער, ווײַסער באָרד, איז געווען אַזוי פֿרײַנטלעך, אַז ער האָט דערלויבט מיר אַרײַנצוברענגען טיי. ער האָט זיך צוגעקוקט ווי זײַנע פּאָליציאַנטן רעווידירן מײַנע זאַכן אין דער וואַליזע, ווי זיי וואַרפֿן אַרויס די וועש אויף דער פּאָדלאָגע, און זיי געמאַכט אַ באַמערקונג: „רויִקער! דערווײַל עקזיסטירט נאָך פּריוואַט־אייגנטום!..."

דאָס איז געוויס גיכער געווען אַ חכמה פֿאַר מײַנעטוועגן, איידער אַ באַפֿעל צו די פּאָליציאַנטן.

צוויי טעג בין איך אָפּגעזעסן אין ערשטן קאָמיסאַריאַט (טאַקע בײַם פּריסטאַוו ראַוויצקי). דאָרט אין קאַמער האָב איך זיך געטראָפֿן מיט אַ חבר, וואָס האָט געהאַט אַ צונעמעניש „משה בהמה". פֿון פֿאַך איז ער געווען אַ מעכאַנישער שוסטער, אַ פּשוטער, ווײַניק באַוווסטזיניקער אַרבעטער, אָבער אַן אויסערסט טרייער חבר. ער איז געווען אַ מיטגליד פֿון אַ „סכאָדקע", מײַנער אַ תּלמיד, פֿון מײַן ערשטן קרײַז. זײַנער אַ יונג ברודערל פֿלעגט אַ פּאָר מאָל אין טאָג צולויפֿן צום געקראַטעוועטן פֿענצטער פֿון אונזער קאַמער, ברענגען נײַעס פֿון דער שטאָט און מיטנעמען מײַן קאָרעספּאָנדענץ.

אַ דאַנק דער דאָזיקער פּאָסט־קאָמוניקאַציע, האָב איך זיך

דערוווּסט ידיעות וועגן פּערלויף פון שטרייק, אויך האָב איך זיך דערוווּסט, אַז פּאַוועל איז אויף דער פריי, אַז פּאָליציי האָט נאָך מאַלינס אַרעסט בעת דער רעוויזיע אין דער וווינונג געפונען און פאַרהאַלטן פּאַוועלס פּאַס.

אין אַ צוויי טעג אַרום האָט מיך ראַוויצקי אונטער אַ שטרענגן קאָנוואָי איבערגעשיקט אין טורמע. דורך די פענצטער האָב איך גלייך איינגעשטעלט אַ פאַרבינדונג מיט מאַלינען, ווי אויך מיט וולאַדימירן, וועלכער, ווי די לייענער געדענקען, איז אַרעסטירט געוואָרן נאָך פאַרן ערשטן מאַי, און איז שוין אין טורמע געווען אַ גאַנצער תּושב.

אין גיכן איז אין טורמע צוגעקומען נאָך אַ „גאַסט" — אונזער פּאַוועל. ער האָט זיך אַליין צוגעשטעלט אין דער פּאָליציי. פּאַוועל איז געווען אַ סענטימענטאַלער יונגערמאַן. ער האָט זיך קיין אָרט נישט געפונען אויף דער פריי אָן אונז — מאַלינען און מיר. ער איז געגאַנגען „אָפּנעמען דעם פּאַס", און האָט דערגרייכט זיין אמתן ווונטש — מ'האָט אים געבראַכט צו זיינע פריינט אין טורמע אַריין.

דער רעזשים אין טורמע איז געווען אַ זעלטן גוטער. מיר פיר זענען געווען די איינציקע „פּאָליטישע" אין דער גאַנצער מענער-אָפּטיילונג פון דער גרויסער טורמע, און נישט געקוקט וואָס מיר זענען געווען „שטרענג איזאָלירט", געזעסן אין איינצל-קאַמערן, פּלעגט מען אונז צוזאַמענפירן אויף שפּאַציר, אַזוי אַז מיר האָבן מיט מאַלינען און פּאַוועלען אָפּגערעדט מיט אַלע דע-טאַלן ווי זיך צו האַלטן בעת דעם פאַרהער פון דער זשאַנדאַר-מעריע.

אַ קיך האָבן מיר געהאַט אַן אייגענע, קאָרעספּאָנדענץ מיט דער שטאָט האָבן מיר געפירט מיט דער הילף פון איינעם פון די שומרים, ביכער האָט אונז נישט געפעלט (בלויז צייטונגען האָט מען אונז נישט צוגעלאָזט), די באַציִונגען פון טורמע-שעף צו אונז זענען געווען מענטשלעכע, ער פלעגט אונז אַפילו ברענ-גען ביכער פון זיין אייגענער ביבליאָטעק (איינמאָל האָט ער אונז, למשל, געבראַכט שעקספּירן אין אַ גלענצענדער רוסישער

אויסגאַבע), האָבן מיר זיך אין טורמע אָפּגערוט פון דעם נער־ווען לעבן אויף דער פריי און געוואַרט אויפן זשאַנדאַרמסקען פאַרהער.

אין אַ צען־צוועלף טעג אַרום איז אין דער טורמע־קאַנצע־לאַריע פאָרגעקומען דער פאַרהער. געטראָפן האָב איך דאָרט אַ זשאַנדאַרמען־פּאָלקאָווניק און אַ יונגן פּראָקוראָר. אין אַ ווינקעלע איז געזעסן דער בערדיטשעווער פּאָליצמייסטער. פון דעם דאָזיקן פאַרהער איז מיר פאַרבליבן אין זכרון אַזאַ מאָמענט:

דער זשאַנדאַרמסקער פּאָלקאָווניק פרעגט מיך, צי איך קאָן מאַלינען. איך ענטפער — יאָ!

דער פּאָליצמייסטער באַמערקט מיט כעס, אַז בעת זיין פאַר־הער האָב איך געזאָגט, אַז איך קאָן נישט מאַלינען.

איך דערקלער, אַז איך האָב אים בלויז געזאָגט, אַז איך קאָן נישט דעם יונגנמאַן, וואָס איך האָב באַגעגנט אין געסל ביים זאַוואָד, אַז דער פּאָליצמייסטער האָט מיך גאָר נישט געפרעגט אויף מאַלינען, און אַז מאַלין און יענער יונגערמאַן זענען נישט איינע און די זעלבע פּערזאָנען.

דער פּאָלקאָווניק וואָס האָט אַריינגעקוקט אין די פּאַפּירן פון מיין ספּראַווע, האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן און געוואָרפן אויפן פּאָליצמייסטער אַ בליק, וואָס האָט אַנדערש נישט געקאָנט אויסגעטייטשט ווערן ווי: „אוי, ביסטו אַ חכם!"

דער פּאָליצמייסטער האָט אָנגעבויגן זיין גרויסן ליסע־קאָפּ און האָט שוין מער קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

באַלד נאָכן פאַרהער האָט אונז דער טורמע־שעף אַלע אי־בערגעפירט אין איין גרויסער קאַמער, ריכטיקער — אין אַ רי־זיקן זאַל, ווו נאָרמאַל פלעגן זיצן אַ 60—70 אַרעסטאַנטן, אַזוי ווייט האָט זיך דער טורמע־שעף געוואָלט אויספּיינען פאַר זיינע פּאָליטישע, וואָס זענען נאָך אין יענער צייט געווען אַ זעלטנהייט אין אַ בערדיטשעווער טורמע.

אין גיכן האָט מען צו אונז געבראַכט אַ קליינע גרופּע חברים פון דער פּראָווינץ. איז געוואָרן נאָך אינטערעסאַנטער און לעבעדיקער.

באַשולדיקט האָט מען אונז דריי (מאַלינען, פּאַוולען און מיר) אין געהערן צו דער „בערדיטשעווער גרופּע פון רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן". קעגן מיר איז נישט געווען קיין שום באַווייזן, האָט מען מיך גאָר אין גיכן באַפרייט פון טורמע און מיך איבערגעגעבן אונטער פּאָליציייִשער אויפזיכט. אין אַ צוויי-דריי חדשים אַרום האָט מען אויך פּאַוולען באַפרייט. געבליבן זיצן איז בלויז מאַלין, וועלכן מ'האָט דערנאָך פאַרשיקט אין די ווייטע קאַלטע געגנטן פון צפון-רוסלאַנד.

אַזוי איז ליקווידירט געוואָרן „די גרופּע פון רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן".

20

דער רושם צוליבן „בונדס" אַרויסטרעטן פון דער רוסל. ס. ד.־פּאַרטיי. — ליבער. — די אָפּאָזיציע פאַרוואַנדלט זיך אין אַן אָרגאַניזאַציע פון דער רוסל. ס. ד.־פּאַרטיי.

אין פּעריאָד ביז צו דער ערשטער רוסלענדישער רעוואָלוציע פון יאָר 1905 האָט אין „בונד" געהערשט די שטרענגסטע קאָנספּיראַציע. באַזונדער שטאַרק פאַרקאָנספּירירט זענען געווען די בונדישע קאָנפערענצן און צוזאַמענפאָרן, אומאָפּהענגיק פון דעם, צי זיי זענען פאָרגעקומען אין לאַנד אָדער אַפילו אין אויסלאַנד.

די לייענער וועלן זיך אפשר וווּנדערן, ווען איך וועל זיי דערציילן, אַז זייענדיק אַ שטענדיקער איינגייער צו יונהן — אַ מיטגליד פון צ. ק. פון בונד, האָב איך קיין אַנונג נישט געהאַט אַז אונטער מיין נאָז (טאַקע אין בערדיטשעוו) קומט פאָר די פינפטע קאָנפערענץ פון „בונד". אמת, ס׳איז מיר אויפפאַלנד געווען, וואָס אויף אַ צוזאַמענקונפט ביי אַ חבר (צוליב אַ פאַמיליען־שמחה), האָב איך באַמערקט אַ סך פרעמדע פּנימער, און ס׳האָט זיך געשטעלט אין געדאַנק די פראַגע, ווער זענען עס די דאָזיקע פרעמדע חברים, בפרט אַז זיי האָבן גענומען אַ טיכטיקן אָנטייל אין אַ ליידנשאַפטלעכער דיסקוסיע, וואָס האָט זיך— פאַר מיר צופעליק — אויסגעפּיקט. אָבער פרעגן ווער זענען די מענטשן, וואָס טוען זיי, דאָס האָט מען נישט געטאָרט, ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס זענען געווען דעלעגאַטן פון דער פינפטער קאָנ־

פערענץ פון „בונד" (אויגוסט, 1902), וועלכע האָט צוו. אַנד. אָנגענומען די באַרימטע רעזאָלוציע וועגן „אָרגאַניזירטער ראַכע" (אין צוזאַמענהאַנג מיט דער מעשה-שמיק און הירש לעקערטס נקמה-אַקט), אַז די פאַמיליען-שמחה פון אַ נאָענטן חבר איז פשוט אויסגענוצט געוואָרן פאַר אַ לעגאַלן צוזאַמענקונפט פון אַ גרעסערער צאָל אַקטיווע חברים פון בערדיטשעווער אָרגאַניזאַציע, כּדי זיך דורכצושמועסן אויף דער ברענענדיקער דאַן טעמע „אָרגאַניזירטע ראַכע" אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פּאָזיטיווער שטעלונג (צו נקמה-אַקטן), וואָס איז נאָר וואָס אָנגענומען געוואָרן אויף דער 5-טער קאָנפערענץ.

* * *

אין יאָר 1903 איז ביי אונז פאָרגעקומען אַ רייע דיסקוסיעס וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, וועגן דעם, ווי דאַרף זיין דער בוי פון דער רוסלענדער סאָציאַל-דעמ. פאַרטיי, וועגן אָרט פון „בונד" אין דער אַלגעמיינער פאַרטיי (אויטאָנאָמיע אָדער פעדעראַציע). מיט די דאָזיקע דיסקוסיעס האָט אָנגעפירט יונה גופא. איך האָב געמיינט אַז דאָס איז אַ צופעליקייט.

שפעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די דאָזיקע דיסקוסיעס זענען פאָרגעקומען פאַרן פינפטן צוזאַמענפאָר פון „בונד" (יוני 1903), וועלכער האָט באַדאַרפט ענדגילטיק באַשליסן די שטעלונג פון „בונד" אין דער פראַגע וועגן אָרט פון בונד אין דער רוסל. סאָצ. דעמ. פאַרטיי, אויסאַרבעטן ריכט-ליניען פאַר דער דעלעגאַציע פון „בונד" צום צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער רוסל. ס. ד.-פאַרטיי (אויגוסט, 1903, בריסל — לאָנדאָן).

ס'פאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע דיסקוסיעס זענען פאָרגעקומען נישט בלויז אין בערדיטשעוו, און אויף זיי האָט זיך אויסקריסטאַליזירט די שטעלונג פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס און פון „בונד" אַלס גאַנצן צו דער פראַגע: בונד און די „פאַרטיי".

אין אייניקע חדשים אַרום נאָך די באַשריבענע דיסקוסיעס איז צו אונז דערגאַנגען די וויכטיקע און טרויעריקע נאַכריכט דער „בונד" איז אַרויס פון דער „פאַרטיי".

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די רוסלענדער סאָצ. דעמ. פּאַרטיי איז אין יענעם פּעריאָד (ווי איך האָב שוין דערציילט) געווען אַן אַבסטראַקציע, נישט געקוקט, וואָס פון דעם טאָן פון דער „איסקראַ" בנוגע דעם „בונד" און זיינע פאָדערונגען האָט מען קיין גוטס נישט געקאָנט דערוואַרטן, האָט דאָך דער פאַקט וועגן בונדס אַרויסטרעטן פון דער פּאַרטיי געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן רושם אין אַלע בונדישע אָרגאַניזאַציעס.

דער צ. ק. האָט אין אַ געוויסער צייט נאָכן צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי אָרגאַניזירט אַ טורניי פון עטלעכע רעפערענטן, וועלכע האָבן אין אַלע אָרגאַניזאַציעס אָפּגעגעבן אַ גענויעם באַריכט וועגן דער וויכטיקער געשעעניש אין לעבן פון „בונד" און פון דער ס. ד. אין רוסלאַנד בכלל.

אין בערדיטשעוו האָט דעם באַריכט אָפּגעגעבן דער שפּע־טער אַזוי פּאָפּולער געוואָרענער ליבער (מיכאל גאָלדמאַן).

דאָס ערשטע מאָל האָב איך דערזען ליבערן ביי די קאָי־גענס אין ווינונג. געמאַכט האָט ער אויף מיר אַ שטאַרקן איינ־דרוק. ווער ס'האָט געזען זיין אינטעליגענט געזיכט, זיינע קלוגע פאַרטראַכטע אויגן — דער האָט אים שוין קיינמאָל נישט פאַר־געסן. עפּעס איז אָט די ערשטע באַגעגעניש מיינע מיט ליבערן פאַרבונדן מיט זכרונות וועגן אַ וואַליזקע מיט אַ טאָפּלטן דעק אָנגעפּאַקט מיט קליינינקע בראָשורן, געדרוקטע אויף פּאַפּיראָס־פּאַפּיר. איך האָב דאַן געהאַט דעם איינדרוק, אַז די וואַליזע שטאַמט פון אויסלאַנד, אַז געבראַכט האָט זי ליבער גופא. אויף יעדן פאַל געדענק איך, אַז אין איין צייט מיט ליבערן האָב איך אין די קאָיגענס דירה געטראָפן אָט די ליטעראַטור, וועלכע איך האָב טאַקע באַלד גענומען איבערטראָגן (צוליב קאָנספּיראַציע—אַרומ־געבונדן אויפן לייב) אין סקלאַד פון דער ליטעראַטור פאַר אינ־טעליגענץ, וועלכע האָט זיך דאַן געפונען אונטער מיין פאַרוואַל־טונג.

ליבער האָט אָפּגעגעבן צוויי באַריכטן: איינעם פאַר דער אינטעליגענץ, (אויף רוסיש) דעם צווייטן פאַר דער אַרבעטער־שאַפט. איך בין געווען אויף ביידע באַריכטן.

אויף די ביידע אומלעגאַלע צוזאַמענקונפטן איז געווען זייער אַ גרויסער עולם. די רעפּעראַטן האָבן געמאַכט אַן אומגעהויער שטאַרקן איינדרוק. מ׳דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז ליבער אין געווען אַ מיטגליד פון דער בונדישער דעלעגאַציע אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי און האָט פּערזענלעך איבערגעלעבט די אַלע דראַמאַטישע מאָמענטן אויפן צוזאַמענפאָר, מ׳דאַרף אויך נעמען אין אַכט, אַז ליבער איז אַ גלענצנדער רעדנער — איז די גאַנצע צייט פון זיין רעפּעראַט דער עולם געווען אין צושטאַנד פון דער גרעסטער שפּאַנונג. איך דערמאָן זיך, אַז אין מיטן רעפעראַט פאַר דער אַרבעטערשאַפט (אַקטיווע טוער אין דער באַוועגונג) איז ליבערן נישט גוט געוואָרן, אַז מ׳האָט געמוזט מאַכן אַן איבעררייס אויף אַ לענגערער צייט.

נאָך די רעפּעראַטן זענען אָנגענומען געוואָרן רעזאָלוציעס (אויף וויפל איך געדענק — איינשטימיק), וועלכע האָבן אַפּראָבירט די האַנדלונג פון דער בונדישער דעלעגאַציע אויפן צוזאַמענפאָר פון דער „פּאַרטיי", ד״ה דאָס אַרויסטרעטן פון „בונד" פון דער „פּאַרטיי".

אַ לענגערע צייט איז געווען שווער זיך צוגעוווינען צום געדאַנק, אַז דער „בונד", איינער פון די בויער פון דער „פּאַרטיי", שטייט אויסער אירע אָרגאַניזאַציאָנעלע רייען. עפּעס אומהיימלעך האָבן אויסגעזען די קעפּלעך פון אונזערע פּראָקלאַמאַציעס אַן דעם אַמאָליקן איבערקעפּל: „רוסלענדער ס. ד. אַרב. פּאַרטיי", אָבער דאָס אַלץ זענען געווען שטימונגען און נישט מער. די אַרבעט פון „בונד" איז נישט נאָר נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן, פאַרקערט — די אָרגאַניזאַציעס זענען אַלץ מער געוואַקסן, און געוואָרן אַלץ אַ שטאַרקערער פאַקטאָר סיי אויף דער אַרבעטער־גאַס, סיי אין לאַנד בכלל.

די „פּאַרטייצעס" אָדער „איסקראָווצעס", ווי מ׳פלעגט זיי רופן, האָבן אויף דעם „סעפּאַראַטיזם" פון „בונד" געענטפערט מיט גרינדן אָרגאַניזאַציעס פון דער רוסל. ס. ד.־פּאַרטיי דווקא אין ראַיאָן פון „בונד", אַריינציענדיק אין די אָרגאַניזאַציעס דערהויפּט טאַקע יידישע אַרבעטער. ס׳איז אַפילו געגרינדעט געוואָרן אַ ספּעציע־

דער „סיעוועראָ־זאַפּאַדני" (צפון־מערבדיקער) קאָמיטעט פֿאַר די אַלטע בונדישע שטעט: ווילנע, מינסק א. א., וואָס זיין הויפּט־אַרבעט איז, אָביעקטיוו גענומען, געווען נישט בויען עפּעס נייעס, נאָר „ראַטעווען" דעם יידישן אַרבעטער פון „נעסט פון נאַציאָנאַליזם און סעפּאַראַטיזם", פּשוט גערעדט — דעזאָרגאַניזירן די בונדישע אָרגאַניזאַציעס.

אויך אין בערדיטשעוו האָט דערגרייכט די האַנט פון די „איסקראָווצעס". אָנגעהויבן האָט זיך עס פון עפּעס אַן אָפּאָזיציע אינעווייניק, אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע. איך געדענק גוט, אַז דער טאַטע און אָנפירער פון דער אָפּאָזיציע איז געווען איינער „ראָבערט" (לוגאַנאָווסקי), אַ באַוווסטזיניקער בעקער־אַרבעטער, וואָס איז געקומען פון אָדעס. איך געדענק, אַז זיינע אָפּאָזיציאָנעלע שטימונגען האָבן געהאַט אין הינטערגרונט נישט־באַפרידיקטע אַספּיראַציעס זיינע בנוגע זיין אָרט אין דער אָרגאַניזאַציע.

פּשוט גערעדט, ער האָט איינגעפונען, אַז ער איז ראוי אָנגענומען צו ווערן אין די אָנפירנדיקע אינסטאַנצן פון דער אָרגאַניזאַציע, און די אָרגאַניזאַציע, ווי ס'איז געווען דער מנהג אין „בונד", האָט זיך נישט געאיילט, האָט געוואָלט זיך נאָך בעסער און נענטער באַקענען מיט ראָבערטן.

ער האָט צוגעצויגן צו זיך אַנדערע אומצופרידענע, וואָס זענען דאָ אין יעדער אָרגאַניזאַציע, און האָט געשאַפן אַן אָפּאָזיציאָנעלע גרופּע, אין וועלכער ס'איז אויך אַריבער פון „בונד" מיין יוגנטפריינד אפרים ניעבראַט (דאַן אַ סטודענט, שפּעטער אַ מעדיצין־דאָקטאָר, לעבט שוין נישט מער). ס'האָט לאַנג נישט געדויערט, און די אָפּאָזיציע איז — ווי ס'פּאַסירט אָפט — אַריבער פון טעכנישע פראַגן — צו פּרינציפּיעלע טענות, און פּלוצים איז אַרויסגעשפּרונגען — אַ בערדיטשעווער אָרגאַניזאַציע פון דער רוסל. ס"ד־פּאַרטיי. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט, און עס האָט זיך באַוויזן דאָס ערשטע בלעטל פון דער נייער אָרגאַניזאַציע. ביים פאַרשפּרייטן דאָס בלעטל איז אַרעסטירט געוואָרן אַ יינג מיידל — מאַניע ניעבראַט, אַ שוועסטער פון דעם דערמאָנטן אפרים ניעבראַט.

21

סילועטן: ראַווערבע („קוראַקיי״): ס. מאַרגאָלין. — „איינער פון פאָלק״

ביים פאַרענדיקן מיינע זכרונות וועגן דער בערדיטשעווער אַרבעטער־באַוועגונג, וועגן בערדיטשעווער „בונד״ און בונדיסטן, קומען מיר אויפן געדאַנק נאָך פיל אינטערעסאַנטע טיפּן.

איך וועל אויסקלייבן געציילטע:

ר אַ ו ו ע ר ב ע („ק ו ר אָ ק י״).

אין בערדיטשעוו האָט ער זיך באַוויזן בערך אין מיטן 1903 יאָר. געקומען איז ער פון אַ קליין שטעטל פון וואָלין. מיר גלויבט זיך, אַז — פון באַראַנאָווקע אָדער פון קאַמיענני בראָד. אַ הויכער אַ ברייטבייניקער, אַ ביסל אַן איינגעבויגענער מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ האָר, מיט אַן אָפּגעלאָזענער באָרד, האָט ער זיך געוואָרפן אין די אויגן אַריין סיי מיט זיין פיגור, סיי מיט זיין גאַנצן מאָדנעם הילוך.

וועגן זיין אומבאַהאָלפנקייט אין ענין פון זיין אייגענעם טואַלעט, אין ענין עלעמענטאַרע ווירטשאַפטלעכע זאַכן, וועגן זיין שרעקלעכער אָפּגעלאָזנקייט זענען שפּעטער אַרומגעגאַנגען גאַנצע לעגענדעס אין די שטעט, ווו ער האָט געאַרבעט, און אין דעם גאַנצן קרייז „פּראָפעסיאָנאַלן״ פון „בונד״.

ראַווערבע איז געווען אַ מענטש, וואָס פלעגט שלינגען ערנסטע ביכער, וואָס האָט באַזיצט פיל וויסנשאַפט אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט, אַ מענטש מיט אַ מאַרקסיסטיש געשליפענעם מוח. אַ מענטש, וואָס האָט צוליב דער אַרבעטער־זאַך פאַרגעסן אין זיך גופא.

ראָורעבע האָט קומענדיק קיין בערדיטשעוו, זיך גלייך געוואָרפן אין דער מאַסע, אַרומגעלאָפן יעדן טאָג מיט אַרבעטער אויף די בירזשעס. ער איז גיך געוואָרן באַליבט ביי דער אַרבעטערשאַפט. ס׳האָט געדויערט אַ גאָר קורצע צייט, און ראַווירעבע איז צוקאָאָפּטירט געוואָרן אין בערדיטשעווער קאָמיטעט פון „בונד". באמת האָבן בלויז יחידים באַוויזן אַזוי שנעל צו אַוואַנסירן אין „בונד".

צוליב פּאָליציייִשע טעמים, האָט ראַוורעבע געמוזט פאַרלאָזן בערדיטשעוו. ער האָט דערנאָך געאַרבעט אין גראָדנע, ביאַליסטאָק, לאָדזש א״אַ. געווען אַ דעלעגאַט אויפן 7־טן צוזאַמענפאָר פון „בונד" אין לעמבערג (אויגוסט 1907).

זיינע פּאַרטיי־פּסעוודאָנימען זענען געווען: „קוראָקי", שלום, ברוך.

אין פרילינג 1905 האָב איך ראַוורעבן געטראָפן אין לאָדזש אין דער שפּיץ פון דער אָרגאַניזאַציע.

אין 1908 יאָר איז ראַוורעבע קראַנק געוואָרן אויף שווינדזוכט. זיינע פריינט און חברים האָבן אים אַרויסגעשיקט קיין אויסלאַנד אויף קוראַציע.

דאָס לעצטע מאָל האָב איך דעם שוין פולשטענדיק פיזיש צעבראָכענעם ראַוורעבן געזען אויף זיין דורכרייזע דורך זשענעוו (שווייץ). איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן די צוויי דריי טעג, וואָס מיר האָבן דאָן איבערגעלעבט צוליב ראַוורעבן. איך און, דוכט מיר, דער ח׳ „אַמעריקאַניעץ" האָבן אָפּגעוואַרט דעם קראַנקן ביי דער באַן. פון וואַגאָן איז קוים אַרויסגעקראָכן אַ הויכער, איינגעהויקערטער מענטש, אַ מענטש מיט איינגעפאַלענע באַקן, מיט אויגן פול טרויער, פיבערנדיקע, וואָס האָבן ווי געזאָגט: זעט, צו וואָס פאַר אַ סטאַדיע פון קראַנקהייט איך בין דערגאַנגען. אָבער דאָס שרעקלעכסטע וואָס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן, איז געווען — דאָס ערדענע טעפל מיט אַ צודעקל, וואָס ראַוורעבע האָט צוליב טעמים פון געזעלשאַפטלעכער היגיענע מיט זיך מיטגעפירט און אין וועלכן ער האָט נאָך יעדן שווערן הוסט פון אַ שווינדזיכטיקן אין דער לעצטער סטאַדיע פון

קראַנקהייט — אַריינגעשפּיגן די אויסטייַלעכץ פון זיינע צעפוילטע לונגען. די דאָזיקע קוים לעבנדיקע פיגור, געקליידעט אָרעם ביז גאָר, מיטן טעפל אין דער פאַרויס אַרויסגעשטעלטער האַנט, האָט געמאַכט אַ שוידערלעכן איינדרוק.

מיר האָבן דעם חבר אַוועקגעפירט אין דעם פון פריער צוגעגרייטן „האָטעל". מיר האָבן געציטערט, אַז די אינהאַבערין פון האָטעל זאָל זיך אַ מאָל נישט כאַפּן וועגן אמתן צושטאַנד פון ראַוורעבען און זאָל נישט אונז הייסן זוכן אַן אַנדער מקום־מנוחה פאַרן קראַנקן, האָבן מיר איר דערציילט אַ מעשה, אַז אונזער פריינד פאָרט פון ווייטן רוסלאַנד, האָט זיך צוגעקילט אין וועג און אָנגעהויבן הוסטן — אַ וואַרעם צימער מיט אַ הייס גלעזל טיי, ווי אויך אַ פּאָר טעג אָפּרו פון שווערן וועג וועלן אים צוריקשטעלן אויף די פיס. די מאַדאַם האָט האַלב מיט ספקות, האַלב מיט הסכמה צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, און געהייסן די באַדינונג קודם מאַכן דאָס בעט. אונז איז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרץ.

ראַוורעבע איז געווען שטאַרק אויסגעשעפּט פון וועג. מיר האָבן אים גענומען אויסטון. און דאָ האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אונזערע אויגן אַ „העמד", וואָס איך קאָן עס אויך נישט פאַרגעסן: אין דער גאַנצער לענג איז עס געווען צעריסן אין לאַנגע פּאַסן און ביי יעדן ריר האָבן זיך געריסן נייע „לאָקשן". דער קראַנקער האָט זיך שטאַרק זשענירט פאַר אונז, באַמיט זיך צונויפציען, צו פאַרשטעלן מיט די הענט די פּאַסן, און האָט מיט אַ פּרעגצייכן אין די אויגן זיך איינגעקוקט אין אונז, וואָס, הייסט עס, טראַכטן מיר וועגן גאַנצן מעמד זיינעם.

אויף מאָרגן האָבן מיר צוזאַמען מיטן חבר ל. הערש (איצט פּראָפעסער אין זשענעוו) דעם קראַנקן חבר אַוועקגעפירט צו אַ באַוווסטן דאָקטאָר אין זשענעוו, דעם חבר הערשס אַ באַקאַנטער. דער דאָקטאָר האָט פעסטגעשטעלט, אַז די לאַגע פון קראַנקן איז האָפענונגלאָז, אַז מער ווי געציילטע וואָכן וועט דער אָרגאַניזם פון קראַנקן נישט אויסהאַלטן.

דער חבר ראַוורעבע, וואָס האָט קיין איין וואָרט פראַנצויזיש נישט פאַרשטאַנען, האָט זיך פונדעסטוועגן אויסערגעוויינלעך

אויפמערקזאַם צוגעהערט צום שמועס פון דאָקטאָר מיטן ח׳ הערש, עפּעס ווי וועלנדיק אין דער אינטאָנאַציע פון די שטימען כאַפּן אַן אָנצוהערעניש וועגן זיין גורל. פאַרשטייט זיך, מיר האָבן זיך באַמיט אים צו באַרויִקן, אָבער די אויגן פון קראַנקן האָבן געקוקט אויף אונז מיט אַ ביטערן שמייכל, מער מיט ספקות, ווי מיט האָפענונג.

ס׳איז דאַן געווען 1908. אין רוסלאַנד איז די רעוואָלוציע פון 1905 שוין לאַנג געווען דערשטיקט. די אָרגאַניזאַציעס אויף די ערטער האָבן קוים געזשיפּעט, אַ גרויסער טייל איז אין גאַנצן געווען אָפּגעשוועכט. צוליב דעם אַלעמען איז נישט געווען צו דערוואַרטן פאַר ראַווּרעבן קיין מאַטעריעלע הילף פון רוסלאַנד. צוליב דער לאַגע אין רוסלאַנד, איז אויך געווען אויסערסט שווער אין מאַטעריעלן הינזיכט דער מצב פון אונזער אָרגאַניזאַציע אין אויסלאַנד. ס׳איז דאָך באַשלאָסן געוואָרן ראַווּרעבן צו שיקן אין נערווי (איטאַליע). ווו ס׳האָט דאַן געוווינט די ח׳ דאָרע קאָיִגען.

ס׳איז געווען נויטיק צו באַגלייטן דעם קראַנקן ראַווּרעבן ביז נערווי, ווייל אַ חוץ דעם, וואָס ער איז געווען אומבאַהאָלפן צוליב זיין אָפּגעשוואַכטקייט, האָט ער דאָך אויפן וועג זיך נישט געקאָנט פאַרשטענדיקן, נישט אויף איטאַליעניש, נישט אויף פראַנצויזיש, אָבער וואָס האָט מען געקאָנט טון? ס׳איז דאָך קוים געווען אויף אַ באַנבילעט און אויף די ערשטע הוצאות אין נערווי.

האָבן מיר אין אַ טריבן פרימאָרגן אָפּגעפירט ראַווּרעבן צו דער באַן, אַריינגעזעצט אין וואַגאָן, און זיך מיט אים אָפּגעזעגנט. אויף שטענדיק.

מיט פאַרשידענע אומוועגן — געדענקט זיך — איז ראַווּרעבע אָנגעקומען קיין נערווי. דאָרט האָט די ח׳ דאָרע קאָיגען וועגן אים געזאָרגט, וויפל איר איז נאָך מעגלעך געווען. אָבער אויך דער איטאַליענישער קלימאַט האָט ראַווּרעבן נישט געקאָנט געזונט מאַכן זיינע צעפוילטע לונגען. אין זעלבן יאָר (1908) איז ראַווּרעבע אין נערווי געשטאָרבן.

גאָר אַן אַנדער טיפּ איז געווען סעמיאָן מאַרגאָלין.

אין בערדיטשעוו האָט ער זיך באַוויזן אויך אין מיטן אָדער ענדע 1903, אונטער דעם פסעוודאָנים „גרישאַ".

„גרישאַ" איז געווען אַ יונג סטודענטל, וואָס איז נאָר וואָס געקומען פון אויסלאַנד ספּעציעל צו אַרבעטן אין דער באַוועגונג. ער איז געווען אַ לעבעדיקער, רירעוודיקער און האַרציקער בחורל, פול מיט לעבן און רעוואָלוציאָנערן גייסט. אין בערדיטשעוו איז ער אַראָפּגעשיקט געוואָרן, כּדי צו שטודירן אין דער פּראַקטיק די אַרבעט אין דער אָרגאַניזאַציע. אויך מאַרגאָלין האָט נישט אַנערקענט די פּרינציפּן פון קאָנספּיראַציע. און אויך ער האָט אָנגעהויבן עפנטלעך זיך צו באַווייזן אויף דער בירזשע. מיט זיין אויסזען פון אַ טיפּישן אינטעליגענט, דערצו נאָך מיט זיין נישט יידיש פּנים, האָט ער זיך אויסגעטיילט פון דער מאַסע. אויך מאַרגאָלין („גרישע") האָט שטאַרק אויסגענומען ביים בערדיטשעווער פּראָלעטאַרישן עולם און ביי דער יוגנטלעכער אינטעליגענץ. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט צוליב פּאָליציייִשע טעמים לאַנג נישט געקאָנט פאַרבלייבן אין בערדיטשעוו, און איז אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין מינסק. פון מינסק איז מאַרגאָלין געשיקט געוואָרן קיין וואַרשע, וווּ ער איז באַליבט געוואָרן אַלס טאַלאַנטפולער מאַסן־רעדנער אין די יאַנואַר־טעג 1905. אין יענע טעג איז מאַרגאָלין פּאָפּולער געוואָרן אויך אין לאָדזש, וווּ ער פלעגט, פּונקט ווי אין וואַרשע, אַרויסטרעטן אויף די אומלעגאַלע גאַסן־מיטינגען.

דאָס לעצטע מאָל האָב איך זיך מיט אים געטראָפן אין לאָדזש, בעת איינעם פון זיינע „גאַסטראָלן" אין די נאָך יאַנואַר־טעג פון 1905. אין זכּרון איז ער מיר פאַרבליבן: אַ יונגער, דרייסטער, צאַפּלדיקער רעוואָלוציאָנער, אַ גוטער, פּשוטער מענטש און טרייער חבר. מער האָב איך סעמיאָנען נישט געזען. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, (פרילינג 1905) איז ער געפאַלן פון אַ קויל בעת אַ גרויסער בונדישער דעמאָנסטראַציע פאַרן „פּאַוויאַק". איך האָב שוין דערציילט, אַז געפאַלן איז דאַן אויך ביים פּאַוויאַק פראַניע גרעבעלסקאַ. צוויי יונגע און שיינע לעבנס זענען אומגעקומען אויפן מזבח פון דער רעוואָלוציע. דער טויט פון די צוויי יינגע רעוואָלוציאָנערן און פריינד, וועלכע זענען אין דער באַוועגונג

געוואַקסן און אויסגעוואַקסן פאַר מיינע אויגן, האָט אויף מיר גע־מאַכט אַ שרעקלעכן איינדרוק.

דער וואַרשעווער קאָמיטעט פון „בונד" האָט דאַן אַרויס־געלאָזן אַ ספּעציעלע פּראָקלאַמאַציע געווידמעט דעם אָנדענק פון די דאָזיקע יינגע העלדן פון „בונד".

* *
*

דערציילנדיק וועגן ערשטן פּאָליטישן שטרייק אין בער־דיטשעוו, האָב איך דערמאָנט איינעם אַן אַרבעטער „משה בהמה", מיט וועלכן איך האָב זיך צוזאַמענגעטראָפן אין אַרעסט ביים פּאָ־ליצײ־קאָמיסאַריאַט.

אָט וועגן דעם מענטש פון פּאָלק האָב איך געוואָלט זאָגן אַ פּאָר ווערטער. נישט ער האָט געשפּילט, נישט ער האָט גע־קאָנט שפּילן אַ ראָל אין דער באַוועגונג, נישט ער האָט באַוויזן ספּעציעלע העלדישקייטן. דאָך פאַרדינט ער אַ פּאָר שורות, טאַקע אַלס מענטש פון די אונטערשטע שיכטן פון פּאָלק.

„משה בהמה" איז געווען אַ „געגר־יוועטער" (מעכאַנישער) שוסטער. ער האָט געהערט צו מיין ערשטן קרייז. ער האָט זיך צו מיר צוגעבונדן (ווי ער האָט מיר אַליין דערציילט, זיצנדיק אויף דער נאַרע אין אַרעסט) צוליבן פּאָלגנדיקן פּאַל:

תשעה באב, ווען אַ גרויסער עולם יידן גייט אויפן בית־עולם, האָט די אָרגאַניזאַציע איינגעאָרדנט אַ פאַרזאַמלונג אויף אַ ווייטער אַלעע צווישן די מצבות. איך בין געווען באַשטימט אַלס רעדנער. ס'האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן עפּעס אַ 150 מאַן. פּלוצ־לונג, אין מיטן רעדן, האָט עמעצער אַלאַרמירט, אַז ס'גייט פּאָליצײ. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַן אומזיסטע שרעק, אָבער דער עולם איז זיך מאָמענטאַל צעלאָפן, און אַ חוץ מיר איז געבליבן אויפן אָרט — „משה בהמה". אויף אים — האָט ער מיר דערציילט — האָבן געווירקט מיינע ווערטער צו די אַנטלויפנדיקע: „חברים, וואָס לויפט איר? וואָס לאָזט איר מיך אַליין!"

פון דאַן אָן איז ער געוואָרן ווי צוגעזאָגט צו מיר.

משה איז געווען אַן אַנאַלפאַבעט. איידער ער איז אַריין אין

דער באַוועגונג, האָט ער (ווי אַ סך אַרבעטער פון זיין גייסטיקן גיוואָ) חוץ שוסטעריי געהאַט נאָך אַ „באַשעפטיקונג״: ער האָט געהאַט „כּלות״.

דאָס מיטזיין און דאָס מיטאַרבעטן מיט דער בונדישער אָר־גאַניזאַציע, דאָס באַהעפטן זיך מיטן סאָציאַליסטישן אידעאַל, האָט אויסגעלייטערט דעם פּשוטן שוסטער־יונג און אים דערהויבן צום סטאַדיום פון אַן אידעישן מענטש.

22

דער ערשטער נומער „דער בונד". — ראָוונע. — איך פאַרלאָז בערדיטשעוו.

אין 1903 יאָר, איך געדענק נישט, צי דאָס איז געווען פאַר מיין אַרעסט אָדער שוין נאָך מיין צוריקקומען אויף דער פריי, האָט מיך איין מאָל יונה אַריינגערופן אין אַ חדר מיוחד און מיר מיטגעטיילט, אַז איך בין קאָאָפּטירט אין בערדיטשעווער קאָמי־טעט.

איך האָב מיך אַביסל געוואַקלט, אָבער דאָך האָב איך מסכים געווען אָנצונעמען דעם מאַנדאַט.

דעם ווינטער 1903—1904 האָבן מיר זייער פיל געאַרבעט אין דער באַוועגונג. ס'האָט זיך דאַן אָנגעהויבן די רוסיש־יאַפּאַ־נישע מלחמה, און פיל ענערגיע האָבן מיר אַוועקגעגעבן דער אַנ־טי־מלחמה און אַנטי־מיליטאַריסטישער אַגיטאַציע.

אין יאַנואַר 1904 האָט, אַ חוץ דער „אַרבעטער־שטימע", אָנ־געהויבן דערשיינען נאָך אַן אומלעגאַלער אָרגאַן מיטן נאָמען „דער בונד". דאָס איז געווען דער פּאָפּולערער אָרגאַן, וואָס דער פינפטער צוזאַמענפאָר פון „בונד" האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן פאַר דער ברייטער אַרבעטער־מאַסע. אויך אַרום דעם נייעם אָר־גאַן האָבן מיר אַנטוויקלט אַ גרויסע אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט. פאַרבייגייענדיק וויל איך באַמערקן, אַז גראָד דער ערשטער נו־מער „דער בונד" האָט זיך אין הינזיכט פון פּאָפּולערקייט אַבּ־סאָלוט נישט איינגעגעבן. שטעלט אייך פאָר, אַז דער לייט־אַר־טיקל („דער בונד" און די אַנפירער פון דער רוסישער סאָצ. דע־

מאָקראַטיע"), וואָס האָט באַדאַרפט באַלייכטן די דעמאָלט אָנגעווייטיקטע פראַגע — די סיבות, פאַר וואָס דער „בונד" איז אַרויסגעטרעטן פון דער „רוסלענדישער פּאַרטיי", איז געווען אַזוי גרויס, אַז ס'האָט גיכער געפּאַסט פאַר אַ קליינער בראָשור, ווי פאַר אַ צייטונגס-אַרטיקל, אַזוי, אַז די רעדאַקציע האָט אַזש געפונען פאַר נויטיק זיך צו פאַרענטפערן פאַר די לייענער אין אַ ספּעציעלער באַמערקונג צום אַרטיקל.

אָבער גאָרנישט. אין יענע צייטן האָט מען אַזאַ נומער „בונד" (וואָס איז נאָך דערצו אויף דער העלפט געווען געדרוקט מיט פּיטשינקע אותיות, געדיכט איין שורה נעבן דער צווייטער) געלייענט פון ערשטן וואָרט ביזן לעצטן.

צוליב דעם ערשטן נומער „בונד" — געדענק איך — בין איך געפאָרן (אין אויפטראַג פון יונהן) קיין ראָוונע, ווו די אָרגאַניזאַציע, דאַן גאָר אַ יונגינקע, האָט איינגעאָרדנט אַ יום-טוב לכבוד דעם ערשטן נומער. דער יום-טוב איז פאָרגעקומען פורים אין אָוונט („נאָך דער סעודה"), און מיר איז אויסגעקומען צו האַלטן צוויי רעפעראַטן: וועגן אונזער פּרעסע און וועגן דער מלחמה.

* * *

ס'האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דערנענטערן דער 1-טער מאַי (1904). ס'איז געווען קלאָר, אַז די בערדיטשעווער פּאָליציי, וואָס האָט זיך שוין עפּעס אויסגעלערנט אין פאַרלויף פון יאָר, וועט צוזאַמען מיט דער קיעווער זשאַנדאַרמעריע דורכפירן גרויסע אַרעסטן. אַזוי איז טאַקע געווען.

עטלעכע טעג פאַרן 1-טן מאַי בין איך גראָד קראַנק געוואָרן און געלעגן ביי זיך אין צימערל אויף מאַכניוווקער גאַס. גאַנץ פרי האָבן מיינע באַלעבאַטים מיר אָנגעקלאַפּט און געוואָרנט, אַז ס'גייען צו מיר „געסט". באַלד איז אַריין אין צימער מיין פּריסטאַוו (קאָמיסאַר) אין דער באַגלייטונג פון צוויי פּאָליציאַנטן. זיי זענען געווען שרעקלעך מיד פון אַ גאַנצער נאַכט „אַרבעט".

דער פריסטאַוו האָט מיר איילים אַ פרעג געטון:

— האָט איר ליטעראַטור?

איך האָב זיך געמאַכט נאַיוו און אים געענטפערט:

— יאָ! אַנווייזנדיק אויף... אַ פרישינקן נומער „רוסקאַיע באָגאַטסטוואָ" — (אַן אָפּאָזיציאָנעלער לעגאַלער חודש-זשורנאַל, אַרויסגעגעבן פון קאָראָלענקאָ און מיכאַלאָווסקין).

דער פריסטאַוו איז צו צו מיין בעט, און האָט אַרויסגעכאַפּט דעם זשורנאַל פון אונטער מיין קישן.

ער האָט געמאַכט אַ מינע פון אַנטוישונג און ברוגז אַ ברום געטון:

— נישט די ליטעראַטור האָב איך געמיינט.

פאַרשטייט זיך, אַז קיין שום טריפה זאַכן האָט מען בעת דער רעוויזיע ביי מיר נישט געפונען. דאָך האָט דער פריסטאַוו מיר געהייסן זיך אָנטון און מיטגיין.

איך האָב דערקלערט, אַז איך קאָן נישט מיטגיין, ווייל איך בין קראַנק — און אָנגעוויזן אויף די פלעשלעך רפואות, וואָס זענען געשטאַנען נעבן מיין בעט.

דער פריסטאַוו האָט מיר אַ קוק געטון אין די אויגן און געזאָגט:

— אַ שאָד! נו, בלייבט דערווייל. אַז איר וועט געזונט ווערן, קומט גלייך אַריין צו מיר אין קאָמיסאַריאַט. אויף ווידער-זען!

איך האָב, פאַרשטייט זיך, נישט געהאַט קיין חשק זיך נאָך אַ מאָל זען מיט דעם — אַפילו גאַנץ גוטמוטיקן — פריסטאַוו. ס'איז שוין אַזוי אויך געווען פּראָיעקטירט, איך זאָל אַוועקפאָרן פון בערדיטשעוו, ווו איך האָב שוין צו לאַנג געאַרבעט און בין שוין געווען „פאַרשאָטן". די מעשה מיט דער פּאַר-מאַי-רעוויזיע האָט געצווונגען גיכער אָנצונעמען אַן ענדגילטיקן באַשלוס, און ווי נאָר איך בין געזונט געוואָרן, בין איך אַוועק פון בערדי-טשעוו.

איך בין אַזוי אַרום אַוועק פון אונטער פּאָליציישער אויפ-זיכט, און האָב דעריבער געמוזט ווערן „אומלעגאַל".

דער צ״ק פון „בונד״ האָט זיך דאַן געפונען אין מינסק. יונה האָט מיר געגעבן אַ „יאַווקע״ (ד״ה אַן אַדרעס צו באַקו־מען די נויטיקע פּעדעס). איך האָב זיך אָפּגעזעגנט מיט דער בערדיטשעווער אָרגאַניזאַציע, אויך מיט וולאַדימירן און מאַלינען, וואָס זענען נאָך אַלץ געזעסן אין טורמע, און האָב פאַרלאָזן בער־דיטשעוו — אויף שטענדיק.

23

ביים צ״ק. — אין מינסק. — „רחמיאל״. - ווילנע. - איסאי אייזענשטאט („יודין״). - דער טראַנספּאָרט מאַי־ליטעראַטור. - קאָוונע.

אין מינסק האָב איך געטראָפן אַ היימישן מענטשן — ס. מאַרגאָלינען.

אָנצוקומען צו אַ פאָרשטייער פון צ. ק. איז געווען נישט אַזוי לייכט. די „יאַווקע״, וואָס איך האָב געהאַט, איז געווען — אַן אײַנבינדעריי. דאָרט האָב איך געפרעגט אויף אַ חבר (דאַכט זיך, זלמן אײַנבינדער).

איך האָב אים געזאָגט דעם פּאַראָל, און נאָך דעם זעלבן טאָג האָט ער מיך צונויפגעפירט מיט אַ חברטע, וואָס האָט מיך באַדאַרפט שוין דירעקט פאַרבינדן מיטן צ. ק. די חברטע איז געווען די אַמאָל באַוווסטע טוערקע פון „בונד״ צביה הורוויץ. געטראָפן האָבן מיר זיך מיט איר פּשוט אין גאַס. זי האָט מיך גענוי אויסגעפרעגט וועגן דעם ענין, צוליב וועלכן איך בין געקומען צום צ׳ ק., און אויף מאָרגן איז מיין צוזאַמענטרעף מיטן צ. ק., דאָס הייסט מיט אַ פאָרשטייער פון צ. ק., פאָרגעקומען — ווידער טאַקע אין גאַס.

דער פאָרשטייער פון צ. ק. האָט, צו מיין באַוווּנדערונג, אויסגעזען גיכער ווי אַ נגידיש סוחרל, איידער אַ רעוואָלוציאָנערער טוער פון די שפּיצן פון „בונד״: פאַר מיינע אויגן איז געשטאַנען אַ מענטש אין די דרייסיקער — מיט אַ פיין צוגעשוירן שפּיציק בערדל, מיט אַ גאַנץ פרישן „מעלאָניק״ (האַרטן קאַפעלוש) אויפן קאָפּ. אַט דער יידישער יינגערמאַנטשיק איז געווען

„רחמיאל" — (ווײַנשטײַן) אַ באַוווּסטער טוער אין „בונד", אַ לאַנגיאָריקער מיטגליד פון צ. ק. פון „בונד", שפּעטער, נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש — אַ באַוווּסטער טוער בײַ די יידישע קאָמוניסטן אין סאָוויעט-רוסלאַנד.

ח' רחמיאל האָט מיר געגעבן אַ „יאַווקע" קיין ווילנע, ווי אויך אַ קלײן קאָנספּיראַטיוו צעטעלע צום דאָרטיקן פאָרשטײער פון צ. ק. דאָרט בײַ דעם פאָרשטײער פון צ. ק. האָב איך באַדאַרפט באַקומען פאַרבינדונגען מיט ק אָ וו נ ע, וווהין איך האָב באַקומען אַ נאָמינאַציע פון צ. ק.

איך האָב זיך אָפּגעזעגנט מיט מאַרגאָלינען, און בין אַוועק צו דער באַן.

איך בין אָנגעקומען קיין ווילנע, און בין אַוועק אויף דער „יאַווקע".

די „יאַווקע" איז געווען בײַ אַן אָנגעשטעלטן אין אַ בוכהאַנדלונג אויף איינער פון די באַלעבאַטסטע ווילנער גאַסן. איך האָב מיך געווענדעט צו דעם באַטרעפנדיקן אָנגעשטעלטן (דאַכט זיך, אַז געהייסן האָט ער קיסין) און יענער האָט מיר געגעבן ווײַטערע פאַרבינדונגען.

דער פאָרשטײער פון צ. ק. אין ווילנע איז דאַן געווען אַ לאַנגיעריקער מיטגליד פון צ. ק. פון „בונד" דער ח' איסאַי אײַזענשטאַט („יודין", „וויטאַלי"). ער האָט שוין דאַן געהאַט אַ גרויסן סטאַזש אין דער אַרבעטער-באַוועגונג (וועגן וועלכן איך האָב זיך, נאַטירלעך, דערוווּסט ערשט אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905 זענען אַ טייל חברים דעקאָנספּירירט געוואָרן).

ח' איסאַי — „וויטאַלי" האָט שוין דאַן באַוויזן אפילו אָפּצוזיצן 5 יאָר אין פאַרשיקונג, אין צפון-סיביר, אין ווילויסק, יאַקוטער געגנט. אין ווילנע האָט ער דאַן (1904) געוווינט גאַנץ לעגאַל, געאַרבעט אין אַן אָרטיקער צײַטונג.

אויפגענומען האָט ער מיך אין זײַן אייגענער וווינונג, פּשוט און פרײַנטלעך, גלײַך מיר וואָלטן זיך שוין געקאָנט מי יודע וויפל יאָרן. איסאַי אײַזענשטאַט האָט געהאַט אַ זייער סימפּאַטיש

אויסזען, און האָט מיט זיין גאַנצן האַלטן זיך, מיט זיין אויסער־לעכקייט דערמאָנט אַ טיפּישן רוסישן אינטעליגענט.

נאָך דער טרוקענער און אָפיציעלער אויפנאַמע, וואָס איך האָב געהאַט אין מינסק ביי רחמיאַלן, האָט דער צוזאַמענטרעף מיט איסאַיען מיך פּשוט אָפּגעפרישט. איסאַי האָט אויפמערקזאַם איבערגעלייענט רחמיאַלס צעטעלע, זיך אַ ביסל דורכגעשמועסט מיט מיר, און האָט זיך אַ נעם געטון צו מאַניפּולירן אַרום זיין שרייבטיש. אויסערלעך איז עס געווען אַ געוויינלעכע ביורקע, בלויז — אין דריי זייטן אַרומגערינגלט מיט אַ געטאָקטער גאַ־לעריע. אַ דריי, אַ שרויף — און די אויבערשטע דעק פון טיש האָט זיך אַרויסגערוקט, און אין די זייטנווענטלעך פון טיש האָבן זיך באַוויזן באַהעלטענישן מיט פּאַפּירן. ער האָט דאָס אַלץ געטון אַזוי פּשוט, מיט אַזאַ צוטרוי צו מיר, צו אַ חבר, וועלכן ער האָט געזען צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, אַז כ'האָב זיך געמוזט נישט ווילנדיק פאַרוונדערן.

ח' איסאַי האָט פון איינעם פון די טיש־זייטלעך אַרויסגע־נומען אַ צעטעלע (ווייזט אויס מיט אַדרעסן) און האָט מיר גע־געבן אַ „יאַווקע" אין קאָוונע.

פּונקט איצט, ווען איך קוק איבער מיינע מעמואַרן און אין מיין זכרון שטייט אויף דער אַמאָליקער איסאַי, מיט זיינע רויִקע מאַניפּולאַציעס ביים קאָנספּיראַטיוון ביורקע, ווען איך זע כמעט פאַר מיינע אויגן דעם זעלטן סימפּאַטישן אויסדרוק פון זיין פּנים, פּונקט איצט, יולי 1937, איז אָנגעקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז דער וועטעראַן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד איז געשטאָרבן אין פּאַריז, ווו ער האָט זיך געפונען אויף עמיגראַציע, צו וועלכער ער איז געצוווּנגען געוואָרן דורך די באָלשעוויקעס אין יאָר 1922. אַזוי האָט פאַרענדיקט זיין לעבן אַ טרייער סאָצי־יאַליסט, אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס איז העכער 50 יאָר געשטאַנען צום דינסט פון דער אַרבעטער־זאַך, פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

* * *

די „יאַווקע", וואָס ח' איסאַי האָט מיר געגעבן, איז געווען

אַ פּריוואַטע שול פֿון אַננע רובינשטיין, דאָרט האָב איך געדאַרפֿט פֿרעגן אויף „העלענען".

איך וואָלט שוין, אייגנטלעך, געקאָנט פֿאָרן קיין קאָוונע, איז אָבער אונטערגעקומען אַ חבר מיטן נאָמען „בנימין" („בנימקע בלעכער", אויב איך האָב נישט קיין טעות), אַ מיטגליד פֿון ווילנער קאָמיטעט פֿון „בונד", און מיר פֿאַרגעלייגט, איך זאָל מיטנעמען מיט זיך מאַי-ליטעראַטור פֿאַר קאָוונע מיטן ראַיאָן (ווי די לייענער געדענקען, בין איך פֿון בערדיטשעוו אַוועק פֿאַרן ערשטן מאַי). דער געדאַנק איז געווען נישט קיין קרומער, און מיר האָבן אָפּגערעדט אַלע פּרטים פֿון דער עקספּעדיציע. קודם וועל איך נעמען אַ נומער אין אַן „אָנשטענדיקן" סוחרישן האָטעל, דאַן וועל איך קויפֿן אַ גרויסן קאָרב מיט היי, שטריק, שלעסלעך, און דאָס אַלץ, מעשה סוחר, אַוועקשיקן אין האָטעל. די מאַי-„סחורה" וועט מען מיר שוין ברענגען אין האָטעל אַריין, און דאַן וועט ער, בנימין הייסט עס, קומען מיר העלפֿן פּאַקן די „סחורה" אאַ"וו.

איך בין דאַן געווען אין ווילנע דאָס ערשטע מאָל, איך האָב נישט געקאָנט די ווילנער גאַסן, איך האָב קיין אַנונג נישט געהאַט, ווו וואָס ליגט, אָבער דאָס האָט מיר אַבסאָלוט נישט געשטערט צו מאַכן מיינע קניות. ווייל „בנימקע" האָט מיר געגעבן די גענויסטע אָנווייזונגען, כּדי איך זאָל ביי קיינעם גאָרנישט דאַרפֿן פֿרעגן.

איך האָב אַלץ פּינקטלעך באַזאָרגט. און האָב זיך גענומען וואַרטן אויף די מענטשן, וואָס דאַרפֿן מיר ברענגען די מאַי-ליטעראַטור.

אין אָוונט האָט זיך געעפֿנט די טיר אין מיין האָטעל-צימער, און ס'איז אַריין אַ פּאָרל, אַ פּשוט באַלעבאַטיש פּאָרפֿאָלק. ווען זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז זיי האָבן ריכטיק געטראָפֿן, האָבן זיי גענומען אַרויסשלעפּן פֿון זיך גאַנצע פּעק מאַי-פּראָקלאַמאַציעס, וואָס זיי האָבן געטראָגן טיילווייז אויפֿן לייב, טיילווייז אין ספּעציעלע טאַשן, אין די קליידער. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז דאָס פּאָרל קומט דירעקט פֿון דער אונטערערדישער דרוקעריי, אָבער רעדן וועגן דעם האָט מען נישט געטאָרט. דאָס פּאָרל איז אַוועק, און אין אַ לענגערער צייט אַרום

נאָך אַ מאָל געקומען, ווידער שטאַרק אָנגעלאָדן (אויסערלעך פֿאַרשטייט זיך, איז גאָר נישט געווען צו מערקן).

איך בין שוין דעם אָוונט אין ערגעץ נישט געגאַנגען און געבליבן היטן מיין סחורה. אויף מאָרגן איז געקומען בנימקע, און האָט מיר געהאָלפֿן צו פּאַקן די ליטעראַטור.

אין יענע צייטן האָט ווילנע — און באַזונדער ווילנער וואָקזאַל — געשמט מיט אירע שפּיאָנען איבערן גאַנצן ראַיאָן פֿון „בונד". איך בין טאַקע געווען אין ווילנע אַ פֿרעמדער, און דאָס איז געווען מיין בעסטע מעלה ביים דורכפֿירן די גאַנצע „טראַנזאַקציע" מיט דער ליטעראַטור, אָבער פֿאָרן מיטן קאָרב אויפֿן וואָקזאַל, וואָס איז באַוואַכט מיט צענטליקער „שפּיקעס", און אים פֿון דאָרט עקספּעדירן, איז געווען ריזיקאַליש. בין איך, לויט בנימקעס אָנווייזונג, אַוועקגעפֿאָרן אין אַ טראַנספּאָרט־קאַנטאָר (אגב האָבן מיר דאָרטן געהאַט צווישן די אָנגעשטעלטע אַן אייגענעם מענטשן), און געלאָזן עקספּעדירן דעם שווערן קאָרב „לעדער־סחורה" קיין קאָוונע.

איך האָב אַרויסבאַקומען אַ פּראַכטבריוו און בין אַוועק צו בנימינען, וועלכער האָט מיר שוין דעם פּראַכטבריוו אויף דער „לעדער־סחורה" אַזוי גוט איינגעפּאַקט אין אַ בוך, אַז איך האָב געקענט דרייסט זיך לאָזן אין וועג אַריין.

צום קאָוונער צוג איז נאָך געווען גענוג צייט, בין איך אַוועק אויפֿן מאַרק און מיר געקויפֿט אַ... שוואַרצע פּאָר הענטשקעס, וואָס האָבן מיר באַדאַרפֿט צוגעבן שוין גאָר אַ כשרן אויסזען אין די אויגן פֿון דער פּאָליציי און שפּיאָנען, ווייל אין יענע צייטן איז ביי די אַרבעטער־טוער — באַזונדער אין ראַיאָן פֿון „בונד" — נישט געווען בנמצא אַזאַ בורזשויסטווע — ווי הענטשקעס אין פֿרילינג.

געדענק איך טאַקע, אַז מיינע הענטשקעס האָבן געמאַכט אַ פֿוראָר אין שטוב ביי אַננע רובינשטיין, וווהין איך בין אַוועק גלייך נאָך מיין אָנקומען קיין קאָוונע. אַננע רובינשטיין און איר מאַן מאַטעס, אַ כעמיקער, (אגב געהאַט געזעסן אַ יאָר 2 אין דער באַרימטער פּעטערבורגער טורמע „קרעסטי"), וואָס האָט באַזיצט אַ

באַקטעריאָלאָגישן קאַבינעט, האָבן מיך פון דער ערשטער מינוט אָן אויפגענומען נישט נאָר חבריש, נאָר פשוט היימיש. זיי האָבן געגעבן צו וויסן דער חברטע העלענע (כאַצקעלס) וועגן מיר און העלענע איז טאַקע באַלד געקומען צו לויפן.

איר פרייד איז געווען גרויס, ווייל צוליב אַרעסטן און אָפּרייזעס פון חברים, איז אויף איר געלעגן די גאַנצע לאַסט פון דער אָרגאַניזאַציע. דאָס אָנקומען פון אַ חבר, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון צ. ק. ספּעציעל אָנצופירן מיט דער אַרבעט אין קאָוונע, האָט געהייסן פאַר איר נישט נאָר אַ פאַרלייכטערונג אין דער אַרבעט, נאָר אויך אַ טיילווייזע באַפרייונג פון דער גרויסער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס איז געלעגן אויף איר, אַלס אויפן איין און איינציקן מיטגליד פון קאָוונער קאָמיטעט פון „בונד".

24

„סימבע סטגאל״. – ח׳טע העלענע באַצקעלס. –
ח׳טע „פרידע״. – אַרעסט אין קאָוונע.

חברטע העלענע האָט איבערגענומען דעם פּראָכטבריוו, לויט וועלכן ס׳איז פון ווילנע עקספּעדירט געוואָרן די ליטעראַטור און איך בין אַוועק אין אַ האָטעל. אין מיין נומער טאַקע האָט מען געבראַכט דעם גרויסן ווילנער קאָרב מיט דער מאַי-ליטעראַטור, און אַ צוויי נאָענטע חברים האָבן ביסלעכווייז איבערגעטראָגן די מאַי-בלעטלעך אין קאָנספּיראַטיווע דירות.

קאָוונע איז געווען איינע פון די שטעט, דורך וועלכע ס׳פלעגט אין צאַרישן רוסלאַנד גיין דער שמוגל פון דייטשע סחורות קיין רוסלאַנד. האָט די אַדמיניסטראַציע פון האָטעל מיך חושד געווען, אַז מיין קאָרב איז געפּאַקט מיט קאָנטראַבאַנד און אַז די געסט, וואָס קומען צו מיר זענען קאָנטראַבאַנדיסטן. וועגן דעם דאָזיקן חשד האָב איך זיך דערוווּסט ערשט שפּעטער, אין איי-ניקע חדשים אַרום, ווען מיר איז אויסגעקומען צו לייענען די אַקטן פון פּאָליציייִשער אויספאָרשונג אין צוזאַמענהאַנג מיט מיין צווייטן אַרעסט. דאַן אָבער האָט די אַדמיניסטראַציע פון האָטעל זיך געמאַכט נישט זעענדיק, און מיין גאַנצע „טראַנזאַקציע״ מיט דער מאַי-ליטעראַטור איז פון קיינעם נישט געשטערט געוואָרן און איז אַראָפּ בשלום.

מיינע נייע באַקאַנטע האָבן שטאַרק געזאָרגט וועגן מיר. און באַמיט זיך, ווי בעסער מיך איינצואָרדנען. זיי האָבן געפונען פאַר מיר אַ פּאַסיקן צימער, און אפילו פּריוואַטע לעקציעס. ס׳האָט

קיין סך נישט געדויערט, און איך בין אַריין אין אַלע ווינקעלעך פון דער קאָוונער בונדישער באַוועגונג.

פון מינסק האָב איך מיטגעבראַכט אַ פּאַס אויפן נאָמען „סימכעל דאַווידאָוו (בן דוד) סעגאַל". דער פּאַס איז געווען פאַרזען מיט אַ נומער, מיט אַן אונטערשריפט און שטעמפּל פון „אָרליאַנער מיעשטשאַנסקי סטאַראָסטע", נאָר געווען איז ער במחילה אין גאַנצן אַ פאַלשער, אַ נאָמען אַן אויסגעטראַכטער, פון דער הפטורה. דער פּאַס האָט אָבער געהאַט אַ מעלה: אויף אים זענען געווען פּאָליציייִשע איינמעלדונג־שטעמפּלען פון אַנדערע שטעט, און דאָס האָט פאַרלייכטערט מיין איינמעלדן זיך אין קאָוונע, אָבער פון דער צווייטער זייט האָבן די איינמעלדונג־שטעמפּלען שפּעטער מיר געבראַכט אַ ביסל צרות.

וועגן מיין ריכטיקן נאָמען האָט אין קאָוונע קיינער נישט געוווּסט, בין איך געוואָרן „סעמיאָן דאַווידאָוויטש" - ביי דער אינטעליגענץ, און פּשוט „שמעון" — ביי דער אַרבעטערשאַפט.

אין קאָמיטעט זענען מיר געווען אין צווייען: העלענע און איך.

העלענע כאַצקעלס איז געווען אַן אידעאַליסטקע פון בעסטן מין, און ווי מ'גיט איבער, איז זי אַזעלכע פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג. דאַן איז זי מיט לייב און לעבן געווען איבערגעגעבן דער אַרבעטער־באַוועגונג. זי איז געווען אַ טיכטיקע טוערין אין „בונד" אין איר „היימאַט"־שטאָט קאָוונע, דערנאָך אין ווילנע, אָדעס. געבוירן אין דער פאַמיליע פון אַ בעקער, האָט זי דאָך געענדיקט אַ גימנאַזיע, דערנאָך שטודירט היסטאָריע אויף די בעסטוזשעוו־קורסן אין פּעטערבורג (אַ באַוווּסטער העכערער לערער־אַנשטאַלט פאַר פרויען).

איך האָב העלענע כאַצקעלס געטראָפן אַלס לערערין אין אַננע רובינשטיינס שול, דאָרט האָט זי דאַן געאַרבעט לשם פּרנסה, אָפּגעבנדיק די גאַנצע פרייע צייט דער אַרבעט אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע. אין די שפּעטערדיקע יאָרן פאַרנעמט זיך חברטע העלענע כאַצקעלס דערהויפּט מיט פּעדאַגאָגישער טעטיקייט. זי ווערט ווי אַ סך בונדיסטן (אָדער געוועזענע בונדיסטן)

איינע פון די אָנגעזעענסטע בויער פון דער יידיש-וועלטלעכער שול אין קאָוונע, שרייבט פּעדאַגאָגישע אַרטיקלען, פאַרפאַסט לער-ביכער פאַר די יידיש-וועלטלעכע שולן אא״וו.

שטיל, באַשיידן מיט דער גרעסטער אינטענסיווקייט און איבערגעגעבנקייט האָט חברטע העלענע דאַן געאַרבעט אין דער קאָוונער בונדישער באַוועגונג, פאַרבלייבנדיק אין מיין זכרון אַלס אַ טרייער און אַקטיווער פריינד פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג, אַלס איינע פון די שיינע און איידעלע פּערזענלעכקייטן, וואָס די רעוואָלוציע און דער „בונד״ האָבן אין יענע צייטן אַרויסגעבראַכט אויף דער יידישער אַרב.-גאַס.

מיר האָבן צוריק איינגעשטעלט די אַרבעט, די „סכאָדקעס״ (ראַטן), דעם „צענטר״, און איך בין אַרויסגעפאָרן אַ קוק טון וואָס טוט זיך אין קאָוונער ראַיאָן.

דער קאָוונער ראַיאָן איז געווען אַ קליינער, אַזוי, אַז איך האָב אים באַאַרבעט אין אַ קורצע פּאָר טעג. איך האָב באַזוכט די שטעטלעך יאַנאָווו, קיידאַן און ווילקאָמיר. אין דער לעצטער שטאָט האָב איך זיך צום ערשטן מאָל באַקאַנט מיט דער חברטע ראָזע לעוויט, וואָס איז באַקאַנט געווען אין גאַנצן „בונד״ אונ-טערן נאָמען „פרידע״.

חברטע פרידע האָט געאַרבעט אין אַ גאַנצע רייע שטעט פון בונדישן ראַיאָן, דערונטער אין וואַרשע און לאָדזש. זי האָט געהערט צו דעם מין נישט-מזלדיקע רעוואָלוציאָנערן, וואָס באַ-פרייענדיק זיך פון איין תּפיסה, פאַלן זיי באַלד אַריין אין אַ צווייטער. דער נאָמען פון ראָזע לעוויט פלעגט אָפט פיגורירן אין די בונדישע „לעצטע נאַכריכטן״ (אויסגאַבע פון אויסלענדישן קאָ-מיטעט פון „בונד״), אין דער רובריק פון אַרעסטירטע. אויך איצט זיצט פרידע ערגעץ אין אַ סאָוויעטישער תּפיסה...

דאַן, בעת מיין באַזוך אין ווילקאָמיר, איז פרידע געווען אויף אַ קורצן אָפּרו (צווישן איין טורמע און צווייטער) ביי אירע עלטערן. דאָס האָט איר אַבסאָלוט נישט געשטערט צו קומען צו אונז אויף דער פאַרזאַמלונג, (אומלעגאַלער, פאַרשטייט זיך), וואָס מיר האָבן אַראַנזשירט אין וואַלד.

דאָס איז געווען מיין ערשטע און לעצטע רייזע איבערן קאָוונער ראַיאָן, ווייל אין גיכן איז אַרעסטירט געוואָרן די גאַנצע אָנפירונג פון דער קאָוונער אָרגאַניזאַציע פון „בונד" צוזאַמען מיט דער חברטע העלענע כאַצקעלס אין דער שפּיץ, אַזוי אַז איך, וואָס בין ניצול געוואָרן פון אַרעסט, האָב שוין נישט געקאָנט פאַרלאָזן קאָוונע, און אין אייניקע וואָכן אַרום בין איך גופא אַרעסטירט געוואָרן אויף אַן אויסטערלישן אופן – אין הער באַן צווישן ווילנע און לאַנדוואַראָווע.

אָבער וועגן דעם – ווייטער.

25

מיניסטער פּלעווע ווערט צעריסן פון אַ באָמבע. — „מיין קראַנץ פּלעוועך". — דוד זאַסלאַווסקי. — מיין לעצטע רייזע קיין ווילנע.

דער אַרעסט פון די אַקטיווע חברים איז געווען אַ גוואַלדיקער קלאַפּ פאַר דער קאָוונער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז דאַן אַזוי אויך געווען אַ שוואַכינקע.

נאָך דעם אַרעסט פון דער חברטע העלענאַ כאַצקעלס בין איך געבליבן אַ בן־יחיד אין קאָמיטעט. אָבער לשם קאָנספּיראַציע האָט אַפילו דער „צענטר" (וועלכן איך האָב אויפסניי מיט גרויס מי צוזאַמענגעשטעלט) וועגן דעם נישט געטאָרט וויסן. אַזוי, אַז אויף די זיצונגען פון צענטר פלעג איך קומען מיט באַשלוסן פון „קאָמיטעט", מיט פאָרשלאַגן פון „קאָמיטעט" אאַז"וו.

דעם 15טן יולי (1904) איז דורך אַ באָמבע צעריסן געוואָרן דער רוסישער דיקטאַטאָר פאָן פּלעווע. די באָמבע אונטער זיין קאַרעטע האָט געוואָרפן סאַזאַנאָוו, אַ מיטגליד פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. דער באָמבען־אַטענטאַט האָט געמאַכט אַ גוואַלדיקן איינדרוק אין לאַנד. ספּעציעל אין די ברייטסטע קרייזן פון דער יידישער באַפעלקערונג, צווישן וועלכע פּלעווע איז ספּעציעל געווען „פּאָפּולער" אַלס גייסטיקער פאָטער פון קישיניעווער שרעקלעכן פּאָגראָם.

דער קאָוונער קאָמיטעט פון „בונד" האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט פאַרשווייגן אַזאַ וויכטיקע פּאָליטישע פּאַסירונג, ווי

פלעוועס טויט, דער „קאָמיטעט" מוז רעאַגירן. דער „קאָמיטעט" וויל נישט שווייגן, זאָלן די אַרבעטער וויסן, אַז דעם טעראָר פון יחידים אַנערקענט דער „קאָמיטעט" פאַר אַ נישט־צוועקמעסיק קאַמף־מיטל, זאָלן זיי זען, אַז דער גרויסער אַרעסט האָט לגמרי נישט ליקווידירט דעם קאָמיטעט. האָט דער „קאָמיטעט" אָנגעשריבן אַ בלעטל אויף יידיש און רוסיש — „אַ קראַנץ פלעווען". אונזער „טעכניק", אַ ישיבה־בחור, ביי וועמען מיר האָבן אין זיין אָרעמען סאַלקעלע געהאַלטן אונזער סקלאַד ליטעראַטור און אַרכיוו, האָט דאָס בלעטל אָפּגעקלאַפּט אויף אַ העקטאָגראַף פון אייגענער פאַבריקאַציע. און אין אָוונט איז „דער קראַנץ פלעווען" פאַרשפּרייט געוואָרן אין שטאָט. ביים פאַרשפּרייטן דאָס בלעטל זענען אין גאַס אַרעסטירט געוואָרן אייניקע חברים, אָבער די אָרגאַניזאַציע איז דאָך געבליבן באַפרידיקט: דאָס בלעטל האָט באַשיינפערלעך באַוויזן, אַז דער קאָמיטעט פון „בונד" לעבט, אַז דער גרויסער אַרעסט האָט נישט ליקווידירט די אָרגאַניזאַציע.

ס'זענען אַוועק נאָך אייניקע וואָכן. די חברים זענען אַלע געזעסן אין תפיסה, איין מאָל האָט דער צ. ק. צוגעשיקט אַ חבר מיטן נאָמען „ליליפוט". (אַזוי האָט מען גערופן — לשם קאָנספּיראַציע — דעם נייעם חבר, וואָס איז אין היפּך צום נאָמען—געווען אַ הויכער יונג. „ליליפוט" האָט מיט אַ סך יאָרן צוריק עמיגרירט קיין אַמעריקע). וואַרשיינלעך איז ער נאָך געווען צו יונג אין דער באַוועגונג, און איך האָב אים נישט געקאָנט צוקאָפּטירן אין קאָמיטעט.

האָב איך באַשלאָסן אַריינצופאָרן קיין ווילנע צום פאָרשטייער פון צ. ק.„ ח' איסאַי אייזענשטאַט, און קאַטעגאָריש פאָדערן מיטאַרבעטער פאַר דער אָרגאַניזאַציע.

פאַר דער צייט פון מיין אַרבעטן אין קאָוונע בין איך אין ווילנע געווען אַ פאָר מאָל. דאָרט פלעג איך זיך טרעפן מיט אַלגינען, וועלכער איז דאַן געווען אַ מיטגליד פון ווילנער קאָמיטעט פון „בונד". מיט אַלגינען (משה נאָוואָמייסקי) האָבן מיר זיך געקענט נאָך פון זשיטאָמיר און ראָגאַטשעוו (פון אונזערע

באַגעגעגישן ביים ד״ר טאַרגאַוויעץ). שפּעטער איז ער צוזאַמען מיט דוד זאַסלאַווסקין, הייליקמאַנען און אַנד. — אַלע סטודענטן פון קיִעווער אוניווערזיטעט — געוואָרן די גרינדער פון קיִעווער גרופּע פון „בונד״, מיט וועלכער, דער אונז שוין גוט־באַקאַנטער יונה פון בערדיטשעוו האָט אונטערגעהאַלטן סיסטעמאַטישע באַציִונגען.

דאָס מאָל, בעת מיין באַזוך אין ווילנע, האָב איך שוין אַלגיגען נישט געטראָפן אויף דער פריי. ער איז געזעסן אין אַ ווילנער תפיסה. אַלגינס אָרט האָט פאַרנומען דוד זאַסלאַווסקי פון קיִעוו — אַ גלענצנדער זשורנאַליסט, וואָס איז אין דער רוסישער פּרעסע געווען פּאָפּולער אונטער דעם פּסעוודאָנים „האָמונקלוס״ (זיין פּאַרטיי־נאָמען איז געווען „פילים״).

זאַסלאַווסקי איז אין יאָר 1907 געווען אויפן לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר פון דער רוסל. ס. ד. אַ. פּ., און צוזאַמען מיטן פּאַרשטאָרבענעם א. ליטוואַק האָט ער געשריבן אין דער דאַמאַלסטיקער ווילנער „פאָלקסצייטונג״ קאָרעספּאָנדענצן פון צוזאַמענפאָר. די קאָרעספּאָנדענצן זענען שפּעטער באַאַרבעט געוואָרן און דערשינען אַלס בראָשור אונטערן קעפּל: „ביי די ברעגן פון טעמזע״, אַלס מחברים פון דער בראָשור זענען אָנגעגעבן: באַגראָוו און לוי. באַגראָוו איז נישט קיין אַנדערער ווי דוד זאַסלאַווסקי, לוי— איז ליטוואַק.

נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש איז זאַסלאַווסקי אַ געוויסע צייט געווען אין דער אָפּאָזיציע, האָבנדיק אַ מענשעוויסטישע אָריענטאַציע, שפּעטער האָט ער מיט אַ מאָל אויסגעדרייט דעם דישעל, זיך עפנטלעך אָפּגעשמיסן אין דער באָלשעוויסטישער פּרעסע און אָנגענומען אַ קורס אויף דער „גענעראַל־ליניע״.

פונדעסטוועגן האָב איך — אין אַ קורצער צייט נאָכן דערשיסן טוכאַטשעווסקין און אַנדערע רויטע גענעראַלן, — בעת אין דער פּרעסע זענען יעדע טאָג פּאָר טעג פּובליקירט געוואָרן גאַנצע צעטלען פון „פיינט פון פאָלק״, — געפונען אויך דעם נאָמען זאַסלאַווסקי אין איינעם פון די דאָזיקע צעטלען.

* * *

איך בין אַלזאָ געקומען צו איסאַיען, אים דערציילט וועגן דער אומדערטרעגלעכער לאַגע אין קאָוונע. און געבעטן הילף — אַ מענטש צו דער אַרבעט. איסאַי האָט צוגעזאָגט זיך צו ווענדן צום צ. ק.„ דערווייל דערציילט ער מיר, אַז ס׳איז אָנגעקומען אַ בלעטל פון צ. ק. וועגן דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה. איך האָב מיך געשלאָגן מיט דער דעה: אַליין מיטנעמען דאָס בלעטל, אָדער עמעצן שיקן פון קאָוונע. די קאַסע אונזערע איז, פאַר־שטייט זיך, געווען זייער אָרעם, קיין איבעריקע מענטשן האָבן מיר אויך נישט געהאַט, האָב איך באַשלאָסן צו ריזיקירן און מיטנעמען מיט זיך די בלעטלעך.

איך בין אַוועק צו זאַסלאַווסקין, וועלכער האָט מיר באַ־דאַרפט איבערגעבן די ליטעראַטור.

איך האָב באַשלאָסן צו פאָרן מיטן אָוונט־צוג. איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, אַז אַזוי וועט זיין זיכערער. פאַרנאַכט בין איך אַוועק אין אַ „בורזשויסקע״ דירה פון איינעם איטעלסאָן, וווּ ס׳האָבן זיך געפונען די בלעטלעך. דאָרט האָב איך שוין גע־טראָפן זאַסלאַווסקין. איך האָב גענומען בערך טויזנט בלעטלעך יידישע און טיילווייז רוסישע, זאַסלאַווסקי האָט מיר געהאָלפן אַרומבינדן די בלעטלעך אַרום מיין קערפּער. און איך בין אַרויס אויף דער גאַס.

איך האָב אָנגעצויגן מיינע „עלעגאַנטע״, שוואַרצע הענטש־קעס, און אַ ביסל אַ שווערער, אַ דיקלעכער, האָב איך זיך גע־לאָזן צום וואָקזאַל. נישט ווייט פון וואָקזאַל האָט מיך אָפּגעוואַרט אַ באַקאַנטער אַרבעטער פון קאָוונע, וועלכער האָט מיר פון פריי־ער אויסגעקויפט אַ באַן־בילעט, כדי איך זאָל נישט דאַרפן שטיין ביי דער בילעטן־קאַסע און בכלל זיך ווייניקער ווייזן אויפן וואָקזאַל. (ווי איך האָב שוין דערציילט, איז דער ווילנער וואָק־זאַל געווען איינער פון די געפערלעכסטע אין הינזיכט פון שפּיאָ־נען). איך האָב גענומען דעם בילעט און אַריין אין וואַגאָן... אָבער די אַלע פאָרזיכטיקייטס־מיטלען האָבן נישט געהאָלפן. איך

בין דערפאָרן בלויז ביז דער ערשטער סטאַציע נאָך ווילנע — ביז לאַנדוואַראָווע.

אין וואַגאָן איז געווען האַלב־טונקל. אין עטלעכע אָפטיילונגען האָט ערגעץ אין דער הויך געברענט אַ ליכט, אַריינגעשטעקט אין אַ לאַמטערן.

ס׳איז געווען ווייניק פּאַסאַזשירן. איך האָב מיך אַוועקגעזעצט איינער אַליין אויף אַ גאַנץ ליידיקער באַנק. איך האָב מיך נאָך נישט באַוויזן איינצואָרדענען אויף מיין פּלאַץ, ווי דורכן וואַגאָן זענען האַסטיק דורכגעגאַנגען איינער נאָכן אַנדערן עטלעכע פאַרדעכטיקע יידלעך. עס איז מיר דורכגעלאָפן בליץ־שנעל אַ געדאַנק — „שפּיצלעס״. ס׳איז שוין דער צווייטער קלונג. באַלד וועט מען פאָרן. צווישן צווייטן און דריטן קלונג, קומט אַריין אין וואַגאָן אַ מיטל־יאָריקער פאַרשוין, אַ קריסט. ער זוכט כלומרשט אַ פּלאַץ, און ער זעצט זיך פּונקט וויזאַווי מיר. פּאַסקודנע ליפּנדיקע אייגעלעך, בלאָנדע וואָנסעס, אַ רוסישער קאַשקעט מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק, אַ ביסל אַראָפּגערוקט איבער די אויגן. דער חפץ הייבט מיך אָן צו באַמרויִקן. — און אָט — מיר פאָרן שוין. דער גאַסט ציט זיך אויס קעגן מיר און פאַרמאַכט ווינע גנבהשע אייגעלעך. אָבער איך פיל זיי דאָך אַרויס פון אונטער זיין גלאַנציקן דאַשעק.

איך בין שרעקלעך מיד פון דעם אַרומלויפן איבער ווילנע. די בלעטלעך פאַרען מיך, די שטריקלעך און רימענס אויפן לייב דריקן מיך; ווי איך פּרוּוו נאָר צומאַכן די אויגן, פיל איך מעמענטאַל די שטעכיקע אויגן פון מיין פאַרדעכטיקן שכן פון אַנטקעגן.

איך טראַכט, מ׳דאַרף אַרויסוואַרפן די ליטעראַטור, אָבער אַ צווייטער געדאַנק זאָגט: נישטאָ זיך וואָס צו איילן. ביז קאָווגע איז דאָ נאָך אַ 3 שעה רייזע, אויב מען האָט מיך נישט אַרעסטירט אין ווילנע, וויל מען דאָך געוויס זען, צו וועמען איך פיר די ליטעראַטור, ד״ה מען באַגלייט מיך ביז קאָווגע. און אפשר דאָך אַ טעות. אַ שאָד די בלעטלעך. בעסער אָפּוואַרטן און זיך גוט אָריענטירן אין דער סיטואַציע.

איך גיי אַרויס אין קאָרידאָר, אָט־אָ בין איך גרייט אַרויסצוּוואַרפן די פּראָקלאַמאַציעס, אָבער עפּעס לאָזט מיך נישט. איך קום צוריק אַריין אין דעם וואַגאָן און באַמערק, אַז מיין פאַרדעכטיקער פאַרשוין דרייט זיך עפּעס אומרויִק אויף דער באַנק. מיך דערזען, מעסט ער מיך אָפּ מיט די אויגן, און מאַכט כלומרשט ווידער צו די אויגן. איך בין שוין פולשטענדיק זיכער, אַז דער פאַרשוין, אין וועמענס אויגן ס'האָט ווי אַ בליץ געטון אַ פייערל פון צופרידנקייט (וואַרשיינלעך, וואָס איך בין צוריקגעקומען מיטן „בייכל״), פאָרט צוליב מיין נשמה וועגן. איך דעצידיר זיך ענדגילטיק אַרויסצוּוואַרפן די ליטעראַטור. אָבער ס'איז שוין צו שפּעט, דער צוג הייבט אָן צו פאַרלאַנגזאַמען זיין גאַנג. ס'הערט זיך אַן אויסגעשריי פון קאָנדוקטאָר: „לאַנדוואַראָווע״! און כמעט אין דעם זעלבן מאָמענט שטייט שוין אין מיין אָפּטייל אַ הויכער געזונטער זשאַנדאַרם.

מיין פאַרשוין, האָט שוין גאָר פאַרגעסן אין שלאָף, ער שטייט אויף די פיס, און... זוכט כלומרשט ביי זיך אין די טאַשן, אויף דער באַנק, אונטער דער באַנק.

— פּאַסאַזשיר! — ווענדט זיך צו אים דער זשאַנדאַרם — וואָס איז מיט אייך? האָט איר עפּעס פאַרלוירן?

ס'פעלט מיר מיין פּאָרטמאָנעטקע... מיט דריי זילבערנע רובל — ענטפערט מיט אַ וויינענדיקער שטימע מיין חפץ.

אפשר זענט איר עמעצן חושד, פרעגט דער זשאַנדאַרם, ווי גלייך אין דער וועלט אַריין.

— יאָ. אָט דעם פּאַסאַזשיר, ענטפערט דער „שפּיק״, און ווייזט אָן אויף מיר.

ווען איך וואָלט נישט געהאַט די האָפענונג ווי נישט איז פּטור צו ווערן פון דער ליטעראַטור, וואָלט איך געוויס געוועזן אויסגעשריגן: „וואָס טויג אייך די גאַנצע קאָמעדיע, זאָגט, אַז איר ווילט מיך אַרעסטירן צוליב מיין פאַרדעכטיק „בייכל״.

איך האָב געשוויגן און זיך צוגעקוקט צו דער נאַרישער שפּיל פון שפּיצעל מיטן זשאַנדאַרם.

— האָט איר אַ בילעט? — פרעגט מיך דער זשאַנדאַרם.

— יאָ, ענטפער איך.

— ווייזט מיר נאָר אייער בילעט.

איך נעם אַרויס מיין בילעט, און אין איין סעקונדע שטעקט ער שוין אין מאַנקעט פון זשאַנדאַרמסקען פּאַלטן.

— גיט מיר אייער פּאַס — פאָדערט ווייטער דער זשאַנדאַרם.

דער פּאַס „סימכעל דאַווידאָוו (בן דוד) סעגאַל" קריכט אויך אַריין אין דעם זעלבן מאַנקעט.

— קומט אַראָפּ אויף דער סטאַציע — ווענדעט זיך צו מיר דער זשאַנדאַרם.

איך הויב אָן צו פּראָטעסטירן, וואָס מען איז מיך חושד אין אַ גנבה, איך פאָדער, מען זאָל מיר אומקערן מיין פּאַס און בילעט. ס'הויבן זיך אָן קלייבן צו אונזער ווינקל אייניקע פּאַסאַ־זשירן. אַ טייל האָבן אַפילו די דרייסטקייט עדות צו זאָגן, אַז די גאַנצע צייט בין איך אַפילו נישט צוגעגאַנגען צום „באַגנבעטן" פּאַסאַזשיר.

מ'גיט שוין דעם צווייטן קלונג. דער זשאַנדאַרם איילט מיך. ער דראָט מיך אַראָפּצונעמען מיט געוואַלד. דער „באַגנבעטער" פּאַסאַזשיר שטייט, ווי אַ גולם, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און רעדט נישט אַרויס קיין וואָרט. די פּאַסאַזשירן רוקן זיך אָפּ אין אַ זייט. ס'איז נישטאָ קיין ברירה.

אויף דער סטאַציע פירט מען מיך אַריין אין זשאַנדאַר־מען־צימער. דער זשאַנדאַרם מיטן שפּיצעל גייען אַרויס און שליסן מיך צו.

ס'פאַלט מיר איין אַ געדאַנק, ווי פּטור צו ווערן פון מיין סחורה. אין צימער ליגן, ווי אין יעדער ביוראָקראַטישער קאַנ־צעלאַריע, גאַנצע בערג פּאַפּירן, אַקטן, וועל איך די סחורה מיי־נע אַריינפּאַקן אונטער די אַקטן, און רוף מיך קנאַקניסל. איך הויב אָן ראַש אָפּצובינדן די שטריקלעך, אָבער צום אומגליק בין איך פעסט און געדיכט אַרומגעוויקלט מיט שנורן, אַפילו מיט אַ רימען, און דאָ הער איך שוין טריט. ס'גייען שוין „מיינע" לייט. מ'עפנט די טיר. ס'איז שוין דאָ נאָך אַ פּאַרשוין — ווי ס'האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, דער בופעטשיק פון וואָקזאַל, דאָס דאַרף ער זיין דער „אומפּאַרטייִשער" עדות.

26

אין „קוטוזקע״ און לאַנדוואַראָווע. — רעפלעקסן וועגן צאַרישע און פאַשיסטישע זשאַנדאַרמען,

שטייען זיי אַזוי די דריי — דער זשאַנדאַרם, דער שפּיצל און דער בופעטשיק פון וואָקזאַל, און קוקן אויף מיר, דעם הילפ־לאָזן פּאַסאַזשיר, וואָס געפינט זיך ביי זיי אין די הענט. איך האַלט אָבער מיין זאַך נאָך נישט אין גאַנצן פאַר פאַרלוירן. איך דערקלער, אַז איך לייד אויפן מאָגן, און פאָדער, מ׳זאָל מיך גלייך פירן, וווּ מ׳דאַרף אין אַזאַ פאַל.

דער זשאַנדאַרם דערפילט מיין ווונטש און פירט מיך אַריין דווקא אין ערשטן קלאַס, אין אַ געוויסן זייטיקן צימער. ווידער נישט קיין מזל. דער קלאָזעט איז אַן אייראָפּעיִשער, מיט אַ פּאָר־צעלייענער שיסל און אַ שמאָל רערל, און שוין לאַנג וואָלט מען באַדאַרפט געדולדיק אַרבעטן, כּדי אַראָפּצולאָזן מיין באַרג אויפ־רופן, און דאָ קלאַפּט שוין דער זשאַנדאַרם אין טיר.

איך נעם אַראָפּ פון זיך די גאַנצע מאַסע, מאַך אַ פּעקל, פאַרבינד עס מיטן רימנדל, ברענג אין אָרדענונג מיין טואַלעט און עפן די טיר.

דער זשאַנדאַרם מיטן „שפּיק״ מעסטן מיך מיט די אויגן... איינער קוקט אויפן צווייטן: אַ נס איז געשען — דער פּאַסאַזשיר זייערער איז מיט אַ מאָל מאָגערער געוואָרן. דער בופעטשיק ברענגט אַ האַנט־לעמפּל, דער „שפּיצל״ זוכט ענערגיש, און פון צווישן דער שיסל און ווענטל נעמט ער מיט טריומף אַרויס מיין פּעקעלע.

— דאָס איז אייערס ? פרעגט מיך דער זשאַנדאַרם.

— ניין. איך האָב נישט געהאַט קיין פעקלעך.

—וועמענס דען איז דאָס, אַז נישט אייערס ?

— איך ווייס ? ס'איז דאָך אַ וואָקזאַל.

מ'פירט מיך צוריק אין זשאַנדאַרמען-צימער, מ'באַזוכט מיך, אָבער איך האָב שוין נישט קיין שום פאַרדעכטיקע זאַכן.

— נו — פרעג איך נאַיִוו — ווען האָב איך מיין נאָענטסטן צוג קיין קאָוונע ?

— איר וועט שוין קיין קאָוונע נישט צוריקפאָרן. ענטפערט דער זשאַנדאַרם.

וואָס הייסט – טענה איך – איר האָט דאָך ביי מיר נישט געפונען נישט קיין געגנבעטע פאַרטמאָנעטקע. נישט קיין זיל-בערנע רובל.

דער „שפּיק" שטייט שווייגנדיק. מיט זיין פּאָזע דערמאָנט ער אַ הינטל, וואָס האָט אָפּגעטון אַ מיאוסן עסק.

דער זשאַנדאַרם גיט אַ מאַך מיט דער האַנט:

– נישט וועגן דעם האַנדלט זיך. אַ, יונגערמאַן, יונגער-מאַן! וואָס טויג אייך זיך צו פאַרנעמען מיט אַזעלכע זאַכן!

— איך בין נישט קיין גנב – טענה איך מיינס.

דער זשאַנדאַרם פירט מיך אַוועק אין עפּעס אַ מין „קוּ-טוזקע" (אַרעסט), וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי צימער. דאָס ערשטע איז געווען פול געפּאַקט מיט פויערים, צעווילדעוועטע פון עפּעס אַן אַרעסטאַנטן-שפּיל, דאָס צווייטע איז געווען אַ חדר מיוחד. מיך האָט מען אַריינגעלאָזן אין צווייטן צימער און צו-געשלאָסן אַ טיר. אין דאָזיקן צימער איז פון אַ גרויסער „נאַרע" אַראָפּגעשפּרונגען צו מיר אַ שטאַרק-באַוואַקסענער נפש, אַ פויער פון אַ יאָר פערציק, אַ ריז מיט אַן אמתן באַנדיטישן אויסזען.

— פאַרוואָס האָט מען דיך אַרעסטירט ? ווו ? — האָט מיך בייז אַ פרעג געטון דאָס באַוואַקסענע באַשעפעניש.

איך האָב אים געענטפערט:

— מ'האָט מיך אַרעסטירט אין דער באַן. מ'איז מיך חושד, אַז כ'האָב געגנבעט דריי רובל ביי אַ פּאַסאַזשיר.

איך האָב דערפילט, אַז דאָס באַשעפעניש הויבט אָן גלויבן, אַז דער אויבערשטער האָט אים צוגעשיקט אַן „אָנשטענדיקן שכן“ – אַ גנבֿ.

– געלט האָסטו ביי זיך?

– מ'האָט עס צוגענומען בעת דער רעוויזיע אין קאַנצע-לאַריע.

– זאָגסט אמת?

– יאָ!

– הער נאַר! מאָרגן אין דער פרי וועסטו אַרויספאָדערן געלט אויף צו קויפן עסן. פאַר 20 קאָפּיקעס קויפן מיר אַ שנאַפּס. מסכּים?

– וואָס הייסט – מיט פאַרגעניגן.

– נו, איז גוט, האָסטו פּלאַץ אויף דער נאַרע, קריך אַרויף!

איך בין אַרויף אויף דער נאַרע, איך האָב זיך אויסגעצויגן אויף די טרוקענע ברעטער, צוגעמאַכט די אויגן, און גענומען פּאַמעלעך דורכפירן אין געדאַנק דעם גאַנצן טאָג, וואָס האָט זיך אַזוי פּאַסקודנע פאַרענדיקט:

דער אינדערפרי, דער אַרויספאָר פון ווילנע, דער שמועס מיט איסאַי אייזענשטאַט, זאַסלאַווסקי, איטעלסאָן, די בלעטלעך, דער וואָקזאַל, דער וואַגאָן, די יידעלעך מיט די שטעקעלעך, וואָס לויפן אַדורך דעם וואַגאָן, דער שפּיצל מיטן לאַקירטן דאַשעק, דער אַרעסט אאַ״וו.

די בילדלעך פון טאָג האָבן זיך געטראָגן אין געדאַנק מיט אַלע דעטאַלן. אַזוי – אַ גאַנצע נאַכט, ווייל שלאָפן האָב איך, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט. איך האָב מיר געמאַכט פאַרווורפן, וואָס כ'האָב ביי אַזאַ מין לאַגע פון דער אָרגאַניזאַציע מיטגע-שלעפּט ליטעראַטור. איצט איז קאָוונע געבליבן אָן אַ קאָמיטעט, אַפילו אָן אַ פאַרבינדונג מיט דעם צ״ק. אָבער – דער פעלער איז שוין געמאַכט, נישט צו העלפן.

גלייך אין דער פרי האָט מיין חברה-מאַן אָנגעהויבן פאָ-דערן די 20 קאָפּיקעס. האָב איך אָנגעהויבן קלאַפּן אין טיר, מ'זאָל מיר ברענגען פרישטיק.

מיין שכן איז געווען אַזוי גאַסטפריינטלעך, אַז ער האָט מיר פאָרגעלייגט זיך צו באַנוצן מיט זיין ערדענעם טעפל צו באַגיסן זיך מיט וואַסער, אָפצווישן זיך מיט זיין האַנטוך (בעת דעם אַרעסט האָב איך מיט זיך נישט געהאַט קיין שום באַגאַזש) אאַ״וו.

ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט, און מ׳האָט אָנגעהויבן אויפ־שליסן די טיר. מיין חברה־מאַן האָט אָנגעהויבן שפּרינגען פאַר אויפרעגונג. ער האָט געמיינט, אַז אָט באַלד באַקומען מיר דעם פרישטיק מיט דעם שנעפסל, אָבער צו זיין אַנטוישונג איז פון דעם גאַנצן עסק גאָר נישט געוואָרן: אויף מיר האָט געוואַרט דער זשאַנדאַרם און מיך גלייך אַוועקגעפירט אויפן וואָקזאַל.

מיין זשאַנדאַרם איז געווען אַזוי מענטשלעך, אַז ער האָט מיך צוגעפירט האַרט צום בופעט, און מיר געקויפט (פאַר מיין געלט) אַ גלאָז קאַווע מיט קוכן.

איך שרייב וועגן דעם דאָזיקן דעטאַל פון באַהאַנדלען אין אַמאָליקע ציַיטן אַ פּאָליטישן אַרעסטירטן מצד אַ רוסישן זשאַנ־דאַרם פון דער צאַרישער עפּאָכע, ווייל אויפן געדאַנק קומען פאַ־ראַלעלן פון היינטיקע פאַשיסטישע צייטן, פון די מעשים פון די דינער פון היטלערן, מוסאָלינין א״אַ...

באַלד איז אָנגעקומען דער צוג קיין ווילנע, און מיין זשאַנ־דאַרם מיט זיינעם אַ קאָלעגע האָבן מיך אָפּגעפירט קיין ווילנע צוזאַמען מיט מיין פעקל אויפרופן — דעם זאַכלעכן באַווייז פון מיין פאַרברעכן.

27

אין ווילנער פּאָליציי־אַרעסט. — דער געמאַכטער „דאָקומענט" פון אַבראַנע. — אין טורמע.

אין ווילנע זענען מיר אָנגעקומען גאַנץ פרי. ערשט נעכטן, כמעט אין דער זעלבער צייט, בין איך אויף דעם זעלבן וואָקזאַל אָנגעקומען אַלס אַ פרייער מענטש. איצט פירן מיך צוויי געזונטע זשאַנדאַרמען אין דיזשורני-צימער, זיי טעלעפאָנירן עמעצן, באַקומען, ווייזט אויס, דירעקטיוון, נעמען אַ דראָזשקע און זעצן מיך אַריין, ווי אַ חתן, אין מיטן. מיר פאָרן. אָט איז די „אָסטראַ בראַמאַ". מיינע ביידע זשאַנדאַרמען צלמען זיך איבער — ביידע אין איין מאָמענט, ווי אויף אַ קאָמאַנדע.

מיר פאָרן צו צום פּאָליציי-אַרעסט. דאָרט לאָזן זיי מיך איבער. אין געדאַנק עגבערט אַ פראַגע: צי געפין איך זיך אין דעם זעלבן פּאָליציי-אַרעסט, ווו עס זענען אין יאָר 1902 געזעסן די מאַי-דעמאָנסטראַנטן? צי אויף דעם דאָזיקן הויף האָט פאָן וואַל געשמיסן אונזערע חברים פון דער מאַי-דעמאָנסטראַציע? ס'איז אָבער נישטאָ וועמען צו פרעגן.

אַ פּאָליציאַנט מאַכט ביי מיר אַ רעוויזיע אין די טאשן און פירט מיך אוועק אין אַן אַרעסטאַנטן-קאַמער.

דאָס איז געווען אַ שמוציקע, לאַנגע און שמאָלע קאַמער מיט איין געקראַטעוועטן פענצטער. געווען זענען מיר אַ 6—7 „לאָקאַטאָרן", פון וועלכע אין זכרון זענען מיר פאַרבליבן בלויז פיר: אַ גוי מיט אַ געל בערדל, אַ פערד-גנב, וואָס ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן אין הויף אויפן שפּאַציר, איז ער הייס באָגריסט גע-

וואָרן פון כמעט אַלע פענצטער — ווי אַן אַלטער גוטער פריינד, דאָן אַ יונגער שגץ, וואָס האָט אויף זיך געהאַט אַ פּראָצעס וועגן אַ מאָרד, געהאַלטן האָט מען אים אין פּאָליציי-אַרעסט און נישט אין טורמע, ווייל ער האָט „פּארשיט" זיינע קאָלעגן, און זיי האָבן געדראָט, אַז ווי נאָר מ'וועט אים ברענגען אין טורמע, וועלן זיי אים דערשטיקן. דער חברהמאַן איז דאָ אין אַרעסט געזעסן שוין דעם 8-טן חודש און האָט דעריבער געהאַט אַ גרויסע פּריווילע-גיע: אַ שמאָלע, הילצערנע נאַרע. אמת, די נאַרע האָט זיך קוים געהאַלטן, ווייל זי חאָט שוין געהאַט נישט מער, ווי דריי פיס (דפּס פערטן האָט מען פארנוצט אָפּצוקאָכן קאַרטאָפל). אָבער מיר אַלע איבעריקע האָבן אַזאַ „בעט" אויך נישט געהאַט, און זענען פּשוט געלעגן אויף דער שמוציקער פּאָדלאָגע, אַזוי ווי איך בין געווען דער לעצטער פון די „געסט", איז מיר אויסגעקומען צו שלאָפן כמעט ביי דער טיר, אין שכנות פון דער באַרימטער רוּ-סישער „פּאַראַשע"...

אין קאַמער זענען אויך געווען צוויי פּשוטע יונגע יידן פון „עמך". איינער איז געווען אַ פורמאַן, דער צווייטער — אַ קאָ-וואַל. אויף דער פריי האָבן זיי זיך צעקריגט, און אפשר צע-שלאָגן, עפּעס צוליב אַ פערד-ענין, און דער גובערנאַטאָר האָט זיי ביידן אַדמיניסטראַטיוו באַשטראָפט מיט דריי חדשים אַרעסט. דאָ, אין אַרעסט זענען זיי שלום געוואָרן און געלעבט צווישן זיך, ווי טייבעלעך. געטיילט זיך מיט דעם עסן, וואָס די ווייבער פלעגן זיי ברענגען. באַזונדער מיט די שבתדיקע מאכלים. אָט דורך די יידן, וואָס האָבן כמעט יעדן טאָג זיך געזעען מיט זייערע ווייַ-בער ביים אָפּנעמען דאָס עסן, האָב איך באַזאָרגט וויכטיקע בריוו קיין קאָוונע א. א.

שווערע טעג בין איך אָפּגעזעסן אין דער דאָפּלט פּאַרפּעס-טעטער לופט פון אַרעסט-קאַמער. אויפן 8-טן טאָג רופט מען מיך אין דער קאַנצעלאַריע. דאָרטן וואַרטן שוין אויף מיר אַ זשאַנ-דאַרמען-אָפיציר — פּאָדפּולקאָווניק פּאַטאַראַקי, און אַ יונגער ביי-זער געהילף-פּראָקוראָר.

מ'באַשולדיקט מיך אין געהערן צו דער קאָוונער אָרגאַני-

זאַציע פון „בונד" און איבערפירן אומלעגאַלע ליטעראַטור. אויף וועלכן גרונט?

מ'לייענט מיר איבער צוויי דאָקומענטן. דער ערשטער דערציילט: די קאָוונער אָכראַנע האָט געגעבן צו וויסן די ווילנער אָכראַנע, אַז אין דעם און דעם טאָג פאָרט אַרויס קיין ווילנע סימכע סעגאַל מיטן ציל צו ברענגען אומלעגאַלע ליטעראַטור קיין קאָוונע... אויף דעם גרונט האָט די ווילנער אָכראַנע נאָכגעשפּירט סעגאַלן, וועלכער איז ווירקלעך קיין ווילנע געקומען, און דער רעזולטאַט — די געפונענע בלעטלעך און דער אַרעסט.

דער צווייטער דאָקומענט איז געווען אַ פּראָטאָקאָל, וואָס דער זשאַנדאַרם פרידריך צימערמאַן פון דער סטאַציע לאַנדוואַראָווע האָט צונויפגעשטעלט (אָן מיין וויסן אַפילו) וועגן די איינצלהייטן פון מיין אַרעסט. פאַרשטייט זיך, אַז דער פּראָטאָקאָל איז געווען גאַנץ ווייט פון אמתן פאַרלויף פון די פאַקטן.

מילא, האָב איך אַ טראַכט געטון. אַנדערש האָט דאָך דער זשאַנדאַרם נישט געקענט שרייבן, ווען נישט וואָלט ער דאָך אַריינגעכאַפּט אַ גוטע פּאָרציע פון זיינע עלטסטע. אויפגערעגט האָט מיך אָבער דער ערשטער דאָקומענט:

— ס'טייטש, ווען איך בין געפאָרן קיין קאָוונע, האָב איך גופא אַפילו קיין אַנונג נישט געהאַט, אַז ס'איז גאָר אָנגעקומען בלעטלעך; נאָך ווייניקער איז מיר אַפילו געקומען אויפן געדאַנק, אַז איך וועל פירן מיט זיך אומלעגאַלע ליטערעטור. און דאָ גאָר אַזאַ „חכמה" פון דער קאָוונער אָכראַנע, אַזאַ „נביאות", — זאָג איך מיינע אויספאָרשער, אַז לויט מיין איבערצייגונג איז דער „דאָקומענט" פון קאָוונער אָכראַנע אַ פּאַפּירל, וואָס איז פאַבריצירט געוואָרן אַחר המעשה, ד"ה נאָך מיין אַרעסט.

מיינע אויספאָרשער זענען אויפגערעגט געוואָרן פון אַזאַ באַליידיקונג, באַזונדער דער פּראָקוראָר. זיי שטעלן צוזאַמען אַ פרישן פּראָטאָקאָל. און נאָך דעם זעלבן טאָג קומט מיין „דערלייזונג" — מען שיקט מיך איבער אין דער טורמע אויף די „לוקישקעס".

28

אין דער טורמע אויף די לוקישקעס. — די צייטונג
און דער אייגענער „טעלעגראַף״. — פּאָרט אַרטור
און די שאַנסן פון דער רעוואָלוציע.

די טורמע אויף די לוקישקעס איז דאַן נאָך געווען אין גאַנצן אַ נייע. ערשט דעם זומער האָט מען איבערגעשיקט אַהין די פּאָליטישע אַרעסטירטע פון אַנטאָקאָל.

מיין איבערגיין פון דעם שמוציקן פּאָליציי-אַרעסט אין דער מאָדערנער טורמע אויף די לוקישקעס איז באמת געווען פאַר מיר אַ דערלייזונג. איך האָב באַקומען אַ ריינעם איינצל-קאַמער, מיט אַן אייזערן בעטל, מיט אַ טישל (ביידע צוגעשמידט צו דער וואַנט), מיט אַ טאַבורעט, קיינער שטערט נישט. פּטור געוואָרן פון דעם פערד-גנב און פון דעם מערדער-יונג מיט זייערע שמו־ציקע דערציילונגען, מיט זייערע ליבע-באַרימערייען. ס'איז רויק. אין דעם שכנותדיקן קאַמער זיצט אַ חבר (שוסטער, אַ שילער פון ווילנער לערער-אינסטיטוט), מיר שליסן באַלד באַקאַנטשאַפט דורך דער וואַנט. מ'קלאַפּט זיך איבער מיט דער הילף פון באַ־קאַנטן טורמע-אַלף-בית.

אויפן צווייטן אָדער דריטן טאָג גיט זיך האַסטיק אַן עפן אויף דאָס קליינע פענצטערל אין דער טיר (אויף רוסיש פלעגט מען עס רופן „וואָלטשאָק״), און איך האָב דערזען אַלגינען. לעבן אים שטייט אַ שומר. מיר מאַכן, אַז מיר קענען זיך נישט.

אַלגין רופט אויס שנעל-שנעל:

— איך בין ביבליאָטעקאַר. ווי הייסט איר? וואָס פאַר אַ ביכער ווילט איר?

איך ענטפער אויף די פראַגן, און מאָרגן באַקום איך נישט נאָר ביכער, נאָר אויך צוגעשיקט אַ הערינג... אין טורמע איז דאָס נישט קיין קליינע מתנה. ווי כ׳האָב זיך דערוווסט, האָט מיר דעם הערינג צוגעשיקט בנימקע (דער זעלבער, וואָס האָט מיר מיטגעגעבן דעם גרויסן קאָרב מאַי־ליטעראַטור קיין קאָוונע, און וועלכער האָט שוין אויך באַוויזן צו ווערן אַ לאָקאַטאָר אויף די לוקישקעס). אין גיכן האָב איך באַקומען שרייב־געצייג. מ׳קאָן, הייסט עס, דאָ פירן כמעט אַ קולטורעל לעבן...

אַפילו אַ צייטונג האָבן מיר דאַן געהאַט אין טורמע און טאַקע די באַרימטע מאָסקווער „רוסקיא וויעדאָמאָסטי״ (וועגן וועלכער איך האָב שוין געשריבן). ס׳איז דאַן געווען „פרילינג־פעריאָד״ פון מיניסטער סוויאַטאָפּאָלק־מירסקי, וואָס האָט איבער־גענומען די ממשלה נאָך פּלעווען. דער רעזשים בנוגע פּאָליטישע אַרעסטירטע איז געווען אַ ביסל ווייכער, אַזוי, אַז מ׳האָט דער־לויבט אָלגינען צו אַבאָנירן די צייטונג, בפרט, אַז ס׳איז געווען אַזאַ מאָטיוו, ווי די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה: פּאָליטישע אַרעס־טירטע ווילן אויך וויסן, וואָס טוט זיך אויפן פראָנט.

די טורמע־קאַנצעלאַריע פלעגט צושטעלן די צייטונג אָל־גינען, און ער פלעגט אויף יעדן נומער אויפשרייבן אַ גאַנץ צעטל נעמען (גאַנץ אָפט ביז אַ 40—50), און לויט דער רייע פלעגט די צייטונג מיט דער הילף פון די קרימינעלע און פון אייניקע שומרים קורסירן פון איין שטאָק אויפן צווייטן, פון איין קאַמער אין דעם אַנדערן, אַזוי, אַז די צייטונג פלעגט אָנקומען צו מיר מיר אַמאָל אויפן 20־טן און אַפילו אויפן 30־טן טאָג.

וועגן וויכטיקערע געשעענישן פון פּאָליטיש־געזעלשאַפט־לעכן לעבן, אָדער פון פראָנט, פלעגט מען זיך פונדעסטוועגן גאָר שנעל דערוויסן דורך אונזער אייגענעם „טעלעגראַף״ — איך מיין, דורך קלאַפּן אין וואַנט, אָדער אין די רערן פון דער צענטראַל־באַהייצונג.

איך געדענק דעם טומל אין טורמע צוליב דער ידיעה, אַז די באַרימטע פעסטונג אויפן ווייטן מזרח פּאָרט־אַרטור איז גע־פאַלן. די ידיעה האָט באַקומען פון אַ טורמע־שומר איין חבר,

ער האָט גלייך זי איבערגעקלאַפּט זיין שכן, דער שכן—אַ צווייטן און אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען אין אַלע טורמע־ווענט נערוועז געקלאַפּט: פּאָרט־אַרטור געפאַלן, פּאָרט אַרטור געפאַלן!

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן מיר דורך די טורמע־ווענט הייס דיסקוטירט וועגן דעם, וואָס פאַר אַ באַדייטונג פאַרן ווייטערדיקן גאַנג פון דער רעוואָלוציע ס'האָט דאָס פאַלן פון פּאָרט־אַרטור. די שטימונג איז געווען אַן אויפגערעגטע און גע־הויבענע, מ'האָט געפילט, אַז דער נייער דורכפאַל פון רוסישן גענעראַל־שטאַב (אין יענעם ווינטער 1904—1905 האָט די רוסישע אַרמיי געליטן איין דורכפאַל נאָכן אַנדערן) וועט מוזן אַרויסרופן אומצופרידנקייט אין פאָלק און אין דער אַרמיי, און אַזעלכע שטימונגען זענען דאָך אַ פּלוס פאַר דער רעוואָלוציע.

אין טורמע האָב איך געהאַט נישט ווייניק אַלטע באַקאַנטע. איך האָב שוין דערמאָנט אַלגינען און בנימקען. אין גיכן איז צו אונז אין די לוקישקעס געבראַכט געוואָרן אַ גרעסערע גרופּע חברים פון „בונד" און פון דער רוס. ס. ד.־פּאַרטיי, וועלכע מ'האָט אַרעסטירט אין ווילנע אויף אַ דיסקוסיע אין וואַלד. צווישן דער גרופּע איז אויך געווען דוד זאַסלאַווסקי („פּיליפּ", באַגראָוו), מיט אַ טייל חברים פלעג איך זיך טרעפן אויפן שפּאַציר, מיט אַנדערע פלעג איך זיך איבערקלאַפּן. איך האָב זיך געראַטן מיט די מער געניטע און ס'איז געבליבן, אַז איך וועל דער זשאַנדאַר־מעריע אָנרופן מיין אמתן נאָמען.

איך האָב געשיקט צו פּאַטאַראַקין (דעם זשאַנדאַרמען־פּאָד־פּאָלקאָווניק, וואָס האָט געפירט מיין פּראָצעס) אַ בריוו, אַז איך וויל זיך מיט אים זען.

29

אין „14־טן נומער" — מאַיסיי גורעוויטש. — אויפ־
געדעקט דעם סוד. — דער טורמע־שעף דונקל. —
דער הונגער־שטרייק.

אַ חוץ דער אַלטער אויף אַנטאָקאָל און דער שפּאָגל נייער טורמע אויף לוקישקעס, האָט ווילנע אין די צאַרישע צייטן פאַרמאָגט נאָך אַ גאָר וואַזשנע טורמע אונטערן נאָמען „14־טער נומער", אַהינצו האָט מען מיך צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר חברים אוועקגעפירט אויף אַ פאַרהער צו פּאַטאַראַקין.

אונז איז אויסגעקומען אַ ביסל צו וואַרטן, זענען מיר אַרויפגעקראָכן אויף די פענצטער און דורך די קראַטעס אַרויסגעקוקט אויפן הויף. גראָד האָט מען געפירט אַ חבר אויפן שפּאַציר. דער חבר איז געווען דער באַוווסטער בונדישער טוער מאַיסיי גורעוויטש („מאַטוויי"), וואָס איז צוריק מיט אייניקע חדשים אַרעסטירט געוואָרן אין ווילנע אין דער וווינונג פון דעם בונדישן הויז פון די זאַקהיימס, אין „זוויערינעץ". אין שייכות מיט דעם אַרעסט פון „מאַטווייען", זענען איינגעזעצט געוואָרן אין טורמע אַ רייע בונדיסטן. מאַטווייען האָט די זשאַנדאַרמעריע געהאַלטן איזאָלירט אין „14־טן נומער", ווייזט אויס אַלס הויפּט־באַשולדיקטן אין פּראָצעס. איך האָב אים דורך די קראַטעס געזען דאָס ערשטע מאָל.

בעת זיין פּראָצעס אין דער ווילנער סודעבנער פּאַלאַטע (אין פעברואַר 1905) האָט ח' גורעוויטש געהאַלטן אַ גרויסע פּאָליטישע רעדע, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין די „לעצטע

נאַכריכטן" פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד". נאָך דער באַפרייונג איז ה' גורעוויטש אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע און האָט זיך דאָרט געשטעלט אין דער שפּיץ פון צענטראַל־פאַר־באַנד פון די בונדישע הילפס־גרופּן אין אַמעריקע.

ס'איז געקומען מיין רייע און מען האָט מיך אַריינגעפירט צו פּאַטאַראַקין.

— הער סעגאַל, איר ווילט געוויס זאָגן, ווי איר הייסט... מיט די ווערטער האָט מיך באַגעגנט דער געניטער זשאַנדאַרם.

— יאָ, וועגן דעם ענין האָב איך געוואָלט זען זיך מיט אייך.

— ווי זשע הייסט איר?

— פּאָזנאַנסקי.

— האָט איר דערהרגעט אַ מענטשן, הער פּאָזנאַנסקי, וואָס איר האָט געמוזט לעבן אויף אַ פרעמדן פּאַס? — האָט זיך גע־וויצלט דער זשאַנדאַרם.

— איך בין אַוועק פון פּאָליציייִשער אויפזיכט צוליב מיי־נעם אַ פּראָצעס אין קיִעווער זשאַנדאַרמען־פאַרוואַלטונג.

— אָ, דאָס איז גאַנצן! ס'האָט נישט געלוינט. און וואָס זאָגט ה' פּאָזנאַנסקי וועגן דער ליטעראַטור, וואָס מ'האָט געפונען ביים ה' סעגאַל?

— ער זאָגט דאָס זעלבע, וואָס סעגאַל: די ליטעראַטור איז נישט זיינע. דער זשאַנדאַרם האָט זי געפונען אין קלאָזעט.

— און איך האָב געמיינט, אַז ה' פּאָזנאַנסקי וועט פאַרלייכ־טערן די אויספאָרשונג, אויך אין דעם פּרט.

— נו, און ווער האָט אייך געגעבן דעם פּאַס אויפן נאָמען סעגאַל?

— וועגן דעם וועל איך נישט געבן קיין דערקלערונגען.

— איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איר וועט מיר געבן אַזאַ ענט־פער, האָט פּאַטאַראַקי באַמערקט מיט אַ שמייכעלע.

פּאַטאַראַקי האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל און מיך צוריק אָפּגעשיקט אין די לוקישקעס.

טורמע־נאַטשאַלניק איז דאָרט געווען — דונקעל, אַ גע־

ווע זענער פּריסטאַוו אין ווילנער פאַרשטאָט זוויעריניעץ. אַ הויכער, געזונטער יונג, מיט אַ גרויסן בויך (ווי אַ סך טורמע-שעפּן), אַ מענטש מיט אַמביציעס און קאַפּריזן, אַ מענטש וואָס האָט נאָר שטאַרק פון זיך געהאַלטן, באַזונדער פון זיין „אַקטיאָרישן טאַלענט”, וואָס ער האָט זיך איינגערעדט.

אָט דעם חברהמאַן האָט מען עפּעס דערצאָרנט, צוליב נישט אַראָפּנעמען די היטלען פאַר זיין כבוד וועגן. (אַרום דעם ענין אַראָפּנעמען היטלען, אויפשטיין פאַר נאַטשאַלסטווע האָט זיך אין אַ סך טורמעס יאָרן-לאַנג געפירט אַן עקשנותדיקער קאַמף), האָט ער אָנגעהויבן שיטן מיט רעפּרעסיעס, ביז ס'איז אויסגעבראָכן אַ הונגער-שטרייק פון אַלע פּאָליטישע.

אויפן צווייטן אָוונט פון שטרייק האָט דונקעל געמאַכט אַ וויזיט אין אַלע איינצל-קאַמערן. ער איז אַריין אויך צו מיר, און האָט מיך אָנגעהויבן צו דערציילן, אַז פון דעם הונגער-שטרייק וועט גאָר נישט אַרויסקומען. ער האָט פאַרביק איבערגעגעבן עפּיזאָדן, ווי אַזוי ער האָט אַרעסטירט בונדישע פאַרזאַמלונגען, בעת ער איז געווען פּריסטאַוו, ער האָט אויך דערציילט מעשיות וועגן אייניקע פּאָליטישע אַרעסטירטע, אויסלאַכנדיק זייער אויסזען אָדער קליידונג, זייער פאַרהאַלטן זיך מיט נאָענטע בעת די זעונגען אד״גל.

– שטעלט אייך פאָר – האָט ער פאַרענדיקט – צווישן אייערע חברים געפינען זיך פּשוטע אַרבעטער, מיט צעפליקטע שיך און צעריסענע הויזן. אויך מיר פּאָליטישע! וואָלטן אַלע געווען ווי נאָוואָמייסקי (אָלגין), זאַסלאַווסקי, פּערל (דער פאַרשטאָרבענער פּעפּעסישער דעפּוטאַט, רעדאַקטאָר פון „ראָבאָטניק”), סעגאַל (מיר אויך אַ חניפהלע) אד״גל, וואָלט גאָר עפּעס אַנדערש געווען. הערט אויף שטרייקן. צום סוף וויל ער מיך נעמען מיט אַ „לעקעכל”... איר ליידט אויף די אויגן? אַן אַנטצינדונג? ס'איז דערפאַר, וואָס אייער קאַמער האָט נישט קיין זון, ער געפינט זיך אויף דער צפון-זייט. מאָרגן הייס איך אייך איבערפירן אויפן 4-טן שטאָק אין אַ זוניק צימער. גוטע נאַכט. באַטראַכט זיך, וואָס איר טוט. ס'טוט מיר באמת לייד.

ער האָט געהאַלטן וואָרט. גלייך אין דער פרי האָט מען

מיך איבערגעפירט אין אַ ליכטיקן, זוניקן איינצל־קאַמער, אָבער... אַנשטאָט פון ערשטן שטאָק (ווו איך בין פריער געזעסן), איז מיין ברויט — ווי פון אַלע אַנדערע פענצטער — געפלויגן פון פערטן שטאָק. דונקעל האָט פאַרשטאַרקט די רעפרעסיעס, אַרויסגענומען די טאַבורעטן פון די קאַמערן, מ׳זאָל זיך נישט קענען צוזעצן, צוגעשרויפט די טישן און בעטן צו דער וואַנט, אַזוי, אַז מיר האָבן געמוזט שלאָפן אויפן האַרטן אַספאַלט פון די פּאָדלאָגעס, און געווען איז עס ווינטער.

ערשט אויפן 7־טן טאָג פון הונגערשטרייק איז אָנגעקומען אין טורמע אַ קאָמיסיע מיטן גובערנאַטאָר גראַף פּאַלען בראש. פּאַלען מיט זיין סוויטע האָבן באַזוכט כמעט אַלע שטרייקנדיקע. ער איז אויך אַריין צו מיר אין קאַמער, זיך נאָכגעפרעגט וועגן די סיבות פון הונגערשטרייק, דערביי זיך באַרימט, אַז ער אַרבעט אַ סך, אַז ער אַרבעט ביז שפּעט ביינאַכט, און ער לייענט אַלע אונטערערדישע דרוקזאַכן, ווי „איסקראַ“, „פּאָסלעדניאַ איזוועסט־יאַ“ (אויסגאַבע פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד“), א״אַ; אַז ער שטעלט זיך פאָר, ווי אַזוי דער הונגערשטרייק וועט „צע־שמירט“ ווערן אין דער אומלעגאַלער פּרעסע אדג״ל. פונדעסט־וועגן האָט אים דער שטרייק דאָך נישט געשמעקט, און ער האָט פאָרגעלייגט אַ קאָמפּראָמיס.

באַלד איז געמאַכט געוואָרן אַ באַראַטונג (פאַרשטייט זיך דורכן דורכקלאַפּן זיך אין די ווענט), און ס׳איז באַשלאָסן גע־וואָרן אָנצונעמען דעם קאָמפּראָמיס־פאָרשלאַג און צו ליקווידירן דעם הונגערשטרייק.

30

„9 יאַנואַר 1905". – מאַלעצקי. – ערשטע זעונג מיט „מיין כלה". – באַפרייט אויף קויציע.

וועגן באַרימטן 9 יאַנואַר (1905) האָבן מיר זיך דערוווּסט מיט אַ פאַרשפּעטיקונג. עפּעס איז צו אונז דערגאַנגען אַ קלאַנג וועגן אַ גלח גאַפּאָן, וואָס האָט געפירט אַרבעטער צום קייזערלעכן פּאַלאַץ, וועגן אַ שרעקלעכער בלוט-פאַרגיסונג אין פּעטערבורג אאַ"וו. אָבער אַזוי ווי דער נאָמען גאַפּאָן איז אונז אַלעמען (אָן אונטערשייד פון פּאַרטיי) געווען פולשטענדיק פרעמד, האָבן מיר יאָ געגלויבט און נישט געגלויבט אין די קלאַנגען, ביז ס'איז גע-קומען אַ זונטיק, דער טאָג פון זעונגען, און אין טורמע האָט זיך באַוויזן אַ דורכגעשמוגלטע פּראָקלאַמאַציע וועגן דער מעשה גאַפּאָן און דעם 9 יאַנואַר.

די פּראָקלאַמאַציע איז גראָד געקומען דורך אַ קרימינעלן אַרעסטאַנט, אַן אינטערעסאַנטן טיפּ מיטן נאָמען מאַלעצקי. אים, אַלס קרימינעלן, האָט מען ווייניקער געהיט בעת די זעונגען, האָט זיך אים איינגעגעבן די פּראָקלאַמאַציע אַריינצובאַקומען.

אין גיכן האָבן מיר באַקומען נייע „געסט", וואָס זייער אַרעסט איז געווען פאַרבונדן מיט די געשעענישן פון 9 יאַנואַר. אין גאַנצן ראַיאָן פון „בונד" זענען אַלס פּראָטעסט קעגן דער בלוט-פאַרגיסונג אין דער הויפּט-שטאָט דורכגעפירט געוואָרן (דורך די אָרגאַניזאַציעס פון „בונד") אַלגעמיינע פּאָליטישע שטרייקן. אויך ווילנע האָט אָנטיילגענומען אין דער דאָזיקער אַקציע און אין צוזאַמענהאַנג דערמיט זענען פאַרגעקומען מאַסן-אַרעסטן. צענד-

ליקער חברים האָט מען געבראַכט אין טורמע אויף די לוקיש־קעס, אָבער דעם גרעסטן טייל האָט מען איינגעזעצט אין אַ ווייטערן קאָרפּוס, ווייזט אויס, כּדי מיר זאָלן זיך מיט זיי נישט קענען לייכט קאָמוניקירן. דאָך האָבן מיר זיך פון זיי דערוווּסט נייעס נישט נאָר וועגן ווילנע, נאָר וועגן דער יאַנואַר־באַוועגונג בכלל.

ס׳איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, ווי מיר האָבן זיך געפרייט מיט דער אויפלעבונג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, מיט דער ערשטער גרויסער אויפטרייסלונג, וואָס דאָס לאַנד האָט אי־בערגעלעבט.

ווידער האָבן די טורמע־ווענט אויפגענומען אונזערע אומ־עגדלעכע „שמועסן״, די הייסע דיסקוסיעס וועגן די געשעענישן אין לאַנד און אויפן מלחמה־פראָנט (ווו ס׳איז אַלץ געגאַנגען מיט דער פוטער אַראָפּ), און נאָך פיינלעכער איז געוואָרן דאָס זיצן אין די ענגע פיר ווענט פון דער איינצל־קאַמער, דאַן ווען אין לאַנד קומען פאָר היסטאָרישע געשעענישן.

מיר פּערזענלעך איז דאַן אפילו געווען אַ ביסל לייכטער דאָס זיצן אין טורמע, ווייל איך האָב צוזאַמען מיט אַ פּוילישן חבר, אַן איינבינדער, באַקומען אַרבעט אין ביבליאָטעק, צוערשט ביי דער איינבינדעריי, שפּעטער אַלס ביבליאָטעקאַר, אָבער די געזעלשאַפטלעכע טעמפּעראַטור אין גאַס איז אַלץ געשטיגן, הע־בער און העכער און אַלץ שטאַרקער האָב איך געוואָלט פילן דאָס פעלן פון לופט, זון, פרייהייט און באַוועגונג־מעגלעכקייט.

* * *

איך האָב פריער דערמאָנט דעם קרימינעלן אַרעסטאַנט מאַ־לעצקי. זיין פּראָצעס האָט אַ מאָל געמאַכט אַ גאַנצן רושם אין רוסלאַנד.

מאַלעצקי איז געווען אַ סטודענט. ווי ער האָט דערציילט אין טורמע, איז ער אידעיש געווען אַ פּעפּעסאָוויעץ.

מאַלעצקי האָט געהאַט אַ רייכן פעטער, אַן ערד־באַזיצער ערגעץ אויף דער פּראָווינץ, וואָס פלעגט פון צייט צו צייט זיך אַריינכאַפּן אין ווילנע אַ ביסל אַ לעב צו טון. איינמאָל האָט מאַ־

לעצקי דעם פעטער איינגעלאַדן צו זיך אויף אַ „גלעזל טיי", אויף אַ „קערטל". חוץ מאַלעצקין זענען געווען איינינקע זיינע קאָלעגן. קורץ, מ'האָט דעם פריץ, מאַלעצקיס פעטער, אַנגעשיכורט, געהרגעט און צוגענומען ביי אים דאָס געלט. דעם קערפּער פון דערמאָרדעטן האָט מען צעשניטן, איינגעפּאַקט אין אַ קאַרב און עקספּעדירט אויף דער באַן. דאָס פאַרברעכן איז אַנטדעקט געוואָרן, און מאַלעצקין מיט זיינע חברים האָט מען אַרעסירט. אויף די לוקישקעס איז, חוץ מאַלעצקין, געזעסן נאָך איינער פון זיינע קאָלעגן — דימשע.

זיי ביידע האָבן געטענהט, אַז דער רויב און מאָרד האָבן אַן אידעישן אונטערשלאַק, אַז הגם זיי האָבן זיך נישט פאַרשטענדיקט מיט פּ. פּ. ס., האָבן זיי דאָך בדעה געהאַט דאָס צוגערויבטע געלט אָוועקצוגעבן אויף „פּאַרטיי-צוועקן".

אַזוי, צי אַזוי, מאַלעצקי איז געווען אַן אינטעליגענטער מענטש, ער האָט זיך אינטערעסירט מיט פּאָליטיק, און אַ דאַנק אים האָבן מיר דאַן אויף די לוקישקעס באַקומען דעם ערשטן דאָקומענט וועגן דעם באַרימטן „9טן יאַנואַר" אין פּעטערבורג.

* *
*

ס'זענען אָוועק וואָכן און חדשים נאָך מיין לעצטן פאַרהער ביי פּאַטאַראַקין און גאָר נישט. די זשאַנדאַרמעריע האָט ווי פאַרגעסן אין מיר.

איך בין מיר געזעסן אין מיין איינצלקאַמער, געלייענט ביכער פון דער גאַנץ רייכער טורמע-ביבליאָטעק, פּרובירט לערנען אַ שפּראַך, און פון צייט צו צייט „געשמועסט" דורכן וואַנט מיט מיינע שכנים. וועלכע האָבן זיך נישט זעלטן געביטן. איין מאָל האָט מען פון יענער זייט וואַנט מיר אָוועקגעזעצט אַ יידישן אַנאַרכיסט, וואָס איז אַריינגעפאַלן צוליב אַ פּראָוואָקאַציע. ער האָט זיך גערעכנט אויף אַ טויט-אורטייל. אין דער לייט-מאָטיוו פון זיינע „שמועסן" איז געווען — „שטריקל". איך פלעג אים פּרובירן באַרויִקן אָבער מיט אַ קליינעם דערפאָלג. פּיינלעך איז געווען דאָס דורכקלאַפּן זיך מיט דעם דאָזיקן שכן מיינעם. געהייסן האָט ער

סאַלאָמאָן באַרקאַגאַן. פון די לוקישקעס האָט מען אים איבערגעפירט אין „14טן נומער", און פון דאָרט — אין אַ היילאַנשטאַלט פאַר גייסטיק קראַנקע.

פון דער פאַרשידנאַרטיקער חברה פּאָליטישע אַרעסטירטע, מיט וועלכע איך האָב זיך באַקאַנט אין ווילנער טורמע, וועל איך דאָ דערמאָנען איינעם צוליב זיין אָריגינעלקייט.

ער איז אַרעסטירט געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיטן דורכפאַל פון דער דיסקוסיע צווישן „בונד" און דער „פּאַרטיי" אין איינעם פון די ווילנער וועלדער (וועגן אָט דעם דורכפאַל האָב איך שוין געשריבן, דערמאָנענדיק דעם אַרעסט פון דוד זאַסלאַווסקי).

דער חברה-מאַן האָט בעתן אַרעסט געוויזן אַ פּאַס אויפן נאָמען פון לעוואַן אַנדזשיפּאַרידזע. אַ גרוזין פון קאַווקאַז. אַנדזשיפּאַרידזע האָט מיט זיין גלאַט - צוגעשווירענער שוואַרצער באָרד באמת אויסגעזען, ווי אַ געבוירענער גרוזין. ער האָט גערעדט אַ געבראָכענעם רוסיש מיט אַ ספּעציפיש-גרוזינישן אַקצענט. דער גרוזין אַנדזשיפּאַרידזע האָט געטענהט, אַז ער איז, נעבעך, אַ קרבן פון אַ פּאָליציייִשן טעות, אַז ער איז אַ סוחר פון קאַווקאַז און איז געקומען קיין ווילנע צו פאַרקויפן ציטרינען און פּאָמעראַנצן. נאָך דעם ווי אַנדזשיפּאַרידזע איז אָפּגעזעסן אויף די לוקישקעס עטלעכע חדשים, האָט זיך פון „גרוזין" אויסגעלאָזן אַ פּשוטער יידישער האַנדלס-אָנגעשטעלטער מיטן נאָמען מיכאל גאָרעליק. ער איז דאָס אין דער דיסקוסיע אין וואַלד געווען דער הויפּטרעדנער מצד די „איסקראָווצעס".

* * *

ענדע יאַנואַר איז אין טורמע-קאַמער צו מיר געקומען דער פּראָקוראָר מיטן פּאָד-פּולקאָווניק פּאַטאַראַקי און האָבן דערקלערט, אַז די אויספאָרשונג איז געענדיקט. אין קאַמער ביי מיר האָבן זיי געלאָזן אַ דיקן העפט אַקטן פון מיין „דיעלאָ" (פּראָצעס) און אַ זשאַנדאַרם אַלס שומר. אַליין זענען זיי אַוועק צו אַנדערע אַרעסטירטע, געבנדיק מיר צוויי שעה צייט אויף איבערצוקוקן די צענדליקער פּאַפּירן.

צווישן די אַקטן האָב איך געפונען גאַנץ קוריאָזע זאַכן, למשל, אַזאַ מעשה: מיט דעם „פּעסל" סימכעל סעגאַל האָבן זיך פאַר מיר באַנוצט אַנדערע חברים, אַזוי אַז אויף דעם פּאַס זענען געווען אייניקע „יאַוקעס", איינע אויך פון וואַרשע. מיין ריכטיקע פאָטאָגראַפיע מיטן פאַלשן נאָמען סעגאַל האָט מען געשיקט אין די אַלע שטעט, ווו דער פּאַס איז געווען געמאָלדן, אויך — אין וואַרשע. און שטעלט אייך פאָר, אַז די וואַרשעווער פּאָליציי האָט צוגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל, דאָס די ווירטן ווו סעגאַל האָט גע- וווינט האָט דערציילט, אַז איר סובלאָקאַטאָר סעגאַל איז פּלוצים פאַרשווונדן געוואָרן, איבערלאָזנדיק ביי איר עפּעס צוויי פאַר- דעכטיקטע קערב, און אַז (דאָס איז דאָס אינטערעסאַנטסטע) אין דער פאַרגעוויזענער פאָטאָגראַפיע (ד. ה. מיינער) דערקענט זי איר געוועזענעם סובלאָקאַטאָר סעגאַל...

ווען איך האָב דערנאָך אויף אַ טורמע-„שפּאַציר" דערציילט מיינע חברים וועגן דעם קוריאָז: האָט בנימקע זיך אָפּגערופן מיט אַ געלעכטער:

— הערט, חבר, דאָס האָב איך דאָרט געוווינט ביי דער דאָזיקער מאַדאַם אין וואַרשע... אמת, איך האָב טאַקע דאָרט גע- לאָזן צוויי קערב.

„ביידע סעגאַלס" האָבן זיך גראָד געטראָפן אין איין טורמע.

ווען דער פּראָקוראָר מיטן זשאַנדאַרם זענען צוריקגעקומען, האָבן זיי מיר דערקלערט, אַז אַזוי ווי די אויספאָרשונג איז פאַר- ענדיקט, זענען זיי גרייט מיך אַרויסצולאָזן ביזן געריכט אויף קויציע. נאָך אַ לענגערן האַנדל זענען מיר מושווה געוואָרן אויף אַ קויציע פון 200 רובל.

— איצט האַלט איר זיך שוין אַליין אין אַרעסט. האָט מיט אַ זיס זשאַנדאַרמישן שמייכעלע זיך געזעגנט מיט מיר פאַטאַראַקי,

פון טורמע איז דאַן אַרויסגעגאַנגען אויף דער פריי אַ ווילנ- נער חבר דוד מיצקון. נישט פאַרבייטן אים מיט אַ צווייטן בונ- דישן מיצקון, וואָס האָט געהאַט פּאַרטיי-פּסעוודאָנימען „איסאַק", „קאַרל" און האָט געאַרבעט אַלס פּראָפעסיאָנאַל אין עטלעכע שטעט, אויך אין לאָדזש. „מיין" מיצקון דוד, איז געווען אַ קליין

יינג פישל, הגם ער האָט זיך פּרובירט עלטער מאַכן מיט א לאַנ־ גער באָרד, וואָס ער האָט זיך פאַרלאָזט אין טורמע. ער איז גע־ ווען א וווילער חבר.

א דאנק אים האָב איך זיך געשטעלט אין פארבינדונג מיט אונזער „רויטן קרייץ" אין קאָוונע וועגן שאפן פאר מיר די 200 רובל, א דאנק דעם זעלבן חבר האָב איך דעם נאָענטסטן זונטיק געהאט די ערשטע (פאַר די קנאפּע זעקס חדשים) זעונג אין טורמע. עס האָט זיך געפונען א חברטע, וואָס האָט זיך פאַרגע־ שטעלט אלס מיין כלה, און האָט ארויסבאקומען ביים פּראָקוראָר א דערלויבעניש־צעטל מיך צו באזוכן אין טורמע.

ווען דער טורמע־אויפזעער האָט אויסגערופן:

— סעגאַל! אויף א זעונג — און מיט א שמייכעלע שטיל צוגעגעבן: מיט אייער כלה, — בין איך געווען אין א פארלעגנ־ הייט, וויל אין דעם זעונגס־צימער האָבן געוואַרט אייניקע פרויען, און איך האָב נישט געוווּסט נישט דעם נאָמען פון „מיין כלה", נישט ווי זי זעט אויס.

אָבער ס'איז אלץ אראָפּ בשלום.

אין א צוויי וואָכן ארום איז איין מאָל פאר נאכט ווידער געקומען „מיין כלה" — שוין מיט אלע נויטיקע פּאפּירן מיך צו באַפרייען. די 200 רובל האָט טאַקע צוגעשיקט אונזער קאָוונער „רויטער קרייץ".

מיר האָבן זיך מיט „מיין כלה" באגעגנט, ווי אלטע גוטע פריינד. איך האָב גענומען מיינע זאכן, דאָס לעצטע מאָל א קוק געטון פון דער נאָענט אויף דער גרויסער צאָל קליינע טורמע־ פענצטערלעך, פארדעקטע מיט אייזערנע קאַסטנס און מיר זענען ארויס אויף יענער זייט לוקישקער טורמע.

דאָרט האָט שוין אָפּגעוואַרט דער טרייער טורמע־פריינד דוד מיצקין.

ס'האָט געשיט א מחיהדיקער שניי.

31

א מענטש אָן אַ פּאַס. — לאָדזש. — פּאָגראָם־שטימונגען. — זעלבסטשוץ. — ביים צ. ק. אין דווינסק.

איך בין אויף דער פריי, אָבער דאָך בין איך געפּענטעט, איך קאָן זיך נישט רירן, ווייל איך האָב נישט קיין פּאַס. האָב איך אָנגעגעבן א ביטע צום ווילנער פּאָליצמייסטער, ער זאָל מיר ארויסגעבן א צייטווייליקן פּאַס, און האָב אָנגעהויבן יעדן טאָג צו קומען נאָך אן ענטפער. אָבער דער פּאָליצמייסטער, נישט ער גיט אַ פּאַס, נישט ער זאָגט אָפּ. איין מאָל קום איך אריין אין דער קאַנצעלאַריע פון פּאָליצמייסטער וועגן מיין פּאַס־ענין, און טרעף דאָרט אַ געוואַלדיקע צערודערונג. טעלעפאָנען קלינגען, פּאָליציי־באאמטע גרעסערע און קלענערע לויפן ארום, ווי פארסמטע מייז. מען וויל אפילו מיט מיר נישט רעדן. איך פּאַק עפּעס א תמעוואַטן פּאָליציאַנט און איך דערוויס זיך ביי אים די סיבה פון דער צערודערונג: ס'ווייזט זיך ארויס, אז אין מאָסקווע איז דורך א באָמבע דערהרגעט געוואָרן דער גרויספירשט סערגיי. אַ פעטער פון צאר ניקאָליי דעם צווייטן.

ס'איז אוועק א צוויי וואָכן, ס'איז מיר שוין דערעסן געוואָרן דאָס אַרומגיין אָן באשעפטיקונג; דאָס ארומשלעפּן זיך איבער די ווילנער פּאָליציישע אינסטאַנצן אין ענין פון מיין פּאַס; בין איך אוועק צו „מיין" פּאַטאַראַקין און האָב אים פאָרגעלייגט, אז ער זאָל אינטערווענירן ביים פּאָליצמייסטער וועגן א פּאַס פאר מיר.

פּאַטאראַקי האָט זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טון, און האָט מיר געגעבן א פשוטע עצה: פאָרן אָן א פּאַס,

אויב — האָט ער באמערקט מיט זיין זשאנדארמישן שמייכלע — ס'וועלן זיך ביי אייך נישט שיטן קיין פראָקלאמאציעס פון די טאשן, וועט אין וועג גאָר נישט געשען מיט אייך. שליסלעך, אין פאל פון א נויט, פאררופט אייך אויף מיר, וועל איך שוין פעסטשטעלן אייער פערזאָן.

איך בין אוועקגעפאָרן פון ווילנע און טאקע אָן א פאס, און בין בשלום אָנגעקומען קיין לאָדזש. דאָרט האָב איך באַדארפט זיך א ביסל אָפּרוען און ווארטן אויף א נאָמינאציע פון צ"ק.

אין לאָדזשער קאָמיטעט האָב איך דאן געטראָפן די חברטע מינע ציפקין („דער בעזעם"). אין גיכן איז זי אוועקגעפאָרן, און ס'איז אָנגעקומען מיין אלטער באקאנטער פון בערדיטשעוו, גרשון ראוורעבע („קוראָקי"), וועמענס סילוועטקע איך האָב שוין געגעבן אין די פריערדיקע קאפיטלעך. איך האָב אויך דאן געטראָפן אין לאָדזש איינעם פון די עלטסטע בונדיסטן „טאראס" (דוד קאץ), וועלכער איז אין פוילן געווען באקאנט אונטערן נאָמען „וויקטאָר".

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אונטעררוקן דער פסח און גלייכצייטיק מיטן פסח איז אין לאָדזש אָנגעקומען א פאָגראָם־שטימונג. איך געדענק שוין נישט די סיבה פון דער דאָזיקער שטימונג, נאָר א פאקט איז, אז דער „בונד" האָט דאן אָרגאַניזירט א זעלבסטשוץ, מיט א גאנצער רייע אָפּטיילונגען, מיט א צענטראלן אפאראט אין דער שפיץ. איך געדענק אפילו אז די הויפּט־קווארטיר פון דער זעלבסטשוץ האָט זיך געפונען אויף דלוגע גאס (היינט גדאנסקא) אין קאנטאָר פון א באוווסטן אינדוסטריעלער.

הגם „קוראָקי" איז נאָך געווען א פרישער מענטש אויפן לאָדזשער האָריזאָנט, האָט ער פונדעסטוועגן זיך שוין דאָ געפילט ווי א פיש אין וואסער. ער איז געווען א רעוואָלוציאָנער — א פאנאטיקער, מיט א ברייטן (אפילו נישט שטענדיק גוט דורכגעקלערטן) פארנעם אין דער ארבעט, און אין ים פון דער אַרבעט אין דעם גרויסן פראָלעטארישן צענטר, האָט ער ערשט אויפגעלעבט.

אין דעם פעריאָד, וואָס איך באַשרייב, איז „קוראָקי" דערהויפּט געווען דורכגעדרונגען מיטן געדאַנק, ווי בעסער אָוועקצו-

שטעלן די בונדישע זעלבסטשוץ אין לאָדזש. ער האָט געהאַט גאָר אַ ווירקלעכן פּראָיעקט, ווי צו באַוואָפענען די זעלבסטשוץ. אָבער כּדי אים צו פאַרווירקלעכן, האָט דער לאָדזשער קאָמיטעט געמוזט אויספועלן סיי די הסכּמה פון צ״ק, סיי זיין טעכנישע הילף.

איצט מעג איך דאָך אויסגעבן די קאָנספּיראַציע: ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן שאַפן פאַר דער זעלבסטשוץ אַ ביסל „קנייד־לעך״ (באָמבעס).

אַזוי ווי איך האָב אין לאָדזש גאָרנישט געטון (געווען בלויז אויף אורלויב און זיך באַמיט וועגן אַ פּאַס), האָט מיר „קוראַקי״ פאָרגעלייגט, איך זאָל אויף זיך נעמען די שליחות פון צ״ק, כּדי מען זאָל נישט דאַרפן אָפּרייסן פון דער אַרבעט קיין אַקטיוון חבר.

איך בין מסכּים געווען און איך בין תּיכּף אַרויסגעפאָרן קיין דווינסק, די רעזידענץ פון צ״ק פון „בונד״.

געקומען קיין דווינסק, בין איך אַוועק צום ח׳ „טל ומטר״ (אַזוי איז געווען דער פּאַרטיי־שער פּסעוודאָנים פון קליינגעוויק־סיקן ח׳ איזאַקסאָן). דורך אים האָב איך באַדאַרפט באַקומען פאַר־בינדונגען מיטן צ״ק, וואָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען שטאַרק פאַרקאָנספּירירט.

אין דווינסק, וואָס איז בכלל געווען איינע פון די רעוואָ־לוציאָנערסטע בונדישע שטעט, איז דאַן געווען לעבעדיק. אַ גע־הויבענע שטימונג נאָך די יאַנואַר־טעג. ריזיקע געלונגענע מיטינ־גען פון „בונד״, מיטן הויפּט־רעדנער דוד ליפּיעץ (מאַקס „חרפּה״). אויך אין דווינסק איז געווען אַ פּאָגראָם־שטימונג. אַ בונדישע זעלבסטשוץ, ייִנגע מיידלעך מיט בראַונינגען אין די טאַשן. צווישן זיי האָט זיך אויסגעטיילט מיט איר אינטערעסאַנט געזיכט חברטע יוליאַ אַבראַמאָוויטש („מרים״) פון וואַרשע, אַ טיפּ פון אַ פלאַמענדי־קער, דרייסטער רעוואָלוציאָנערין, איינע פון די בעסטע בונדישע רייזענדערינס מיט אומלעגאַלער ליטעראַטור (געשטאָרבן אין פינ־לאַנד בעת דער וועלט־מלחמה).

דער פאַרשטייער פון צ״ק, מיט וועלכן מען האָט מיך צו־נויפגעפירט איז געווען איינער פון די גרינדער פון „בונד״ און

מיטגרינדער פון דער רוסל. ס. ד. אַ. פּ., דער באַוווסטער חבר אַרקאַדי קרעמער (געשטאָרבן אין 1935 יאָר), וועגן וועלכן איך האָב זיך שוין געהאַט אַזוי פיל אָנגעהערט, אָבער וועלכן איך האָב נאָך פּערזענלעך נישט געהאַט געקאָנט.

דאָס טרעפן זיך מיטן חבר אַרקאַדי איז פאַרגעקומען, אויב איך האָב נישט קיין טעות, אין דער וווינונג פון שפּעטער אַנט־דעקטן פּראָוואָקאַטאָר ישראל מיכל קאַפּלינסקי, אויף יעדן פאַל איז קאַפּלינסקי געווויס געווען אין צווייטן צימער, ווו ס'איז פאָר־געקומען מיין אוידיענץ ביים ח' אַרקאַדי.

ח' אַרקאַדי האָט אָנגערוקט די ברילן אויפן נאָז, געלאָזט מיך דערציילן וועגן לאָדזש און געשוויגן.

ענדלעך האָט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן פון אונטער די ברילן און אַ זאָג געטון:

— איך וועל איבערגעבן דעם צ"ק, מיר וועלן באַטראַכטן.

— אָבער מיט וואָס פאָר איך אַוועק? אין לאָדזש איז דאָך דער ענין אַ ברענענדיקער!

— מ'וועט אייך שוין מיטטיילן.

איך בין בשלום צוריקגעקומען קיין לאָדזש. איך זאָג בשלום, ווייל קיין פּאַס האָב איך נאָך אַלץ נישט געהאַט און די באַנען זענען דאָך שטאַרק באַוואַכט געווען.

„קוראָקי" האָט מיך אָפּגעוואַרט מיט אומגעדולד. ער איז געבליבן שטאַרק אומצופרידן, וואָס דער צ. ק. פאַרשלעפּט דעם עסק.

ס'איז אַוועק דער פּסח. דער צ"ק האָט מיטגעטיילט, אַז ער איז גרייט מיטצוהעלפן, אַז ער דעלעגירט אַ חבר קיין לאָדזש מיט אַ ספּעציעלער מיסיע, אָבער דערווייל זענען די פּראָגראַם־שטימונגען פאַרשוווּנדן, און דער לאָדזשער קאָמיטעט פון „בונד" האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן צום 1־טן מאַי.

32

גראָדנע. — ח׳ אַריה גאַרבער. — ערשטע איינ־
דרוקן. — ה׳ אַברהם טשעסקיס.

באַלד נאָך פסח איז אָנגעקומען פאַר מיר אַ נאָמינאַציע פון צ״ק. דער צ״ק האָט מיך אויפגעפאָדערט וואָס גיכער אַרי־בערצופאָרן קיין גראָדנע.

איך בין פשוט געווען אין פאַרצווייפלונג, ווייל איך האָב נאָך אַלץ נישט געהאַט קיין פּאַס. אַלע מיינע באַמיִונגען ביים לאָדזשער פּאָליצמייסטער האָבן זיך געענדיקט — ווי אין ווילנע— מיט גאָר נישט.

ווידער ווערן אומלעגאַל צוליבן פּאַס, האָט זיך נישט גע־לוינט. איך בין געווען אין אַזאַ לאַגע, אַז דער פּאָליציי און זשאַנ־דאַרמעריע האָב איך געמוזט מעלדן מיין אַדרעס, ווייל דאָס נישט מעלדן זיך אין פּאָליציי האָט געדראָט מיט שווערע קאָנסעקווענצן: מיט פאַרלירן די קויציע פון 200 רובל (וואָס איז געווען דאָס אייגנטום פון אונזער „רויטן קרייץ״ אין קאָוונע) און מיט אַרעסט ביזן געריכט.

האָב איך געזוכט עצות און האָב צופעליק אָנגעטראָפן אויף אַ קליינעם באַאַמטן אין פּאָליציי־צירקל אויף קאָנסטאַנטינער גאַס, וועלכער האָט מיר פאַר אַזאַ סומע ווי צוויי רובל אַרויסגעגעבן עפעס אַ מין שיין, וואָס האָט דערווייל געקאָנט פאַרטרעטן אַ פּאַס.

איך האָב זיך גאָר דערפרייט מיט דער מציאה און זיך גע־לאָזן אין וועג אַריין.

קיין גראָדנע בין איך אָנגעקומען אין דער פרי. ס'איז געווען אַ פראַכטפולער מאַי־טאָג. איך בין פאַרפאָרן אין אַ האָטעל און זיך אַרויסגעלאָזן אין שטאָט זוכן דעם קאָמיטעט. איך האָב געהאַט אַ „יאַווקע" דירעקט ביי אַ קאָמיטעט־מיטגליד — ח' אַריה גאַרבער, אַ זייער פּאָפּולערע פערזענלעכקייט אין יענער צייט אין גראָדנע.

ח' אַריה איז געווען אַן אַלטער בונדישער טוער, איינער פון די באַוווסטזיניקסטע אַרבעטער. די גאַנצע גראָדנער אַרבעטערשאַפט האָט געקאָנט אַריהן, און — דאַכט זיך — פאַרקערט: ער האָט געקאָנט יעדן יידישן אַרבעטער פון גראָדנע. דעם גאַנצן זומער, ווי אויך דעם האַרבסט 1905, די רעוואָלוציאָנערע אָקטאָבער־טעג, האָבן מיר צוזאַמען געאַרבעט. אין די דעצעמבער־טעג איז דורכגעפאַלן דער סקלאַד פון רעוואָלווערן פון גראָדנער קאָמיטעט פון „בונד". צוליב דעם דורכפאַל האָט אַריה געמוזט אַנטלויפן פון גראָדנע, ווו ער האָט איבערגעלאָזן אין קלאָגעדיקע באַדינגונגען זיין פרוי מיט אַ יינג קינד. סוף 1906 איז אַריה אָנגעקומען קיין סמאָרגאָן, דאָרט געלעבט אומלעגאַל, זייער גוט — געאַרבעט אין דער באַוועגונג קנאַפּע צוויי יאָר. שפּעטער איז ער אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. איצט איז ער אַ קאָמוניסט (אַ פּאַסיווער).

אַ פּאָר שעה נאָך מיין אָנקומען קיין גראָדנע, בין איך שוין געזעסן אין אַריהס פּראָלעטאַריש דירהלע, און געשמועסט מיט אַריהן וועגן די אַקטועלסטע ענינים, סיי פון גראָדנע, סיי פון דער פּאַרטיי בכלל. און געווען זענען אַ סך ברענענדיקע פראַגן— ס'איז דאָך געווען פרילינגסצייט פון יאָר 1905.

דעם זעלבן אָוונט האָט ח' אַריה מיך צוזאַמענגעפירט מיט אַ גרופּע אינטעליגענץ (יוגנטלעכע). אין אַ פאַרשטענדיקונג מיט מיר, האָט ער מיך פאָרגעשטעלט אונטער אַ שפּאָגל נייעם נאָמען „מיראָן". בין איך שוין אין גראָדנע און נאָך גראָדנע פאַרבליבן „מיראָן".

לכבוד אונזער נייער באַקאַנטשאַפט האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ שפּאַציר אין אַ שיפל איבערן ניעמאַן, און ביז שפּעט ביינאַכט

האָבן אויפֿן טייך געקלונגען מאָטיוון פֿון רעוואָלוציאָנערע לידער. דערהויפּט איז מיט גרויס חשק געזונגען געוואָרן דאָס נייע דאָן בונדישע ליד: „אין זאַלציקן ים״. איינער פֿון דער חברה יוגנט האָט אַפֿילו אויף אַ טרומייט אונז אַ ביסל צוגעשפּילט. אמת, ס'איז געווען נישט פּאָרזיכטיק אַזאַ פֿאַרהאַלטן זיך, אָבער וואָס האָט מען געקאָנט טון, אַז די נאַטור איז געווען אַזוי שיין אין דער דאָזיקער מאַי־נאַכט, אַז דאָס שיפֿל האָט זיך אַזוי שטיל און רויִק געטראָגן איבערן צעשפּיגלטן ניעמאַן און אַז... די גראָדנער פּאָליציי האָט פֿאַרשפּרייט איר שמירה בלויז איבער דער יבשה און גאָר פֿאַרגעסן, אַז אויך אויף די וואַסערן קאָן זיך אַ מאָל באַווייזן די „רעוואָלוציע״.

האָבן מיר זיך אַזוי געשיפֿט ביז שפּעט, שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

די היימישקייט פֿון דער נייער פֿאַר מיר סביבה, די חבֿרישקייט פֿון מיינע נייע באַקאַנטע, האָט מיך אַרומגענומען מיט אַזאַ וואַרעמקייט, אַז אָט דער ערשטער אָוונט מיינער אין גראָדנע איז מיר גוט פֿאַרבליבן אין זכּרון.

איינגיכן האָט דער צ״ק צוגעשיקט קיין גראָדנע נאָך אַ חבֿר — אַבֿרהם טשעסקיס („לעאָן״, „מאַקס״). אַזוי, אַז צוזאַמען מיט אַריהן זענען מיר שוין געווען אַ טריאָ אין קאָמיטעט.

חבֿר טשעסקיס האָט מיט זיין קליין פֿיגורל, מיט זיין שלעכטער אויסשפּראַך געמאַכט דעם איינדרוק פֿון אַ שוואַך מענטשעלע אין אַלע הינזיכטן. ערשט ווער ס'האָט זיך מיט אים באַקאַנט נעענטער, האָט געקאָנט אָפּשאַצן, אַז טשעסקיס איז אַ מענטש מיט וויסן און מיט אַ שטענדיקער שטרעבונג צו דערגרענצן זיין גייסטיקן באַגאַזש. טשעסקיס האָט געאַרבעט אין אַ סך שטעט פֿון בונדישן ראַיאָן (אָדעס, זשיטאָמיר, גראָדנע, דווינסק א״אַ). פֿאַר דער וועלט־מלחמה — עטלעכע יאָר געווינט אין פֿראַנקרייך — שטודירט פֿילאָזאָפֿיע, מיטגעאַרבעט אין פֿראַנצויזישע סאָציאַליסטישע זשורנאַלן. אין 1917 צוריקגעקומען קיין רוסלאַנד, ווידער געאַרבעט אין „בונד״, שפּעטער אָנגעהויבן מיטאַרבעטן אין דער קאָמוניסטישער יידישער און רוסישער פּרעסע.

אין גראָדנע האָבן מיר אים איבערגעגעבן צו פירן די קרייזן בײַ דער יוגנטלעכער אינטעליגענץ, בײַ די אַקאַדעמיקער, דאָס צונויפשטעלן בלעטלעך אדג״ל. אַרבעט איז דאַן געווען איי בערן קאַפּ. ס׳איז דאָך געווען די צייט נאָכן 9טן יאַנואַר, ערב דעם גרויסן שטורעם פון אָקטאָבער 1905. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז כסדר געגאַנגען בּאַרג אַרויף און האָט פאַרכאַפּט נישט נאָר די אַרבעטערשאַפט, נאָר אויך אַנדערע געזעלשאַפט־לעכע ספערן, באַזונדערס די שטודירנדיקע יוגנט. האָבן מיר דאַן געהאַט אין גראָדנע אַ גרויסע גרופּע אינטעליגענץ, נאָענטע, אַק־טיווע, וועלכע האָט אונז שטאַרק מיטגעהאָלפן אין אונזער אַר־בעט.

33

קאַמף פאַר דער בירזשע. — עפּידעמיע פון עקאָנאָ־מישע שטרייקן. — שטרייק אין שערעשעווסקיס פאַבריק.

די צאַרישע מיניסטאָרן האָבן געהאַט מאָדנע פּרינציפּן ביים איינשטעלן די זיצערטער פון די גובערנאַטאָרן, ביים אויס־טיילן די גובערניע־שטעט. אַזוי איז פּונקט די פאַרשלאָפענע קליי־נע גראָדנע מיט אירע 60 טויזנט איינוווינער געבענטשט געוואָרן מיטן טיטל גובערניאַלע שטאָט, און נישט די שכנישע אינדוסטריע־לע ביאַליסטאָק, פּונקט ווי דאָס רויִקע שטעטל פּיעטריקאָוו איז געווען ביז דער מלחמה די גובערניאַלע שטאָט, און נישט די גרויסע אינדוסטריעלע שטאָט לאָדזש.

אַלס גובערניע־שטאָט, איז גראָדנע געווען געבענטשט מיט אַ סך העכערע באַאַמטע, מיט אַ סך פּאָליציי און זשאַנדאַרמען. חוץ דעם האָט אין גראָדנע סטאַציאָנירט אַ סך מיליטער. דאָס אַלץ האָט אָבער נישט געקאָנט אָפּהאַלטן די אַרבעט פון דער בונדי־שער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אין יאָר 1905, ווי אין גרעסטן טייל שטעט, געגאַנגען באַרג אַרויף מיט אַלץ אַ שנעלערן און אַלץ מער רעוואָלוציאָנערן טעמפּ. און דאָס, וואָס אין גראָדנע איז געווען אַ סך מיליטער, איז גאָר געווען אַ פּאָזיטיווער פאַקטאָר אין דער באַוועגונג, ווייל דאָס האָט געגעבן דעם „בונד" די מעגלעכקייט צו שאַפן אַ שטאַרקע מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע, און די לעבעדיקע אַרבעט פון דער דאָזיקער מיליטערישער אָרגאַני־זאַציע האָט צוגעגעבן פרישן מוט און ענערגיע די אַנפירנדיקע

קערפּערשאַפֿטן פֿון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין דער אַלגע־מיינער פּאָליטיש־סאָציאַליסטישער אַרבעט.

איך בין געקומען קיין גראָדנע שוין נאָכן ערשטן מאַי, אָבער אין דער אָרגאַניזאַציע זענען נאָך געווען פֿריש די איינ־דרוקן פֿון ערשטן מאַי.

פּונקט ווי אין לאָדזש און אין דווינסק, איז אויך אין גראָדנע פּסח־צייט געווען אַ פּאָגראָם־שטימונג. דאָ האָט פּאָליציי געהאָדעוועט אָט די שטימונג. ס'זענען פֿאַרשפּרייט געוואָרן נאָ־רישע קלאַנגען, אַז די יידן ווילן אין ערשטן טאָג פֿון דער קריסט־לעכער פּאַסכאַ אויפֿרייסן דעם סאָבאָר, דעם קאָסטשאָל אאַז״וו. די בונדישע אָרגאַניזאַציע האָט אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן אַ זעלבסט־שוץ, מ'האָט איינגעשאַפֿן היפּשלעך געווער. גלייכצייטיק איז גע־פֿירט געוואָרן די ערשטע־מאַי־אַגיטאַציע. ס'איז אָרגאַניזירט גע־וואָרן אַ גרויסע אומלעגאַלע פֿאַרזאַמלונג פֿון אַ 1000 אַרבעטער. ס'איז פֿאָרגעקומען צוויי פֿאַרזאַמלונגען פֿון אינטעליגענץ, אויך די מיליטעריש־רעוו. אָרגאַניזאַציע האָט איינגעאָרדנט אַ מאַי־מאַסווקע פֿון אַ 60 סאָלדאַטן, פֿאַר וועלכע ס'האָט גערעדט אַ בונדישער רעדנער.

צוליב דער שטאַרקער פּאָגראָם־שטימונג האָט דער קאָמי־טעט באַשלאָסן צו רופֿן בלויז צו אַ שטרייק. דעם ערשטן מאַי האָט באמת אַלץ געשטרייקט. די מאַסע האָט זיך אָבער נישט באַגנוגנט מיט אַ „טרוקענעם שטרייק״, און אין דריי פּונקטן פֿון שטאָט זענען אין אָוונט פֿאָרגעקומען מאַניפֿעסטאַציעס: מ'האָט געלאָזן ראַקעטעס, געמאַכט פֿאַרשידענע אויסרופֿן אד״ג. ס'איז אָנ־געלאָפֿן פּאָליציי, קאָזאַקן און צעיאָגט די מאַניפֿעסטאַנטן.

אַזעלכע געשעענישן האָבן אַריינגעבלאָזן פֿרישן אָטעם אין דער אָרגאַניזאַציע, דאָס האָט זיך שטאַרק געפֿילט אין דער אַר־בעט. די טויטע פּראָווינציעלע שטאָט האָט געלעבט, געקאָכט.

די פּאָליציי צוזאַמען מיט קאָזאַקן האָט נאָכן ערשטן מאַי גענומען זיך צו באַפֿרייען די גאַס פֿון דער בונדישער בירזשע. די אַרבעטער האָבן אָבער האַרטנעקיק געקעמפֿט פֿאַר זייער פּאָ־זיציע, יעדן טאָג מאַסנווייז געקומען אין גאַס, נישט זעלטן פֿאַר־

לאָזט די בירזשע — מיט געזאַנג און אויסרופן, און די פּאָליציי האָט ענדלעך אויפגעהערט טרייבן פון דער בירזשע.

נאָך די יאַנואַר־טעג האָט זיך אין גראָדנע, ווי בכלל אין גאַנצן אַמאָליקן רוסלאַנד, אָנגעהויבן אַ סדרה עקאָנאָמישע שטרייקן, וואָס האָבן זיך געצויגן אַ גאַנצן זומער און האַרבסט 1905. איי־ניקע פאַכן האָבן געשטרייקט צו צוויי און צו דריי מאָל. גע־שטרייקט האָבן שניידער, שוסטער, דרוקער, איינבינדער, טיש־לער, וואָלקער, בעקער, פאָטאָגראַפן א״אַ. די הויפּט־פאָדערונג איז געווען העכערן די שכירות און — אָן 11 שעהדיקער אַרבעטס־טאָג (מיט אַ 2 שעהדיקן איבעררייס אויף אָפּרו און עסן). דער גרעסטער טייל שטרייקן איז געווונען געוואָרן.

גראָדנע האָט דאַן געציילט בערך 5000 אַרבעטער און אָנ־געשטעלטע, דעם אויבן־אָן צווישן זיי האָבן פאַרנומען די אַרבע־טער פון שערעשעווסקיס טאַבאַק־פאַבריק, וווּ ס׳האָבן געאַרבעט 1800 אַרבעטער, כמעט אַלע יידישע.

די שטאַרקסטע אָרגאַניזאַציע אין שטאָט איז געווען דער „בונד״. אַ געוויסע ווירקונג צווישן די קריסטלעכע (און עפּעס וואָס ביי די יידישע) אַרבעטער האָט געהאַט פּ. פּ. ס. דאַן זענען געווען אין גראָדנע אַ ביסל אַנאַרכיסטן, ס״רן און די ערשטע שפּראָצונגען פון פּ״צ.

קיין פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען זענען נאָך דאַן נישט געווען (זיי זענען געווען נישט ווייניקער „טריף״, ווי פּאָליטישע פּאַר־טייען), און דעם עקאָנאָמישן קאַמף האָט געפירט די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, דער „בונד״, אויסטיילנדיק ספּעציעלע ראַטן („סכאָד־קעס״).

די גרויסע השפּעה פון „בונד״ אין גראָדנע און די שוואַכ־קייט פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס באַווייזן, למשל, אַזעלכע פאַקטן פונעם געביט פון עקאָנאָמישן קאַמף: דעם שטרייק צווישן די קריסטלעכע ציגעלניע־אַרבעטער (אַ 200 פּערזאָן) האָט געפירט בלויז דער „בונד״, און טאָקע טיילווייז אויסגעבעסערט זייער לאַגע; דעם שטרייק ביי די בעקער־אַרבעטער — יידישע און קריסטלעכע — האָט געפירט דער „בונד״ אאַ״וו.

שווער און לאַנג־דויערנדיק איז געווען דער שטרייק אויף שערעשעווסקיס טאַבאַק־פאַבריק. געשטרייקט האָבן בלויז צוויי אָפּ־טיילונגען מיט אַ 400 פּאַפּיראָסן־מאַכערקעס. ווען איך בין אָנגעקומען קיין גראָדנע, האָבן שוין די דערמאָנטע אָפּטיילונגען גע־שטרייקט. ס'איז אויסגעקומען פיל צייט און ענערגיע אַוועקצוגעבן דעם דאָזיקן שטרייק.

און ענדלעך, נאָך גאַנצע פינף וואָכן שווערן קאַמף, איז דער שטרייק ליקווידירט געוואָרן — די אַרבעטערינס האָבן אָפּגעהאַלטן אַ טיילווייזן זיג.

איך קאָן נישט פאַרגעסן די באַגעגעניש פון קאָמיטעט פון „בונד" מיטן פאַרשטייער פון פאַבריקאַנט; מ'איז זיך צוזאַמענ־געקומען, כדי צו אונטערהאַנדלען וועגן די פאָדערונגען פון די אַרבעטער.

פון קאָמיטעט זענען געווען אריה גאַרבער און איך, פון שערעשעווסקיס צד — העלער (דוכט זיך, זיינער אַן איידעם). די באַגעגעניש איז פאָרגעקומען ביי סודותפולע אומשטענדן — ער־געץ אויסער דער שטאָט, בין־השמשות. אַרום און אַרום איז גע־ווען שטיל, קיין פיפס נישט צו הערן. מיר האָבן זיך אַלע דריי אויסגעזעצט אויף דער ערד, און מיט דעם גרעסטן אומצוטרוי פון איין צד צום צווייטן אָנגעהויבן דעם שמועס.

מ'דאַרף זיך קענען איבערטראָגן אין יענער עפּאָכע, צום יאָר 1905, כדי צו באַגרייפן די אויסטערלישקייט פון יענער באַ־געגעניש, פון דירעקטע אונטערהאַנדלונגען צווישן אומלעגאַלן פאַרקאָנספּירירטן קאָמיטעט פון „בונד" - מיטן פאַרשטייער פון דער גרעסטער אונטערנעמונג פון גראָדנע, מיטן האַר איבער 1800 אַרבעטער.

נאָך דעם דאָזיקן שמועס (היינט וואָלט מען דאָס גערופן — „קאָנפערענץ") מיט שערעשעווסקיס פאַרטרעטער, האָבן מיר צו־זאַמענגערופן אין לאָקאַסנער וואַלד אַ גרויסע פאַרזאַמלונג פון די שטרייקנדיקע אַרבעטער, אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער לאַגע, און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צוצוטרעטן צו דער אַרבעט, דער־גרייכנדיק אַ געוויסע העכערונג פון די שכירות.

34

לוויה פון ח' פרץ בערנשטיין. — מיין פּראָצעס דערנענטערט זיך. – ביאַליסטאָק. – דער טויט פון ח'טע אסתר ריסקינד.

איך האָב מיך באַזעצט אין אַ בילליקן איינפאַר-הויז. איין מאָל אין דער פרי האָב איך דערזען, אַז אין מיין קאָרידאָר וווינט — אַ זשאַנדאַרם. איך האָב זיך מיט אים באַגעגנט אויג אויף אויג. מיר האָבן זיך גאַנץ העפלעך באַגריסט, און אַריין יעדער אין זיין טיר. איך האָב אָנגעהויבן קלערן וועגן זוכן אַן אַנדער צימער, אָבער איך האָב זיך דערמאָנט אינעם יידישן גלייכווערטל וועגן „שטעלן דעם גנב פאַר דער טיר", און בין פאַרבליבן אין מיין צימערל. איך האָב קיין חרטה נישט געהאַט. איך האָב אָפּגעוווינט אין איין קאָרידאָר מיט מיין שכן, דעם זשאַנדאַרם, ביז איבער די רעוואָלוציאָנערע אָקטאָבער-טעג, און קיין איין מאָל איז אפילו קיין רעוויזיע ביי מיר נישט געווען.

* * *

איך האָב געשריבן וועגן דער גרויסער עקאָנאָמישער שטרייק-באַוועגונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די גראָדנער אַרבעטערשאַפט. פאַרשטייט זיך, דאָס אָרגאַניזירן די שטרייקן און דאָס אָנפירן מיט זיי האָט צוגענומען נישט ווייניק צייט און ענערגיע ביי אונזער אָרגאַניזאַציע, אָבער דאָך איז אונזער הויפּט-אויפמערקזאַמקייט געווען געווידמעט דער פּאָליטישער טעטיקייט.

מיר האָבן אויסגענוצט יעדע וויכטיקע פּאַסירונג, סיי אַר-

טיקע, סיי פון אַנדערע שטעט, יעדן באַדייטנדיקן „געזעצגעבערישן״ אַקט פון דער צאַרישער זעלבסטהערשאַפט, כדי צו רעוואָלוציאָניזירן די מאַסן. כדי זיי אַרויסצופירן אין גאַס, אין קאַמף, און פּאַסירונגען זענען געגאַנגען איינע נאָך דער אַנדערער.

איך דערמאָן זיך די לוויה פון אַ יונגיטשקן חבר, פּרץ בערנשטיין, וואָס איז געשטאָרבן אין גראָדנער טורמע.

פּרץ בערנשטיין איז אין גאַנצן אַלט געווען 18 יאָר. ער איז געבוירן געוואָרן אין ביאַליסטאָק. פון דער דאָרטיקער קאָמערץ-שול האָט מען אים אויסגעשלאָסן פאַר אָנטיילנעמען אין אומלעגאַלע קרייזלעך. נישט געקוקט אויף זיינע יינגע יאָרן, האָט ער שוין באַוויזן צו אַרבעטן אין ווילנע, ביאַליסטאָק און אין גראָדנע. אין די אַלע שטעט איז ער געזעסן אין די טורמעס פאַר בונדישע „חטאים״, צוזאַמען העכער אַ יאָר. ער איז געווען זייער איבערגעגעבן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, באַליבט ביי די חברים. אין גראָדנע איז פּרץ אַרעסטירט געוואָרן ענדע מערץ 1905 אויף אַ פּראָטעסט-דעמאָנסטראַציע קעגן שלאָגן די פּאָליטישע אַרעסטירטע אין טורמע. אָנהויב יוני איז ער געשטאָרבן אין טורמע-שפּיטאָל.

אין טאָג פון דער לוויה האָט מען גלייך נאָך מיטאָג געוואָרפן די אַרבעט. אַרום 6 פאַר נאַכט האָבן זיך ביים שפּיטאָל פאַרזאַמלט העכער 2000 אַרבעטער, צווישן זיי אויך קריסטלעכע אַרבעטער, פּ. פּ. ס. און ס. ר. אַרום דעם טורמע-שפּיטאָל איז געווען קאָנצענטרירט אַ מאַסע פּאָליציי און סאָלדאַטן. ס'איז געווען אויסזיכטלאָז, אַז גרעסערע מאַסן זאָלן זיך קענען דורכשלאָגן אויף דעם בית-עולם, זענען אַהין אַוועק בלויז עטלעכע צענטליק חברים מיט קרענץ. דאָרט איז אויך געהאַלטן געוואָרן אַ קורצע רעדע. די הויפּט-מאַסע איז דורך דער אָרגאַניזאַציע געפירט געוואָרן אין שטאָט אַריין. אויפן וועג, אויף אַ פּלאַץ, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ מיטינג פון העכער 1000 אַרבעטער. דער מיטינג האָט געדויערט געציילטע מינוטן. פּלוצלונג האָט עמעצער אויסגעשאָסן. צווילדעוועטע קאָזאַקן מיט פּיקעס אין די הענט זענען אָנגעלאָפן אויף די פערד, און האָבן מאָמענטאַל צעטריבן דעם

עולם. אַ פּאָר צענדליק חברים זענען מיט אומוועגן אַוועק צו דער טורמע און האָבן דאָרט געמאַכט אַ מאַניפעסטאַציע. די חברים פון טורמע האָבן אָפּגעענטפערט מיט רעוואָלוציאָנערע לידער און אַרויסגעהאָנגען אַ שוואַרצע פאָן.

אַזוי האָט אויסגעזען די לוויה פון חבר פּרץ בערנשטיין.

אין צוויי וואָכן אַרום האָט דער גראָדנער פּראָלעטאַריאַט ווידער געשטרייקט — אַלס פּראָטעסט קעגן די בלוטיקע געשעענישן אין די יוני־טעג אין לאָדזש און אָדעס. אָבער וועגן דעם—ווייטער.

איין מאָל, בשעת איך בין אַהיים געקומען, האָט מיר מיין באַלעבאָס איבערגעגעבן אַ פּאַפּיר פון געריכט. דאָס איז געווען דער באַשולדיקונגס־אַקט אין מיין פּראָצעס קאָוונע־ווילנע. דער פּאַקעט איז געווען אָן אַ קאָנווערט און האָט זיך ביז מיין אַהיים קומען אַרומגעוואַלגערט אין רעסטאָראַן־צימער, ווו דער זשאַנדאַרם פלעגט עסן מיטאָג. איך האָב דערוואַרט, אַז דער זשאַנדאַרם וועט אָנהויבן קוקן אויף מיר מיט אַנדערע אויגן, אָבער ס'ווייזט אויס, אַז ער האָט נישט געלייענט נישט דעם באַשולדיקונגס־אַקט, נישט די אַנדערע פּאַפּירלעך, וואָס זענען אָנגעקומען אין צוזאַמענהאַנג מיט מיין פאַרשטייענדיקן פּראָצעס, און ער איז געבליבן צו מיר אַזוי שכניש־גוטמוטיק ווי געווען.

איך בין אַוועק קיין ווילנע און האָב זיך געווענדעט צו אונזער „רויטן קרייץ" וועגן צוטיילן מיר אַן אַדוואָקאַט. אויב איך האָב נישט קיין טעות, האָט זיך מיט די ענינים פון בונדישן „רויטן קרייץ" באַשעפטיקט פאַניע זאַקהיים, די זעלבע, וואָס איז שפּעטער געווען די אָפיציעלע רעדאַקטאָרשע פון דער ווילנער „פאָלקסצייטונג". אויף יעדן פאַל, געדענק איך, אַז מיט איר האָב איך געפירט אונטערהאַנדלונגען וועגן אַן אַדוואָקאַט. איך האָב אויך באַזוכט באַריס פּרומקינען, וואָס איז דאַן נישט לאַנג געווען אַרויס אויף דער פריי פון דער זעלבער טורמע אויף די לוקיש־קעס — ווו איך בין געזעסן.

די ווילנער „פּאָליטישע אַדוואָקאַטור" האָט באַשטימט, אַז פאַרטיידיקן וועט מיך אַדוואָקאַט קאָזלאָווסקי, אַ ס. ד. איך האָב אָפּגעהאַלטן מיט אים אַ באַראַטונג, אים באַקאַנט געמאַכט מיט

אַלע איינצלהייטן פון מיין אַרעסט. ס'איז ביי אונז געבליבן, אַז אויפן געריכט זאָל איך זיך מודה זיין, דאָס איך האָב געפירט די אַנטי־מלחמה־אויפרופן פון צ. ק. פון „בונד".

אין צוזאַמענהאַנג מיט מיין פּראָצעס, ווי אויך צוליב אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים, בין איך דעם זומער 1005 עטלעכע מאָל געווען אין ווילנע. צייט איז געווען ווייניק, אין גראָדנע האָט שטענדיק געוואַרט אויף מיר דרינגנדע אַרבעט, פלעג איך מיך אין ווילנע זייער איילן, אַרומלויפן אַ גאַנצן טאָג, און אין אָוונט צוריקפאָרן קיין גראָדנע. איין מאָל האָט מיט מיר פּאַסירט אַזאַ געשיכטע: לויט דער באַשטעלונג פון אַ גראָדנער חבר — אַ כעמיקער (דוכט מיר, אַז גערופן האָט מען אים „וויקענטי"), האָב איך אין ווילנע געקויפט עפּעס אַ גלעזערנע כלי מיט מאָדנע קראַנען, וואָס איז אים געווען נויטיק צו עקספּערימענטן מיט דינאַמיט... די כלי איז געווען אַ גרויסע, געפּאַקט אין שטרוי, און הגם זי איז געווען גאַנץ לעגאַל, אָבער אַזוי ווי איך וואָלט נישט געווען געקאָנט אויפקלערן, צוליב וואָס איך פיר זי, וואָלט ביי מיינעם אַ דורכפאַל אַרויסגעקומען גאָר נישט קיין אָנגענעמע געשיכטע. האָט פּונקט פּאַסירט, אַז פון מידקייט בין איך פאַרשלאָפן די סטאַציע גראָדנע, און האָב זיך אויפגעכאַפּט ערשט דאַן, ווען דער קאָנדוקטאָר האָט אויסגערופן: „ביאַליסטאָק".

איך האָב געכאַפּט מיין גלעזערנעם באַגאַזש און אַרויס פון וואַגאָן.

אין ביאַליסטאָק בין איך געווען צום ערשטן מאָל. איך האָב דאָרט נישט געהאַט קיין שום פּריוואַטן אַדרעס, בין איך מיט מיין באַגאַזש אַוועק אין ערשטן בעסטן האָטעל, טראַגנדיק אַליין דאָס געהיימניספולע פּעקל, היטנדיק, אַז דאָס גלאָז זאָל חלילה נישט צעבראָכן ווערן.

איך האָב אויסגענוצט דאָס „פאַרבלאָנדזשען" קיין ביאַליסטאָק, און האָב זיך באַקאַנט מיט די דאָרטיקע טוער פון „בונד" באַזונדער געדענק איך די ח'טע אסתר ריסקינד. אַ מיטגליד פון ביאַליסטאָקער קאָמיטעט פון „בונד". שפּעטער מיט עטלעכע טעג

איז אסתּר ריסקינד דערהרגעט געוואָרן אויף סוראַזשער גאַס בעת
איינער פון די שרעקלעכע שחיטות, וואָס ביאַליסטאָק האָט אי־
בערגעלבט אין יאָר 1905. דאָס איז געווען דעם 12טן אויגוסט.
סאָלדאַטן האָבן זיך באַוויזן אויף די גאַסן און אָנגעהויבן אַ שי־
סעריי, באַזונדער אויף דער סוראַזשער גאַס. עמעץ (מען איז גע־
ווען איבערצייגט, אַז אַנאַרכיסטן) האָט געוואָרפן אַ באָמבע אין
אַ פּאַטרול סאָלדאַטן, פּונקט לעבן דער בונדישער בירזשע. פון די
שפּליטערס פון דער באָמבע זענען אויפן אָרט טויט געפאַלן אסתּר
ריסקינד און אַ צווייטע חברטע פון „בונד" — גיטל זאַקהיים.
עטלעכע בונדיסטן זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן. צווישן זיי יוליאַ
אַבראַמאָוויטש („מרים", וועלכע איך האָב דערמאָנט אין קאַפּיטל
חעגן דווינסק).

אסתּר ריסקינד איז געווען אַ מענטש מיט אַ גייסטרייכער,
רעוואָלוציאָנערער און אויך פּאָעטישער נאַטור. זי איז געווען איינע
פון די איבערגעגעבנסטע און ענערגישסטע טוערינס פון „בונד".
נישט געקוקט אויף אירע 25 יאָר, האָט זי שוין געהאַט באַוויזן
צו אַרבעטן צוויי מאָל אין ביאַליסטאָק, אין לאָדזש, אין וואַרשע,
אין ווילנע. זי איז יאָרן געזעסן אין טורמע, געווען פאַרשיקט אין
סיביר, פון דאָרט געלאָפן קיין אויסלאַנד.ביים ערשטן סיגנאַל
פון דער רעוואָלוציע — 9 יאַנואַר — איז זי צוריקגעקומען פון
אויסלאַנד, און — געפונען איר טויט אין ביאַליסטאָק, ווו זי איז,
ווי אין די אַנדערע שטעט, געווען שטאַרק באַליבט ביי דער
מאַסע.

35

די רויטע יוני־טעג: באַריקאַדן אין לאָדזש, דער אויפשטאַנד פון „פּאָטיאָמקין". — מאַכנאָוויעץ־אָקימאָוו.

דער חודש יוני 1905 איז אין דער געשיכטע פון דער רו־סישער רעוואָלוציע פאַרשריבן אַלס איינער פון די שטורעמדיק־סטע, אַלס איינער פון די בלוטיקסטע אין דעם פאַר־אָקטאָבער־אָפּשניט פון שטורם־יאָר 1905.

כמעט אין איין און דער זעלבער צייט זענען אין צוויי גרויסע שטעט, ווייט איינע פון דער צווייטער, אין לאָדזש און אין אָדעס, פּלוצים אויסגעבראָכן רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונ־גען פון אַ קאָלאָסאַלן פאַרנעם, אַזעלכע, וואָס דאָס צאַרישע לאַנד האָט נאָך נישט געזען. איןביידע שטעט זענען פאָרגעקומען גלענצנד איינגעגעבענע פּאָליטישע גענעראַל־שטרייקן. הונדער־טער טויזנטער פּראָלעטאַריער זענען אַרויס פון זייערע נעסטן און דורכגעצויגן די גאַסן אין קאָלאָסאַלע דעמאָנסטראַציעס. רויטע פענער, מוטיקע רעוואָלוציאָנערע לידער פון אומצייליקע דע־מאָנסטראַנטן האָבן אָנגעזאָגט, אַז ס׳קומט אַ שטורם, אַ גרויסער, אַ שטאַרקער, וואָס וועט צעשמעטערן די יסודות פון דער צאַרישער זעלבסטהערשאַפט. אויף די לאָדזשער גאַסן — אויף דער וווסכאָד־ניע און פּיעטריקאָווער, אויף פּאָלודניאָווע א. אַנד. זענען אויפ־געשטעלט געוואָרן באַריקאַדן. אויפן שוואַרצן ים, אין אָדעסער פּאָרט האָט זיך באַוויזן די רעוואָלטירטע פּאַנצערשיף — דער באַרימטער „פּאָטיאָמקין טאַוורישעווסקי", מיט אַ רויטער פאָן פון אויפשטאַנד, פון רעוואָלוציע.

דאָס זענען געווען אמתע שטורם-טעג און טאַקע אונטער אַזאַ קעפּל: „די שטורם-טעג אין אָדעס און לאָדזש״ האָט די רעדאַקציע פון „דעם בונד״ אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלע ביילאַגע צום נומער 8, געדרוקט אין 10 טויזנט עקזעמפּלאַרן, אין דער אונ-טערערדישער דרוקעריי פון „בונד״.

מיט שטאָלץ קאָנען מיר דערמאָנען דעם היסטאָרישן פאַקט, אַז סיי אין לאָדזש, סיי אין אָדעס, האָבן די בונדישע אָרגאַניזאַ-ציעס אין יענע גראַנדיעזע יוני-טעג געשפּילט אַן ערשטקלאַסיקע ראָל, אַז די באַליבטסטע רעדנערין איז ביי די מאַטראָסן פון „פּאָ-טיאָמקין״ געווען — אַ מיטגליד פון אָדעסער קאָמיטעט פון „בונד״ — די ח׳טע אַננע ליפשיץ (אַננע ליפשיץ לעבט נישט מער, זי מיט איר שוועסטער עזאַ האָבן אומגעפּער אין די יאָרן 1902—1903 געאַרבעט אין דער בונדישער באַוועגונג אין לאָדזש. עזאַ ליפשיץ איז געשטאָרבן אין טורמע אין פּיעטריקאָוו).

אָט איז אַ פראַגמענט פון יענע טעג אין לאָדזש:

די דעמאָנסטראַנטן גייען אַריין אין פּיעטריקאָווער גאַס. די טויערן זענען געשלאָסן, אָבער אַ גרופּע אַרבעטער, וואָס גייען פאָרויס, צווינגען צו עפענען די טויערן. די מאַגאַזינען ווערן אייליק געשלאָסן. די צאָל אַרבעטער וואַקסט אומגלויבלעך שנעל. אָט איז שוין אַ מאַסע פון עטלעכע צענדליק טויזנט. עס וואַקסט די צאָל פענער און בענדער. פּאָליציי הייבט אָן אַנטלויפן פון די פּאָסטנס. די טראַמווייען קערן זיך אום אין רעמיזיע. די דע-מאָנסטראַציע ציט זיך איבער דער גאַנצער לענג פון פּיעטריקאָ-ווער גאַס. די צאָל דעמאָנסטראַנטן דערגרייכט ביז 100 טויזנט. ס׳מאַרשירן פּאָליאַקן, דייטשן, יידן, עלטערע, יונגע, פרויען און קינדער. אַ באַגייסטערט זינגען און געשריי: „זאָל לעבן די רע-וואָלוציע!״ דערשיטערט די לופט.

פּאָליציי איז נישטאָ. אַ גרופּע סאָלדאַטן (אומבאַוואָפנטע) שאָקלען פריינדלעך מיט די קעפּ און גריסן די דעמאָנסטראַנטן. די מאַסע שטעלט זיך אָפּ. איבער די קעפּ הויבן זיך אויף רעד-נער. מוטיקע, באַגייסטערטע ווערטער. אַ הילכיקער הוראַ — „אַזוי הויבט זיך אָן די רעוואָלוציע״...

און אַרבעטער־בלוט באַפלעקט די לאָדזשער גאַסן. די באַריקאַדן געפאַלן. צענדליקער און אפשר הונדערטער קברים פון אומבאַקאַנטע העלדן — קריסטלעכע און יידישע, און ווידער טריומפירט דער פריסטאַוו, דער קאָזאַק... אָבער נישט אויף לאַנג.

און אָט איז אַ בילדל פון דאַמאָלסטיקן אָדעס.

אין פּאָרט איז אַ שרעקלעכע שׂרפה. זעלנער שיסן אומאויפהערלעך אין פּובליקום, הונדערטער טויטע פירט מען אויף פורן. די שפּיטאָלן זענען פול מיט פאַרוווּנדעטע. ביי די אַרבעטער איז אַן אויפגערעגטע שטימונג. די רעוואָלטירטע מאַטראָסן פון „פּאָטיאָמקין" ווילן צו הילף קומען די אַרבעטער, זיי ווילן באַשיסן די פּאָליציי און קאָזאַקן פון די קאַנאָנען, וואָס געפינען זיך אויף דער שיף, אָבער צוליב די רויטע פלאַמען פון דער ריזיקער שׂרפה קאָן דער שיף־פּראָזשעקטאָר נישט אויסגעפינען מיט דער נויטיקער גענויקייט דאָס אָרט ווו ס'געפינען זיך די אַרבעטער, און ווו — די פּאָליציי מיט קאָזאַקן. די מאַטראָסן האָבן מורא, אַז זייערע קאַנאָנען קאָנען נאָך טרעפן אין די אַרבעטער.

אין אָדעס איז דערקלערט קריגס־צושטאַנד. די טראַמווייען גייען נישט, די מאַגאַזינען פעסט געשלאָסן. באַלד דאַרף פּאָרקומען אַ לויה פון אַ מאַטראָס. די חברים זיינע פון „פּאָטיאָמקין" ווילן אים מקבר זיין דווקא אויפן מיליטערישן בית־עולם. זיי האָבן מתרה געווען די מאַכט, אַז אין פאַל פון אַן אַרעסט פון זייערן אַ חבר, וועט „פּאָטיאָמקין" באָמבאַרדירן די שטאָט.

די בורזשואַזיע איז צעשראָקן אויף טויט. פּונקט ווי אין לאָדזש, אַנטלויפן טויזנטער מענטשן פון די רייכע ספערן פון דעם אַזוי שרעקלעך־געוואָרענעם אָדעס.

אין גאַנצן 10 מאַטראָסן האָבן באַגלייט די טרומנע מיט זייער געפאַלענעם חבר. 10 מאַטראָסן זענען מיטגעגאַנגען — אָן געווער, די הענט פאַרלייגט אויף דער ברוסט. מאַסן אַרבעטער זענען נאָכגעגאַנגען די לויה. קיינער האָט זיך נישט געוואָגט אָנצורירן די 10 אומבאַוואָפנטע מענטשן, וואָס איז לויט די דאַמאָלסטיקע רוסישע געזעצן געקומען טויט־שטראָף. זיי זענען

דורכגעגאַנגען די גאַנצע שטאָט, מקבר געווען זייער העלדישן חבר, און זיך אומגעקערט צוריק אויף זייער רויטע פּאַנצערשיף. די גרויסע צאָל אָדעסער פּאָליציי־לייט, קאָזאַקן, די אַרמיי פון 12 טויזנט קעפּ — אַלץ איז ווי אויסגעשטאָרבן, אַלץ איז ווי בלינד געוואָרן און גאָר נישט געזען — נישט די לויה, נישט די 10 רעוואָלטירטע מאַטראָסן, וואָס גייען זיך רויִק איבער אָדעס צו זייער „פּאָטיאָמקין" מיט דער אַרויפגעצויגענער קריגס־פאָן.

אויפן אָדעסער בית־עולם האָט מען געהאַלטן סאָציאַל־דע־מאָקראַטישע רעדעס, טויזנטער מענטשן האָבן געענטפערט מיט אויסגעשרייען: „הוראַ". מיט התפעלות האָט מען באַגריסט די העלדישע מאַטראָסן און זייער געפאַלענעם חבר — און קיינער פון די זשאַנדאַרמען און שפּיאָנען, פון פּריסטאַװעס און פּאָליציי־מייסטער האָט גאָר נישט געזען און גאָר נישט געהערט, ווייל — פון פּאַרט, פון קרייצערשיף „פּאָטיאָמקין טאַוורישעסקי" האָבן אַרויסגעקוקט די קאַנאָנען, אָנגעשטעלטע מיט זייערע מיילער אויף דער שטאָט, ווייל פון „פּאָטיאָמקין" האָבן זיך געטראָגן הייסע שטורעם־ווינטן, וואָס האָבן אָנגעקינדיקט דאָס אָנקומען פון אַ גרויסן געראַנגל — דאָס אָנקומען פון דער ערשטער רוסלענ־דישער רעוואָלוציע.

די ידיעות וועגן די רויטע יוני־טעג אין אָדעס און לאָדזש האָבן זיך בליץ שנעל פאַרשפּרייט איבערן לאַנד, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אין דער לעגאַלער פּרעסע זענען געווען בלויז קורצע באַריכטן, באַלויכטן, ווי דער סדר איז, פון שטאַנדפּונקט פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטורם פון פּראָטעסטן קעגן די מאַסן־שחיטות אין לאָדזש און אָדעס. צווישן די בונדישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן גערופן צום פּראָטעסט, צום גענעראַל־שטרייק, איז אויך געווען אונזער אָרגאַניזאַציע אין גראָדנע. דער גענעראַל־שטרייק אין גראָדנע האָט זיך גוט איינ־געגעבן.

אין זיינע זכרונות דערמאָנט מעדעם איינעם אַ חבר מע־זשעוועצקי („פּסח"): „אַ לעבעדיקער בחור מיט אַ שמאָלן בלייכן פּנים, מיט גרויסע ברענענדיקע שוואַרצע אויגן, איז ער געווען

פלאַם און פייער. אַ זעלטן שיינער מאַסן־רעדנער, פלעגט ער זיך וואַרפן אין דער מאַסן־אַגיטאַציע מיט אַזאַ דורשט, ווי אַ פאַרחלשטער וואַנדערער אין מדבר וואַרפט זיך אויף אַ קוואַל פון פרישן וואַסער".

אָט דער חבר מעזשעוועצקי האָט בעת די יוני־טעג געאַרבעט אין אונזער לאָדזשער אָרגאַניזאַציע (מ'האָט אים דוכט זיך אין לאָדזש גערופן „דוד"). גלייך נאָך די הייסע לאָדזשער טעג איז ער אַראָפגעקומען קיין גראָדנע — איך געדענק שוין נישט צוליב וואָס — אויף אייניקע טעג. מיט עטלעכע יאָר שפעטער, אין 1909 האָב איך דעם זעלבן מעזשעוועצקי געטראָפן אין דער שווייץ אין דער בערנער בונדישער גרופע. ער איז דאַן געווען אַ סטודענט פון בערנער אוניווערזיטעט, געפירט אַ רויִק סטודענטיש לעבן, נישט ער האָט שוין געפלאַמט, נישט ער האָט באַזיצט אַפילו זיין פריערדיקן רעדנער־טאַלאַנט, שפעטער איז ער גאָר אַוועק פון דער באַוועגונג, אָבער אין יענער צייט האָט מעזשעוועצקי אונז געבראַכט קיין גראָדנע פרישע גרוסן פון די לאָדזשער באַריקאַדן. ער האָט אונז דערציילט וועגן די איבערלעבונגען אויף די לאָדזשער שלאַכט־פעלדער, און פאַר אונזערע אויגן איז פאַרבייגעגאַנגען דאָס גראַנדיעזע בילד פון די לאָדזשער רעוואָלוציאָנערע טעג.

אונזער גראָדנער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט ערשט מיט אַ צוויי וואָכן צוריק דורכגעפירט אַ פאָליטישן שטרייק אין טאָג פון דער לויה פון פרץ בערנשטיין, האָט דאָך באַשלאָסן ווידער צו רופן דעם גראָדנער פראָלעטאַריאַט צו אַ פאָליטישן גענעראַל־שטרייק. אַלס פראָטעסט קעגן די שרעקלעכע בלוט־פאַרגיסונגען אין אָדעס און לאָדזש.

כדי צוצוגרייטן די מאַסע צום שטרייק, האָט אונזער אָרגאַניזאַציע גערופן גרויסע אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען. איינע פון די פאַרזאַמלונגען איז פאָרגעקומען אין לאָסאָסנער וואַלד, און — כאַראַקטעריסטיש פאַר יענע צייטן — אויף דער אומלעגאַלער פאָליטישער פאַרזאַמלונג אין וואַלד איז געקומען אַ טויזנט אַרבעטער!

אויך אויף שערעשעווסקיס פאַבריק — ווו ס'איז ערשט

גישט לאַנג ליקווידירט געוואָרן דער לאַנג־דויערדיקער עקאָנאָ־מישער שטרייק, האָבן מיר געפירט אַ העפטיקע שריפטלעכע און מינדלעכע אַגיטאַציע — צוצושטיין צום גענעראַל־שטרייק.

אין באַשטימטן טאָג האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַלע פאַבריקן (אויך שערעשעווסקיס), וואַרשטאַטן, דרוקערייען (געשטרייקט האָט אַפילו די גובערנסקע דרוקעריי, אַזוי אַז צוויי טעג זענען נישט דערשינען די אָפיציעלע טעלעגראַמעס). ס׳האָבן געשטרייקט אַ סך האַנדלס־אַנגעשטעלטע און אַפילו אַ טייל הויז־דינערשאַפט. פּאָליציי און קאָזאַקן זענען אַרומגעלאָפן איבער די גאַסן, אָבער די אַרבעטער האָבן זיך געהאַלטן רויִק, און די גאַנצע ענערגיע האָבן זיי פאַרווענדעט אָפּצושטעלן אַלע צווייגן פון דער אַרבעט.

דער שטרייק האָט געדויערט צוויי טעג.

איך דערמאָן זיך איצט, אַז דעם ערשטן טאָג האָב איך דעם גענעראַל־שטרייק אָבסערווירט אין דער געזעלשאַפט פון אַ זייער אינטערעסאַנטן גאַסט וולאַדימיר מאַכנאָוויעץ־אַקימאָוו.

ח׳ אַקימאָוו איז געווען אַן אַלטער רוסישער סאָציאַל־דע־מאָקראַט, פון די ערשטע סאָציאַליסטישע טוער, אָבער אָרגאַניזאַ־ציאָנעל איז ער צוליב פּרינציפּיעלע חלוקי־דעות נישט געשטאַ־נען אין די רייען פון דער רוסל. ס. ד., יעדנפאַלס אין יענער צייט. אַקימאָוו איז געווען אַ גרויסער פריינד פון „בונד״, גע־האָט פאַרן „בונד״ דעם גרעסטן יראת הכבוד. דאָס האָט ער דאָ־קומענטירט אין פאַרשידענע זיינע אַרטיקלען.

קיין גראָדנע איז ער געקומען, כדי אויפן אָרט צו זאַמ־לען סטאַטיסטישן מאַטעריאַל וועגן דער עקאָנאָמישער באַוועגונג אין גראָדנע פאַר די לעצטע יאָרן, אויך כדי מיר זאָלן אים איינאָרדענען אַ רעפעראַט. שעהן־לאַנג האָט אַקימאָוו אויסגע־פרעגט אונזער אריהן וועגן דער געשיכטע פון דער גראָדנער באַוועגונג. דעם צוזאַמענגעקליבענעם מאַטעריאַל האָט ער שפּע־טער פּובליקירט, אַלס אַ גרעסערע קאָרעספּאָנדענץ אין די „פּאָ־סלעדניאַ איזוועסטיאַ״ (לעצטע נאַכריכטן) פון אויסלענדישן קאָ־מיטעט פון „בונד״.

צוליב קאָנספּיראַציע איז אַקימאָוו געקומען צו פאָרן אין אַן אָפיצירישן מונדיר (אין דעם אוניפאָרם פון אַ מיליטערישן דאָקטאָר). כּדי ער זאָל זיך נישט וואַרפן אין די אויגן מיט זיין מונדיר, האָבן מיר אים תּיכּף משלח געווען אין לאַסאָסנער וואַלד אויף אַ זומער־וווינונג. דאָרט האָבן אים שוין איינגעאָרדנט חברים פון אונזער אינטעליגענץ־גרופּע, פון וועלכער ס'איז כּדאי צו דערמאָנען איינעם, וואָס איז נאָך ביז היינט צו טאָג אין גראָדנע — דאָקטאָר וו. ליפּניק (דאַן נאָך אַ יונגער סטודענט).

מיר דוכט זיך, אַז מיר האָבן ווירקלעך איינגעאָרדנט אַקימאָוון אַ רעפעראַט — אין גראָדנע אָדער אין דרוסקעניק.

איז אָט — אין טאָג פון גענעראַל־שטרייק זענען מיר געזעסן מיט אַקימאָוון אויף אַ קאָנספּיראַטיווער דירה און אויפגענומען די באַריכטן וועגן גאַנג פון שטרייק.

פאַרשטייט זיך, אַז אויפן פאָן פון די גראַנדיעזע געשעענישן אין אָדעס און לאָדזש איז דער גענעראַל־שטרייק פון גראָדנע געווען גרוי און ווייניק באַמערקבאַר אין לאַנד־מאָסשטאַב, בפרט, אַז אַזעלכע גענעראַל־שטרייקן האָבן דאַן אַרומגעכאַפּט צענדליקער שטעט אין ראַיאָן פון „בונד” און אויסער אים. אַזאַ מין יונגן חברהמאַן, ווי איך בין דאַן געווען האָט גיכער געצויגן אין די גרויסע שטעט ווי וואַרשע, לאָדזש, אָדעס, אָבער אַ באַפרידיקונג איז געווען, וואָס די אַרבעט אין גראָדנע האָט גוט געקלאַפּט. שפּעטער — אין די אָקטאָבער־טעג — זענען אַפילו אין גראָדנע געקומען צייטן, ווען די אַרבעט האָט פאַרכאַפּט מיט איר גרויסקייט און רעוואָלוציאָנערן פאַרנעם. דער געדאַנק האָט דאַן נישט געקאָנט אָפּשאַצן ווי געהעריק די באַדייטונג פון די „קליינע רעוואָלוציעס” אין אַזאַ גראָדנע וכדומה. דאָס איז געקומען ערשט שפּעטער — אין דער באַלייכטונג פון לעבעדיקע פאַקטן, אין דער באַלייכטונג פון דער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו. איצט וועט שוין, דאַכט זיך, קיינער נישט צווייפלען אַז די גענעראַל־שטרייקן אין אַזאַ גראָדנע און דאָסגלייכן האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין גאַנג פון דער רעוואָלוציע. זיי האָבן אַזוי צו זאָגן אונטערגעהאַלטן דאָס פייער אונטער די קאָכעדיקע קעסלען פון ברויזנדיקן

רוסלאַנד, זיי האָבן באַלויכטן מיט רויטע פלאַמען די גרויסע אי־נערטע פּראָווינץ און זי צוגעגרייט קעמפן פאַר אַ ניי לאַנד, פאַר אַ ניי לעבן. אויך האָבן די פסדרדיקע רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרע־טונגען דאָ אין איין שטאָט, מאָרגן אין אַן אַנדערער, נישט דער־לאָזט דעם מעכטיקן פּאָליציייש־מיליטערישן אַפּאַראַט פון דער זעלבסטהערשונג צו קאָנצענטרירן זיינע כוחות אין די הויפּט־שטעט אאַ״וו אאַ״וו.

מיר האָבן דאַן וועגן דעם אַלעמען ווייניק געקלערט, מיר האָבן אָבער געפילט, אַז אויך מיר אין גראָדנע, למשל, זענען אַ וויכטיק שרייפעלע אין דעם גרויסן מעכאַניזם פון אָנקומענדיקער רוסלענדישער רעוואָלוציע, און מיר האָבן געאַרבעט מיט באַגייס־טערונג, און דערפאָלג.

36

גראָדנער מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַ־
ציע. – איך אָנטייל אין דער בונדישער זעלבסטשוץ.

איינע פון די וויכטיקסטע אַרבעטן פון גראָדנער קאָמיטעט פון „בונד" איז געווען – די אָנפירונג מיט דער גראָדנער „מי־ליטעריש־רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע".

נישט אין איין אָרט, איז אויסגעקומען דעם „בונד" צו שאַפן אַ רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע אין מיליטער, אָבער די גראָדנער מיליטערישע אָרגאַניזאַציע האָט זיך אָן שום ספק אויס־געטיילט צווישן אַלע אַנדערע – מיט איר ברייטן פאַרנעם, מיט איר שטאַרקייט, מיט איר פּלאַנמעסיקער און סיסטעמאַטישער אַר־בעט צווישן דעם גרויסן גראָדנער גאַרניזאָן.

„די פאַרבינדונג מיטן גאַרניזאָן" – שרייבט ח' קורסקי אין אַ בריוו צו מיר – „האָב איך שוין געהאַט אין גראָדנע זו־מער 1903. און דעריבער ווייס איך צופעליק פון וואַנען די פאַר־בינדונג האָט זיך באַקומען: אין גראָדנע איז געשטאַנען אַ פּולק פון צענטראַלן טעקסטיל־ראַיאָן, טווער אָדער סערפּוכאָוו. אונטער די סאָלדאַטן זענען געווען אָרגאַניזירטע טעקסטיל־אַר־בעטער, אין 1903 – אויסגעצייכנטע, קלוגע און גוט אַנטוויקל־טע טעקסטילאָווצעס, וואָס האָבן אין דער היים געלייענט די „איסקראַ" און געקומען „פאַרטיקע" אין גראָדנע, און זיי האָבן געזוכט דעם „בונד" און געוווסט, וואָס ער איז אַזוינס".

גראָדנע האָט זיך, איך ווייס נישט פאַר וואָס, גערעכנט פאַר אַ פעסטונג, איז דעריבער דאָרט געשטאַנען אַ „ים" פאַר־

שידנאַרטיק מיליטער: 5 פּולקן פּיעכאָטע, אַ פעסטונג-באַטאַליאָן, סאַפּיאָרן, אַ פּלי-פּאַרק, אַרטילעריע און קאָזאַקן. ווי איר זעט — אַ גאַנצע אַרמיי, צווישן וועלכע ס'האָט זיך „געלוינט” אָוועקצולייגן פיל מי און אַרבעט, בפרט אין אַ צייט פון אַן אומגליקלעכער מלחמה (רוסיש-יאַפּאַנישער), און אין פּעריאָד פון אומאויפהערלעכע רעוואָלוציאָנערע פּאַסירונגען, מיט וועלכע ס'איז רייך געווען דאָס יאָר 1905.

ווען ס'האָט זיך אין מאַי 1905 אויפסנייַ קאָנסטיטויִרט דער גראָדנער קאָמיטעט פון „בונד” (ווי איך האָב שוין דערמאָנט: איז דער קאָמיטעט באַשטאַנען דאַן פון דריי פּערזאָן: אַריה דער גאַרבער, טשעסקיס און איך), איז מיר צוגעטיילט געוואָרן די אָנפירונג מיט דער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע.

איך מוז מודה זיין, אַז נישט אָן אַן אינערלעכער אומרויִקייט האָב איך איבערגענומען די דאָזיקע אויסערסט פאַראַנטוואָרטלעכע מיסיע. איך האָב דאָך גוט געקאָנט די רוסישע קאַזאַרמע פון די צייטן פון מיין מיליטער-דינסט אין טשערקאַס. איך האָב נאָך גוט געדענקט די אַנאַלפאַבעטן און די טעמפּע שילער פון מיין ראָטנער שול, די שטרענגע דיסציפּלין אין דער אַרמיי, די אומענדלעכע פינסטערניש פון דעם רוסישן זעלנער. און וואָס — האָב איך געטראַכט — וועט מען קענען דאָרט אויפטון? און צי וועט מען בכלל קענען דאָרט, אין די קאַזאַרמעס, פאַרשפרייטן די אידעען פון רעוואָלוציע, פּראָפּאַגירן די אידעאַלן פון סאָציאַליזם?

אָבער שוין מיין ערשטער צוזאַמענקומען מיט די מיטגלי־ פון צענטראַלן ראַט („צענטראַלנאַיאַ סכאָדקאַ”) פון דער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע האָט צעקלאַפּט מיין סקעפּטיציזם.

דאָס איז געווען, געדענק איך, אַ שבת נאָך מיטאָג, ווען מ'האָט מיך אַוועקגעפירט אין פאָרשטאָט אויף דער זיצונג פון צענטראַל-ראַט, וואָס איז פאָרגעקומען אין אַ אָרימער, שטאַרק אָפּגעזונדערטער דירה. איך האָב געטראָפן אַ 10 — 12 סאָלדאַטן, פאָרשטייער פון באַזונדערע מיליטערישע איינהייטן: פאָרשטייער פון פּולקן, באַטאַליאָנען, בריגאַדעס אדג"ל. צווישן די דאָזיקע

פאָרשטייער זענען — קעגן מיין דערוואַרטונג — געווען זייער ווייניק יידן. אין גרעסטן טייל זענען דאָ געווען עכטע רוסן „קאַצאַפּעס", אַ טייל — מיט רונדע רוסישע בערד. מעגלעך — „סטאַראָוויערן" (אַזאַ מין רעליגיעזע סעקטע).

פון די באַריכטן, וואָס די ראַט־מיטגלידער האָבן אָנגעגעבן, פון זייערע פאָרשלאַגן, פון זייערע ווערטער אין דער דיסקוסיע, אַפילו פון זייער באַציונגצו מיר—דעם פאָרשטייער פון „בונד" איז געווען נישט שווער זיך צו איבערצייגן, אַז מיר האָבן פאַרשטענדיקע און איבערגעגעבענע פריינט אין דעם וויכטיקסטן שטיץ־פונקט פון צאַריזם—אין דער אַרמיי, אַז מיר האָבן אַ גוטן אַפּאַראַט, דורך וועלכן מיר קענען קומען אַלץ ווייטער און טיפער אין די קאַזאַרמעס און אין די זומער־לאַגערן, און ביסלעכווייז, סיסטעמאַטיש אונטערגראָבן די לעצטע פעסטונג פון דער זעלבסט־הערשאַפט.

חוץ דעם צענטראַל־ראַט, האָבן מיר געהאַט ראַטן („סכאָדקעס") אין באַזונדערע טיילן פון מיליטער. יעדן שבת, פלעגן מיר, ד"ה דער צענטראַל־ראַט, רעגולער און פּינקטלעך — ווי אין מיליטער — זיך צוזאַמענקומען אויף אונזערע זיצונגען אין ספּעציעלע קאָנספּיראַטיווע דירות אויף פאָרשטאָט. די פונקציעס פון צענטראַל־ראַט זענען געווען זייער און זייער וויכטיקע. אין זיין האַנט איז געווען די גאַנצע אָנפירונג מיט דער פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע אין גראָדנער גאַרניזאָן, ווי אָנמערקן טעמעס פאַר בלעטלעך (שרייבן און דרוקן די בלעטלעך — דאָס איז שוין געווען די זאַך פון אונזער פּאַרטיי־קאָמיטעט), באַשטימען טעמעס פאַר אַגיטאַציע צווישן די סאָלדאַטן, פאַרשפּרייטן בלעטלעך און אַנדערע ליטעראַטור, אָנפירן מיט די ראַטן פון באַזונדערע מיליטערישע טיילן, אָרגאַניזירן פּראָפּאַגאַנדע־קרייזלעך אדג"ל.

די גראָדנער מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע איז שוין געווען „אַן אַלטע" — זי איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1902, אָבער שטאַרק צעוואַקסן און פאַרפעסטיקט האָט זי זיך ערשט אין זומער 1905, דאָס הייסט — אינם יאָר פון דעם קאָלאָסאַלן אויפשוונג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג בכלל.

אין דעם זומער 1905 האָט זיך אונז איינגעגעבן צו אָר־גאַניזירן צווישן מיליטער אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען פון 50 ביז איבער 100 סאָלדאַטן (אין מיליטער איז דאָס פשוט געווען לע־גענדאַרע ציפערן), ווי אויך פאַרשפּרייטן אַ מאַסע ליטעראַטור — אייגענע און פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. באַזונדער ליטעראַטור קעגן דער מלחמה. אַ גרויסן דערפאָלג האָט געהאַט אונזערס — איך וואָלט געזאָגט — אַ זאַכלעך בלעטל (געדרוקט אין 1500 עקזעמפּלאַרן), וואָס איז געווען געבויט אויפן מוסטער פון דער בונדישער פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור.

אינם בלעטל זענען געבוי געווען אויסגערעכנט די וויכ־טיקסטע אַקטועלע — אַזוי צו זאָגן פּראָפעסיאָנעלע פאָדערונגען פון רוסישן סאָלדאַט: פאַרקירצן דעם דינסט־טערמין, העכערן די שכירות (דער רוסישער סאָלדאַט פלעגט באַקומען „געהאַלט" 22½ קאָפּיקעס אַ חודש) פאַרבעסערן דאָס עסן, העפלעכע באַ־ציונג, אָפּשאַפן דעם סיסטעם פון אָרדינאַנסן (קאַזיאָנע משרתים אדג"ל. פון די דאָזיקע פשוטע און פּאַר אַלע סאָלדאַטן נאָענטע פראַגן, וואָס זייער באַהאַנדלען האָט געוועקט דעם גרעסטן אינטערעס אַפילו ביי די אָפּגעשטאַנענסטע סאָלדאַטן (און געווען איז אין גראָדנער גאַרניזיאָן נישט ווייניק טאַטאַרן, טשוואַשן, טשערעמיסן) איז דאָס בלעטל איבערגעגאַנגען צו פּאָליטישע ענינים — צום איצטיקן מאָמענט, צו דער מלחמה, צו די מפּלות אויפן פראָנט. פאַרשטייט זיך, אַז קעגן די אַלע צרות איז געגעבן געוואָרן אַ זיכערע רפואה: „נידער מיט דער זעלבסטהערשאַפט!" און „זאָל לעבן דער סאָציאַליזם!..."

דעם נאָענטסטן שבת נאָכן פאַרשפּרייטן דאָס דאָזיקע בלעטל האָבן די מיטגלידער פון צענטראַל־ראַט מיט פרייד דערציילט, ווי וואַרעם דאָס בלעטל איז אויפגענומען געוואָרן ביי דער זעל־נערישער מאַסע, און וואָס פאַר אַ בהלה דאָס בלעטל האָט אַרויס־גערופן ביי די אָפיצירן, — און נאָך מיט מער מוט און אָפּפער־וויליקייט האָבן די ראַט־מיטגלידער זיך געוואָרפן אין דער גע־פערלעכער אַרבעט.

דאָס דערמאָנטע בלעטל איז אויך פאַרשפּרייט געוואָרן

צווישן גאַרניזאָן אין סוואַלק, וואָס האָט געהערט צום ראַיאָן פון גראָדנער קאָמיטעט פון „בונד“.

* * *

די מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע האָט אינטענסיוו געאַרבעט און אויסגענוצט יעדע וויכטיקע געשעעניש פאַר איר אַגיטאַציע. דער זומער 1905 האָט אומאויפהערלעך געליפערט מאַטעריאַל פאַר אַגיטאַציע נישט נאָר צווישן דער אַרבעטערשאַפט, נאָר אויך צווישן מיליטער. אַ רייכן מאַטעריאַל פאַר פּראָפּאַגאַנדע אין מיליטער האָט געגעבן דער אויפשטאַנד פון פאַנצער־שיף „פּאָטיאָמקין טאַווריטשעווסקי“. אָבער מיר זענען געווען אַזוי ענג, אַזוי „עגאָיסטיש“ אין אונזער פּראָפּאַגאַנדע. אונזערע טעמעס זענען געווען אַזוי ברייט, אַזוי פאַרשידנאַרטיק, ווי דאָס גאַנצע לעבן פון יענער צייט. איז אויף די סאָלדאַטישע פאַרזאַמלונגען גערעדט געוואָרן וועגן לעבן פון די אַרבעטער און די פויערים און זייערע שטרעבונגען, וועגן די אָדעסער און לאָדזשער געשעענישן, וועגן מלחמה און מיליטאַריזם, קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם אד״ג, און ס׳איז געוואַקסן די צאָל באַוווסטזיניקע סאָלדאַטן, און אַלץ מער, אין די קאַזאַרמעס און אין די לאַגערס.

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז דער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, וואָס ס׳האָט לויט אירע קרעפטן און מעגלעכקייטן געפירט די גראָדנער מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע.

איך געדענק צוויי וויכטיקע מאָמענטן. זומער 1905 איז גערופן געוואָרן אין אַקטיוון דינסט אייניקע יאָרגענג פון רעזערוו. צווישן די רעזערוויסטן האָבן פינסטערע עלעמענטן אָנגעהויבן פירן אַ פּאָגראָם־אַגיטאַציע. ווי נאָר די מיליטערישע אָרגאַניזאַציע האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט, האָט זי תיכף אַרויסגעשיקט אירע מענטשן אין די טיי־הייזער, שענקן און ענלעכע זאַמל־פּונקטן פון די רעזערוויסטן, כדי צו פירן אַ קאָנטער־אַגיטאַציע. פאַרשטייט זיך, אַז צו דער דאָזיקער אַרבעט זענען באַשטימט געוואָרן בלויז עכטע רוסן. ביי אָט דער גוטער געלעגנהייט האָבן מיר שוין פאַרשפּרייט צווישן די רעזערוויסטן לעגאַ־

לע צייטונגען מיט אַ סאָציאַליסטישן אינהאַלט, ווי „סין אָטיעטשעסטוואַ“ (צייטונג פון די סאַצ. רעוו.) און „נאַשאַ זשיזן“ (סאָצ. דעמאָקר. צייטונג). און די דאָזיקע צייטונגען, ווו ס'האָט נישט געפעלט קיין מאַטעריאַל וועגן דער אגראר־פראגע, (וואָס האָט אויסערסט שטאַרק אינטערעסירט די סאָלדאַטן), אין גרעסטן טייל קינדער פון דאָרף — וועגן אַרבעטער־אומרוען אא״וו, זענען אויפגענומען געוואָרן מיט דער גרעסטער פאַראינטערעסירונג.

אַ צווייטער, נאָך מער אינטערעסאַנטער פאַקט, איז פאָרגעקומען אין די באַרימטע אָקטאָבער־טעג.

באַלד נאָך דעם, ווי דער צאַר ניקאָליי דער צווייטער האָט, אונטערן דרוק פון אַ גענעראַל־שטרייק אין לאַנד, אַרויסגעגעבן זיין מאַניפעסט פון 17 (30טן) אָקטאָבער 1905 וועגן פאָליטישע פרייהייטן און קאָנסטיטוציע, האָט זיך אין איייניקע טעג אַרום, לויט אַ ווונק פון פעטערבורג, אָנגעהויבן אַ כוואַליע פון בלוטיקע פאָגראָמען, דערהויפט אין ראיאָן פון די וווינונג־פונקטן פון די יידישע מאַסן, ד״ה אין דרום־ און אין צפון־מערב רוסלאַנד. אויך אין גראדנע האָט געהערשט אַ פאָגראָם־שטימונג און אויך אין גראָדנע, ווי אין אַנדערע שטעט, האָבן מיר אָרגאַניזירט אַ זעלבסט־שוץ. אָבער וועגן דעם — ווייטער. דאָ, אויף דעם אָרט, האָב איך בלויז געוואָלט דערציילן וועגן דער ראָל פון דער מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע אין דער בונדישער זעלבסט־שוץ.

אונז איז שוין גוט געווען באַקאַנט פון דער פרעסע, ווי אַזוי די פאָגראָמען זענען פאָרגעקומען אין אַנדערע שטעט. דאָס בילד איז געווען מער אדער ווייניקער אַזוי:

אַ גאָטעס־דינסט אין אַ קלויסטער, דער עולם, צווישן וועלכן ס'זענען דאָ איבערגעטוענע פאָליציאַנטן, שפיצלעס, כוליגאַנעס, גייט אַרויס — פון קלויסטער אַ „באַגייסטערטער“ — מיטן געזאַנג פון פאַטריאָטישע לידער; פאָרויס ווערן געטראָגן די בילדער פון צאַר ניקאָליי און פון דער צאַרין, אַמאָל אויך הייליקע בילדער. די דעמאָנסטראַציע מאַרשירט זיך רויִק. דער עולם זינגט העכער און שטאַרקער. פלוצים פאַלט אַ שטיין אין

אַ יידיש פּענסטער, באַלד אַ צווייטער, אַ דריטער, אַמאָל קנאַלט אויך אַ פּראָוואָקאַטאָרישער שאָס — דער פּאָגראָם האָט זיך אָנגעהויבן. פּאָליציי איז, פאַרשטייט זיך, נישטאָ. איז זי יאָ דאָ — איז אויך, כּדי אזוי אָדער אַנדערש, צו העלפען די כוליגאַנעס, די פּאָגראָם־יינגען.

האָבנדיק פאַר די אויגן דאָס גאַנצע „פּראָגראַם" פון אַ יידישן פּאָגראָם, האָט אונזער מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע אויסגעאַרבעט אַזאַ מין פּלאַן: אַ גרופּע אונזערע סאָלדאַטן, דערהויפּט פון די ראַט־מיטגלידער, נעמט אַנטייל אין דער פּאַטריאָטישער שוואַרץ־מאהדיקער דעמאָנסטראַציע, וועגן וועלכער מיר האָבן געהאַט זיכערע ידיעות, אַז זי ווערט צוגעגרייט אויף אַ באַשטימטען טאָג. די סאָלדאַטן דאַרפן זיין פון אַזעלכע מיליטערישע טיילן, וואָס זייער געווער איז — רעוואָלווערן און שווערדן (אַרטילעריע, סאַפּיאָרן). זיי מוזן זיך אומבאַדינגט באַמיען צו האָבן ביי זיך קוילן. די גרופּע אונזערע סאָלדאַטן גייט די גאַנצע צייט מיטן פּאַטריאָטישן צוג און באַמיט זיך מיט פאַרשידענע רויִקע מיטלען אָפּצוּווענדן די מאַסן פון אַ פּאָגראָם. אין פאַל, אָבער, ווען דאָס וועט נישט העלפן — באַנוצן אונזערע סאָלדאַטן קאַלט געווער (שווערדן, באַגנעטן), וואָס סאָלדאַטן טראָגן אויפן פּאַס בשעת זיי גייען ארויס פון קאַזאַרמע אין גאַס, און אין ערגסטן פאַל — הייס געווער — קוילן.

איך האָב פערזענלעך אָבסערווירט די פּאַטריאָטישע מאַניפעסטאַציע אין גראָדנע. פון דער ווייטנס האָב איך געהערט די פּאַטריאָטישע לידער. דער צוג האָט זיך דערנענטערט, זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן גאַס. די פענער האָבן זיך אויפגעהויבן אין דער לופטן. אַ קורצע רעדע. הילכיקע אויסגעשרייען. הוראַ! הוראַ! און אָט — דער צוג רירט פון אָרט. קעפּ אַנטבלויזן זיך. דער צוג מאַרשירט נישט געאיילט, טריט ביי טריט. ס'דערהערט זיך דער מאָטיוו פון צאַרישן הימן („באָזשע צאַריאַ כראַני" — „גאָט היט דעם צאַר"). איך גיב אַ טראַכט: אָט באַלד הייבט זיך עס אָן... אין די רייען וואַרפן זיך אין די אויגן גרויע סאָלדאַטן־שינעלן. צום סוף פון צוג אַ גאַנצע קאָמפּאַקטע גרופּע סאָלדאַטן—

אַ מאַן 10—15 אונזערע סאָלדאַטן, אונזער זעלבסטשוץ. אַ געפּיל פון שטאָלץ און פרייד כאַפּט אַרום: ווייט זענען מיר שוין אַוועק, אַז רוסישע סאָלדאַטן ריזיקירן מיט זייער פרייהייט, אויב נישט מיט עפּעס מער, כדי צו ראַטעווען „זשידקעס" פון אַ פּאָגראָם!

אַט זעט מען נאָך פון ווייטנס די לעצטע רייען, דאָס אויער כאַפּט נאָך אויף אויסגעשרייען.

אויפן גאַס הערשט אַ טויטע שטילקייט. דאָ און דאָרט זעט מען אַ חבר מיט אַ ספּעציפיש אייזערן שטעקעלע פון אונזער זעלבסטשוץ.

דער טאָג איז אַריבער רויק.

* * *

צווישן דער גרויסער מאַסע סאָלדאַטן פון גראָדנער גאַרניזאָן האָבן די אַרטילעריסטן און די סאַפּיאָרן זיך אויסגעטיילט מיט זייער אינטעליגענץ און באַוווסטזיניקייט. האָט טאַקע פּאַסירט, אַז אין דער 26טער אַרטילערישער בריגאַדע איז אַ צוויי וואָכן נאָכן אָקטאָבער־מאַניפעסט (אָנהייב נאָוועמבער 1905) אויסגעבראָכן אַ בונט.

די דירעקטע סיבה פון בונט איז געווען אַ ריין־ווירטשאַפטלעכע, אָבער אָן שום צווייפל איז די פּסיכאָלאָגישע מעגלעכקייט פון אַ דיסציפּלין־בּרוך, פון אַ בונט, געקומען אַ דאַנק דער לאַנג־דויערנדיקער אויפקלערונגס־אַרבעט פון דער מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע און — פאַרשטייט זיך — אויפן פאָן פון אַזעלכע געשעענישן, ווי די רויטע אָקטאָבער־טעג פון 1905.

דער בונט איז אויסגעבראָכן אויפן באָדן פון דער קנאַפּער באַשפּייזונג, פּינקטלעכער — צוליב דער קליינער פּאַרציע טיי און צוקער, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין קאַזאַרמע.

אין דער צייט, ווען איך האָב געדינט אין דער רוסישער אַרמיי, ד"ה אין יאָר 1900 און שפּעטער, פלעגט מען אין די צאַרישע קאַזאַרמעס בכלל נישט געבן די סאָלדאַטן קיין טיי מיט

צוקער. בלויז די מער פאַרמעגלעכע פלעגן קויפן פון אייגענעם געלט טיי מיט צוקער. אַזעלכע „גליקלעכע" איז אין דער קאַזאַרמע געווען אַ מינדערהייט, די גרויסע מאַסע סאָלדאַטן האָבן געשטאַמט פון אָרעמען רוסישן דאָרף, פון קבצנישן פויערטום, און נאָר על פּי צופאַל האָבן זיי געקאָנט אַריינכאַפּן אַ גלאָז טיי, אין גרעסטן טייל פלעגן זיי פרישטיקן מיט אַ טרוקן שטיק סאָלדאַטסקע ברויט.

ווי איך האָב שוין געשריבן, האָט אונזער מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע אויסגענוצט צו פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן אויך די נישט גענוגנדיקע באַשפּייזונג אין דער קאַזאַרמע. און אָט, ווען אויפן מלחמה־פראָנט איז געווען ביטער און פינצטער, ווען אויפן פּאַנצער־שיף „פּאָטיאָמקין", אויפן שוואַרצן ים, איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד פון די מאַטראָסן אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ ווערעמדיק געקעכץ, ווען די מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס האָבן צווישן זייערע פּאָדערונגען אַרויסגעשטעלט — בעסער עסן, — האָט די צאַרישע רעגירונג זיך אַנטשלאָסן אויף אַ רעפאָרמע: אַרויסגעבן די סאָלדאַטן קאַזיאָנע טיי מיט צוקער.

די באַשטימטע פּאָרציע איז אָבער געווען אַ גאָר נישטיקע: פּאָר אַ גרופּע פון 3 סאָלדאַטן — איין אַכטל טיי און 1 פונט צוקער אַ חודש.

גלייך ווי ס'איז איינגעפירט געוואָרן די דאָזיקע גוואַלדיקע „רעפאָרמע", איז אין דער ערשטער באַטעריע פון דער דערמאָנטער 26טער בריגאַדע פון אַרטילעריע אויסגעבראָכן אַ בונט — די באַטעריע האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען די מתנה פון טיי מיט צוקער. ס'איז באַלד אָנגעפאָרן נאַטשאַלסטוואָ, געדראָט, אַז מען וועט זיך אָפּרעכענען מיט די בונטאָווטשיקעס, ספּעציעל מיטן אַרטילעריסט מאָנאַכאָוו, וועלכער איז שוין פון פריער געווען „פאַרדעכטיק" אין די אויגן פון די אָפיצירן. דער ווייטערדיקער גאַנג פון די געשעענישן איז בקיצור געווען אַזעלכער: איינער פון די העכערע אָפיצירן האָט אָנגעהויבן שלאָגן אַ סאָלדאַט. מאָנאַכאָוו האָט זיך אָנגענומען פאַרן געשלאָגענעם קאָלעגע

און האָט פּראָטעסטירט באַמערקנדיק, אַז מען טאָר נישט שלאָגן קיין סאָלדאַטן. דאַן האָט דער אָפיציר אָנגעשטעלט זיין רעוואָל־ווער דירעקט אויף מאַנאַכאָוון, אָבער אין דעם מאָמענט האָט אַן אַנדער סאָלדאַט — צוויעטקאָוו אָנגעכאַפּט דעם אָפיציר פאַר דער האַנט. דאָס האָט געראַטעוועט מאַנאַכאָוון פון טויט. די קויל איז אַוועק אין אַן אַנדער ריכטונג און איז אַריין אין סופיט. ס׳איז געוואָרן אַ גערודער. מען האָט געוואָלט אַרעסטירן אייניקע אַר־טילעריסטן. האָט די גאַנצע ערשטע באַטעריע דערקלערט, אַז זי וועט דאָס נישט דערלאָזן. באַלד איז צו דער ערשטער — צוגע־שטאַנען די צווייטע באַטעריע. די אָפיצירן האָבן געמוזט זיך צו־ריקציען, אָבער שפּעטער זענען דאָך אַרעסטירט געוואָרן בערך צען אַרטילעריסטן.

דער סוף איז געווען — 7 אַרטילעריסטן זענען דורך אַ מי־ליטערישן געריכט פאַרמשפּט געוואָרן אויף קאַטאָרגע. צוויעטקאָוון, וועלכן מען האָט באַשולדיקט אין אָנפירן מיטן בונט, ווי אויך אין אָנכאַפּן אַן אָפיציר ביי דער האַנט, האָט מען פאַרמשפּט צו טויטשטראָף, אָבער צוויעטקאָוו האָט זיך ארויסגעראַטעוועט: ער איז אַנטלאָפן פון דער סאָלדאַטסקער טורמע. דאָס אַנטלויפן איז געשען מיט דער הילף פון „ציווילע״ חברים פון דער שטאָט און איז געווען גלענצנד אָרגאַניזירט. נישט ווייט פון דער טורמע, פון וועלכער צוויעטקאָוו איז אַנטלאָפן, האָבן אין טאָג פון צוויעט־קאָווס פליטה אָפיצירן באַמערקט אַ פור מיט אַ שוואַרץ פערדל. האָט מען נאָך צוויעטקאָווס פאַרשווונדן ווערן אָנגעהויבן זוכן אַ שוואַרץ פערדל. מען האָט באַזעצט די באַן, אַלע וועגן מיט פּאָ־ליציי, סאָלדאַטן און אַגענטן, אָבער נישט צוויעטקאָוון, און אפילו נישט דאָס שוואַרצע פערדל, האָט מען נישט געפונען.

די פאַרמשפּטע אַרטילעריסטן־קאַטאָרזשאַנעס (אַלע קריסטן) האָבן אָפּגעדרוקט אַ געזעגנונג־בריוו אין דער דעמאָלסטיקער ווילנער „פּאָלקסצייטונג״.

גאַנצע 32 יאָר זענען אַוועק פון יענע צייטן. איך וויל זיך דערמאָנען נעמען פון מיינע נאָענטסטע מיטאַרבעטער אין דער גראָדנער מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע, און ס׳קומט

אַרויס פון זכּרון בלויז איין נאָמען (אי דאָס גאַראַנטיר איך נישט פאַר זיין פולשטענדיקער ריכטיקייט)—מאַניעוויטש, אַ יידישער סאָל־דאַט, מיט וועלכן איך פלעג זיך טרעפן מער ווי מיט די איבע־ריקע קאָלעגן, אַ חבר, וואָס פלעגט שוין קענען אפילו אויפזוכן, ווען ער האָט נאָר באַדאַרפט — די בונדישע אָרגאַניזאַציע.

אָבער אויב איך געדענק נישט איינצלנע פערזאָנען, גע־דענק איך אָט דעם קאָלעקטיוו, די אָרגאַניזאַציע, אונזערע צוזאַ־מענקונפטן, אונזער אינטענסיווע אַרבעט, די וויכטיקע ראָל, וואָס אונזער גראָדנער מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע האָט געשפּילט אין גאַנג פון די געשעענישן פון יאָר 1905.

37

מיין פראָצעס אין ווילנער „סודעבנע פּאַלאַטע".

מיין פּראָצעס איז פאָרגעקומען ענדע אויגוסט אָדער אָנהויב סעפטעמבער 1905 אין ווילנער „סודעבנע פּאַלאַטע".

מיין אַדוואָקאַט קאָזלאָווסקי, מיט וועלכן איך האָב שוין געהאַט אַרומגערעדט אַלע דעטיילן וועגן מיין פאַרשטייענדיקן פּראָצעס, האָט גראָד געמוזט אַרויספאָרן קיין ריגע, כדי איבערצונעמען די פאַרטיידיקונג אין אַ פּאָליטישן פּראָצעס, ווו ס'האָט געדראָט טויטשטראָף.

צוליב דעם, האָט די „פּאָליטישע אַדוואָקאַטור" מיר באַשטימט אַן אַנדער פאַרטיידיקער — דעם אַדוואָקאַט שאַפּיראָ.

דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען, ווי אַלע פּאָליטישע פּראָצעסן פון יענער צייט, ביי פאַרמאַכטע טירן.

אין די קולואַרן פון געריכט האָבן אָפּגעוואַרט אייניקע ווילנער חברים, צווישן זיי געדענק איך — פאַניע זאַקהיים.

אַלס עדות זענען אַרויסגערופן געוואָרן דער זשאַנדאַרם פרידריך צימערמאַן און צוויי בופעטשיקעס — אַלע פון דער סטאַציע לאַנדוואַראָווע. דער שפּיצל איליאַ סודאַקאָוו, וואָס איז מיט מיר מיטגעפאָרן פון ווילנע, (דער פּאַסאַזשיר, וועמען מ'האָט געגעבן „באַגנבעט" אין וואַגאָן), איז אַפילו גאָר נישט אַרויסגערופן געוואָרן אין געריכט. צוגעשטעלט זיך האָט בלויז איין עדות — דער זשאַנדאַרם צימערמאַן, וועלכער האָט אונטער אַ שבועה איבערגעחזרט אַלע ליגנס פון זיין ערשטן פּראָטאָקאָל.

אויף דער פראַגע פון פאָרזיצער, צי איך אַנערקען זיך פאַר

שולדיק. האָב איך געענטפערט, אַז פאַר שולדיק אָנערקען איך זיך נישט, אָבער איך באַשטעטיק דעם פאַקט, אַז איך האָב ווירקלעך געפירט די אויפרופן פון צ. ק. פון „בונד" „וועגן דער מאָביליזאַציע" (אין באַשולדיקונגס־אַקט איז געווען גענוי אויסגערעכנט: 167 אויפרופן אויף רוסיש און 830 אויפרופן אויפן יידישן „זשאַרגאָן"), און אַז געטון האָב איך דאָס פולשטענדיק באַוווסטזיניק: די אויפרופן זענען געווענדעט קעגן דער מלחמה, און איך אָנערקען די מלחמה פאַר אַן אומגליק און פאַרברעכן בנוגע די פאָלקסמאַסן אאַ"וו.

דער פּראָקוראָר האָט געפאָדערט אַ שטרענגע שטראָף, לויט די אַרטיקלען 104 פונקט 2 און 132 פונקט 2, וואָס זענען געווען אָנגעגעבן אין באַשולדיקונגס־אַקט.

אַדוואָקאַט שאַפּיראָ האָט זיך געפּילפּולט וועגן דעם, אַז אין דעם געזעץ איז פאָרויסגעזען אַ שטראָף נאָר פאַר באַהאַלטן ליטעראַטור און נישט פאַר איבערפירן. זיין קליענט האָט מען דאָך אַרעסטירט אין דער באַן, קען גאָר, הייסט עס, קיין רייד נישט זיין וועגן באַהאַלטן ליטעראַטור. ווייטער, אַז די ענדע־לאָזונגען פון בלעטל: „נידער מיט דער זעלבסטהערשונג" און „זאָל לעבן דער סאָציאַליזם", זענען גאָר נישט אַזוי שרעקלעך, ווייל דער ערשטער לאָזונג איז שוין כמעט פאַקטיש לעגאַליזירט, און דער צווייטער רעדט וועגן אַ ווייטן אידעאַל.

מיין „לעצט וואָרט" האָב איך געווידמעט דער פראַגע וועגן „נאָמינעלע געזעצן" און „רעאַלע געזעצן".

ווען איר האָט מיך אַריינגעזעצט אין טורמע — האָב איך צוו. אַנד. געזאָגט — איז למשל „דאָס ערפורטער פּראָגראַם", „דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט" וכדומה געווען אומבאַדינגט טריף. פאַר אַזאַ טריפה ליטעראַטור האָט מען געזעצט אין טורמע אַריין. אָבער ווען איך בין אַרויס פון טורמע, האָב איך די זעלבע „שרעקלעכע" בראָשורן געפונען ליגן פראַנק און פריי אין די שויפענסטער פון די בוכהאַנדלונגען אויף געאָרגיעווסקי פּראָספּעקט, און אויף זייערע שער־בלעטלעך לייען איך די פירמעס און אַדרעסן פון לעגאַלע דרוקערייען, ווו זיי האָבן זיך געדרוקט. האָבן זיך דען

אין דער קורצער צייט געענדערט די פאַרמעלע געזעצן? געוויס נישט. אונטערן דרוק פון די מאַסן האָבן זיך אָבער געענדערט די רעאַלע געזעצן. די נאָמינעלע געזעצן וועלן ווי שטענדיק קומען אַ סך שפּעטער נאָך די רעאַלע, פּאַקטישע געזעצן.

אויף פּאָר מיין „פאַרברעכן" — האָב איך פאַרענדיקט — קאָנט איר מיך נישט משפּטן לויט די נאָמינעלע געזעצן.

די ריכטער זענען זיך רויק געזעסן און צוגעהערט זיך צו מיין רעדע — קענטיק — מיט גרויס אינטערעס און אַפילו מיט אַ געוויסן רעספּעקט. מיין אַדוואָקאַט אָבער האָט זיך שטאַרק דע־נערווירט, און ווי נאָר דאָס געריכט איז אַרויס אויף אַ באַראַטונג וועגן פּסק־דין, און מיר, ד"ה דער אַדוואָקאַט שאַפּיראָ מיט מיר, זענען אַרויס אין די קולואַרן, איז ער גלייך צוגעגאַנגען צו מיי־נע חברים און זיי דערציילט, ווי איך האָב זיך מיט מיין נישט נייטיקער רעדע אַליין „באַגראָבן", אַז אָט וועט מען מיר אַריינ־האַקן אַ שיינע פּאָר יאָר תּפיסה אדג"ל.

אָבער ווי דערשטוינט זענען אַלע געוואָרן, ווען דאָס גע־ריכט האָט געפּסקנט בלויז 8 חדשים פעסטונג. אַראָפּרעכנדיק דעם פּרעווענץ־אַרעסט 6 חדשים, איז מיר געבליבן „ריינע" 2 חדשים צו זיצן. אַדוואָקאַט שאַפּיראָ האָט זיינע אויערן נישט גע־גלויבט.

כאַראַקטעריסטיש פאַרן דאַמאָלסטיקן מאָמענט איז פאָלגנ־דיקס:

מיין פּראָצעס איז געווען יענעם פּרימאָרגן דער 3טער אָדער 4טער אין דער ריי. דער זעלבער ריכטער־קאָמפּלעט האָט באַהאַנדלט אידענטישע פּראָצעסן: איבערפירן ליטעראַטור, אַרי־בערפירן פון איין שטאָט אין דער אַנדערער אַן אומלעגאַלע דרוי־קעריי. די באַשולדיקטע האָבן זיך נישט מודה געווען. יעדער האָט געהאַט עפּעס אַ תּירוץ: דעם האָט אַן „אומבאַקאַנטער" גע־בעטן צו היטן דעם קאַרב (אין וועלכן ס'האָט זיך פּלוצים אַרויס־געוויזן אומלעגאַלע ליטעראַטור), דערווייל איז ער אומשולדיקער־הייט אַריינגעפאַלן. דעם צווייטן האָט „מען" צוגעזאָגט צו באַ־צאָלן עטלעכע רובל פאַר אַריבערפירן דעם קאַרב, אין וועלכן די

פּאָליציי האָט אַנטדעקט שריפט, טיילן פון אַ דרוקעריי. ווער און ווו איז „יענער“, וועלכער האָט אים געגעבן צו פאַרדינען—ווייסט ער נישט אדג״ל אדג״ל. זיי אַלע האָט דאָס געריכט באַשטימט האַרבע שטראָפן, און מיר, וואָס כ׳האָב אָפן אַוועקגעשטעלט די זאַך, וואָס האָב מיך מודה געווען, אַז כ׳האָב באַוווּסטזיניק באַגאַנגען — פון שטאַנדפּונקט פון פאָרמעלן געזעץ — אַ פאַרברעכן, מיר האָט מען געגעבן די קלענסטע שטראָף.

די 2 חדשים בין איך שוין אויך נישט אָפּגעזעסן, ווייל אין גיכן איז אָנגעקומען די אָקטאָבער־רעוואָלוציע מיט דער אַמנעסטיע.

אין אַ פּאָר חדשים אַרום נאָך מיין פּראָצעס, אין דעצעמבער, בין איך געקומען אין געריכט אָפּנעמען די קוויטיע 200 רובל, כּדי אָפּצושיקן דאָס געלט דעם קאָוונער „רויטן קרייץ“.

דער סעקרעטאַר פון געריכט האָט מיך גלייך דערקענט, זייער פריינטלעך אויפגענומען און פאַרפירט מיט מיר אַ שמועס וועגן פּאָליטיק. דערביי האָט ער מיר געוויזן (אונטער זיינע אַקטן) אַ לינקע צייטונג מיטן פּאָרטרעט פון גריגאָרי גערשוני, אַ באַוווּסטער רעוואָלוציאָנער פון דער פּאַרטיי ס. ר. ביים געזעגענען זיך האָט ער מיט אַ נידעריקן טאָן מיר דערמאָנט: איך געדענק נאָך איירע ווערטער אויפן געריכט: „נאָמינעלע געזעצן“ און „רעאַלע געזעצן“.

38

וואַלן צום 6טן צוזאַמענפאָר פון „בונד".

וואָס נענטער צו די אָקטאָבער־טעג איז די אַרבעט בײַ אונז געגאַנגען אַלץ אינטענסיווער און מיט אַלץ אַ ברייטערן פאַרנעם. פאַר אונזער פאַרשטאַרקטער און פאַרצווייגטער אַרבעט איז נויטיק געווען אַ גרעסערע צאָל מענטשן, און דער צ. ק. האָט אונז קיין גראָדנע צוגעשיקט חברים פון אַנדערע שטעט, ווי למשל זלמן איינבינדער פון מינסק (דער זעלבער, דורך וועמען איך האָב אַמאָל באַקומען פאַרבינדונגען מיטן צ. ק. נאָך מיין ויברח פון בערדיטשעוו), דאַן אַ חבר מיטן פסעוודאָנים „פרץ", אַ הויכער, מיט אַ סימפּאַטישער אויסערלעכקייט, און אַנד., וועמענס נעמען איך געדענק שוין נישט.

דאָס זענען אַלץ געווען חברים, וואָס מיר האָבן צוקאָאָפּטירט אין „צענטער" (צענטראַלע סכאָדקע), אָבער נישט אין קאָמיטעט. אין קאָמיטעט זענען מיר ווידער געבליבן בלויז אונזער טריאָ, אָבער פון צייט צו צייט פלעגט זיך אין אונזערע קאָמיטעט־זיצונגען באַטייליקן נאָך אַ פערטער חבר — „דמיטרי" (זאַקהיים).

דמיטרי האָט געוווינט אין גראָדנע, אָבער אין דער אָרטיקער באַוועגונג האָט ער זיך נישט באַטייליקט. ער האָט געהאַט גאָר אַנדערע פונקציעס. דמיטרי איז דורכן צ. ק. אַוועקגעזעצט געוואָרן אין גראָדנע, כדי אָנצופירן מיטן טראַנספּאָרט פון אומלעגאַלער ליטעראַטור אאַ"וו — פון יענער זייט גרענעץ. האָט ער דעריבער געמוזט זיין באַזונדער קאָנספּיראַטיוו. אָפט פלעגט דמיטרי פאַרשווונדן ווערן אויף אַ טאָג, אויף אַ נאַכט, כדי צו דערליידיקן

ווײַנע וויכטיקע גרענעץ־„געשעפטן". אין די פֿרײַע טעג פֿלעגט ער זײַן מיט אונדז און, ווי איך האָב שוין געזאָגט, זיך באַטייליקן אין אונדזערע קאָמיטעט־זיצונגען — מיט באַראַטונגס־רעכט. ער איז געווען — געדענק איך — אַ פֿריילעכער לעבעדיקער ייִנגערמאַן, אַ גוטער חבר. שפּעטער איז ער אין גאַנצן אַוועק אין פּריוואַט־לעבן. אָבער דאַן האָבן מיר מיט אים איבערגעלעבט אַלע גראָדנער פּאַסירונגען פֿון פֿאַר און נאָך די אָקטאָבער־טעג.

מיטן צ. ק. זענען מיר געשטאַנען אין די רעגולערסטע באַציִונגען, יעדע פֿיר־זעקס וואָכן פֿלעגט אונדז באַזוכן עמעצ׳ר פֿון די חברים פֿון צ. ק. מערסטנטייל זענען דאָס געווען — אין דער ערשטער העלפֿט זומער — יונה, שפּעטער — ירחמיאל. זיי פֿלעגן אָפּנעמען בײַ אונדז גענויע באַריכטן פֿון דער אַרבעט — און אונדז גענוי אינפֿאָרמירן וועגן אַלע וויכטיקסטע געשעענישן אין דער פּאַרטיי, וועגן פֿאַרשידענע דערשײַנונגען פֿון צווישן־פּאַרטייִשע באַציִונגען, געבן אונדז דירעקטיוון אין דער אַרבעט, ווי אויך — עצות אין מער קאָמפּליצירטע אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים.

איין מאָל, בשעת אַזאַ וויזיט, האָט דער חבר פֿון צ. ק. מיטגעטיילט בסוד סודות אונדזער קאָמיטעט, אַז מיר שטייען נאָענט פֿאַרן זעקסטן צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד", דערבײַ האָט ער אונדז אינפֿאָרמירט וועגן די וויכטיקסטע פּונקטן פֿון טאָג־אָרדענונג פֿון צוזאַמענפֿאָר.

מיר האָבן אין גיכן אײַנגעאָרדנט אַ פּאָר דיסקוסיעס מיט די חברים פֿון אונדזער צענטראַלער סכאָדקע וועגן די פֿראַגן, וואָס זענען געשטאַנען אויפֿן טאָג־אָרדענונג פֿון צוזאַמענפֿאָר. פֿאַרשטייט זיך, אַז די דיסקוסיע האָט געטראָגן אַ ריין אַקאַדעמישן כאַראַקטער, ווײַל אַפֿילו די מיטגלידער פֿון „צענטער" האָבן נישט געטאָרט וויסן, אַז מען גרייט זיך צו אַ צוזאַמענפֿאָר.

אַ געוויסע צײַט פֿאַר אָקטאָבער איז צו אונדז אַראָפּגעקומען „ער אַליין" — ח׳ אַרקאַדי קרעמער („סאַלאָמאָן" האָט מען אים דאַן גערופֿן), כּדי דורכצופֿירן די וואַלן צום זעקסטן צוזאַמענפֿאָר פֿון „בונד". דער ענין איז געווען זייער אַ קאָנספּיראַ־

טיוּער. דעם דעלעגאַט צום צוזאַמענפאָר האָט באַדאַרפט קלויבן די „העכסטע אינסטאַנץ" פון גראָדנע — דער קאָמיטעט.

מיר זענען זיך צוזאַמענגעקומען אין אַ בורזשואַזער דירה. מיר — אין פירן: דריי — דער קאָמפּלעט פון קאָמיטעט און דער פּערטער — דער פאָרשטייער פון צ. ק.

מיר האָבן זיך דורכגעשמועסט וועגן אייניקע פראַגן, וואָס זענען געשטאַנען אויפן סדר היום פון צוזאַמענפאָר, און מען איז צוגעטרעטן צו די וואַלן פון דעלעגאַט.

מיר האָבן אונזערע וואַל-צעטלען אַריינגעלייגט אין אַ בע-כער, וואָס איז געשטאַנען אויף דעם בורזשויסקען טיש. חבר אַר-קאַדי האָט מיט גרויסער ערנסטקייט אַרויסגענומען די שטים-צעטלען פון דער וואַל-אורנע און זיי איבערגעקוקט. דאָס „גליק" האָט געשפּילט טשעסקיסן. ער האָט באַקומען די מערהייט שטי-מען. ער וועט פאָרן אויפן צוזאַמענפאָר. צי בין איך אים מקנא געווען? געוויס — יאָ, איך בין געווען יינג, איך בין נאָך קיין מאָל נישט געווען אויף אונזערס אַ צוזאַמענפאָר, האָב איך גע-האַט אַ ביסל עגמת-נפש, וואָס איך וועל נישט פאָרן אויפן צו-זאַמענפאָר, וועלכער האָט נאָך דערצו באַדאַרפט פאָרקומען אין אויסלאַנד (אַן איבעריקע צוציִונגס-קראַפט!), אָבער פאַרפאַלן. שוין אַזאַ „גורל". אין גיכן אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיין „גורל" איז שוין גאָרניש געווען אַזוי שלימזלדיק, ווי מען האָט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, לויט דעם רעזולטאַט פון די וואַלן: אין גיכן זענען אויסגעבראָכן די גרויסע אָקטאָבער-טעג.

מיר האָבן איבערגעלעבט אויפן אָרט, אויף דער קאַמפּ-פאָזיציע די ערשטע פרייהייטס-טעג פון דער רעוואָלוציע (גע-מישטע מיט אַ טיפער פאַרביטערונג — מיט שוואַרצע וואָלקנס פון פּאָגראָמען), מיר האָבן דורשטיק איינגעזאַפּט די הייסע רויטע שטראַלן פון דער פרייהייט-זון, די זיסע מחיהדיקע לופט פון פרילינג, פון פרישקייט, פון דער פרישקייט, וואָס קומט נאָך אַ גרויסן שטורם-ווינט.

אין דער זעלבער צייט זענען די דעלעגאַטן פון זעקסטן צוזאַמענפאָר געזעסן אין דער שווייץ, אין ציריך (מיט קליינע

אויסנאַמען — איז דאָס געווען כמעט דער גאַנצער אָנפירנדיקער אַקטיוו פון „בונד״), זיך געריסן אַ היים, צום קאַמף, אָבער — אומזיסט. דער אַלגעמיינער פּאָליטישער שטרייק האָט אַרומגעכאַפּט אויך די באַנען, און די דעלעגאַטן זענען געבליבן ווי פאַרשפּאַרט אין אויסלאַנד. זיי האָבן איבערגעלעבט פּיינלעכע געפילן.

„מיר זענען געווען אין דער לאַגע פון אַ מענטשן, וועלכער האָט יאָרן לאַנג ליידנשאַפטלעך געוואַרט, געטרוימט צו טרעפן זיך מיט זיין געליבטער. ער איז פאַרצערט געוואָרן פון אַ טיפער בענקשאַפט נאָך איר, און אַז זי איז ענדלעך געקומען צו אים, איז ער אין שטוב נישט געווען, ער האָט די באַגערטע רגע פאַר־פּושט. מיר האָבן פאַרבייגעלאָזן דעם זיסן מאָמענט פון ערשטן גענוס, דעם גרויסן גליק פון אוממיטלבאַרע נצחון־געפילן״.

אַזוי באַשרייבט ב. מיכאַלעוויטש אין זיינע „זכרונות פון אַ יידישן סאָציאַליסט״ (באַנד 2) דעם פּסיכאָלאָגישן צושטאַנד פון די דעלעגאַטן פון צוזאַמענפאָר.

האָט ווער געקענט זיי מקנא זיין?

39

דער אָקטאָבער־שטרייק און די דעמאָנסטראַציע אין גראָדנע. — סיגנאַלן צום שיסן. — ערשטע פרייהייט־שעהן.

הייס איז געווען דער זומער 1905. מיט נאָך גרעסערע היצן איז אָנגעקומען דער האַרבסט 1905. דער פּאָליטישער טער־מאָמעטער האָט אָן אויפהער נאָטירט דאָס כסדרדיקע שטייגן פון דער רעוואָלוציאָנערער טעמפּעראַטור. די צאַרישע מיניסטאָרן פון זייער זייט האָבן אַלץ געטון, כדי די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צו דערשטיקן, אַמווייניקסטנס — צו צעברעקלען, צו צעשטויבן, אָבער דער פּועל יוצא איז געווען ווי ביי יענעם שווערן חולה — וואָס ווי מ׳לייגט אים נישט, איז אים אַלץ שלעכט. איז וואָס ני־קאָלאַיס משרתים האָבן נישט אויפגעטון, האָט אָביעקטיוו געפירט צו איין און דעם זעלבן רעזולטאַט — צום פאַרשטאַרקן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. האָט די צאַרישע רעגירונג פאַר־שטאַרקט די רעפּרעסיעס, און תּליות האָבן זיך אויפגעהויבן, ווי אַ וואַלד, און קוילן האָבן זיך געשאָטן אין אַלע עקן פון לאַנד, — איז דער צאָרן פון פאָלק נאָך מער געשטיגן, איז דער האַט צו דער זעלבסטהערשונג נאָך טיפער אַריינגעדרונגען אין נייע און ברייטערע פאָלקס־שיכטן. איז פאַרקערט—די צאַרישע רעגירונג געגאַנגען אויף וועלכע נישט איז הנחות, זענען זיי תּיכף אויסגע־נוצט געוואָרן דורך די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, כדי צו שאַפן נייע שטורם־פּאָזיציעס קעגן דער פאַרהאַסטער זעלבסט־הערשאַפט.

אַט לאָמיר נעמען, למשל, די אוניווערזיטעטן און אַנדערע הויך־שולן. זיי זענען יאָרן לאַנג געווען אַ וויכטיקער שטיץ־פונקט פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

אין יאָר 1905 האָבן די סטודענטן מער געשטרייקט ווי געלערנט. דער אָנהויב פון נייעם שוליאָר האָט זיך „געעפנט" מיט אַ שטרייק. די סטודענטן האָבן געפאָדערט אויטאָנאָמיע פאַר די הויך־שולן. די רעגירונג האָט ענדלעך זיך אַנטשלאָסן נאָכצוגעבן. דער מאָטיוו פון דער נאָכגיביקייט איז געווען אַ קלאָרער — כאָטש איין שרפה לעשן, כאָטש איין פּאָזיציע אַרויסכאַפּן פון דער רעוואָלוציע. ס'איז אָבער געשען אָט וואָס: די סטודענטן האָבן טאַקע אויפגעהערט צו שטרייקן. די אוניווערזיטעטן האָבן זיך טאַקע געעפנט, אָבער — זיי זענען גלייך אַריבער אין „רשות פון פאָלק". די אוניווערזיטעטן זענען געוואָרן די הויפּט־קוואַרטיר פון דער רעוואָלוציע. כּסדר זענען דאָרט פאָרגעקומען ריזיקע מיטינגען מיט לעגענדאַרע ציפערן פון אָנטיילנעמער. און פּאָליציי האָט געקוקט אויף די אָפענע נעסטן פון דער רעוואָלוציע און נישט געשטערט: „אויטאָנאָמיע!"

און אָט זענען אָנגעקומען די גראַנדיעזע אָקטאָבער־טעג. די באַנען האָבן פאַרשטרייקט, די וויכטיקסטע קאָמוניקאַציע־מיטלען פון דער רעגירונג זענען אַרויסגעפאַלן פון אירע הענט. אַ גראַנדיעזער פּאָליטישער שטרייק האָט אַרומגעכאַפּט דאָס גרויסע רוסלאַנד. אין פּעטערבורג האָט זיך געשאַפן דער ערשטער אין דער רוסישער און אין דער וועלט־געשיכטע „ראַט פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן", וועלכער האָט אַ געוויסע צייט פאַקטיש געשפּילט די ראָל פון אַ צווייטער רעגירונג.

אַ מעכטיקער רעוואָלוציאָנערער שטורמווינט האָט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד, דער שטורמווינט האָט מיט אימפּעט, מיט דער גרעסטער שנעלקייט זיך דערטראָגן צו שטעט און שטעטלעך, אין די פאַבריקן און וואַרשטאַטן, אין דאָרף און פעלד, אין קאַזאַרמע אפילו. און אומעטום אַרויסגערופן די מאַסן אין די גאַסן — צום קאַמף מיט דעם אַלטן רעזשים.

גראָדנע איז נישט אָפּגעשטאַנען. גראָדנע איז איינע פון די

ערשטע שטעט, צוגעשטאַנען צום אַלגעמיינעם שטרייק. איך קאָן מיך נישט דערמאָנען געגוי די דאַטעס, אָבער פֿאַר מיינע אויגן שטייען נאָך די גראַנדיעזע בילדער פֿון יענע טעג.

דער פּאָליטישער שטרייק האָט זיך אָנגעהויבן אין גראָדנע אַ צוויי טעג פֿאַרן מאַניפֿעסט פֿון 17 (30) אָקטאָבער. דער שטרייק איז באמת געווען אַן אַלגעמיינער, אַ גראַנדיעזער,–אַזעלכער, וואָס קאָן זיין בלויז אין מאָמענטן פֿון רעוואָלוציאָנערן אויפֿברויז; אַזעלכער, וואָס פֿאַרכאַפּט יעדעס פּראָלעטאַריש האַרץ, יעדעס פּראָלעטאַריש געוויסן. בערך אויפֿן דריטן אָדער פֿערטן טאָג פֿון שטרייק זענען צו אונז דערגאַנגען קלאַנגען, אַז דער צאַר האָט אַרויסגעלאָזן אַ מאַניפֿעסט, אין וועלכן ער זאָגט צו אַ קאָנסטיטוציע מיט אַלערליי פֿרייהייטן.

אויף דעם זעלבן טאָג איז באַשטימט געוואָרן אַ דעמאָנסטראַציע.

טויזנטער מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן קלייבן אויף דער הויפּטגאַס, וווּ די דעמאָנסטראַציע האָט באַדאַרפֿט פֿאָרקומען. דער מענטשן-שטראָם איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן. נייע מאַסן זענען כּסדר צוגעקומען פֿון אַלע זייטן שטאָט. די גאַנצע גאַס אין דער גאַנצער ברייט איז פֿאַרפֿלייצט געוואָרן מיט אַ פֿאַרשידנאַרטיקן פּובליקום. חוץ דעם פּראָלעטאַריאַט, זענען אויך אַנדערע שיכטן פֿון דער באַפֿעלקערונג אַרויס אין גאַס; ווייזט אויס, די קלאַנגען וועגן אַ קאָנסטיטוציע האָבן צוגעגעבן מוט אויך טיילן פֿון בירגערטום.

אין גאַס איז אויך אַרויסגעקומען דער אַלטער אַדוואָקאַט שטיינבערג (אַ ס. ר., מיט סימפּאַטיעס – ווי אַ סך פֿון ס. ר.–צו אַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען בכלל). ער האָט אונז דערציילט, אַז ניקאָלאַי האָט ווירקלעך אַרויסגעגעבן אַ מאַניפֿעסט. ס'איז דאָ אַ קאָנסטיטוציע, אָבער ווער ווייסט וואָס פֿאַר אַ פּירה דאָס איז.

פּלוצלונג באַווייזן זיך אין גאַס קאָזאַקן. זיי פֿאַרנעמען ביידע זייטן אין דער גאַנצער לענג פֿון דער גאַס. די דעמאָנסטראַנטן שטייען אין מיטן, רירן זיך נישט פֿון אָרט. ס'פֿאָרט אָן דער פּאָליצמייסטער, און פֿאָדערט אויף, מ'זאָל זיך פֿאַנאַנדער-

גיין. ער דראָט מיט שיסן. דער אַלטער שטיינבערג שלאָגט זיך דורך צום פּאָליצמייסטער. ער טענהט: „סטייטש, מאַניפעסט! — קאָנסטיטוציע, פרייהייט!" דער פּאָליצמייסטער ענטפערט אָבער רויִק: דערווייל האָבן מיר נישט קיין נייע פּאַראָרדענונגען, מוזן מיר טון לויט די ביז איצטיקע פאָרשריפטן. אַדוואָקאַט שטיינבערג מאַכט אים אויפמערקזאַם, אַז ער, דער פּאָליצמייסטער, וועט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע מעשים. דער פּאָליציימייסטער גיט אַ צייכן דעם אָפיציר, דעם קאָמענדאַנט איבערן מיליטער — ער גיט אים, הייסט עס, איבער די מאַכט. איצט דאַרף דאָס מי־ליטער מאַכן „אָרדענונג".

דער מאָמענט איז געווען אַן אויסערסט ערנסטער. דער אָפי־ציר האָט געגעבן אַ צייכן. ס'האָט זיך דערהערט דער ערשטער שטורם־סיגנאַל און די סאָלדאַטן אויף די פערד האָבן אויסגע־שטרעקט די ביקסן, — גלייך צום עולם. באַלד איז געקומען דער צווייטער סיגנאַל. ס'האָט זיך דערהערט דאָס קנאַקן פון די ביקסן־שלעסער. דער עולם איז אָבער נישט נאָר נישט איבערגעשראָקן געוואָרן, נאָר פאַרקערט, ער האָט ווי באַקומען פרישן מוט. אַ סך דעמאָנסטראַנטן האָבן אָנגעהויבן רייסן שטיינער פון ברוק, אַנ־דערע האָבן אין אימפעט, מיט קורצע אָפגעהאַקטע ווערטער פרו־בירט אַגיטירן די סאָלדאַטן זיי זאָלן נישט שיסן. פשוטע מענטשן זענען מיט אַמאָל געשטאַרקט, געמוטיקט געוואָרן, פשוטע אַרבעטס־מענטשן זענען מיט אַמאָל אויסגעוואַקסן צו דער מדרגה פון העלדן.

דער מאָמענט איז געווען אַ געפערלעכער. יעדע מינוט האָט זיך געקאָנט דערהערן דער דעצידירנדיקער דריטער סיג־נאַל, און טייכן בלוט וואָלטן באַדעקט די שטענדיק רויִקע גראָד־נער גאַסן. אָבער צום דריטן סיגנאַל איז נישט געקומען. ס'איז פּלוצים אַריינגעטרעטן אַן איבערברוך. פונקט, ווען דער רייזיקער עולם האָט הילכיק געפאָדערט: „צום גובערנאַטאָר! באַפרייט אונזערע חברים פון טורמע!" — האָט דער פּאָליצמייסטער זיך צוריקגעצויגן. דער אָפיציר האָט ווידער עפעס געגעבן אַ צייכן, און ביי אַ שטאַרקער פרייד פון די דעמאָנסטראַנטן — האָבן די ביקסן זיך מיט רעש אַראָפּגעלאָזן.

די צווײ פײנטלעכע מחנות זענען געבליבן שטײן אײנע נעבן דער צװײטער. ס'האָט געדויערט געצײלטע מינוטן, און ס'האָבן זיך אָנגעקניפּט (איך װײס נישט װי אַזױ) באַציִונגען צװישן דעם פּאָליצמײסטער און די פאָרשטײער פון די דעמאָנ־סטראַנטן — די פּאַרטײ־קאָמיטעטן, װאָס זענען געגאַנגען אין די ערשטע רײען פון צוג.

דער פּאָליצמײסטער האָט פאָרגעלײגט, אַז די גאַנצע מאַסע זאָל בלײבן שטײן רויִק אויפן אָרט, און אַז בלויז אַ דעלעגאַציע פון צוג זאָל איבערגעבן דעם גובערנאַטאָר די פאָדערונגען פון „פאָלק". געענדיקט האָט זיך עס דערמיט, אַז זײַן עקסצעלענץ, דער גובערנאַטאָר גופא, איז אַרויסגעקומען צו די צעבונטעװעטע ביר־גער פון גראָדנע.

זײַן עקסצעלענץ איז געװען אַ ביסל צעטראָגן, זעענדיק פאַר זיך אַזאַ ים פון מענטשן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט אין זײַן אָפענעם פאַיעטאָן, און נישט אָן װירדע געפרעגט, װאָס אײגנטלעך „װינטשן די אײנװױנער" פון גראָדנע.

מיר האָבן אים קודם־כּל אויפגעקלערט, אַז נישט מיר װינטשן, נאָר מיר פאָדערן, און אַז פאָדערונגען שטעלן אַרויס נישט גראָדנער אײנװױנער, נאָר גראָדנער בירגער, און אַז די פאָדערונגען זענען פאָלגנדיקע:

מאָמענטאַל אָפּרופן פּאָליצײ און מיליטער פון די גאַסן, זאָפאָרט באַפרײַען אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע, אומבאַגרענעצטע פרײַהײט פון דעמאָנסטראַציעס און מיטינגען.

דער העכסטער פאָרשטײער פון צאַר ניקאָלאַי אין גראָדנער גובערניע האָט זיך קענטיק געפונען אין אַ פאַרלעגנהײט. ער האָט צוגעלײגט די האַנט צו זײַן גובערנאַטאָרסקער ברוסט און האָט זיך אָנגערופן:

— מײַנע הערן! איך האָב נישט קײן רעכט מיט מײַן מאַכט צו באַפרײַען פון טורמע מענטשן, װעלכע דאָס געזעץ האָט אַרײַנ־געזעצט הינטער די קראַטעס. איך װעל אָבער נאָך הײַנט אַװעק־שיקן אַ טעלעגראַמע קײן פּעטערבורג, אַז טױזנטער אײנװױנער פון גראָדנע בעטן (שטורמישע קולות פון די דעמאָנסטראַנטן האָבן

איבערגעריסן דעם גובערנאַטאָר, שרייענדיק: מיר, בירגער, פאָדערן!) צו באַפרייען די פאָליטישע אַרעסטירטע. (אין דעם מאָמענט האָבן זיך דערהערט ענערגישע אויסגעשרייען: באַפרייט תּיכּף אונזערע חברים!) דער גובערנאַטאָר האָט פאַרטגעזעצט: דעמאָנסטרירן דערלויב איך ביז 9 אָוונט, פאָליציי און מיליטער שיק איך צוריק אין די קאַשאַרן.

זיין עקסצעלענץ האָט מיט אַן אַריסטאָקראַטישן נויג גאַלאַנט זיך אָפּגעזעגנט מיטן עולם, זיין פאַיעטאָן האָט זיך פאַרקערט צו זיין פּאַלאַץ, און אין דער זעלבער ריכטונג האָבן זיך אַ לאָז געטון די סאָלדאַטן און די פּאָליציי.

דאָס איז געווען אונזער ערשטער זיג. ס'איז נישט צו באַשרייבן די שטורעמדיקע פרייד, וואָס האָט באַהערשט די דעמאָנסטראַנטן, ווען זיי האָבן דערזען דאָס אָפּמאַרשירנדיקע מיליטער. דער גאַנצער ריזיקער עולם האָט מיט געזאַנג פון רעוואָלוציאָנערע לידער זיך אַ לאָז געטון צוריק אין שטאָט. קיין רויטע פענער זענען נישט געווען צוגעגרייט, נאָר דאָך האָט זיך פּלוצלונג באַוויזן עפּעס רויטס; רויטע לאַנגע פּאַסן, וועלכע חברים, אַרויפגעזעצטע אויף די אַקסלען, האָבן געצויגן אין דער ברייט פון דער גאַס, פון איין עק צום צווייטן. די מאַסע האָט געיובלט, געזונגען, געוואָרפן אָן אויפהער רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען – פרייהייט!

ס'האָט געברענט דער ווילן – שוין, די מינוט צו זען אויף דער פריי די אַרעסטירטע חברים. דער גובערנאַטאָר האָט טאַקע פאַרשפּראָכן צו דעפּעשירן קיין פעטערבורג וועגן אונזער פאָדערונג – אַמנעסטיע, – אָבער ווער ווייסט, ווען דאָס וועט אַרויסקומען, האָבן זיך מער היציקע אַ לאָז געטון צו דער טורמע, וואָס האָט זיך געפונען כּמעט אין צענטר פון שטאָט, מיט אַ ציל צו באַפרייען די חברים. ביי דער טורמע איז געשטאַנען אַ שטאַרקע מיליטערישע וואַך, און עס איז דאָרט שיער נישט געקומען צו אַ שרעקלעכער בלוט-באָד, פאַרשטייט זיך, אַז דער אומבאַוואָפנטער המון האָט מיט ליידיקע הענט גאָרנישט געקענט אויפטון.

דער הויפּט-שטראָם פון דעמאָנסטראַציע-צוג האָט זיך אַ

לאָז געטון צום סקווער. דאָרט האָבן זיך אומאויפהערלעך גע־צויגן אימפּראָוויזירטע מיטינגען, אויף וועלכע ס'איז שאַרף קרי־טיקירט געוואָרן דער מאַניפעסט פון 17 אָקטאָבער, וואָס איז אין צווישן באַקאַנט געוואָרן (אין אַ פאַרקירצטער פאָרם). שוין די ערשטע אָפּשאַצונג איז געווען: דער צאַר וויל אונז איינשלעפערן, אָפּשוואַכן די ענערגיע, ער זאָגט צו פרייהייטן — און וועט באַלד מיט פאַרשידענע דריידלעך אַזוי אויסטייטשן די „געשענקטע קאָנסטיטוציע", אַז ס'וועט פון איר גאָרנישט בלייבן. דערי־בער דאַרף מען ווייטער פירן דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף און אים נאָך מער פאַרשאַרפן.

די ענערגיע פון דער מאַסע, איר איניציאַטיוו, אירע אויפ־טועכצן האָבן אין דעם שיינעם אָקטאָבער־טאָג און ערשטער פריי־ער אָקטאָבער־נאַכט גאָרנישט געהאַט קיין גרענעצן. מיר האָבן נאָך נישט באַוויזן צו ענדיקן די מיטינגען אין סקווער, ווי גרוי־סע דעמאָנסטראַציעס האָבן זיך צעגאָסן אין פאַרשידענע גאַסן. ביז שפּעט ביי נאַכט (דער גובערנאַטאָר האָט דערלויבט בלויז ביז 9, אָבער ווער האָט אים געהאָרכט) האָבן דעמאָנסטראַנטן מיט אויף־ביך־געשאַפענע רויטע לאַמטערנעס זיך געטראָגן אויף די גאַסן, אויסשרייענדיק אין אַלע ווינקעלעך פון דער שטאָט אויך פאַר די פענצטער פון די קאָזאַקישע קאַזאַרמעס, די לאָזונגען פון פרייהייט, פון דער רעוואָלוציע.

40

אַמנעסטיע. — פּאָגראָמען און די ראָל פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט. — פּאָגראָם־שטימונג אין גראָדנע און אונזער זעלבסט־שוץ. — קוריאָזן.

ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די הייסע פרייהייט־טעג פון דער גראַנדיעזער ערשטער רוסלענדישער רעוואָלוציע. געשעענישן זענען געגאַנגען מיט אַ געוואַלדיקער שנעלקייט. פּאַסירונגען — ליכטיקע און פינצטערע זענען געקומען איינע נאָך די אַנדערע, אָנפילנדיק אונזערע הערצער דאָ מיט פרייד, דאָ מיט טרויער און עמפּערונג.

דאָס גאַנצע לאַנד האָט געשטורעמט מיט דער פאָדערונג— אַמנעסטיע, און די רעגירונג האָט געמוזט נאָכגעבן, הגם ס'איז געווען נישט שווער צו פאַרשטיין, אַז די באַפרייטע פון די טורמעס, סיביר, קאַטאָרגע, פּאָליטישע אַרעסט־רטע (וועמענס צאָל ס'האָט דערגרייכט אין די צענער־טויזנטער), אַז די צוריקגעקומענע פון עמיגראַציע, וועמענס צאָל איז אויך נישט געווען קליין, וועלן זיך תיכף ס'רוב שטעלן אין די ערשטע קעמפנדע רייען פון דער רעוואָלוציע, אין דער שפּיץ פון די רעוואָלוציאָנערע מחנות.

אַ 3—4 טעג נאָכן אָקטאָבער־מאַניפעסט, איז אַרויס אַ דעקרעט פון צאַר ניקאָלאַי וועגן אַמנעסטיע פאַר פּאָליטישע „פאַרברעכער״.

ס'האָבן זיך געעפנט אויך די שווערע טויערן פון גראָדנער תפיסה. מיט ברידערלעכער היימישקייט האָבן מיר אויפגענומען די באַפרייטע חברים. אין אַ גרויסן זאַל האָבן מיר געמאַכט די

אויפֿנאַמע — כמעט אין טאָג פֿון זייער באַפֿרייונג, ווײַל אַ סך פֿון די באַפֿרײַטע האָבן געשטאַמט פֿון אַנדערע שטעט, און זיי האָבן געשטרעבט וואָס גיכער אָפּצופֿאָרן אַהיים, צו זייערע נאָענטע. דער גרעסטער טייל איז אַרויס פֿון טורמע אָן אַ גראָשן געלט, האָבן מיר זיי געמוזט באַזאָרגן מיט רייזע־הוצאות. דער מעכאַניזם פֿון דער אָרגאַניזאַציע האָט געאַרבעט ראַש און גוט, זענען די נויטיקע געלט־מיטלען תּיכף געשאַפֿן געוואָרן.

גלײַך מיט די רויטע פֿאַליעס פֿון דער רעוואָלוציע האָבן זיך אויפֿן האָריזאָנט פֿון ברויזנדיקן רוסלאַנד באַוויזן שוואַרצע וואָלקנס פֿון דער קאָנטער־רעוואָלוציע. אַן אמתע פֿאַרפֿלייצונג פֿון שוידערלעכסטע בלוטיקע פּאָגראָמען האָט אַרומגעכאַפּט די גרויסע רוסישע אימפּעריע. די פֿאַרפֿלייצונג האָט געשטראָמט מיט אַ געוואַלדיקן אימפּעט און האָט אין אַ קורצער צײַט פֿאַרגאָסן הונדערטער שטעט און שטעטלעך. ס'האָט נישט געפֿעלט קיין אָנפֿירער פֿון פּאָגראָמען אויף די ערטער. כמעט אומעטום, איבער דעם גאַנצן לאַנד, איז געווען אויסגעשפּרייט אַ געדיכטע נעץ פֿון שוואַרץ־מאָהדיקע אָרגאַניזאַציעס, פֿון „פֿאַריין פֿון רוסישן פֿאָלק", (פֿון וועלכן ניקאָלאַי גופֿא איז געווען אַ מיטגליד). אָבער די אָבער־פּאָגראָמשטשיקעס — זענען געזעסן אין פּעטערבורג און מיט אַ געניטער האַנט דיריגירט מיט דעם „פֿאָלקסצאָרן" קעגן דער רעוואָלוציע, ד"ה מיט דער פּאָגראָם־באַוועגונג קעגן סטודענטן, אינטעליגענטן און דערהויפּט — קעגן ייִדן. שרעקלעכע פּאָגראָמען זענען פֿאָרגעקומען אין אַזעלכע אמת־רוסישע שטעט ווי טווער, טאָמסק (סיביר), ווו די שוואַרצע באַנדעס האָבן אונטערגעצונדן אַ פֿאָלקסמיטינג און צענדליקער מענטשן געלאָזט פֿאַרברענען, אָבער דאָס הויפּטפֿייער פֿון דער קאָנטער־רעוואָלוציע — אויף וויפֿל ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן פּאָגראָמען — איז געווען געריכטעט אין דער זייט פֿון „תּחום", ד"ה אין ראַיאָן פֿון ייִדישן ישוב.

שפּעטער איז אַנטדעקט געוואָרן דער צענטראַלער אַפּאַראַט פֿון דער פּאָגראָם־באַוועגונג, אויף יעדן פֿאַל—פֿון דער פּאָגראָם־פּראָפּאַגאַנדע. ס'איז אַ פֿאַקט, אַז אָרגאַניזאַטאָר פֿון דעם דאָזיקן שטיקל

אַרבעט איז געווען אַ הויכער באַאַמטער פון אינערן־מיניסטעריום, דער באַרימטער ראַטשקאָווסקי, וואָס איז דאַן געווען פאַרוואַלטער פון פּאָליטישן טייל פונעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט; אַז אין לאָקאַל פון פּעטערבורגער זשאַנדאַרמען־פאַרוואַלטונג האָבן ראַטשקאָווסקיס זשאַנדאַרמען־אָפיצירן מיט איינעם, קאָמיסאַראָוו, אין דער שפּיץ אַוועקגעשטעלט אַ דרוק־מאַשינקע (וואָס מ'האָט פאַרכאַפּט אין אַ געהיימער רעוואָלוציאָנערער דרוקעריי), און געדרוקט פּאָגראָם־אויפרופן. דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט האָט פינאַנסירט דאָס „געשעפט", און גובערנאַטאָרן, פּאָליצמייסטערס, ווי אויך אַנדערע אַגענטן און סתּם „גוטע פריינט" פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט האָבן די פּאָגראָם־אויפרופן פאַרשפּרייט אויף די ערטער.

גראָדנע איז נישט געווען קיין אויסנאַם. אויך אין גראָדנע איז געווען אַן אָפּטיילונג פון „פאַריין פון רוסישן פאָלק", צו וועלכן ס'האָבן געהערט אַ סך רעגירונג־באַאַמטע און סתּם מענטשן פון פּשוטן רוסישן המון. פון אָט די קרייזן האָט אָנגעהויבן שמעקן מיט „פּאָגראָם". מ'האָט מיר דאַן געוויזן אַן אויפרוף, וואָס האָט געשטאַמט פון די ספערן פון די רעגירונג־באַאַמטע. עס איז דאָרט געווען אַ גאַנצער „פּראָגראַם", אָבער דאָס וויכטיקסטע, וואָס איז אין דעם אויפרוף פּראָקלאַמירט געוואָרן, איז געווען — נישט צאָלן די חובות יידישע קרעדיטאָרן. חברה באַאַמטע האָבן פּשוט געוואָלט אויסנוצן די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פאַר אייגענע קליינינקע צילן, און נישט באַצאָלן חובות יידישע האַנטווערקער, יידישע קרעמער און יידישע... פּראָצענטניקעס.

דער זאַמלפּונקט פון „פאַריין פון רוסישן פאָלק" איז געווען איינעם „נאַראָדני דאָם" (פאָלקסהויז), וועלכע די חברים פון אונזער זעלבסטשוץ, האָבן וואָכן לאַנג געהאַלטן אונטער אַ שטענדיקער אָבסערוואַציע, און האָבן אָבער בלויז געקאָנט פעסטשטעלן, אַז דאָרט קומען אָפט פאָר מיטינגען.

אונז האָט זיך איינגעגעבן איינצושטעלן אַ שטאַרקע זעלבסטשוץ־אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז געווען נישט שלעכט באַוואָפנט, נישט נאָר מיט קאַלטן געווער, נאָר אויך טיילווייז מיט שפּאָגל־

נייע ברוינינגען, וועלכע מיר האָבן דורך אַ ספּעציעלן שליח אונזערן איינגעקויפט אין אויסלאַנד. געלט האָבן מיר געשאַפן דורך אַ זאַמלונג אין שטאָט. די באַפעלקערונג האָט גערן געגעבן אויף אַזאַ ציל ווי זעלבסטשוץ, און געגעבן האָט מען נישט נאָר געלט, נאָר אויך פּראָדוקטן פאַר אונזער זעלבסטשוץ. שערעשעווסקי, למשל, האָט צוגעשיקט עטלעכע טויזנט פּאַפּיראָסן (פאַרשטייט זיך, פון בּיליקסטן סאָרט) פאַר דער זעלבסטשוץ. אַנדערע האָבן געשיקט הערינג, ברויט אד״גל.

אונזער זעלבסטשוץ איז באַשטאַנען פון 5 אָפּטיילונגען, וואָס זענען געווען איינגעקוואַרטירט אין פאַרשידענע פּונקטן פון שטאָט. אַלס קאָמענדאַנט פון דער זעלבסטשוץ האָבן מיר באַשטימט דעם שוין דערמאָנטן ח׳ „פּרץ״. דריי וואָכן איז די זעלבסטשוץ געווען אין צושטאַנד פון שטענדיקער גרייטקייט, בייטאָג און ביינאַכט. דריי וואָכן זענען מיר געשלאָפן אין קליידונג מיט אַ ברוינינג אין טאַש, גרייט אויף יעדן אַלאַרם־רוף: אין שטאָט האָט מען אונזערע כּוחות זייער הויך געשאַצט, מעגלעך, אַז די איבערטריבענע פאַרשטעלונג וועגן אונזער באַוואָפענונג און אָרגאַניזירטקייט האָט אָפּגעהאַלטן די שוואַרצע באַנדעס פון „נאַראָדני דאָם״ פון וועלכע נישט איז אַרויסטרעטונגען (חוץ דער דעמאָנסטראַציע, וועלכע איך האָב שוין באַשריבן).

* * *

די וועלט זאָגט: נאַרישקייטן געדענקען זיך. ס׳איז, ווייזט אויס, אמת. אָט זענען מיר פאַרבליבן אין זכרון פון יענע שווערע טעג צוויי קוריאָזן, וואָס בעטן זיך אויפן פּאַפּיר.

איין מאָל איז אין אונזער שטאַב־קוואַרטיר געקומען צו לויפן אַ פאַרסאָפּעטער חבר פון די פּאַטרולן פון זעלבסטשוץ (טעלעפאָנען האָבן מיר נישט געהאַט) מיט אַ ידיעה, אַז אין אַ געוויסער גאַס, עק־שטאָט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאָגראָם. ס׳איז געוואָרן אַן אַלאַרם. צוויי גרופּן זענען גלייך אַרויס אין וועג אין פולער באַוואָפענונג. חברטעס פון „רויטן קרייץ״ מיט אַן אַפּטייק און באַנדאַזשן זענען מיטגעלאָפן. אין די גאַסן האָבן זיך באַוויזן

מאַסן יידן. אַ סך יידן האָט מען געזען שטיין ביי די טויערן מיט דרענגער אין די הענט — היטן די הויפן.

די דאָזיקע גרייטקייט צו זעלבסטשוץ און פאַרטיידיקונג איז געווען אָן ספק א רעזולטאַט פון אונזער אַגיטאַציע, וועלכע מיר האָבן ענערגיש געפירט אויף פאַרשידענע אופנים. ס'האָט נישט געדויערט קיין סך, און אונזער חברה איז דאָ צוריק. אויפגערוימט פון אויפרעגונג און פונעם לויפן, אָבער עפּעס ווי אַ ביסל פאַר־שעמט. דער קאָמענדאַנט גיט אונז אָפּ אַ באַריכט: עק־שטאָט האָט זיך צעקריגט אַ קריסטלעך פאָרפאָלק, דער מאַן האָט אָנגעהויבן קלאַפּן זיין ווייבל, האָט זי אָנגעהויבן שרייען „ראַטעוועט! — פּאָגראָם”, כדי ס'זאָלן אָנלויפן יידן, וועט דער מאַן זיך דער־שרעקן און זי אָפּלאָזן. אַזוי איז טאַקע געווען.

אַ צווייטער קוריאָז איז געווען מיט א בלעטל, וואָס ס'האָט אַרויסגעלאָזן די אָרטיקע גרופּע פּועלי־ציון. ס'איז געווען אַ יינגע אָרגאַניזאַציע און איר צוזאַמענשטעל איז געווען פון גאָר יינגע מענטשן. אָבער, ווייזט אויס, אַז אפילו אין די קינדער־הויזן האָבן די פּ. צ. שוין געהאַט די מעלה פון מאַלפּעווען דעם „בונד”. האָבן זיי אויך געשאַפן אַ „זעלבסטשוץ” און אפילו אַרויסגעגעבן אַ בלעטל. וואָס האָבן זיי געוואָלט די פּ. צ.?

אין גראָדנע, ווי אין אַ סך קלענערע ערטער, האָט יעדער רוסישער פּאָליציאַנט געהאַט אָנגעהאָנגען אויף זיך אַ טרומייט, און בעת אַ שרפה פלעגן די פּאָליציאַנטן בלאָזן אין די טרומייטן און אויף אַזאַ אופן געבן צו וויסן דער באַפעלקערונג, אַז ס'ברענט.

האָבן די פּ. צ. געמאָלדן אין בלעטל, אַז בעת א פּאָגראָם וועלן זיי טרומייטערן, זאָלן דעריבער יידן זיך נישט שרעקן. אויב זיי וועלן הערן די סיגנאַלן פון אַ טרומייט: נישט קיין שרפה וועט דער טרומייט־סיגנאַל באַדייטן, נאָר — א פּאָגראָם...

האָט מען דאַן אַ ביסל געלאַכט פון דעם בלעטל, פון דער אָריגינעלער „באַרויִקונג”...

41

אויפן רעוואָלוציאָנערן וועג. – די דיסקוסיע וועגן אַ רעוואָלוצ. רעגירונג. – ווי אַזוי גראָדנער אָרגאַניזאַציע האָט געפייערט אין יאָר 1905 דעם 8 יובילײ פון „בונד”.

דאָס אָרגאַניזירן די זעלבסטשוץ, דאָס איינשאַפן באַוואָפּענונג פאַר אירע מיטגלידער, האָט צוגענומען פיל צייט און ענערגיע בײַ אונזער אָרגאַניזאַציע, אַפּרייסנדיק אירע קרעפטן פון אַנדערער וויכטיקער פּאָליטישער אַרבעט. דאָך זענען די הויפּט־כּוחות פון אונזער אָרגאַניזאַציע אויסגענוצט געוואָרן אויף צו פירן אַ ברייטע אויפקלערונג־אַרבעט צווישן די מאַסן, אויף צו פּאָפּולאַריזירן צווישן זיי די לאָזונגען פון דער רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע פון איין זייט, די אידעען פון סאָציאַליזם – פון דער צווייטער זייט. גלייכצייטיק האָבן מיר געפירט אַ פּלאַנמעסיקע פּאַרטייִיש־אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט, פּאָפּולאַריזירנדיק דאָס פּראָגראַם פון „בונד”.

מיר האָבן אָרגאַניזירט ריזיקע פּאָליטישע מיטינגען. דער הויפּט אין דער גרויסער שול, וואָס פלעגט אַרייננעמען עפּעס אַ פיר פינף טויזנט מענטשן. עס איז געווען גענוג צו פאַרשפּרייטן אין גאַס צעטעלעך, אַז דער גראָדנער קאָמיטעט פון „בונד” רופט אין דער גרויסער שול אַ מיטינג, און צו דער באַשטימטער שעה האָבן שוין געשטראָמט אין שול אַריין גרויסע מאַסן. דער פּאָליצײ פלעגן מיר אַפילו נישט מעלדן וועגן אונזערע מיטינגען (שוין אָפּגערעדט וועגן בעטן אַ דערלויבעניש). דאָס איז געווען אַ

פּרינציפּ פון דער דעמאָלטדיקער עפּאָכע: אַלע פּאָזיציעס נעמען אויפן רעוואָלוציאָנערן וועג, שטעלן די מאַכט פאַר געשעענע פאַקטן.

מיט איין מאָל האָט די רעוואָלוציע אָפּגעשווענקט אַלע צאַרישע געזעצן וועגן פאַרזאַמלונגען, פאַריינען, דרוקערייען אד״גל, און מיטן כּוח פון דער זיגרייכער רעוואָלוציע זענען איינגעשטעלט געוואָרן נייע נאָרמען, אָדער ריכטיקער געזאָגט, זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן וועלכע נישט איז נאָרמען. דער פּאָליציייִשער אַפּאַראַט, וואָס איז, אַגב, געבליבן נישט געענדערט, האָט געקוקט אויפן נייעם לעבן — און נישט געשטערט.

נישט געקוקט אויף דער גאַנצער פרייהייט, וואָס איז דאַן באמת געווען אומבאַגרענעצט, האָבן די פּאַרטייען אפילו נישט געקלערט וועגן דעקאָנספּירירן זייערע אָרגאַניזאַציעס. אפילו די פּראַגע וועגן לעגאַליזירן די פּראָפּ. פאַריינען איז ערשט שפּעטער געשטעלט געוואָרן אויפן טאָג-אָרדענונג. קיין שום צוטרוי האָבן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען נישט געהאַט צו די צוזאָגעניִשן פון ניקאָלאַיס רעגירונג (אין דער שפּיץ פון וועלכער מען האָט דאַן אַוועקגעשטעלט דעם „ליבעראַלן״ גראַף סערגיי וויטע), נישט צו דער „קאָנסטיטוציע״, נישט צו דער קינפטיקער גאָסודאַרסטווענע דומע. איין ציל איז געווען — שטאַרקן די רעוואָלוציע און אַרויסנעמען די מאַכט פון די הענט פון דער זעלבסטהערשאַפט.

„אונזער וועג איז קלאָר: דורך אַן אַלגעמיינעם אויפשטאַנד איבער דעם פּגר פון צאַריזם צו אַ קאָנסטיטויִרנדער פאַרזאַמלונג, צו אַ דעמאָקראַטישער רעפּובליק, צו אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע, וועלכע וועט אונז ברענגען צום שפּיץ פון אונזער אידעאַל — צום סאָציאַליזם״.

אַזוי האָט דער „בונד״ פאָרמולירט די אויפגאַבן פון דער רעוואָלוציע אין נ. 10 „דער בונד״ פון 22 נאָוועמבער 1905. אַזוי האָבן די אויפגאַבן פאָרמולירט אַלע ס. ד., סיי מענשעוויקעס, סיי באָלשעוויקעס.

איז אין פאָדערגרונט אַרויסגערוקט געוואָרן דער לאָזונג — אַ קאָנסטיטויִרנדע פאַרזאַמלונג, פאַרשטייט זיך, אַ געקליבענע אויף

די דעמאָקראַטישסטע יסודות. אָבער צי קאָן מען דער צאַרישער רעגירונג, אָט דעם „פּגר", וואָס האָט נאָך אַלץ אין זיין רשות דעם גאַנצן פּאָליציייִש־מיליטערישן אַפּאַראַט, צי קאָן מען דער דאָזיקער רעגירונג אָנפאַרטרויען דאָס צונויפרופן די קאָנסטי־טויִרנדע פאַרזאַמלונג? פאַרשטייט זיך, אַז נישט. ס'מוז געשאַפן ווערן אַ צייטווייליקע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג, וועלכע זאָל דורכפירן די וואַלן, וועלכע זאָל אויך צוגרייטן אַ פּראָיעקט פון אַ דעמאָקראַטישער קאָנסטיטוציע אד"גל.

האָט זיך אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּרעסע אָנגע־הויבן אַ ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיע וועגן דער צייטווייליקער רע־וואָלוציאָנערער רעגירונג, וואָס דאַרף קומען צום לעבן און וועגן דער באַציִונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע צו דער קומענדי־קער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג. ס'האָט זיך אויסגעוויזן, – אַז דער ענין איז שוין גאָר־גאָר אַקטועל, אַז אָט פאַלט נישט בלויז די צאַרישע זעלבסטהערשאַפט, נאָר – די מאָנאַרכיע, דער קייז־זערלעכער טראָן. דאָס איז טאַקע געשען, אָבער מיט 12 יאָר שפּעטער.

* *
*

אַ פּאָר וואָכן נאָך די אָקטאָבער־געשעענישן האָבן אָנגע־הויבן צוריקקומען פון אויסלאַנד די דעלעגאַטן פון 6טן בונדישן צוזאַמענפאָר. אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט זיך אויך באַוויזן אונזער גראָדנער דעלעגאַט ח' טשעסקיס. נישט געקוקט אויף די ראַדיקאַל־געענדערטע פּאָליציייִשע באַדינגונגען, האָבן די דעלע־גאַטן איינגעהאַלטן אַלע מנהגים פון קאָנספּיראַציע און זיי האָבן נישט מיטגעפירט מיט זיך די רעזאָלוציעס פון צוזאַמענפאָר. די דאָזיקע רעזאָלוציעס זענען פּובליקירט געוואָרן ערשט שפּעטער אין דעצעמבער אין דעם ערשטן נומער „וועקער", דער ערשטער לעגאַלער בונדישער צייטונג, וואָס איז דערשינען אין ווילנע ענדע דעצעמבער 1905.

ווי די לעזער געדענקען, איז אונזער דעלעגאַט צום צוזאַמענפאָר געקליבן געוואָרן דורך אַ קאָלעגיום פון דריי חברים—פון קאָמיטעט דעם באַריכט האָט ער שוין אָפּגעגעבן פאַר אַ גרעסערן קאָלע־

גיום — אַזש פון אַ 10–12 חברים — פון דער „צענטראַלער פּאָלי־טישער סכאָדקע" („צענטר"). אויך אַ שטיקל פּראָגרעס...

דערפאַר האָבן מיר דעם 8טן יובילײ פון „בונד" געפּײ־ערט שוין פולשטענדיק עפנטלעך.

מיר איז אויסגעקומען צו פייערן דעם יובילײ פון „בונד" בײַ פאַרשידענע פּאָליטישע באַדינגונגען, אין פאַרשידענע פאַר־העלטענישן. אָבער יענעם יובילײ אין גראָדנע, דעם 8טן יובילײ פון „בונד", צוליב דער אומבאַשרײַבלעכער פרייד, וואָס האָט אויף אים געהערשט, צוליב דער אויסטערלישקייט פון זיין פאַר־לויף, וועל איך קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

די פייערונג האָבן מיר איינגעאָרדנט אין אַ גרויסן טאַנצ־זאַל. די בילעטן האָט מען פשוט געריסן פון די הענט. געהייסן האָט עס, אַז רעכט אויף אַריינצוקומען אויפן יובילײ האָבן בלויז מיטגלידער פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע, אָבער אַזוי ווי די באַוועגונג איז געווען אומלעגאַל, קיין רעגיסטער פון מיטגלידער איז נישט געווען, איז שווער צו זאָגן, צי די אַרויסגעגעבענע 800 בילעטן זענען אַריינגעפאַלן בלויז צו די מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע. מעגלעך, אַז אַ טייל בילעטן האָבן באַקומען סימ־פּאַטיקער.

דער זאַל איז געווען אַנטשפּרעכנד דעקאָרירט. אויף די ווענט זענען געווען אויסגעהאָנגען רויטע לייוונטענע טראַנספּאַ־רענטן מיט אַקטועלע פּאָליטיש־רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען. איין טראַנספּאַרענט, אַ שוואַרץ־רויטער, איז געווען געווידמעט דעם אָנדענק פון די געפאַלענע חברים.

אין דער לאָזשע איז געזעסן אַ קליינער אָרקעסטער. מיט גרויסע צרות האָט מען מיט די פּשוטע יידישע מוזיקאַנטן איינ־געשטודירט אַ צוויי דריי רעוואָלוציאָנערע לידער (קיין נאָטן צו רעוואָלוצ. לידער זענען נאָך דאַן נישט געווען).

דער טיש פון פּרעזידיום איז געווען באַפּוצט מיט בלומען. אין צווייטן זאַל איז געווען צוגעגרייט אַ פּראָלעטאַרישער בופעט. ברויט, וורשט, הערינג, ביר, שנאַפּס, רויטע „שמחת־תורה"־עפּל און אַז״וו.

מיר האָבן געהאַט אַזאַ פּראָגראַם: דריי רעדעס, וועלכע ס'האָבן באַדאַרפט האַלטן טשעסקיס, אריה און איך, דאַן געזאַנג און פרייע פאַרוויילונג. איין רעדע איז געווען אָנגעמערקט אַ פּאָליטישע, אַ צווייטע ספּעציעל וועגן דער בונדישער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע. די דריטע טעמע געדענק איך שוין נישט. דער פּראָגראַם האָט זיך אָבער פּלוצים פון זיך אַליין געענדערט, און אָט ווי אַזוי דאָס איז געשען:

דער פאָרזיצער האָט געעפנט די פייערונג. דער אָרקעסטער האָט דאַן אָנגעהויבן שפּילן דאָס באַקאַנטע רעוואָלוציאָנערע טרויער־ליד: „איר זענט אַ קרבן אין קאַמף געפאַלן". דער גאַנצער עולם האָט שטייענדיק מיטגעזונגען דאָס טרויער־ליד, אָפּגעבנדיק כבוד די אַלע קעמפער, וואָס זענען אומגעקומען בעת די רעוואָלוציאָנערע שלאַכטן מיט דער צאַרישער זעלבסטהערשאַפט. איך געדענק נאָך איצט די פייערלעכע טרויער־שטימונג, דעם איינערלעכן ציטער פון יענעם מאָמענט.

ס'האָט אָנגעהויבן זיין רעדע ח' טשעסקיס. ער האָט, נעבעך, געהאַט אַ געהרגעטע אויסשפּראַך, דערביי איז זיין אַרט רעדן געווען צו פיל אַקאַדעמיש, אינטעליגענטיש. אָבער דער עולם איז נאָך געווען פריש, געדולדיק, און דער רעדנער האָט געהאַט שאַנסן אויסגעהערט צו ווערן ביזן סוף, אָבער אין מיטן זיין רעדע — האָט זיך פּלוצים אין זאַל באַוויזן דער פּאָליצמייסטער מיט אַ קליינער סוויטע מונדירטע לייט. פון דרויסן (דער זאַל איז געווען אין פּאַרטער), האָט מען געהערט קלאַפּן פערדישע קאָפּיטעס — אַ סימן, אַז דער פּאָליצמייסטער איז געקומען מיט חיל.

דער עולם איז, פאַרשטייט זיך, געוואָרן דענערווירט, אָבער אַלע זענען געבליבן זיצן אויף די ערטער.

דער פּאָליצמייסטער מיט זיין סוויטע זענען צו צום פּרעזידיום־טיש.

— וואָס קומט דאָ פאָר? — האָט מיט אַ הויכער שטימע געפרעגט דער פּאָליצמייסטער.

— מיר פייערן דאָ דעם 8טן יובּיליי פון „בונד", — האָט געענטפערט איינער פון פּרעזידיום.

— פאַר וואָס האָט איר מיר וועגן דעם נישט געגעבן צו וויסן?

— מיר האָבן נישט געפונען פאַר נויטיק. מיר האַלטן זיך פאַר פרייע בירגער.

— יאָ, אָבער קיין נייע געזעצן וועגן פאַרזאַמלונגען זענען נישטאָ, זענען גילטיק די אַלטע געזעצן. איך האָב רעכט צו אַרעסטירן די גאַנצע פאַרזאַמלונג. דאָרטן אין הויף וואַרטן רייטער. איך וועל דאָס נישט טון — האָט ער זיך גלייך געכאַפּט צוריק — פייערט אייך ווייטער אייער יום־טוב, אָבער די פראַגע וועגן פאַרזאַמלונגען מוז רעגולירט ווערן, פשוט שוין פון שטאַנדפונקט פון זיכערקייט פון פובליקום, (אַ טענה, וואָס איז מיר אין פאַרשידענע צייטן אויסגעקומען צו הערן פון פּאָליציייִשע פאַרזאָרגער מכּל המינים). איך וואָלט געוואָלט דעם ענין מיטינגען און פאַרזאַמלונגען אַרומשמועסן מיט אייער קאָמיטעט!

— גוט! איך וועל אייער ווונטש איבערגעבן דעם קאָמיטעט פון „בונד".

דער פּאָליצמייסטער מיט זיינע באַגלייטער האָבן פאַרלאָזן דעם זאַל. באַלד האָט מען אויך געהערט דאָס אָפּטרעטן פון די רייטער.

דער רעדנער האָט ווידער באַקומען דאָס וואָרט, אָבער אומזיסט. דער עולם האָט מער נישט געוואָלט הערן. קיינעם נישט דער עולם איז אַריין אין אַ מין עקסטאַז. מ'האָט זיך געגעבן אַ שטעל אויף, די שטולן, בענק האָט מען צוגעשאַרט אין די ווינקלען, אין די עקן פון זאַל. חברה האָט זיך אָנגענומען ביי די הענט און מ'האָט גענומען טאַנצן אין אַ ראָד, ווי קליינע קינדער, ווי פריילעכע, צעשפּילטע זאַרגלאָזע קינדער.

דער עולם איז ווי פאַרשיכּורט געוואָרן, נאָך איידער ער האָט באַוויזן אַפילו אַריינצושמעקן אין בופעט.

פּלוצים האָט אַ חבר אַראָפּגעריסן פון וואַנט איינעם פון די רויטע טראַנספּאַרענטן און אָנגעהויבן מיט אים צו טאַנצן און שפּרינגען. אַ מאָמענט — און אַלע טראַנספּאַרענטן טאַנצן שוין

מיט, דרייען זיך אין זאַל אין דער לאַנגער מענטשן־קייט, וואָס דערמאָנט אַ בילד פון עקזאַלטירטע...

און אָט אַזוי טאַנצנדיק און זינגנדיק, שלענגלט זיך די ריזיקע ראָד אַריין אין צווייטן זאַל, אַ טייל בלייבט דאָרט, כּדי זיך אַ ביסל צו קרעפטיקן ביים בופעט, אַ טייל איז שוין ווידער דאָ.

און אָט אַזוי טאַנצן און שפּרינגען, יובלען און זינגען הונ־דערטער מענטשן אָן אויפהער און אָפּרו שעהן־לאַנג, ביז אין דער פרי.

דאָס איז געווען נישט בלויז אַ שמחה צוליבן יובילײ פון „בונד”. דאָס איז געווען אַ ליכטיקע פרייד צוליבן זיג פון דער רעוואָ־לוציע, דאָס איז געווען אַ פרייד פון מענטשן, וואָס האָבן געפילט, אַז אויך זיי און זייער פּאַרטיי, וועמענס יובילײ זיי פייערן, האָבן אַ חלק אינם זיג פון דער גרויסער רעוואָלוציע, וואָס האָט אַרומ־געכאַפּט דאָס צאַרן־לאַנד.

42

דער געראַנגל צווישן נייעם און אַלטן לעבן. — איך פאַרלאָז גראָדנע. — ווילנע — אין בונדישן קלוב.

דאָס אַלטע לעבן איז געבראָכן געוואָרן אָבער נישט צו־בראָכן געוואָרן. דאָס נייע האָט געשפּראָצט פון אַלע ווינקעלעך, געשטרעבט, געצויגן זיך צו פאַרנעמען דעם אויבן־אָן, אָבער קיין זיכערע, קיין פעסטע פּאָזיציע דאָך נישט געקאָנט פאַרנעמען. איז דאָס נייע מיט דעם אַלטן געשטאַנען אין אַן אומאויפהערלעכן געראַנגל, האָט דאָס נייע לעבן פאַרכאַפּט, באַזעצט אַלץ נייע פּאָזיציעס, אָבער גלייכצייטיק געקוקט כסדר — אויף צוריק, מאַכנ־דיק יעדן נייעם שריט מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיקייט.

ביי אַזאַ סיטואַציע וועלן די לייענער פאַרשטייען אַ סך ווי־דערשפּרוכן פון יענער צייט, פון דער איבערגאַנגס־צייט פון 1905.

איך האָב אין די פריִערדיקע קאַפּיטלען דערציילט וועגן די ריזיקע מיטינגען אונזערע, וועגן דער אימפּאָזאַנטער עפנטלע־כער פייערונג פון 8טן יובּילײ פון „בונד”, וועגן דער טאַקטיק צו נעמען פּאָזיציעס אויפן רעוואָלוציאָנערן שטייגער, אָבער אין דער זעלבער צייט, איז דער „בונד”, ווי אַלע אַנדערע סאָציאַליס־טישע אָרגאַניזאַציעס, פאַרבליבן ביי אַ גרויסן טייל פון די פריִ־ערדיקע קאָנספּיראַטיווע מעטאָדן פון אַרבעט. מיר האָבן זיך נישט געשאַפן קיין פּאַרטיי־לאָקאַל, מיר זענען פאַרבליבן ביי די ביר־זשעס אין גאַס, און נישט דערפאַר, ווייל מיר וואָלטן דאַן נישט געקאָנט שאַפן געלט אויף לאָקאַלן. פון דער זייט וואָלט קיין מניעה נישט געווען. נאָר פשוט, ווייל מיר האָבן אינסטינקטיוו

געפילט, אַז דער באָדן אונטער די פיס איז נאָך נישט גענוג פעסט. די ווייטערדיקע פּאַסירונגען האָבן באַוויזן, אַז די פּאַר־זיכטיקייט איז געווען אַ באַרעכטיקטע, אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט.

דער כּוח, דער אָנזען פון אונזער אָרגאַניזאַציע אין גראָדנע, ווי אין אַנדערע שטעט, איז געווען גוואַלדיק גרויס און שטאַרק, און נישט נאָר אויפן דירעקטן באָדן פון פּראָלעטאַרישן קאַמף און פּראָלעטאַרישע ענינים בכלל. ס'איז געווען נישט ווייניק פאַלן, ווען דער רב פון איין זייט, דער פּאָליצמייסטער פון דער צווייטער זייט, פלעגן אָפּשיקן צום „בונד" אויף דער בירזשע זייערע קליענטן — דער „בונד" זאָל שלום מאַכן צווישן מאַן און ווייב, דער „בונד" זאָל פּסקענען ביי פאַרשידענע קאָנפליקטן. פאַרשטייט זיך, אַז מיר פלעגן זיך אָפּשאָקלען פון אַזעלכע עסקים, און פלעגן אָט די מינים קליענטן אויפקלערן, אַז מיר זענען אַ פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, אַ סאָציאַליסטישע, און נישט עפּעס קיין בית־דין, אָדער סתם גערעכטיקייט־זוכער.

די חדשים אָקטאָבער־דעצעמבער זענען געווען אַ פּעריאָד פון העלדישע קאַמפן פון רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט. אין דער דאָזיקער צייט זענען פאָרגעקומען גראַנדיעזע פּאָליטישע גענעראַל־שטרייקן, אויפשטאַנדן אין טיילן פון דער אַרמיי און פלאָט, אָבער סוף כּל סוף איז די צאַרישע רעגירונג געקומען צו זיך, און שוין אין נאָוועמבער נעמט זי זיך ביסלעכווייז צו מאַכן „אָרדנונג" אין לאַנד. דאָס קומט איר אָן נאָך גרינגער, ווייל שוין אין אָנהויב פון דער רעוואָלוציע בלייבט דער פּראָלעטאַריאַט פולשטענדיק אַליין אויפן שלאַכטפעלד. די ליבעראַלן און בירגערלעכע „ראַדי־קאַלן" דערשרעקן זיך פאַר די לאָזונגען פון די סאָציאַליסטישע פאַרטייען און לויפן איבער אויף מאָנאַרכיסטישע אָדער מאָנאַר־כיסטיש־קאָנסטיטוציאָנעלע, פּאָזיציעס. די רעגירונג נוצט אויס די לאַגע און שטיצנדיק זיך אויף איר פּאָליצייִש־מיליטערישן אַפּאַ־ראַט, וואָס איז געבליבן נישט געענדערט, הויבט זי אָן — צוערשט גאַנץ פאָרזיכטיק, שפּעטער אַלץ דרייסטער און ברוטאַלער—אַ סיס־טעמאַטישע אָפענסיווע אויף אַלע פּאָזיציעס, אויף אַלע דעראָבע־רונגען פון די אָקטאָבער־טעג.

סוף נאָוועמבער 1905 קומט פאָר דער אַרעסט פון פאַרזיצער פון פעטערבורגער אַרבעטער־ראַט כרוסטאַלאָוו־נאָסאַר, און מיט עטלעכע טעג שפּעטער — דער אַרעסט פון עקזעקוטיוו פון אַרבעטער־ראַט. דער דאָזיקער אַרעסט איז געווען אַ חוצפּהדיקע אַרויספאָדערונג אויפן אַדרעס פון רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט. דער אַרעסט האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם אין גאַנצן לאַנד. עמפּערט איז געוואָרן דער אַרבעטער־קלאַס. מאָסקווע האָט געענטפערט מיט אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד, מיט העלדישע באַריקאַדן־קאַמפן (וואָס האָבן געדויערט גאַנצע 8 טעג), אַנדערע שטעט — מיט גענעראַל־שטרייקן, אָבער דער פראָנט פון דער רעוואָלוציע איז שוין געווען דורכגעבראָכן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּעריאָד פון שרעקלעכער נקמה מצד דער זעלבסטהערשאַפט.

ס'איז געווען די העכסטע צייט אַוועקצופאָרן פון גראָדנע, ווו טויזנטער מענטשן האָבן מיך געקאָנט פון די ריזיקע מיטינגען. דער צ. ק. האָט מיר טאַקע אין גיכן צוגעשיקט אַ פאַרטרעטער. דאָס איז געווען דער שוין דערמאָנטער פריינט מיינער פון אָדעס און אַנדערע שטעט—דוד שלאָסבערג. איך האָב אים גלייך איבערגעגעבן אַלע פאַרבינדונגען, און האָב פאַרלאָזט גראָדנע, ווו איך האָב איבערגעלעבט אַזוי פיל הערלעכע אומפאַרגעסלעכע טעג פון רויטן 1905 יאָר.

* *
*

פון גראָדנע בין איך אַוועקגעפאָרן קיין ווילנע, כדי צו באַקומען ביים צ. ק. אַ נייע נאָמינאַציע.

די אָרגאַניזאַציע פון „בונד” האָט דאָרט דאַן געשפּילט אַ דאָמינירנדיקע ראָל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

אין ווילנע האָב איך שוין דאַן געטראָפן די ערשטע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. דער דירעקטיוו פון צ. ק. פון „בונד” איז געווען — שאַפן פאַרטייִשע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען (וועגן דעם האָט דער צ. ק. אַרויסגעשיקט אין נאָוועמבער אַ ספּעציעלן צירקולאַר־בריוו צו די אָרגאַניזאַציעס). זענען געשאַפן געוואָרן פאַרטייִשע פאַריינען. ווי אַלץ אין יענער צייט, זענען די פאַריינען געקומען צום לעבן אויפן רעוואָלוציאָנערן שטייגער. קיין שום רע־

גיסטראַציע ביי דער מאַכט, גאָר נישט. — ס׳עקזועסטירט עפּנטלעך אַ לאָקאַל, מיטגלידער ווערן איינגעשריבן, אַ פּראָפעסיאָנעלע טעי־טיקייט ווערט געפירט און זאָל די פּאָליציי זיך דערוועגן צו זאָגן אַ דעה.

באַזונדער איז מיר געבליבן אין זכרון דער פאַריין פון די האַנדלס־אָנגעשטעלטע. דער לאָקאַל פון דעם פאַריין האָט זיך גע־פונען אויף איינער פון די פּרינציפּאַלע ווילנער גאַסן. דער זעל־בער לאָקאַל האָט געדינט פאַר אַ מין קלוב. דאָרט האָב איך זיך באַקאַנט מיט מיטגלידער פון ווילנער קאָמיטעט פון „בונד״, דאָרט האָב איך געטראָפן נישט איין באַקאַנטן מיינעם פון לוקישקער טורמע, חברים און פריינד פון אַנדערע שטעט, חברים צוריקגעקומענע פון סיביר. שטענדיק איז דאָרט געווען טומלדיק, באַזונדער אין די דעצעמבער־אָוונטן.

אין שטאָט איז געווען אויסערגעוויינלעך קאָכעדיק. אַ גע־נעראַל־שטרייק האָט אָפּגעשטעלט דאָס לעבן. ריזיקע מיטינגען אין צירק, אין לאָקאַל פון די אייזנבאַנער א״אַ, מיטינגען פּשוט אין גאַס (באַזונדער אויף זאַוואַלנע־גאַס), פון צייט צו צייט — אַ מאַ־ניפעסטאַציע, אַ דעמאָנסטראַציע.

אין די גאַסן אַ פינצטערניש, ווייל אויך די עלעקטעראָווניע האָט געשטרייקט. אין די קניפּ־פּונקטן פון די גאַסן—גרופּן סאָל־דאַטן און קאָזאַקן, וואָס וואַרעמען זיך ביי צוגלייגטע פייערלעך. די ביקסן שטייען אויסגעשטעלט אין פּיראַמידן. מלחמה!

איך גיי אַוועק אויפן וואָקזאַל, אפשר וועט זיך איינגעבן צו כאַפּן פרישע צייטונגען פון פּעטערבורג. אויף די ווענט און זיילן הענגען אויפרופן פון שוואַרץ־מאהדיקן „פאַריין פון רוסישן פאָלק״, העץ־אויפרופן קעגן רעוואָלוציאָנערן, סטודענטן און דערהויפּט קעגן יידן. ספּעציעלע זאַצן זענען געווידמעט דעם „פאַרברעכע־רישן בונד („זשידאָווסקאַ בונדאַ״ (!) שטייט מיר נאָך איצט פאַר די אויגן די פעט אויסגעזעצטע שורה).

פון ווילנע בין איך אַוועק (איך געדענק שוין נישט צוליב וואָס) קיין לאָדזש — וואַרשע, אומעטום האָב איך געטראָפן אַן אויפגערעגטע און אומרויִקע שטימונג. אין וואַרשע, געדענק איך,

בין איך אויסגעשטיגן אין אָונט. אין די גאַסן האָט געהערשט אַ שטיקלייט: קריגס-צושטאַנד. אויף די פּאַרמאַכטע לאָדנס פון די געשעפטן אויף מאַרשאַלקאָווסקאַ האָבן זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן קליינע געדרוקטע צעטעלעך. איך לייען איבער — אויפרופן צו אַ גענעראַל-שטרייק.

איך האָב געאײַלט צוריק קיין ווילנע, ווייל ס'האָט גע-האַלטן ביי אַ פרישן באַן-שטרייק אויף דער ליניע וואַרשע — פעטערבורג.

אין ווילנע בין איך אַוועק אין דעם לאָקאַל, וווּ ס'האָט זיך געהאַלטן אין איינאָרדנען די רעדאַקציע פון אונזער ערשטער טעגלעכער לעגאַלער צייטונג „דער וועקער", אויף מיליאָנע 3.

ווי דאָס רוב יונגע בונדאָווצעס „פּראָפעסיאָנאַלן" (פּאַרטיי-פונקציאָנאָרן), האָט זיך מיר זייער געוואָלט באַקומען אַ נאָמינאַ-ציע אין די שטעט פון דער גרעסטער בונדישער מאַסן-באַוועגונג— וואַרשע אָדער לאָדזש, אָבער דער צ. ק. האָט, צו מיין גרויסער ערגערניש, באַשטימט, איך זאָל פאָרן קיין מאָהילעוו ביים דניעפּר, אַ שטילינקע גובערנסקע שטאָט מיט אַ שוואַכער אַרבעטער-באַ-וועגונג; אַ שטאָט, וואָס האָט זיך זעלטן ווען געלאָזט הערן אין דער רעוואָלוציאָנערער כראָניק. אָבער סאַרפאַלן. דער צ.ק. הייסט— מוז מען פאָרן. האָב איך געוואַרט נאָך אַ פּאָר טעג אין ווילנע, ווייל טיילן פון דער באַן-ליניע, מיט וועלכער איך האָב באַדאַרפט פאָרן, האָבן זיך געפונען אין דער סטרעפע פון באַן-שטרייק, און ווי נאָר די ליניע איז פריי געוואָרן, בין איך אַרויסגעפאָרן אין מיין נייער „רעזידענץ" — מאָהילעוו ביים דניעפּר.

43

מאָהילעוו און האָמעל. — גובערנאַטאָר קלינגענבערג. — די בונדישע אָרגאַניזאַציע. — די פּראָפ. באַוועגונג.

מאָהילעוו ביים דניעפּער, וואוהין איך בין אין דעצעמבער 1905 געשיקט געוואָרן דורכן צ. ק., איז געווען אַ מיטעלע גובערניאַלע שטאָט. אַ שטילע, אַ רויִקע. אין דעם גאַנג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָט די דאָזיקע שטאָט פאַרנומען אַ סך אַ קלענערן פּלאַץ ווי, למשל, האָמעל, אַ אויעזדנע (פּאָוויאַטאָווע) שטאָט אין מאָהילעווער גובערניע. באַזונדער איז געווען גרויס דער קאָנטראַסט צווישן דער האָמעלער אָרגאַניזאַציע פון „בונד" און דער מאָהילעווער. אין האָמעל האָט דאָס לעבן געקאָכט, געברויזט. האָמעלער „בונד" האָט אין יאָר 1903, בעתן פּאָגראָם, אַרויסגעשטעלט אַ גוט־אָרגאַניזירטע זעלבסטשוץ, די ערשטע זעלבסטשוץ פון „בונד", וואָס האָט העלדיש געקעמפט מיט די כוליגאַנעס, און אַריינגעשריבן אַ ניי בלעטל אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק. האָמעל האָט געהאַט אַ נאָמען פון אַ שטאָט מיט רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס, כמעט אַזאַ — אויף וויפל איך האָב נישט קיין טעות—ווי די בונדישע פעסטונגען פון יענער צייט: דווינסק און פּינסק. מאָהילעוו איז געווען — דער היפך. און אין דער דאָזיקער פאַרשלאָפענער שטאָט האָב איך זיך געמוזט באַזעצן אין מאָמענט פון הייסן געראַנגל — באַלד נאָך די רויטע דעצעמבער־טעג פון מאָסקווער אויפשטאַנד, וועלכער האָט, אגב, זיך נישט צו שעמען קעגן דעם פרישן נאָך פעברואַר־אויפשטאַנד

פון עסטרייכישן פּראָלעטאַריאַט, פאַרשטייט זיך ווען מען באַריקזיכטיקט די דיפערענץ פון די עפּאָכעס 1905 און 1934, די באַזונדערע אייגנשאַפטן פון די לענדער, די שטופע פון אָרגאַניזירטקייט פון דעמאָלסטדיקן רוסישן און עסטרייכישן פּראָלעטאַריאַט פון 1934.

מיט דער גרויסער מאָהילעווער גובערניע האָט פאַרוואַלטעט אַ צאַרישער סאַטראַפּ — גובערנאַטאָר קלינגענבערג, אַ באַוווסטער פּאָגראָמשטשיק. ער איז דאָס געווען דער אָרגאַניזאַטאָר פון די פּאָגראָמען אין האָמעל און אין קאָוונער גובערניע. אויף דעם דאָזיקן גובערנאַטאָר זענען פאַר זײַנע מעשים טובים געמאַכט געוואָרן צוויי אַטענטאַטן מצד די ס. ר.—ן. אָבער נישט די באָמבע פון ס. ר. ישראל ברילִיאַן, נישט דער רעוואָלווער־שאָס פון לידיאַ פּאַוולאָוונאַ יעזערסקאַיאַ (אַ ס. ר., פרוי פון אַ מאָהיליווער מאַגיסטראַט־מיטגליד), האָבן דעם חברהמאַן נישט אַוועקגעלייגט, און ער איז אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק און אַ קליינעם פאַרלוסט פון בלוט. אין גיכן נאָך מיין אָנקומען קיין מאָהילעוו איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס פון די דערמאָנטע טעראָריסטן. פאַר דעם ביסעלע בלוט פון דעם גובערנאַטאָר קלינגענבערג, האָבן זיי זייער טייער בעצאָלט: יעזערסקאַיאַ מיט 13 יאָר קאַטאָרגע, בריליאַן מיט 8 יאָר קאַטאָרגע.

* * *

קיין מאָהילעוו בין איך אָנגעקומען אין אַ פּראָסטיקן טאָג. די שטילע גאַסן און פּלעצער זענען געווען באַדעקט מיט אַ ווייסן און טיפן שניי. רוסלאַנד האָט נאָך געאָטעמט מיט רעוואָלוציע, אין די אויערן איז נאָך געשטאַנען דער גערויש פון די האַרמאַטן, וואָס האָבן צעשאָסן די מאָסקווער באַריקאַדן, אין פאַרשידענע טיילן פון רוסלאַנד האָט מען נאָך דעמאָנסטרירט, געשטרייקט, געקעמפט. אין אַ טייל געגנטן האָבן זיך שוין אָנגעהויבן באַווייזן די שטראָף־עקספּעדיציעס פון דעם צוריק דערמוטיקטן צאַר ניקאָלאַי. — אין מאָהיליעוו איז געווען רויִק אין אַלע הינזיכטן.

אין קאָמיטעט האָב איך געטראָפן צוויי חברים — יוסף פרענקעל (אין מאָהילעוו האָט מען אים גערופן „מיכאַל”) און

מאַטוויי („דער טויבער"). צוזאַמען האָבן מיר (ווי אין גראָדנע) געבילדעט אַ טריאָ. אונזער קאָמיטעט האָט, חוץ דער שטאָט מאָהילעוו, געהאַט צו באַאַרבעטן אַ גרויסן ראַיאָן מיט אַ סך שטעט און שטעטלעך (ווי אָרשע, שקלאָוו, דובראָוונע, ראָגאַטשאָוו, ביכאָוו, לאַדי און נאָך און נאָך), האָבן מיר צו אונזער דיספּאָזיציע געהאַט צוויי פּראָפעסיאָנאַלן ספּעציעל צו באַדינען דעם ראַיאָן. איינער פון זיי איז געווען ח' באָיאַרסקי („וויקטאָר"). אים האָב איך אין יאָר 1907 געטראָפן אין בערלין (ווו ער האָט דאַן שטודירט), אַלס סעקרעטאַר פון דער בונדישער גרופּע, דעם נאָמען פון צווייטן חבר פאַרן ראַיאָן געדענק איך נישט.

מאָהילעוו איז געווען זייער ווייניק אינדוסטריאַליזירט. דער יידישער אַרבעטער האָט געאַרבעט אין קליינע וואַרשטאַטן און פאַבריקלעך. די צאָל יידישע אַרבעטער איז געווען בערך צוויי טויזנט. פּראָפעסיאָנעל זענען געווען אָרגאַניזירט עפּעס ווייניקער ווי אַ העלפט. אין „בונד" זענען געווען אָנגעשלאָסן 200 אַרבעטער, אָבער דער ווירקונג-קרייז פון „בונד" איז צווישן די אַרבעטער געווען אַ סך ברייטער און שטאַרקער, ווייל אונטער דער אָנפירונג פון „בונד" האָבן זיך געפונען אַלע וויכטיקסטע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, ווי גאַרבער, שניידער, שוסטער, בוי, בעקער, זאָקנמאַכער, האַנדלס-אָנגעשטעלטע, פּאַפּיראָסן-מאַכער, דרוקער און איינבינדער, ווי אויך הויז-דינערשאַפט.

די אַלע פאַריינען זענען געווען פאַרטייאישע. אין דער פאַרוואַלטונג („ביוראָ" האָט עס דאַן געהייסן) פון יעדן פאַריין איז אַריינגעגאַנגען אַ פאָרשטייער פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע, וועלכער האָט פאַקטיש געהאַט דאָס רעכט פון אַרויפלייגן אַ וועטאָ אויף די באַשלוסן פון פאַריין. אין סטאַטוט פון די פאַריינען האָט זיך געפונען אַ פונקט, אַז אַ געוויסער פּראָצענט פון די פאַריינס-הכנסות פון מיטגליד-אָפּצאָל ווערט איבערגעגאָסן אין דער קאַסע פון „בונד". דער דאָזיקער פונקט האָט געהאַט מער אַ פּרינציפּיעלע באַדייטונג ווי אַ פּראַקטישע. אַזעלכע פאַריינען, ווי די אין מאָהילעוו, האָבן נישט פאַרמאָגט נישט קיין „קאַפּיטאַלן", נישט קיין מינדעסטן לאָקאַל אפילו. די פּאַרטיי האָט זיי נאָך געמוזט

אויסהעלפן — מיט געלט און מיט מענטשן צו דער אָרגאַניזאַ־ציאָנעלער און אויפקלערונג־אַרבעט.

די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין מאָהילעוו זענען ווי אין אַנדערע שטעט געראָפן געוואָרן צום לעבן דורכן „בונד". זיי זע־נען געשאַפן געוואָרן אין די פרייע נאָוועמבער־טעג אויפן רעוואָ־לוציאָנערן שטייגער. און ווי נאָר די רעאַקציע האָט אָנגעהויבן ווייזן אירע נעגל, זענען די פאַריינען צוריק אַרונטער אונטער דער ערד. אין דער צייט ווען איך בין אָנגעקומען קיין מאָהילעוו זענען די פאַריינען שוין געווען זייער אָפּגעשוואַכט, און אויב אַ טייל פון זיי האָבן נאָך געהאַט אַ געוויסן אויטאָריטעט, איז דאָס געווען, ווייל אונטער די פּלייצעס פון די פּראָפ. פאַריינען איז געשטאַנען דער „בונד".

44

9 יאַנואַר 1906. — באָיקאָט פון דער ערשטער גאָסודאַרסטווענער דומע. — אַרשע נאָכן פּאָגראָם. — דובראָווניז.

בלאָס איז געווען דאָס פּאָליטישע לעבן אין מאָהילעוו, שוואַך איז געווען די טעטיקייט פון די סאָציאַליסטישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, אָבער דאָך, אַז ס'איז געקומען נאָענט צום 9 יאַנואַר, האָבן זיך די אָרגאַניזאַציעס אַ ריר געטון און אָנגעהויבן זיך גרייטן צו אַ פּאָליטישן שטרייק.

איך זאָג די „אָרגאַניזאַציעס" אין מער־צאָל. באמת, זענען דאָס בסך־הכּל געווען צוויי אָרגאַניזאַציעס — דער „בונד" און די רוסלענדער ס. ד. אַרבעטער־פּאַרטיי. מיר האָבן צוזאַמען געבילדעט אַ פאַרייניקטן שטרייק־קאָמיטעט און אַרויסגעלאָזן אַ געמיינזאַמען אויפרוף צום שטרייק.

די פּאָליציי האָט באַצייטנס, ד"ה אַ צוויי דריי טעג פאַרן 9 יאַנואַר, אָנגעהויבן מאַכן „אָרדענונג" גאָר ווי אין די „אַמאָליקע גוטע צייטן": טרייבן אַרבעטער פון די גאַסן, דורכפירן מאַסן־רעוויזיעס און אַרעסטן, קאַטעווען, ממיתן די אַרעסטירטע. גאָר פאַרגעסן אָן אָקטאָבער, אָן דעם מאַניפעסט, אָן די צוגעזאָגטע פרייהייטן. פאַרשטייט זיך, אַז די מאָהילעווער פּאָליציי איז נישט געווען קיין אויסנאַם. אומעטום איז פאָרגעקומען דער זעלבער פאָרויסמאַרש פון דער רעאַקציע, ווו שוואַכער, ווו שטאַרקער.

דער פאַרייניקטער שטרייק־קאָמיטעט פון „בונד" און פון דער רוסלענדער סאָצ. דעמ. אַרב. פּאַרטיי האָט באַשלאָסן דעם

ערשטן געדענק־טאָג פון דער רוסישער רעוואָלוציע — דעם 9טן יאַנואַר — צו פייערן מיט אַ פרידלעכן גענעראַל־שטרייק, אָן שום גאַסן־אַרויסטרעטונגען, אויף וועלכע ס'האָט גראָד שטאַרק אַרויסגעקוקט די מאָהילעווער פּאָליציי, וואָס האָט געזוכט אַ געלעגנהייט זיך אָפּצורעכענען מיט די פאַרהאַסטע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער פאַר דאָס ביסעלע פרייהייט פון די אָקטאָבער־ און נאָוועמבער־טעג.

דער שטרייק פון 9 יאַנואַר האָט זיך זייער גוט איינגעגעבן און איז פאָרגעקומען אין די ראַמען, וועלכע ס'האָט אָנגעצייכנט דער פאַראייניקטער שטרייק־קאָמיטעט. געשטרייקט האָבן אַלע אַרבעטער פון מאָהילעוו און אַ גרויסער טייל האַנדלס־אָנגעשטעלטע.

אַ שטרייק איז אויך פאָרגעקומען אין גאַנצן מאָהילעווער ראַיאָן פון „בונד", נישט אויסגעשלאָסן אָרשע, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג געהאַט איבערגעלעבט אַ שרעקלעכן פּאָגראָם מיט צענדליקער קרבנות.

נאָכן 9 יאַנואַר איז ביי אונז איינגעטרעטן אויף לענגערע וואָכן אַ שטילשטאַנד אין דער אָרגאַניזאַציע, אַלנפאַלס אין אירע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען. אין לאַנד האָט מען זיך אָנגעהויבן גרייטן צו די וואַלן צום ערשטן רוסישן פאַרלאַמענט — צו דער ערשטער גאָסודאַרסטווענע דומע.

אָנשטאָט אַ גרינדונג־פאַרזאַמלונג, וואָס איז אין יענעם פּעריאָד פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע געווען דער הויפּט־לאָזונג פון אַלע סאָצי◌ַליסטישע פּאַרטייען, אַ גרינדונג־פאַרזאַמלונג, געקליבן אויפן יסוד פון אַלגעמיינעם, גלייכן, דירעקטן און פּראָפּאָרציאָנעלן וואַלרעכט, — האָט די צאַרישע רעגירונג מזכה געווען דאָס לאַנד מיט אַ פאַרקריפּלטן „פּאַרלאַמענט" און מיט אַ דורך און דורך רעאַקציאָנערן וואַל־רעגולאַמין.

די באָלשעוויקעס און אַנדערע סאָצ. אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען געשטאַנען אויפן באָדן פון דער רעוואָלוציע, פון איינהאַלטן און פאַרטיפערן אירע דעראָבערונגען — האָבן באַשלאָסן

אין די וואָלן זיך נישט צו באַטייליקן און דורכפירן אַן אַקטיוון באָיקאָט.

דער אַקטיווער באָיקאָט איז באַשטאַנען נישט נאָר אין פירן ברייטע אַגיטאַציע קעגן די וואַלן צו דער גאָסודאַרסטווענע דו־מע און פאַר פאַרזעצן דעם קאַמף פאַר צוזאַמענרופן אַ גרינ־דונג־פאַרזאַמלונג. דער אַקטיווער באָיקאָט האָט זיך אויך אויסגע־דריקט אין שטערן, אין טעראָריזירן וויילער־פאַרזאַמלונגען. אין מאָהילעוו איז נישט געווען מעגלעך אַזאַ מין באָיקאָט דורכצו־פירן, און אונזער מאָהילעווער קאָמיטעט פון „בונד" האָט זיך געמוזט באַגרענעצן מיט אַרויסלאָזן אַן אויפרוף צו באָיקאָטירן די וואַלן און מיט שיקן רעדנער אויף די פאָרוואַל־פאַרזאַמלונגען פון יידישן בירגערטום. אַגב זענען די רעדנער אונזערע צום וואָרט נישט געקומען.

דעם פעריאָד פון פּאָליטישן שטילשטאַנד האָבן מיר אויס־גענוצט אויף אַרומצורעדן און אויפצוקלערן אַ רייע וויכטיקע אָר־גאַניזאַציאָנעלע פראַגן, וועלכע דאָס לעבן האָט אַרויסגערוקט. צו־ליב דעם ציל האָבן מיר דורכגעפירט אין דער אָרגאַניזאַציע דיסקוסיעס אויף אַקטועלע טעמעס. איך האָב אויך געמאַכט אַ ריי־זע אין אייניקע שטעט און שטעטלעך פון ראַיאָן, ווי אָרשע, שקלאָוו, דובראָוונע א"אַ.

* * *

דער שרעקלעכער בלוטיקער פּאָגראָם, וואָס אָרשע האָט אי־בערגעלעבט אין די אָקטאָבער־טעג פון 1905, האָט בלויז אויף אַ קורצער צייט צעשטערט די אַרבעט אין אונזער אָרגאַניזאַציע. דער יידישער פּראָלעטאַריער האָט גיך אָפּגעשלאָגן פון זיך די שוואַר־צע שאָטנס פון פּאָגראָם און האָט זיך גענומען צוריק אויפשטעלן די אָרגאַניזאַציע, איינאָרדענען גרופּן, פאַרזאַמלונגען. אַזוי איז געווען אויף דער אַרבעטער־גאַס. דאַקעגן דער יידישער קליינ־בירגער, אַנטוישט אין דער רעוואָלוציע, דערשראָקן פון פּאָגראָם, איז צוריק אַריין אין די לעכער און האָט אַפילו חרטה געהאַט, וואָס ער איז מיטגעריסן געוואָרן אין די אָקטאָבער־טעג, וואָס ער

האָט אָנטייל גענומען אין דער אַלגעמיינער פרייד צוליב דעם זיג פון דער רעוואָלוציע. דער קליינבירגער האָט באַשלאָסן, אַז די בעסטע און זיכערסטע ליניע אין לעבן פון אַ יידישן קליינ־מענטשעלע איז — די אַלטע אויסגעפּרוווטע ליניע פון „געבן אין יַד אַריין" די קלענערע און גרעסערע דינער פון צאַר, און ער האָט זיך אַנטשידן אַוועקגעלאָזן אויף דעם דאָזיקן וועג.

צום ערשטן חודש („שלושים") פון די שוואַרצע פּאָגראָם־טעג האָבן די אָרשער אָרגאַניזאַציעס פון „בונד" און ר. ס. ד. אַ. פּ. דורך אַ ספּעציעלן בלעטל גערופן צו אַ פּראָטעסט־שטרייק, כּדי צו באַערן דעם אָנדענק פון די הרוגים בעתן פּאָגראָם. אין שטאָט האָט אָבער נאָך געהערשט אַ שרעק־שטימונג. אַנדערע אָרגאַני־זאַציעס האָבן דעם רוף צום שטרייק נישט אונטערגעהאַלטן. איז דעם דאָזיקן טאָג בלויז פאָרגעקומען אַ גוט איינגעגעבענער מי־טינג פון „בונד" און ר. ס. ד. אַ. פּ.. אויך האָבן זיך דעם דאָזיקן טאָג אויפן בית־עולם געזאַמלט גרעסערע גרופּן אַרבעטער פון „בונד" און ר. ס. ד. אַ. פּ. — אָפּצוגעבן כּבוד דעם אָנדענק פון די געפאַלענע קעמפער.

איך האָב אָרשע באַזוכט אין איניקע חדשים נאָכן פּאָ־גראָם. אונזער אָרגאַניזאַציע האָט שוין פולשטענדיק נאָרמאַל גע־אַרבעט. די חברים האָבן זיך לעבעדיק אינטערעסירט מיט אַלע פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעל־פּאַרטייישע פראַגן פון יענער צייט, אָבער דאָך האָט זיך נאָך שטאַרק געפילט אין אָרשע דער רושם פון דעם בלוטיקן פּאָגראָם, וואָס האָט אָפּגעקאָסט 31 הרוגים. די חברים האָבן מיר געוויזן אַן אַלבאָם מיט שוידערהאַפטע פאָטאָ־גראַפיעס פון די אומגעקומענע אין פּאָגראָם. 31 הרוגים אין דעם קליינעם שטעטעלע אָרשע!

* * *

דובראָוונע איז געווען אַן אינטערעסאַנט שטעטעלע, אינ־טערעסאַנט און באַרימט דורך איר טעקסטיל־פאַבריק, וואָס האָט געוועבט — טליתים. די פאַבריק איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן דורך י. ק. אַ. דאָרט האָבן געאַרבעט 400 אַרבעטער.

אויך דאָרטן, אין דובראָװנע, האָב איך נאָך געטראָפן טיפע װונדן פון אָרשער פּאָגראָם, בעת װעלכן ס׳זענען אומגעקומען 16 חברים פון דובראָװנע (איך געדענק נישט אויף זיכער — מיר דוכט זיך, אַז זיי זענען געװען פון דובראָװנער זעלבסטשוץ).

אויך אין דובראָװנע האָב איך שוין געטראָפן די אַרבעט איינגעשטעלט. חוץ דער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, איז דאָרט געװען אַ בונדישער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין מיט אַ 200 מיטגלידער, ד״ה אַ העלפט פון אַלע אַרבעטער פון דובראָװנער טעקסטיל־פאַבריק.

45

מאָהילעוו און ראַיאָן קלייבן דעלעגאַטן צו דער 7טער קאָנפערענץ פון „בונד". — פון מאָהילעוו קיין וואַרשע.

ס'זענען געווען די ערשטע חדשים פון יאָר 1906. די כוואַליעס פון דער רעוואָלוציע זענען באַשיינפערלעך אָפּגעפאַלן. דאָס בירגערטום האָט נאָר וואָס פאַרענדיקט די וואַל־קאַמפּאַניע צו דער ערשטער גאָסודאַרסטווענער דומע און רויִק געוואַרט אויפן טאָג, ווען דער ערשטער רוסישער פּאַרלאַמענט — די גאָסוד. דומע — וועט זיך צוזאַמענקומען. די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען (וואָס האָבן כמעט אַלע באָיקאָטירט די וואַלן), האָבן אויסגענוצט די פּויזע, וואָס איז איינגעטרעטן, אויף אָפּצושאַצן דאָס געשעענע בשעת די גרויסע שטורעמס פון ברויזנדיקן און בלוטיקן יאָר 1905 און אויך אָנצומערקן די ווייטערדיקע ליניע פון אַרבעט און קאַמף.

אין דער אַלגעמיינער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער און ספּעציעל אין דער בונדישער אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך צו יענער צייט אָנגעקליבן אַ שפּאָר ביסל וויכטיקע פראַגן, וואָס האָבן געפאָדערט אַן ענטפער. אויפן ערשטן אָרט זענען געשטאַנען די פראַגן וועגן דער באַציִונג צו דער גאָסודאַרסטווענער דומע, וואָס האָט זיך באַדאַרפט צוזאַמענקומען אין אַפּריל; וועגן בוי פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, וואָס האָבן דאַן געשטעלט די ערשטע טריט, וועגן באַציִונג צום אַנאַרכיזם, וואָס האָט זיך דאַן שטאַרק געלאָזט פילן דערהויפּט אין ביאַליסטאָק און טיילווייז אין וואַר־

שע. חוץ דעם זענען פאַרן „בונד" געשטאַנען נאָך צווײ ערשט־קלאַסיקע פראַגן, וואָס זענען הײס דעבאַטירט געוואָרן אין די בונדישע אָרגאַניזאַציעס: וועגן פאַרײניקן זיך מיט דער רוסלענ־דער סאָצ. דעמ. אַרב. פאַרטײ און וועגן איבערבויען די בונדישע אָרגאַניזאַציע אויף דעמאָקראַטישע יסודות.

די אַלע פראַגן און נאָך אַנדערע זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן טאָג־אָרדענונג פון דער 7טער קאָנפערענץ, וועלכע דער צ. ק. פון „בונד" האָט צוזאַמענגערופן ענדע מערץ 1906 אין בערן (שווייץ).

ווי די לײענער דערמאָנען זיך, האָט נאָך צום 6טן צוזאַ־מענפאָר פון „בונד" (אָקטאָבער 1905) וואַלרעכט געהאַט בלויז דער קאָמיטעט (אין גראָדנע, למשל — דרײ פּערזאָן). דאָס מאָל האָט דער צ. ק. באַשלאָסן צו פאַרברײטערן די צאָל וואַל־באַ־רעכטיקטע, און וואַלרעכט איז געגעבן געוואָרן די מיטגלידער פון סכאָדקעס (ראַטן). ס'האָט באַדאַרפט געשען אַזאַ אָקטאָבער־רע־וואָלוציע, אַז דער צ. ק. פון „בונד" זאָל אָן דעם באַשלוס פון אַ צוזאַמענפאָר זיך מעכטיקן אַרויסצוגעבן אַזאַ „ליבעראַלן" וואַל־רעגולאַמין... אָבער דאַן, אין די ערשטע חדשים פון 1906, ווען די פאַרטײ האָט געמוזט ווידער פירן אַן אומלעגאַל לעבן, איז דאָס שוין אויך געווען אַ דרײסטער טריט פאָרויס אויפן וועג צו דעמאָקראַטיזירן די פאַרטײ.

דער מאָהילעווער קאָמיטעט פון „בונד" האָט זיך באַצײטנס אָנגעהויבן גרײטן צו דער 7טער קאָנפערענץ. מיר האָבן גערופן אַ קאָנפערענץ פון אונזער ראַיאָן מיטן ציל צו באַהאַנדלען די טאָג־אָרדענונג פון דער 7טער קאָנפערענץ פון „בונד" און צו קלויבן דעלעגאַטן.

אונזער מאָהילעווער קאָנפערענץ איז באַשטאַנען פון אַ 20 חברים פון די אַקטיווסטע טוער אין מאָהילעוו און פון דעלעגאַטן פון ראַיאָן (אָרשע, שקלאָוו, ביכאָוו, גאָרקי, דובראָוונע א"אַ). די דיסקוסיע איז געפירט געוואָרן געמײנזאַם, אָבער בעת די וואַלן איז די קאָנפערענץ געטײלט געוואָרן אין צווײ „קוריעס": אײנע פון די טוער פון דער „הויפּטשטאָט" מאָהילעוו, די צווײטע — פון

די דעלעגאַטן פֿון דער פּראָווינץ, פֿון מאָהילעווער ראַיאָן. יעדע קוריע האָט געקליבן צו 1 דעלעגאַט.

איך דערמאָן מיך דעם קאַמף אַרום די מאַנדאַטן. ריכטיקער — אַרום אַ מאַנדאַט, אַרום דעם מאַנדאַט פֿון דעם ר אַ י אָ ן. דעם מאַנדאַט פֿון מאָהילעוו־שטאָט (אין דער דאָזיקער קוריע האָב איך מיין קאַנדידאַטור אַראָפּגענומען) האָט אָן שום קעגן־קאַנדידאַטורן באַקומען דער מיטגליד פֿון קאָמיטעט, ח׳ מאַטוויי.

אין דער וואַל־קוריע מאָהילעוו־ראַיאָן איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן מיין קאַנדידאַטור, מיט וועלכער ס׳האָט קאָנקורירט דער דעלעגאַט פֿון ביכאָוו, אַ שטעטעלע מיט אַ קליינער אַרבעטער־באַפֿעלקערונג, וואָס האָט, אַגב, אַ געוויסע צייט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין אונזער באַוועגונג, ווייל דאָרטן אין ביכאָוו פֿלעגן מיר דרוקן אומלעגאַלע אויפֿרופֿן אין אַ לעגאַלער דרוקעריי. דער שטענדיקער פֿאַרמיטלער צווישן אונז און דער דרוקעריי איז געווען טאַקע דער דעלעגאַט פֿון ביכאָוו, אַ אינטעליגענטער יונגער לערער. האָט ער, געדענק איך, אויף דער קאָנפֿערענץ העלדיש געקעמפֿט פֿאַר דעם „פּרינציפּ״, אַז פֿון ראַיאָן זאָל פֿאָרן דווקא אַזאַ חבר, וואָס וווינט אומבאַדינגט אויף דער פּראָווינץ, ווייל נאָר אַזעלכער וועט קענען אויף דער פּאַרטיי־קאָנפֿערענץ „פֿאַרטיידיקן די אינטערעסן פֿון די קליינע שטעטלעך״, פֿון ראַיאָן. מ׳האָט אים אָנגעוויזן, אַז אויף דער פּאַרטיי־קאָנפֿערענץ שטייען גרויסע אַלגעמיינע פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿראַגן, אַז די פֿראַגן פֿון ראַיאָן פֿאַרנעמען אין טאָג־אָרדענונג פֿון דער קאָנפֿערענץ אַ נישטיקן אָרט. ס׳האָט נישט געהאָלפֿן, דער ביכאָווער חבר איז געשטאַנען אייזן־פֿעסט ביי זיין טעאָריע. ער האָט אויך געפֿונען אַ פּאָר אָנהענגער צווישן זיינע קאָלעגן פֿון ראַיאָן. איך געדענק שוין איצט נישט די איינצלהייטן פֿון דער אָפּשטימונג, איך דערמאָן זיך נאָר, אַז דער רעזולטאַט פֿון די וואַלן איז נישט געווען קיין פֿולשטענדיק קלאָרער, און דער ענין איז איבערגעשיקט געוואָרן צום צ. ק. צו דעצידירן, וועמען ס׳קומט דער מאַנדאַט. ס׳איז שוין אָבער געווען צו שפּעט, האַרט פֿאַר דער 7־טער קאָנפֿערענץ, און מאָהילעווער ראַיאָן איז פֿאַרבליבן אָן אַ דעלעגאַט.

* *
*

דאָס לעבן אין דעם פאַרשלאָפענעם מאָהילעוו האָט מיך בשום אופן נישט געקענט באַפרידיקן. איך האָב זיך געריסן אין אַ גרויסער שטאָט, און דער צ. ק. האָט סיסטעמאַטיש אָפּגעזאָגט צו באַפרידיקן מיין ביטע. ענדלעך, נאָך דער 7־טער קאָנפערענץ, האָב איך באַקומען אַ דערלויבעניש פון צ. ק. צו פאַרלאָזן מאָהילעוו.

ווי נאָר דער ח׳ מאַטוויי איז צוריקגעקומען פון בערן און האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון דער 7־טער קאָנפערענץ, בין איך אַוועק קיין מינסק, וווּהין ס׳האָט זיך ווידער איבערגעטראָגן דער צ. ק. איך געדענק, אַז צווישן די אַרטיקע בונדישע טוער האָב איך דאָן אין מינסק געטראָפן דעווינישסקין — אַ. ווייטער, וואָס איז אַזוי טראַגיש אומגעקומען אין ווילנע, אין אַפּריל 1919.

אין זכרון איז מיר אויך פאַרבליבן, אַז גראָד אין דעם טאָג פון מיין דורכרייזן דורך מינסק, איז די שטאָט געווען באַפּוצט מיט צאַרישע פלאַגן, אין די קלויסטער האָבן די גלאָקן געקלונגען. ס׳איז געווען אַ יום־טוב — דער 27 אַפּריל 1906, דער טאָג ווען אין פּעטערבורג איז געעפנט געוואָרן די ערשטע גאָסודאַרסטווענע דומע, די „דומע פון פאָלקסצאָרן”. אין פּעטערבורג איז אין די גאַסן געווען לעבעדיק, ס׳האָט געהערשט אַ דערהויבענע שטימונג. די דעפּוטאַטן האָט מען באַגריסט מיט אויסרופן: „אַ פולשטענדיקע אַמנעסטיע פאַר אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע!”

אין מינסק אָבער איז געווען שטיל, און ווען נישט די פלאַגן און די קלויסטער־גלאָקן, ווען נישט די פאַרשטאַרקטע פּאָליצײ־פּאַטרולן אויף די גאַסן, וואָלט מען אַפילו נישט געוווּסט, אַז דער טאָג איז אַ היסטאָרישער.

* *
*

מיר איז געראָטן: דער צ. ק. האָט מיר געגעבן אַ נאָמינאַציע אין דער שטאָט, אין וועלכער כ׳האָב זיך שוין לאַנג געבעטן — אין וואַרשע.

45

וואַרשע. — דער קאָמיטעט. — די בירזשעס. — ח׳ „מיכאַיל״ (ביניש מיכאַלעוויטש).

ס׳איז געווען אַ גוואַלדיקער קאָנטראַסט צווישן דעם שטילן, גרויען מאָהילעוו, וועלכן איך האָב נאָר וואָס פאַרלאָזן לויטן אויפטראַג פון צ. ק., און דעם פילפאַרביקן, קאָכעדיקן וואַרשע, אין וועלכן איך בין אַריינגעפאַלן דאַן — אין פרילינג 1906.

נישט געקוקט אויף זייער אומלעגאַלקייט, האָבן דאָך די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס אין וואַרשע (פּ. פּ. ס., „בונד״ און ס. ד. ק. פּ. ל.) געשפּילט דאַן אַן אומגעהייער וויכטיקע ראָל און נישט נאָר בלויז אויף דער אַרבעטער־גאַס.

גרויס און שטאַרק איז געווען אונזער בונדישע אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן נישט געהאַט קיין איין לאָקאַל, ווייל נישט נאָר די פּאַרטיי, נאָר אַפילו די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען זענען געווען אומלעגאַל. מיר האָבן נישט געהאַט קיין שום אָנשפּאַר אין אַ וועלכער נישט איז לעגאַלער אינסטיטוציע, און דאָך האָבן זיך אַרום דער וואַרשעווער בונדישער אָרגאַניזאַציע גרופּירט טויזנטער, טויזנטער אַרבעטער. דער טרעף־פּונקט איז געווען אונטערן פרייען הימל, פּשוט אין גאַס — אויף די אַזוי גערופענע „בירזשעס״. ריזיקע מאַסן פלעגן אַרויסקומען אויף די בונדישע בירזשעס, וואָס האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף דער דזשיקע און אירע קווער־גאַסן, ווי מילע, ניזקע, סטאַווקי א״אַ. פּאָליציי האָט געיאָגט פון די בירזשעס, אַמאָל שוואַכער, אַמאָל שטאַרקער, צו מאָל אַפילו געשאָסן, אָבער ס׳האָט נישט געהאָלפן. אָט צעלויפט

זיך דער עולם אין די טויערן, באַהאַלט זיך אויס אין די הויפן און אָט שפּאַצירט מען שוין ווידער, מ׳שמועסט, מ׳טיילט פונאַנ־דער בראָשורן, פּראָקלאַמאַציעס אד״גל.

איך האָב דאַן געטראָפן אין אונזער וואַרשעווער אָרגאַני־זאַציע אַן ערשטקלאַסיקן „אַנסאַמבל״. אין דער שפּיץ פון דער אָרגאַניזאַציע איז געשטאַנען ביינגיש מיכאַלעוויטש, וועלכן מ׳האָט אין יענער צייט אין וואַרשע גערופן „מיכאַיל״, דאַן — צביה, איינע פון אונזערע בעסטע טוערינס, וואָס האָט יאָרן לאַנג גע־אַרבעט אין אַ גאַנצער ריי בונדישע אָרגאַניזאַציעס. דער פּאָפּו־לערער טוער „לייבעטשקע סטאָליער״ (בערמאַן), ווייטער — דער יונגער סלאַוועק (בראָניסלאַוו גראָסער), וואָס האָט שוין דאַן גע־שפּילט אין דער אָרגאַניזאַציע אַ וויכטיקע ראָל — באַזונדער ביי דער אינטעליגענץ. „כאַצקעל״ (גורעוויטש) — דער קאַסירער פון קאָמיטעט, און — דאַכט מיר — דער אָפיציעלער פאָרשטייער פון קאָמיטעט, „באָריס״ (שלמה סמאָליאַר) אַ קאַפּעליוש־מאַכער פון בערדיטשעוו, מיט וועלכן איך בין געווען גוט באַפריינדעט טאַקע פון די צייטן פון מיין אַרבעט אין בערדיטשעוו, ווייטער גע־דענק איך סאַלאָמעאַ (ריינדאָרף — איצט אין בריסעל), אַ חבר „וולאַדימיר״, אַ חבר „דוד גאַרבער״ און נאָך און נאָך. בכלל זענען דאַן אַנגאַזשירט געווען אין דער בונדישער אַרבעט בערך אַ 15—20 „פּראָפעסיאָנאַלן״ (פונקציאָנאַרן), וואָס האָבן אַ חוץ דער פּאָליטישער אַרבעט אָנגעפירט אויך מיט דער עקאָנאָמישער באַוועגונג — מיט די אומלעגאַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און מיט זייער קאַמף.

דער פירער פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע „חבר מי־כאַיל״ (ביינגיש מיכאַלעוויטש) פון יענע צייטן שטייט מיר נאָך פאַר די אויגן ווי ער האָט דאַן אויסגעזען: אַ מענטש פון מי־טעלן וווקס מיט אַ בלאָנד בערדל, מיט ליכטיקע קורצזיכטיקע אויגן, וואָס האָבן שטענדיק פאַרטראַכטע אַרויסגעקוקט פון אונ־טער אַ פאַרגאָלדנטער פּענסנע. געוואָרפן האָט זיך מיר — געדענק איך גוט — אין די אויגן, וואָס „מיכאַיל״, דער פירער פון דער גרעסטער בונדישער אָרגאַניזאַציע, טראָגט אַזאַ... נישט קאָנספּי־

ראַטיוון הוט – אַ וו ײ ס ן שטרויענעם זומער־הוט, וואָס יעדער שפּיאָן קאָן דערזען פֿאַר אַ מײַל פֿון דער ווײַטנס.

מיכאַלעוויטש האָט געוווינט אויף גזשיבאָווסקע 13, אין אַ זייער באַשיידן מעבלירט דירהלע. הגם קיין פֿאָרמעלע זיצונגען זענען אין דער דאָזיקער דירה נישט באַשטימט געוואָרן, דאָך האָט מען דאָרט שטענדיק געקאָנט טרעפֿן חברים, דער אַריין, דער אַרויס, וואָס זענען געקומען זיך דורכשמועסן, באַראַטן זיך מיט מיכאַילן.

איך מוז מיך מודה־זײַן, אַז אויך די דאָזיקע „אָפּענע טירן" האָבן מיך שטאַרק געוווּנדערט: צו אַ פֿירער פֿון דער אָרגאַניזאַציע זאָלן גיין אַזוי פֿיל מענטשן – דאָס איז דאָך הימלשרײַענד, דאָס שטייט דאָך אין ווידערשפּרוך צו די אײַנפֿאַכסטע כּללים פֿון קאָנספּיראַציע! אָבער חבר מיכאַיל האָט אַנדערש נישט געקאָנט לעבן. ער האָט געמוזט שטענדיק האָבן אַרום זיך בונדישע געזעלשאַפֿט, ער האָט כּסדר געהאַט צו דערלײדיקן טויזנטער ענינים, האָט ער באַשטימט טרעפֿענישן פּשוט בײַ זיך אין וווינונג, וואָס איז אַגב נישט זעלטן געווען באַוואַכט פֿון שפּיאָנען.

איך האָב געדונגען אַ צימערל אויף לעשנאָ 50 (היינט, דאַכט זיך נומ. 56). דאָס צימער האָב איך איבערגענומען בײַ אַ חבר מיטן נאָמען שלום – צוזאַמען מיט אַ טײַערער ירושה – אַ ביוראָ־טישל מיט אַ קאָנספּיראַטיווער אײַנריכטונג, אַזוי אַז אין די ווענטלעך פֿון ביורקע האָט מען געקאָנט האַלטן ליטעראַטור, מאַנוסקריפּטן, שטעמפּלען אד"גל. דאָס טישל איז געווען דאָס אייגנטום פֿון צ. ק., און ווען „רחמיאל" (ווײַנשטיין) האָט זיך שפּעטער מיט עטלעכע חדשים באַזעצט אין וואַרשע און האָט אַ פֿאָדער געטון דאָס טישל, האָב איך געמוזט זיך שיידן מיט מײַן טײַערער צײַטווײַליקער מתּנה און עס אָפּשיקן צו אים, צום פֿאַרשטייער פֿון צ. ק.

אָבער גוט איז געווען צו האָבן בײַ זיך אַזאַ כּלי אַפֿילו געציילטע וואָכן. איך געדענק נאָך איצט, ווי רויִק איך פֿלעג דאָן זײַן אַפֿילו בעת אַ נאַכט־קלונג, בעת אַן אומגעוווּנטשענעם וויזיט פֿון אַ „רעווירנאָווי".

אין גיכן האָב איך באַקומען צוגעטיילט אַרבעט אין אָרגאַ־ניזאַציע. קודם־כּל די אָנפירונג מיט דער סכאָדקע (ראַט), וואָס האָט אַרומגענומען דריי פאַכן: דרוקער, איינבינדער און שאַכטל־מאַכער — מיט זייער בירזשע אויף דער מילע גאַס, און דאַן—די „טעכניק": סקלאַד פון אומלעגאַלער ליטעראַטור און באַציִונגען מיט לעגאַלע דרוקערייען. צו אָט דער לעצטער וויכטיקער פונק־ציע — באַציִונגען מיט לעגאַלע דרוקערייען, ווו מיר האָבן גע־דרוקט אומלעגאַלע צייטשריפטן און אויפרופן — האָט מיר דער קאָמיטעט געגעבן צו הילף אַ חברהמאַן איטשקע דרוקער—איטש־קע קאַפּטאַל, וואָס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן אַלס אַ מיאוסער פּראָוואָקאַטאָר...

47

דער פּראָוואָקאַטאָר „איטשקע דרוקער" (קאַפּיטאַל). — די דיסקוסיע אויף נאַוואַליפּקי 31 און דער דורכפאַל. — דער אַרעסט אויף באָניפראַטן גאַס 3.

„איטשקע דרוקער" איז אין יענער צייט — זומער 1906 — געווען אַ ייִנגערמאַן פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר, געקליידט צום אָנהויב חסידיש, שפּעטער אַביסל — מעשה „דייטש" — אין אַ ווייך קאַפּעלושל. ער האָט געטראָגן ברילן, פון אונטער וועלכע איין אויג האָט אַרויסגעקוקט כמעט אין גאַנצן ווי אַ טויטס. ער האָט געוווינט איינער אַליין אין אַ צימער אויף דזשיקע 11 אָדער 13 אין פראָנט אויפן דריטן שטאָק. נישט איין מאָל בין איך אין ענינים פון אָרגאַניזאַציע געווען ביי איטשקען, אָבער נאָך אָפטער פלעגט ער קומען צו מיר אין מיין צימער אויף לעשנאָ. איך בין מיט איטשקען געשטאַנען אין אַזאַ ענגן קאָנטאַקט, ווייל דורך אים פלעגט דער קאָמיטעט באַקומען מעגלעכקייטן צו דרוקן אומלעגאַלע זאַכן אין לעגאַלע דרוקערייען, פאַרשטייט זיך פאַר גוט געלט.

איין מאָל, בעת איינעם פון מיינע באַזוכן, האָב איך ביי איטשקען אין צימער געטראָפן שטיין עפּעס אַ גרעסערן קאַמאָד. דער דאָזיקער קאָמאָד איז געווען אַ רעשטל פון דער ליקווידירטער געהיימער דרוקעריי פון צ. ק. פון „בונד".

איטשקע דרוקער איז געווען זייער ווייניק אַנטוויקלט. ער פלעגט זעלטן נעמען אַ וואָרט אויף אַ זיצונג פון דער „סכאָדקע" (העכער פון אַ „סכאָדקע" איז ער, פאַרשטייט זיך, קיין מאָל נישט

געגאַנגען), אפילו ביים באַהאַנדלען ריין עקאָנאָמישע, ריין פּראַק־
טישע פּראַגן, און אַזעלכע זענען דאַן געווען אין אַ גרויסער צאָל,
ווייל דער זומער פון 1906 איז געווען אַ צייט פון אומויפהער־
לעכע עקאָנאָמישע שטרייקן. זיינע ספּעציעלע שליחותן פלעגט ער
אויספירן גיך, פּינקטלעך. ער פלעגט שאַפן דרוקערייען פון אונ־
טער דער ערד, און גראַד אַנגעזעענע, אין צענטער פון יידישן
וואַרשע. אָבער וואָס אַ מאָל פלעגן זיי קאָסטן אַלץ טייערער און
טייערער. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז איטשקע לעקט אָפּ
אַ ביינדל פון אונזערע באַשטעלונגען אין די דרוקערייען, אָבער
ס'איז מיר קיין מאָל נישט געקומען אויפן געדאַנק, אַז איטשקע
שטייט אין דינסט פון דער אָכראַנע.

איטשקע דרוקער איז נישט נאָר געווען אַ פּראָוואָקאַטאָר,
נאָר אַ מיאוסער, אַ בייזווייליקער פּראָוואָקאַטאָר. ער פלעגט נישט
נאָר אַרויסגעבן מענטשן, נאָר ער פלעגט זיך באַמיען, אַז די
מענטשן זאָלן אַריינפאַלן מיט אַ באַווייז־דאָקומענט, למשל, מיט אַ
מאַנוסקריפּט פון אַ פּראָקלאַמאַציע, פון אַן אַרטיקל פאַר אַן אומ־
לעגאַלער צייטונג. אַזעלכע מעשיות זענען געשען מיט מיכאַלע־
וויטשן, מיט ליטוואַקן, וועלכער האָט אויך זיך שפּעטער באַזעצט
אין וואַרשע.

טאַקע נאָך דעם אַרעסט פון א. ליטוואַקן אין הערבסט 1906
איז קלאָר געוואָרן די פּראָוואָקאַטאָרישע ראָל פון איטשקע דרו־
קער. דער וואַרשעווער קאָמיטעט האָט איטשקען אַרויסגעשיקט
קיין אויסלאַנד. איטשקע איז אַ געוויסע צייט געווען אין בערלין.
איטשקע האָט געלייקנט זיין דינסט אין דער אָכראַנע, אָבער דאָס
איז פעסטגעשטעלט געוואָרן נישט נאָר אויפן גרונט פון אַרעסטן
פון חברים, וואָס זענען געשטאַנען מיט אים אין קאָנטאַקט צוליב
דער „לעגאַלער טעכניק”, נאָר אויך אויפן גרונט פון אַ דאָ־
קומענט, אין וועלכן דער רוסישער קאָנסול אין בערלין האָט
איטשקען רעקאָמענדירט דער בערלינער יידישער קהילה אַלס אַ
רוסישן באַאַמטן.

אין יענער צייט האָט אין וואַרשע „געאַרבעט” נאָך אַ
פּראָוואָקאַטאָר (געשטאַמט פון לאָדזש) מיטן נאָמען נ אַ כ ט י ג אַ ל.

איך האָב אים פערזענלעך נישט געקענט, יעדנפאַלס געדענק איך אים נישט. עפּעס אַ צופאַל האָט מיך אַרויסגעראַטעוועט פון אַן אַרעסט, וואָס איז פאָרגעקומען לויט נאַכטיגאַלס מסירה, בעת וועלכן ס'איז דורכגעפאַלן דער „חבר מיכאַיִל" (ביניש מיכאַלעוויטש) מיט אַ קנאַפּע צוויי צענדליק חברים.

איך געדענק נאָך גאַנץ גוט די דיסקוסיעס, וואָס פלעגן פאָרקומען יעדן פרייטיק בייטאָג אין דער דירה פון יעקב טעפליצקי (אַן אָנגעשטעלטער אין דער עקספּעדיציע-געזעלשאַפט „נאַדיעזשדאַ") אויף נאָוואָליפּקי 31. אין דער דיסקוסיע פלעגט זיך באַטייליקן מיין גאַנצע סכאָדקע און אַנדערע, צווישן זיי די סכאָדקע פון האַנדלס-אָנגעשטעלטע, צו וועלכער עס האָט געהערט אויך דער שפּעטער אַזוי פּאָפּולער געוואָרענער ראַטמאַן פון לאָדזשער שטאָטראַט, דער פאַרשטאָרבענער (1933) פריינד מיינער ח' ישראל ליכטענשטיין (זיין פּסעוודאָנים איז דאַן אין וואַרשע געווען „סאַמויִל"). מיט די דיסקוסיעס האָט אָנגעפירט דער פאָרשטייער פון קאָמיטעט — ח' מיכאַיִל.

מיכאַיִל האָט צוליב קאָנספּיראַציע דאַן געוווינט אונטער וואַרשע אין וואָלאָמין, אויב איך האָב קיין טעות נישט, ביי דוד הערמאַן („פאַן" האָט מען דאַן הערמאַנען גערופן), וואָס איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן באַרימט געוואָרן (צוליב דער אויפפירונג פון אַנ-סקיס „דיבוק"), אַלס ערשטקלאַסיקער רעזשיסער פון יידישן טעאַטער. בלויז פון צייט צו צייט פלעגט מיכאַיִל צופאָרן קיין וואַרשע, פאַרשטייט זיך, אויך יעדן פרייטיק אויף די דיסקוסיעס.

ס'איז געווען אַ דאָנערשטיק. איך בין אויך אַרויסגעפאָרן אויף אַ נאַכט קיין וואָלאָמין, ווו איך האָב צוזאַמען מיט אַ פריער דערמאָנטן חבר „וולאַדימיר" אָנגעשריבן אַ בלעטל אין שייכות מיט דער פּאָגראָם-שטימונג, וואָס האָט זיך דאַן געפילט אין וואַרשע. אין דער פרי האָבן מיר דאָס בלעטל איבערגעגעבן מיכאַיִלן, כדי ענדגילטיק צו רעדאַגירן.

מיר זענען געפאָרן אין צוג פון וואָלאָמין קיין וואַרשע, ווי פרעמדע, קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט איינער מיטן צווייטן. מיר זענען בשלום אָנגעקומען קיין וואַרשע. בייטאָג האָבן מיר זיך

באַדאַרפֿט טרעפֿן אויף דער דיסקוסיע ביי טעפּליצקין, אָבער איך, ליכטענשטיין און אַ סך אַנדערע האָבן אַ ביסל פֿאַרשפּעטיקט און סון וועג האָבן אונז אומגעקערט חברים, וועלכע זענען געווען אויסגעשטעלט אויף דער גאַנצער נאָוואָליפּקי, און האָבן געוואָרנט, מען זאָל נישט גיין אויף נאָוואָליפּקי 31, ווייל דאָרט קומט פֿאָר אַ רעוויזיע. מיר זענען אַזוי אַרום ניצול געוואָרן פֿון אַן אַרעסט.

די אינטערעסאַנטע איינצלהייטן פֿון דעם דאָזיקן אַרעסט קענען די לעזער געפֿינען אין מיכאַלעוויטשעס זכרונות (דריטער באַנד).

* * *

עס איז שוין געווען אַ מין טראַדיציע אויסצונוצן דעם תשעה באב פֿאַרמיטאָג אויף איינצוואָרדנען מאַסן־פֿאַרזאַמלונגען. אין בער־דיטשעוו (ווי איך האָב דערציילט) האָבן מיר תשעה באב אָרגאַ־ניזירט אַ פֿאַרזאַמלונג אין אַ ווייטער אַלעע פֿון בית־עולם, אין וואַרשע האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ פֿאַרזאַמלונג אין אַ שאַכטלען־פֿאַבריק אויף באַניפּראַטן־גאַס נומ. 3.

צוליבן תענית תשעה באב איז די פֿאַבריק נישט געווען טעטיק. איך געדענק שוין נישט, אויף וועלכן אופֿן מיר האָבן באַקומען די שליסלען פֿון פֿאַבריק. אַ פֿאַקט, אַז מיר האָבן דאָרט אָרגאַניזירט אַ פֿאַרזאַמלונג און אַז די פֿאַרזאַמלונג איז דורכגע־פֿאַלן מיטן קנאַק. דאָס איז געווען אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון „מיינע" פֿאַכן.

צו דער דאָזיקער פֿאַרזאַמלונג האָבן מיר צוגעגרייט אַ גע־דרוקטן קאַסע־באַריכט פֿון אומלעגאַלן פֿראַפֿ. פֿאַריין פֿון דרוקער, איינבינדער און שאַכטל־מאַכער. פֿאַרשטייט זיך, אַז דעם קאַסע־באַריכט האָט ערגעץ אין אַ לעגאַלער דרוקעריי אָפּגעדרוקט איטשע דרוקער.

אין דער פֿרי האָט זיך דער עולם אונזערער אָנגעהויבן קלייבן אויף אונזער „בירזשע" — מילע גאַס, און פֿון דאָרט האָט מען די חברים, איינציקווייז אָדער פֿאַרלעכווייז, געשיקט אויף דער באַניפּראַטן־גאַס. אויף דער בירזשע האָט אויך נישט געפֿעלט

איטשע דרוקער מיט זיינע געדרוקטע קאַסע־באַריכטן, און אויך ער האָט עקספּידירט די חברים אויפֿן אָרט פֿון דער פֿאַרזאַמלונג, אויף וועלכער ס׳זענען באַשטימט געווען צוויי רעדנער פֿון קאָמי־טעט: איך און „באַריס" (שלמהקע סמאָלאַר).

די פֿאַבריק האָט זיך געפֿונען אין פֿאַרטער. אין דעם גרעסטן פֿאַבריק־זאַל האָבן מיר איינגעאָרדנט די פֿאַרזאַמלונג, צו וועלכער ס׳זענען געקומען בערך 200 אַרבעטער.

דער ערשטער האָט גערעדט באַריס. ער האָט נאָך נישט באַוויזן אָפּצורעדן אַ 15–20 מינוט, פּלוצים — אין זאַל ווערט טונקל, ווייל הויכע סאָלדאַטן, די „פּאָפּולערע" „וואָלינצעס" פֿון פּושעיאַזד גאַס, וואָס זענען געווען באַרימט אַלס מערדערלעכע שלעגער, האָבן, ווי אַ געדיכטע וואַנט, זיך אויסגעשטעלט אין דער גאַנצער לענג פֿון פֿאַרטער און פֿאַרשטעלט די פֿענצטער.

אין פֿאַבריק איז געוואָרן אַ גערויש, אַ קאָכעניש. נאָך איי־דער פּאָליציי מיט סאָלדאַטן (זיי האָבן זיך משמעות נישט גע־איילט) האָבן באַוויזן אַריינצוגיין אין פֿאַבריק, האָבן פֿלינקע חברים זיך אַרויפֿגעכאַפּט אויף די טרעפּ און פֿון דאָרטן דורך אַ פֿענצטערל אַרויסגעשפּרונגען אויף אַ צווייטן הויף. אַנדערע האָבן אויף גיך אויסגעטון די מאַרינאַרקעס און זיך געשטעלט ביי די מאַשינען — ווער שניידן פּאַפּיר, טעקטור, ווער שמירן, קלעפּן — משמעות — אייגענע, היגע פֿאַבריק־אַרבעטער. אַנדערע זענען גיך אַרונטער הינטער די פּאָליצעס, זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און זיך פֿאַרשטעלט פֿון פֿאָרנט מיט טאָוולען אָדער שאַכטלען. אַ גרויסער טייל אָבער, און צווישן זיי איך מיט באַריסן, זענען גע־בליבן שטיין אין מיטן גרויסן פֿאַבריק־זאַל וואַרטן אויף די „טיי־ערע" געסט. מיר האָבן נאָך באַוויזן אָפּצורעדן צווישן זיך, אַז אין פֿאַבריק זענען מיר געקומען זוכן אַרבעט, ווייל מיר זענען אַר־בעטלאָזע שאַכטל־מאַכער. אויך האָבן מיר באַוויזן אַרויסצווואַרפֿן אַלע טריפֿהנע פּאַפּירלעך, זיי צורייסן, צו פּליקן און צו פֿאַר־שטעקן זיי צווישן דעם פּאַפּיר־אָפּפֿאַל פֿון פֿאַבריק. אַזוי, אַז אין די הענט פֿון פּאָליציי איז אַריינגעפֿאַלן בלויז עטלעכע עקזעמפּ־לאַרן פֿון קאַסע־באַריכט, וואָס האָבן דאַן קיין באַזונדער גרויסן

ווערט — פון זשאַנדאַרמישן שטאַנדפּונקט — נישט געקאָנט האָבן.

מ'האָט אונז אויסגעשטעלט שורותווייז און אונטער דער באַגלייטונג פון די „וואָלינצעס" האָט מען אונז אָפּגעפירט אין דעם נאָענטן „צירקל" (קאָמיסאַריאַט), וועלכער האָט זיך געפונען אויף פּלאַץ מוראַנאָוו.

מיר זענען געווען שרעקלעך מיד, הונגעריק, דורשטיק. מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אויף די שטיינער פון הויף, און אַרום אונז — די שומרים.

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט, און ס'האָבן זיך באַוויזן מאַמעס, שוועסטער, ברידער, כּלות פון די אַרעסטירטע, מען האָט געטראָגן עסן, מ'האָט זיך איבערגעווונקען מיט די אויגן, מ'האָט געגעבן גוטע האָפענונגען.

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט זיך אָנגעהויבן דער ערשטער פאַרהער. אין אַ גרויס צימער פון קאָמיסאַריאַט האָבן זיך אויסגעזעצט ביי די טישן אפשר אַ 10 שטיק רעוויראָווים (פּזשאָדאָוניקעס) און האָבן געשריבן פּראָטאָקאָלן פאַר יעדן אַרעסטירטן באַזונדער. איך ווי באָריס, זענען געווען אין אַ שווערער לאַגע. סיי לויטן אויסערלעכן אויסזען, סיי לויט די פּעסער, סיי לויט אונזער רוסישער שפּראַך, האָבן מיר זיך אויסגעטיילט פון דער מאַסע אַרעסטירטע. אָבער פאַרפאַלן — מ'דאַרף פּרובירן גליק, און אַז ס'איז געקומען צו מיר, און דער רעוויראָווע האָט מיך אַ פרעג געטון, וואָס איז מיין באַשעפטיקונג, האָב איך געענטפערט — אַ שאַכטל־מאַכער. און גאָר נישט. אמת אין מיין פּאַס, וועלכן דער רעוויראָווי האָט געהאַלטן אין די הענט, בין איך בפירוש געווען פאַרשריבן אַלס לערער, אָבער ס'איז אַראָפּ בשלום. און אַז איך בין שוין אַ שאַכטל־מאַכער, איז דאָך שוין קיין וווּנדער נישט, וואָס איך בין אין דער שאַכטל־פאַבריק אויף באָניפראַטן 3 געקומען זוכן אַרבעט. אַן אַרבעטלאָזער שאַכטל־מאַכער — און פאַרטיק. באָריס איז — ווי איך האָב שוין דערציילט — געווען אַ קאָפּעלוש־מאַכער. וואָס האָט ער געטון אויף באָניפראַטן גאַס 3? ער — ער איז אויך אַן אַרבעטלאָזער שאַכטל־מאַכער. און אויך גוט. משמעות, די רעוויראָווים האָבן זיך נישט געוואָלט פאַרטיפן

אין עסק. זיי זענען שוין אויך געווען טויט-מיד פון שרייבן אַזוי פיל פּראָטאָקאָלן.

דערווייל האָבן זיך אין קאָמיסאַריאַט באַוויזן „מאַכערס“. דאָס זענען געווען יידן, וואָס האָבן געהאַט „באַקאַנטשאַפט“ מיטן פּריסטאַוו (קאָמיסאַר), און האָבן פאַר אַ געוויסער מטבע געקאָנט אויסווירקן ביים פּריסטאַוו די באַפרייונג פון די אַרעסטירטע. ס'איז געווען זייער און זייער וויכטיק אַרויסצורייסן די אַרעסטירטע וואָס גיכער און דווקא פון קאָמיסאַריאַט, ווייל ווען די אַרעסטירטע פלעגן איבערגעשיקט ווערן אין „ראַטוש“, און דער ענין פלעגט איבערגיין צו דער אָכראַנע (דעפּענסיווע), איז שוין די זאַך געווען ערנסטער און באַדייטנד שווערער.

ווער פון די קרובים פון אונזערע אַרעסטירטע, האָט געהאַט געלט, האָט טאַקע „געשמירט“ דורך די מאַכערס, און איינציקווייז האָט מען אָנגעהויבן אַרויסלאָזן אַ טייל חברים. מיר האָבן געוואַרט מיט אומגעדולד, וואָס וועט געשען מיט אונז — מיט מיר און באָריסן. אונז איז באַזונדער וויכטיק געווען זיך אַרויסצוכאַפּן פון קאָמיסאַריאַט און נישט אַריינצופאַלן אין „ראַטוש“, ווייל דאָרט וואָלט מען אונז געוויס אויסגעטיילט פון דער מאַסע. אָבער ס'איז אַוועק אַ שעה נאָך אַ שעה, און די באַפרייונג איז נישט געקומען. דערווייל איז געוואָרן שפּעט אין אָוונט. ס'איז צוגעפאָרן אַ טורמע-קאַרעטקע און האָט אַוועקגעפירט אַ גרופּע פון אונזערע אַרעסטירטע, שפּעטער אַ צווייטע. מיר האָבן זיך שוין אָנגעהויבן מיאש זיין אין אונזער באַפרייונג. פּלוצים האָט אַ פּאָליציימענטש אויסגערופן באָריס פאַמיליען-נאָמען און מיינעם. מיר זענען פריי!

מיר האָבן זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן און אַרויס אין גאַס.

אויף מוראַנאָוו, נישט ווייט פון קאָמיסאַריאַט, האָבן אונז אָפּגעוואַרט אייניקע חברים פון אַרעסט אויף באָניפראַטן-גאַס, וואָס זענען שוין פריער באַפרייט געוואָרן. דאָס האָבן זיי אַלאַרמירט דעם „קאָמיטעט“ וועגן אונזער אַרעסט, דאָס האָבן זיי אָפּגעאַרבעט דאָס געשעפט מיט די „מאַכערס“. פאַר 50 רובל האָבן

מיר ביידע צוריק באַקומען אונזער פרייהייט. אמת, נישט אויף לאַנג, אָבער ס'איז דאָך ווערט געווען.

* * *

איטשע דרוקער איז צו דער פאַרזאַמלונג נישט געקומען און, פאַרשטייט זיך, נישט געווען צווישן די אַרעסטירטע. ס'האָט דאַן קיין חשד נישט אַרויסגערופן, ווייל איטשקע איז דאָך פאַרבליבן אויף דער „בירזשע", כדי אָפּצושיקן די פאַרשפּעטיקטע חברים אויף דער פאַרזאַמלונג.

שפּעטער מיט אַ פּאָר חדשים, ווען ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז איטשקע דרוקער (קאַפּטאַל) איז אַ פּראָוואָקאַטאָר, האָבן מיר אויף זיין שוואַרצער קאָנטע אָוועקגעשטעלט אויך דעם גרויסן אַרעסט אויף באָניפראַטן גאַס נומ. 3.

42

„דער גלאָק". — דער „בלוטיקער מיטוואָך". — עקספּראָפּריאַציעס. — אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען אין פאַבריקן.

דאָס איז געווען אין יולי אָדער אָנהויב אויגוסט 1906, ווען מ'איז צוגעטרעטן אַרויסצוגעבן אין וואַרשע אַן אומלעגאַלן אָרגאַן א"נ „דער גלאָק".

די אַרויסגעבער פון „גלאָק" זענען געווען דער וואַרשעווער קאָמיטעט פון „בונד", אויב איך האָב נישט קיין טעות, בשותפות מיטן פוילישן ראַיאָן-קאָמיטעט פון „בונד".

אין ווילנע איז אַרויסגעגאַנגען דער צענטראַל-אָרגאַן פון „בונד" — די „פאָלקסצייטונג", אָבער אַלס לעגאַלע צייטונג האָט זי נישט געהאַט קיין מעגלעכקייטן אָפן און קלאָר אַרומצורעדן אַ גאַנצע ריי פּאָליטישע פראַגן. האָט מען געמוזט די לעגאַלע צייטונג דערגענצן מיט אומלעגאַלער ליטעראַטור.

אין שפּיץ פון דער רעדאַקציע „דער גלאָק" איז געשטאַנען דער פאַרשטאָרבענער חבר א. ליטוואַק. אין רעדאַקציע-קאָלעגיום זענען אַריינגעגאַנגען אַ צוויי דריי אַקטיווע טוער פון דער באַוועגונג, צווישן זיי — דוכט זיך מיר—ח' וולאַדעק (ברוך טשאַרני, דער „יינגער לאַסאַל"), וועלכער האָט שפּעטער עמיגרירט קיין אַמעריקע און איז דאָרט פּאָפּולער אין דער אַרבעטער-באַוועגונג, אַלס ב. וולאַדעק). מיר איז אָנפאַרטרויט געוואָרן די טעכנישע זייט פון אַרויסגעבן „דעם גלאָק". מיר איז אויסגעקומען צו קאָ-

רעגירן איין נומער, מעגלעך — צווײ, דערנאָך בין איך אַרעס־טירט געוואָרן.

„דעם גלאָק" האָט מען געזעצט אין אַ לעגאַלער דרוקערײ, פאַרשטייט זיך, פאַר גוט געלט (די אומלעגאַלע דרוקערײ פון „בונד" אין וואַרשע איז שוין דאַן געווען ליקווידירט). אין דער דאָזיקער דרוקערײ האָט מיך אַריינגעפירט איטשע קאָפּטאַל (איטשע זידוקער), דער פּראָוואָקאַטאָר, וועגן וועלכן איך האָב שוין גע־שריבן.

די דרוקערײ האָט זיך געפונען אויף די נאַלעווקעס. דאָרט האָט מען געזעצט און מאַטריצירט אַ טעגלעכע בירגערלעכע צײ־טונג, דוכט זיך, יאַצקאַנס אַ באַשעפעניש. אויב איך האָב נישט קיין טעות, איז דאָס געווען זיין ערשטע טעגלעכע צייטונג, די איין־קאָפּיקענע צייטונג „אידישעס טאָגבלאַט".

איך מיט איטשקען זענען אַריין אין דרוקערײ נאָך פאַרן שליסן דאָס טויער, כּדי דער וועכטער זאָל אונז נישט באַמערקן.

ביי די „קאַסעס" זענען געשטאַנען העכער אַ מנין יידן מיט בערד און פּאות, אין יאַרמולקעס און האָבן פלינק געזעצט פון „קאָפּיעס" (מאַנוסקריפּט).

איך האָב מיט פאַרווונדערונג געקוקט אויף די יידן און געטראַכט:

— שוין זשע וועלן אָט די אַלטע יידן זעצן רעוואָלוציאָנערע אַרטיקלען פאַרן בונדישן „גלאָק"!

די יידן פון זייער זייט האָבן אויף מיר געכאַפּט אַ קוק, און ווידער געשמאַק געזעצט.

מ'האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ קליין זייטיק צימערל, וווּ אויף דער פּאָדלאָגע איז געווען אָנגעוואָרפן גאַנצע הויפנס פּאַפּיר־אָפּפאַל, לרוב — שמאָלינקע פּאַפּיר־פּאַסן. דאָ, הייסט עס, קען איך זיך דערווייל „אויסשלאָפן" אויף די פּאַפּיר־פּאַסן — ביז מ'וועט פאַרטיק ווערן מיטן אויסזעצן די לעגאַלע צייטונג.

אין צימערל איז געווען הייס, דומפּיק, שטויביק און שמוּ־ציק. שלאָפן האָב איך נישט געקאָנט. דורכן אָפענעם פענצטער האָט זיך אָן אויפהער געהערט דער טרויער־ניגון פון פּאָפּולערן

ליד: „אָ, מוזע, רוף מיך נישט מיט דײַנע צויבער־קלאַנגען". דאָס האָט אין דעם גרויסן הויף ערגעץ אַן אַרבעטער זיך צוגעזונגען צו זײַן נאַכט־אַרבעט.

פּלוצים אַ שטאַרקער און לאַנגער קלונג אין טויער־גלאָק.

— פּאָליציי! האָב איך אַ טראַכט געטון. גאָר קיין שכל נישט, וואָס איך „ליג אין קימפּעט" אין דעם צימערל. אין דער זעצעריי וואָלט איך נאָך אפשר געקענט אָנגיין פֿאַר איינעם פֿון די זעצער אָדער פֿון דער אַדמיניסטראַציע. אָבער וואָס טו איך דען דאָ, אין דעם דאָזיקן צימערל, שפּעט בײַ נאַכט?

ס'איז טאַקע געווען אַ פּאָליציאַנט, גלאַט אַזוי זיך אַ גאַסט. געקומען אַ קוק טון אין דרוקערײַ. געזען די ייִדן מיט די בערד, יאַרמולקעס בײַ דער אַרבעט — און אַוועק.

שפּעט בײַ נאַכט האָט מען ענדלעך אָנגעהויבן זעצן אונזער „גלאָק". איך בין אַרויס פֿון מײַן באַהעלטעניש און זיך גענומען צו דער קאָרעקטור. נישט איין מאָל האָט מיך די אָדער יענע יאַרמולקע צוגערופֿן און געבעטן איבערלייענען אַ האַרב סאָציאַליסטיש וואָרט, ווײַל אויף דער דאָזיקער עברי זענען זיי, נעבעך, געווען שטומפּיק.

פֿאַרטאָגס איז מען פֿאַרטיק געוואָרן מיטן זאַץ. גלײַך האָט מען געמאַכט מאַטריצן, אָפּגעגאָסן פּלאַטן פֿון בלײַ. פֿאַרטיק. אָבער בלויז מיטן זאַץ. איטשקע האָט געבראַכט אַ דראָזשקע, די פּלאַטן האָט מען אַרויסגעטראָגן אויף דער דראָזשקע און פֿראַנק און פֿרײַ מיט זיי (אפילו נישט אײַנגעפּאַקטע — מעשה לעגאַלע סחורה) — אַוועקגעפֿאָרן אין אַ גרויסער פּוילישער דרוקערײַ, וועלכע איטשקע האָט שוין געהאַט פֿון פֿריער באַשטעלט.

אין איניקע שעה אַרום איז די צײַטונג געווען פֿאַרטיק, און שבת איז זי מאַסנווײַז געטיילט געוואָרן אויף דער „בירזשע".

מיר האָט דאָס מאָל אָפּגעגליקט מיט איטשקען. בײַם נאָענטסטן נומער „גלאָק" איז חבר ליטוואַק דורכגעפֿאַלן. דער דורכפֿאַל זײַנער איז געווען איינע פֿון איטשקעס שטיקלעך „אַרבעט".

* * *

דעם זעלבן זומער איז מיר אויסגעקומען צו קאָרעגירן אין אַ לעגאַלער דרוקערײַ אַ בלעטל פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון „בונד". דעם אינהאַלט פון בלעטל געדענק איך נישט, איך געדענק אָבער גוט דעם טאָג, ווען איך האָב מיך מיטן בלעטל מתעסק געווען: דאָס איז געווען דער באַרימטער „בלוטיקער מיטוואָך" 1906. די באַיוווקעס פון פּ. פּ. ס. האָבן אין דעם דאָזיקן טאָג דערשאָסן צענדליקער פּאָליציי־לייט און סאָלדאַטן, אונטערגעצונדן אין פאַרשידענע פונקטן פון שטאָט קאַזיאָנע „מאָנאָפּאָלקעס" (בראָנפן־געוועלבער). איך בין אַרויס אין דער פרי פון מיין וווינונג, אויף לעשנע 50, און געלאָזט זיך צום ח' „כאַצקלען", דעם קאַסיר פון קאָמיטעט, וואָס האָט געווינט אויף זלאָטע ביי די זאַקס (סאָציאַליסטן, איך געדענק נישט, צו וועלכער ריכטונג זיי האָבן געהערט). איך געדענק, אַז איך האָב געמוזט מאַכן אַ סך אומוועגן, ווייל שוין נאָענט צו לעשנע — אויף סאָלנע, און ווייטער אויף גזשיבאָוו און אויף דער זלאָטע גופא, זענען געלעגן קערפּערס פון דערשאָסענע פּאָליציי־לייט. און פּאָליציי, אַ דענערווירטע און בייזע, האָט געמאַכט מאַסן רעוויזיעס צווישן די פאַרבייגייער. פון כאַצקלען בין איך בשלום אָנגעקומען אויף מאַריאַנסקע־גאַס אין דער דרוקערײַ פון דער צייטונג „טעלעגראַף", ווו איך האָב באַדאַרפט קאָרעגירן דאָס בלעטל, וואָס האָט זיך דאָרט געזעצט (אויך די דאָזיקע דרוקערײַ האָט אונז „געשאַפן" איטשקע דרוקער). אין רעדאַקציע פון „טעלעגראַף" זענען אַלע מאָל אָנגעקומען פרישע ידיעות פון טערען פון שלאַכטפעלד אויף די וואַרשעווער גאַסן. אין די נאָכמיטאָג־שעהן איז אין יידישן ראַיאָן — נאַלעווקעס, דזשיקע, קאַרמעליצקע—געוואָרן זייער אומרויק, ווייל די פּאָליציי און סאָלדאַטן האָבן זייער ביטער האַרץ אויסגעלאָזן... צו די יידן. אַזוי איז שוין דער שטייגער. מיליטער מיט פּאָליציי איז אַרומגעגאַנגען אין די יידישע גאַסן, און אָן שום פאַרוואָס געשאָסן אין די פענסטער אַריין, צו די באַלקאָנען. מאַסן יידן, פולשטענדיק אומשולדיקע מענטשן, זענען דעם טאָג געפאַלן אַלס קרבן.

פון דער דרוקערײַ פון „טעלעגראַף" האָב איך זיך אין אַ

דראָזשקע געלאָזן אויף דזשיקע. איך האָב געמיינט, אַז אַזוי וועט זיין געזינטער, אַז צו אַ פּאַסאַזשיר אין אַ דראָזשקע וועט די פּאָליציי האָבן מער דרך־ארץ, אָבער ווי נאָר איך בין געקומען נעבעטער צו דער דזשיקע, און ס'האָבן זיך דערהערט די ערשטע ביקסן־קנאַלן, האָט מיר מיין דראָזשקאַזש געמאָלדן, אַז ווייטער פאָרט ער נישט. איך בין קוים מיט צרות צוגעגאַנגען צום ראָג פון דזשיקע־דזשעלנע (דאָרט האָט געוווינט איטשקע. ס'ווייזט אויס, אַז איך האָב נאָך מיט אים געהאַט עפּעס אַרומצושמועסן וועגן בלעטל). די גאַסן זענען געווען ווי אויסגעשטאָרבן. די טויערן געשלאָסן. פון אינעווייניק די טויערן זענען פונדעסטוועגן געשטאַנען מענטשן און זיך צוגעהערט צו די שאָסן, וואָס פלעגן פאַלן יעדע עטלעכע מינוט.

נישט גערוקט, וואָס פון דעם דאָזיקן אָרט איז געווען נישט זייער ווייט צו מיין וווינונג אויף לעשנע 50, האָב איך זיך אָבער צוליב די כּסדרדיקע רעוויזיעס אויף די גאַסן, און צוליב דער, אַפּטער שיסעריי, קוים דערשלעפּט ביז דער קאַרמעליצקע. ווייטער האָב איך נישט ריזיקירט צו גיין און בין געבליבן נעכטיקן ביי אַ חבר, וואָס האָט געוווינט אויף דער קאַרמעליצקע.

* * *

דער זומער 1906 איז געווען אַ הייסער, אַ קאָכעדיקער אין זין פון אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט.

דער אינטענסיווער און ברייט־פאַרצווייגטער עקאָנאָמישער קאַמף, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך די יאַנואַר־טעג 1905, איז פאָרטגעזעצט געוואָרן אין יאָר 1906. דער דאָזיקער עקאָנאָמישער קאַמף איז געווען פאַרבונדן מיט אַ כּסדרדיקער אינטענסיווער אַרבעט צווישן די ברייטע מאַסן, מיט רופן ספּעציעלע „בירזשעס" און מיט מאַסן־פאַרזאַמלונגען (פאַרשטייט זיך, אומלעגאַלע). גלייכציטיק איז געפירט געוואָרן צווישן די מאַסן אַ שטאַרקע אַגיטאַציע פאַר אָרגאַניזירן פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען.

אַ ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיע און אַ פאַרביטערטער צווישן־

פאַרטייִישער קאַמף איז פאָרגעקומען אַרום דער פראַגע וועגן בוי פון די פראָפ. פאַריינען.

דער „בונד" און ס. ד. ק. פּ. ל. (אָדער קורץ — פּ. ס. ד.) האָבן פאַרטרעטן די שטעלונג, אַז די פאַריינען דאַרפן זיין „פּאַר־טייִישע", אָדער ריכטיקער געזאָגט — סאָציאַל־דעמאָקראַטישע. פּ. פּ. ס. און ס. ס. זענען געווען פאַר נייטראַלע פאַריינען, ד"ה פאַר פאַריינען, וואָס זענען פאָרמעל אומאָפּהענגיק פון פּאָלי־טישע פאַרטייען. איך זאָג פאָרמעל, ווייל פאַקטיש האָבן אויך די פּ. פּ. ס. און ס. ס. געוואָלט שאַפן אַזעלכע פאַריינען, וווּ זיי זאָלן האָבן די אויסשליסלעכע ווירקונג. איז צווישן „בונד" און פּ. ס. ד. פון איין זייט, פּ. פּ. ס. און ס. ס. פון דער צווייטער זייט פאָרגעקומען אומאויפהערלעכע דיסקוסיעס און אַרומרייסע־נישן אויף קלענערע און גרעסערע אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען. די דיסקוסיעס האָבן זיך נישט באַגרענעצט אַרום דער פראַגע פון פאַרטייִישע און נייטראַלע פאַריינען, נאָר זיי האָבן אַרומגעכאַפּט פאַרשידענע פאַרטייִישע פּראָגראַם־פראַגן און פּראָבלעמען פון טאַקטיק פון אַרבעטער־קלאַס. און דער ברייטער עולם האָט מיט שפּאַנונג זיך צוגעהערט צו די אומאויפהערלעכע דיסקוסיעס וועגן קולטור־נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע (פון „בונד") און צו די שווער־שפּראַכיקע טעאָריעס וועגן עמיגראַציע, קאָלאָניזאַציע, קאָנצענ־טראַציע אאַז"וו (פון די ס. ס.). נישט מיט קלענערער פאַראינטע־רעסירונג פלעגן די מאַסן נאָכפאָלגן די דיסקוסיעס אַרום די פראַגן וועגן טעראָריסטישע קאַמפס־מיטלען און עקספּראָפּריאַציעס אאַ"וו. ס'איז דאָך דאַן געווען דער בליִונג־פּעריאָד פון די פּ.פּ.ס.ישע „באָ־יוווקעס", וואָס פלעגן אַ פּאָר מאָל אין וואָך „אַוועקלייגן" פּאָלי־ציאַנטן, שפּיאָנען און אַנדערע דינער פון דער צאַרישער רעגי־רונג, אָנפאַלן אויף קאַסעס פון פאַרשידענע רעגירונג־אַנשטאַלטן אאַ"וו. עס איז אויך געווען דער פּעריאָד, ווען פאַרשידענע פינסטע־רע פּערזענלעכקייטן, קאָמבינאַטאָרן פלעגן מיט געפעלשטע בריוו און סטעמפּלען פון פאַרטייען טעראָריזירן פּריוואַטע פּערזאָנען, „בורזשויען" און אויספּרעסן געלט כּלומרשט „פאַר דער אָרגאַני־זאַציע". (לייען דאָס ביז גאָר אינטערעסאַנטע אַרטיקל פון אַ. ליט־

וואָך: „לאָבוזעס, גנבים און קאָמבינאַטאָרן" אין זיין בוך: „וואָס געזען ?").

פון צייט צו צייט פלעגן מיר איינאָרדענען מיטינגען אין די פאַבריקן גופא. דאַן, זומער 1906, איז דאָס געווען איינע פון די פשוטסטע זאַכן. יעדע גרעסערע פאַבריק האָט געהאַט פאַבריק־דעלעגאַטן פון פ. פ. ס., „בונד" און פ. ס. ד. די דעלעגאַטן זע־נען געווען דער גרעסטער אויטאָריטעט אין פאַבריקן. די אייגנ־טימער פון אונטערנעמונגען האָבן מורא געהאַט איינצורייסן מיט די דעלעגאַטן, ווייל דאָס וואָלט געהייסן איינרייסן מיט דער גאַנ־צער מאַסע. איז האָט מען באַדאַרפט איינאָרדענען עפעס אַ פאַר־זאַמלונג, איז גענוג געווען צו פאַרשטענדיקן זיך מיטן אַנטשפרעכנ־דיקן דעלעגאַט, און די זאַך איז געווען פאַרטיק.

מיר איז אויסגעקומען אַרויסצוטרעטן אויף אַ גאַנצער רייע פאַרזאַמלונגען אויף די טאַבאַק־פאַבריקן „נאַבלעס" און פאָליאַ־קעוויטש א"אַ. איך געדענק, אַז אויף דער גרויסער טאַבאַק־פאַב־ריק „נאַבלעס" בין איך געקומען צוזאַמען מיט אַ פאַרשטייער פון פ. ס. ד. איך געדענק נישט די טעמע פון דער פאַרזאַמלונג, צי זי איז געווען אַ פראָפעסיאָנעלע, צי אַ פּאָליטישע. מיר האָבן אַרויסגערופן אונזערע דעלעגאַטן, זיי דערקלערט, אַז מיר זענען געקומען אָפּצוהאַלטן אַ פאַרזאַמלונג, און אין אייניקע מינוט אַרום איז די פאַבריק פולשטענדיק געשטאַנען. אין פאַבריק האָבן אין גרעסטן טייל געאַרבעט מיידלעך: יידישע און קריסטלעכע. מיט גרויס נייגעריקייט האָבן זיי געקוקט אויף אונז, רעדנער. אַ שטיל־קייט האָט באַהערשט די זאַלן, ווו די אַרבעטערינס זענען זיך צו־זאַמענגעקומען, כדי אויסצוהערן די פאַרשטייער פון די פאַר־טייען.

אָט זענען די רעדעס געענדיקט. פון דער ווייטנס הערט זיך שוין ווידער דאָס קלאַפּן פון מאַשינען. די אַרבעטערינס שטייען שוין ביי זייערע טישן, שטאָפּן פאַפּיראָסן און באַגלייטן אונז מיט די אויגן.

נישט איין מאָל פלעגט מען דורכפאַלן אויף אַזאַ פאַרזאַמ־לונג, ווייל ס'פלעגן זיך דאָך געפינען דרייסטע באַלעבאַטים, וואָס

פלעגן אָנקלינגען אין פּאָליציי, אַז אין פאַבריק קומט פאָר אַן אומלעגאַלע פאַרזאַמלונג. איז דאָרט, ווו מ׳איז נישט זיכער געווען מיט דער לאָיאַלקייט פון דער פאַבריק־אַדמיניסטראַציע, פלעגט מען מיטנעמען שומרים צו היטן דעם טעלעפאָן. אין גרעסטן טייל אָבער פלעגן די פאַבריק־פאַרזאמלונגען אראָפּ בשלום.

49

די דיסקוסיע צום 7טן צוזאַמענפאָר פון „בונד". — „האַרטע" און „ווייכע". — אַ מענטש פון פאָלק.

אין דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע, ווי אין גאַנצן ראַיאָן פון „בונד", האָט זיך געפירט אַ הייסע דיסקוסיע אַרום די פראַגן פון טאָג-אָרדענונג פון 7טן צוזאַמענפאָר פון „בונד", וואָס האָט באַדאַרפט אין גיכן פאָרקומען אין אויסלאַנד (אין לעמבערג). די הויפטפראַגע פון טאָג-אָרדענונג איז געווען — די פאַרייניקונג מיט דער רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פאַרטיי, פון וועלכער דער „בונד" איז אַרויסגעטרעטן מיט 3 יאָר פריער, אין 1903.

צום ערשטן מאָל זינט דער עקזיסטענץ פון „בונד", איז די גאַנצע פאַרטיי-מיטגלידערשאַפט אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער פאָר-צוזאַמענפאָר-דיסקוסיע. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון „בונד" איז דער פאַרטיי-מיטגלידערשאַפט געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט צו קלייבן דעלעגאַטן צום צוזאַמענפאָר.

אין דער פאַרטיי האָבן זיך אויסגעקריסטאַליזירט צוויי שטרעמונגען אין דער פאַרייניקונג-פראַגע — „האַרטע" און „ווייכע". ביידע שטרעמונגען זענען געווען פאַר אַ פאַרייניקונג מיט דער רוסלענדער ס. ד.-פאַרטיי, מיט וועלכער ס'האָבן זיך, אַגב, באַדאַרפט צוזאַמענגיסן אַלע וויכטיקע ס. ד.-אָרגאַניזאַציעס פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. ס'האָט זיך נאָר געהאַנדלט וועגן די באַדינגונגען פון דער פאַרייניקונג. דאָ זענען געווען שאַרפע חילוקי-דעות צווישן די „האַרטע" און „ווייכע". די „האַרטע" האָבן געהאַלטן, אַז מען מוז אַוועקשטעלן אַלס אולטימאַטום אַ

פּונקט אין אָפּמאַך מיט דער „פּאַרטיי“, אַז דער „בונד“ איז דער איינציקער פאָרשטייער פון יידישן פּראָלעטאַריאַט אין דער אַלגעמיינער פּאַרטיי (ר. ס. ד. אַ. פּ.), די „ווייכע“ זענען געווען קעגן אַזאַ אולטימאַטום.

הגם די וואַלן צום צוזאַמענפאָר און דער צוזאַמענפאָר גופא האָבן באַדאַרפט פאָרקומען קאָנספּיראַטיוו, איז דאָך אין דער בונדישער פּרעסע (ווילנער „פאָלקסצייטונג“, אין רוסישן אָרגאַן „נאַשע סלאָוואָ“) די דיסקוסיע געפירט געוואָרן עפנטלעך, און מיט אַ געוואַלדיקן אינטערעס פלעגט די פּאַרטיי־מיטגלידערשאַפט לייענען די דיסקוסיע־אַרטיקלען צווישן די „ווייכע“ און „האַרטע“. אין דער שפּיץ פון די „ווייכע“ זענען געשטאַנען וו. מעדעם און פּאַוועל ראָזענטאַל („אַנמאַן“); בראש פון די „האַרטע“ — א. ליטוואַק און דער דאַן נאָך גאַר יונגיטשקער בראָניסלאַוו גראָסער (סלאַוועק, זעלצער). קיינער פון זיי לעבט שוין נישט מער.

די וואַלן צום צוזאַמענפאָר זענען פאָרגעקומען לויט פּלאַטפאָרמען פון די „האַרטע“ און „ווייכע“. איך געדענק שוין נישט, וועלכע פּלאַטפאָרם האָט אין וואַרשע באַקומען אַ מערהייט.

כדי צו געבן אַ באַגריף וועגן פאַרנעם פון דעמאָלטיקן „בונד“, איז כדאי צו ברענגען צוויי פאָלגנדיקע ציפערן: וואַלבאַרעכטיקטע צום צוזאַמענפאָר זענען געווען קנאַפּע 34 טויזנט בונדיסטן, אָנטיילגענומען אין די וואַלן האָבן קנאַפּע 23 טויזנט מיטגלידער. אין וואַרשע האָבן מיר די דיסקוסיע דורכגעפירט אין פּאַרטיי־גרופּן. אויף די זעלבע פּאַרטיי־גרופּן זענען דורכגעפירט געוואָרן די וואַלן פון דעלעגאַטן צום צוזאַמענפאָר. געקליבן זענען געוואָרן צוויי דעלעגאַטן: צביה און כאַצקל (פייניש איז שוין וואַרשיינלעך דאַן געזעסן אין טורמע, נאָכן אַרעסט ביי טעפּליצקין אויף נאָוואָליפּקי 31), אָבער ביידע וואַרשעווער דעלעגאַטן האָבן, ווייזט אויס, קיין מזל נישט געהאַט. זיי זענען ביידע אַרעסטירט געוואָרן ביי דער גרענעץ.

* * *

מיין „סכאָדקע“ פלעגט זיך, סיסטעמאַטיש יעדע וואָך, צו־

וואַמענקומען בײַ אײנעם, לײבל זאַכאַריאַש, וואָס האָט געוווינט
אויף פּאַוויע־גאַס אין אַ סאַלקעלע.

לײבל זאַכאַריאַש איז געווען אַ באַבערדלט יידל. אַ מאַן
פון אַן אויסגעמאָגערטער פּראָלעטאַרישער פּרוי, וואָס האָט אים
באַגליקט מיט אַ צוויי־דריי קינדערלעך. די גאַנצע משפחה האָט
געוווינט אין אַ קלײנטשיק שטיבעלע, און דאָ, טאַקע בײם וויגל
פון קלענסטן קינד, פלעגן מיר אָפּהאַלטן אונזערע סכאָדקעס.
ס'איז שווער צו זאָגן, פון וואָס לײבל האָט געלעבט, ווײל קײן
פאַך האָט ער נישט געהאַט. לײבל איז געווען אַ ביז גאָר
הײסער בונדיסט, פלעגט פירן הײסע דיסקוסיעס אויף „אונזער"
מילע גאַס, און אַז מיר זענען דורכגעפאַלן אויף דער שוין פריִ־
ער באַשריבענער פאַרזאַמלונג אויף באָניפראַטערסקע 3, איז צווישן
די אַרעסטירטע געווען אויך לײבל זאַכאַריאַש. ווי אַזוי איז ער
אַהין געקומען? פשוט: ער האָט זיך געפילט אַלס אַ מענטש פון
אונזער סכאָדקע און האָט נישט געקענט דורכלאָזן אַזאַ וויכטיקע
פאַרזאַמלונג ווי יענע, וואָס מיר האָבן גערופן אין דעם אומגליק־
לעכן פאַר אונז תשעה־באָב. ל. זאַכאַריאַש האָט מיטגעמאַכט מיט
אונז אַלע פײנלעכע איבערלעבונגען פון אַ מאַסן־אַרעסט אין
וואַרשע אין יאָר 1906. אָבער גאָרנישט, דער מענטש, וואָס האָט
איבערגעלאָזט אויף פּאַוויע־גאַס אַ פרוי מיט קלײנע קינדערלעך
אָן שום מיטלען צום לעבן, האָט פון דעם בכלל נישט געמאַכט
קײן טראַגעדיע. און זיצנדיק אין טורמע, האָט ער, דוכט מיר,
מער געבערענט צו וויסן, וואָס הערט זיך אין „שטאָט", וואָס קומט
פאָר אויף די „בירזשעס", אײדער אויף זײן פּאַוויע־גאַס, אין
זײן אָרעמער דירהלע.

הונדערטער, אויב נישט טויזנטער, אַרבעטער זענען דאַן פאַר־
בײַ געגאַנגען פאַר מײנע אויגן, צווישן זײ — אַ גרויסע צאָל
בונדיסטן און אַ סך טרײע בונדיסטן. דעם גרעסטן רוב פון יענע
פאָלקסמענטשן האָב איך שוין לאַנג פאַרגעסן. אָבער איצט נאָך,
אין עטלעכע און דרײסיק יאָר אַרום, שטײט נאָך אַלץ פאַר מײנע
אויגן לײבל זאַכאַריאַש מיט זײן בערדל און צעקנײטשטן קאַפּע־
לושל. איך זע אים נאָך ערגעץ אין אַ ווינקל אין זײן שטיבעלע

בעת אונזערע זיצונגען (לייבל איז נישט געווען קיין מיטגליד אין סקאָדקע), איך זע אים נאָך ארומלויפן אויף דער בירזשע, איך זע אים נאָך אויף דער שמוציקער „נאַרע" אין „ראַטוש", אין „פּאָרט אַלעקסיי".

פאַר וואָס גראָד אים, לייבלען? איך קאָן דאָס מיר אַליין נישט אויסטייטשן, אפשר צוליב זיין ברען, צוליב זיין אויסער־געוויינלעכן ענטוזיאַזם פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג, פאַרן „בונד".

50

ווידער אַרעסטירט. — דער ראַטוש אין יאָר 1906.

ס'איז געווען אומגעפֿער אַ חודש צייט זינט דעם דורכפֿאַל מיינעם אויף דער פֿאַרזאַמלונג אין דער שאַכטלען־פֿאַבריק אויף באָניפֿראַטן גאַס 3. די טאָג־טעגלעכע אַרבעט האָט מיך געמאַכט פֿאַרגעסן אין דער גאַנצער געשיכטע, בפֿרט, אַז נישט מיך און נישט שלמהקע סמאָליאַרן (באָריס) האָט מען די גאַנצע צייט נישט גערופֿן אויף קיין פֿאַרהער. מיר האָבן נאָר געוווּסט, אַז אַ גרעסערע גרופּע אַרבעטער איז געבליבן זיצן אין אַרעסט. דאָס זענען געווען די חברים, וואָס מ'האָט דאַן תשעה באב אין די טורמע־קעטשלעך אַוועקגעפֿירט אין ראַטוש, דאָס זענען העכסט וואַרשיינלעך געווען די חברים, וואָס האָבן נישט געהאַט, ווער ס'זאָל פֿאַר זייערטוועגן „שמירן", געבן „אין האַנט אַריין" אין דעם פּאָליציי־צירקל אויף מוראַנאָוו, ווייל די פֿאַרבליבענע אין אַרעסט זענען גראָד געווען די אומשולדיקסטע מענטשן פֿון פּשוטן אַרבעטער־פֿאָלק, פֿון דעם טיף־טיפּסטן „עמך".

ס'איז געווען אין אַ גאַנץ דושנער אויגוסט־נאַכט. איך געדענק אַזוי גוט דעם דאָזיקן חודש, ווייל דאָס איז שוין געווען מיין דריטער אַרעסט אין דעם פֿאַטאַלן פֿאַר מיר אויגוסט. איך האָב נאָך אַלץ געוווינט אין מיין קליינינקן צימערל אויף לעשנע גאַס. איך האָב זיך עפּעס דעם טאָג נישט גוט געפֿילט, געהאַט אַ ביסל היץ, האָב איך זיך געלייגט אין בעט פֿריער ווי געוויינלעך. איך בין איינגעשלאָפֿן מיט אַ שווערן שלאָף פֿון אַ קראַנקן. מיך האָט אויפֿגעוועקט אַ שאַרפֿער קלונג אין טיר, דער

באַקאַנטער חוצפּהדיקער קלונג פֿון פּאָליציי און זשאַנדאַרמען, וואָס קומען ביי נאַכט אַרעסטירן אָדער אַמווייניקסטן דורכפירן אַ רעוויזיע.

אייניקע סעקונדן — און האַרט נעבן מיין בעט איז געשטאַנען אַ רעווירצוי מיט צוויי באַוואָפנטע סאָלדאַטן פֿון ביידע זייטן. (ס'איז געווען די צייט, וועלכע איך האָב שוין דערמאָנט, ווען כסדרדיקע טעראָריסטישע אַקטן פֿון די פּעפּעסישע באָיוווקעס, פּלעגן דעריבער די פּאָליציי-לייט זיך לאָזן היטן דורך באַוואָפנטע סאָלדאַטן).

— טוט זיך אָן, — האָט מיר גאַנץ העפלעך באַפוילן דער רעווירצוי.

איך האָב גאָר ווי פאַרגעסן אין מיין קרענק, און אָנגעהויבן זיך אָנטון, אָבער אינמיטן מאַכן דעם טואַלעט מיינעם, בין איך געבליבן שטיין, ווי אין דערוואַרטונג.

— גיכער, גיכער, — האָט געיאָגט דער רעווירצוי, — אויף וואָס וואַרט איר?

— איך מיין, אַז איר זענט געקומען צו מאַכן ביי מיר אַ רעוויזיע. — האָב איך רויִק געענטפערט, זייענדיק ביי זיך זיכער, אַז דאָס באַרימטע טישל פֿון צ. ק. מיט דער קאָנספּיראַטיווער איינריכטונג וועט דרייסט אויסהאַלטן די רעוויזיע פֿון אַזאַ פּשוטן רעווירצוי.

— מיר האָבן אַ פאַראָרדענונג אייך צו אַרעסטירן און נישט צו מאַכן קיין רעוויזיעס—האָט דערקלערט דער רעווירצוי.—קומט גיכער! מיר האָבן נישט קיין צייט, איר זענט נישט דער איינציקער.

— אָבער פאַר וואָס אַרעסטירט איר מיך? איך האָב דאָך נישט קיין אַנונג פאַר וואָסערע חטאים.

— נו, קומט שוין, איך ווייס נישט, אפשר וועט מען אייך אין צירקל זאָגן.

מיר זענען אַרויס פֿון טויער זאַלבעפערט. איך האָב זיך דערוווסט, אַז מען פירט מיך אין פּאָליציי-צירקל, וואָס האָט זיך געפֿונען אויף נאָוואָליפּקי.

גייענדיק איבער די שטילע גאַסן (אַגב איז דאָן געווען אין וואַרשע קריגצושטאַנד), האָב איך ווידער פאַרפירט אַ שמועס מיטן רעווירניאַווי וועגן דער סיבה פון מיין איצטיקן אַרעסט.

— מיר דאַכט זיך, — האָט ער געזאָגט, — אַז איר זענט אַרעסטירט, כדי אָפּצוזיצן עפּעס אַ שטראָף. — מער האָב איך פון אים נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען.

מ'האָט מיך געבראַכט אין קאַנצעלאַריע פון פּאָליציי־צירקל אויף נאָוואָליפּקי. דאָרט, נישט געקוקט אויף דער שפּעטער נאַכט, איז געווען גאַנץ לעבעדיק, א שטאַרקע באַוועגונג.

— פאַר וואָס בין איך אַרעסטירט? — האָב איך געפרעגט דעם דיזשורנעם רעווירניאַווי.

— דאָס וועט איר פרעגן מאָרגן דעם פּריסטאַוו (קאָמיסאַר).

א פּאָליציאַנט האָט דורכגעפירט ביי מיר אַן אויבערפלעכלעכע פּערזענלעכע רעוויזיע, בעת וועלכער ער האָט דערהויפּט געזוכט געווער, און מיך אַראָפּגעפירט אין „קאָזע".

דאָס איז געווען א קעלערשטוב מיט א געקראַטעוועט פענצטערל, פול און אָנגעפּאַקט מיט א פאַרשידנאַרטיקן עולם, צווישן וועלכן איך האָב אויך דערזען אַ סך חברים פון יענעם אַרעסט אויף באַניפראַטן־גאַס. איצט איז מיר געוואָרן קלאָר דאָס, וואָס דער רעווירניאַווי האָט מיר געזאָגט וועגן „אָפּזיצן א שטראָף".

ס'איז געווען שרעקלעך ענג און דושנע. נאָר געציילטע האָבן געקאָנט שעפּן „פרישע לופט" דורכן פענצטערל, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אויף דעם נאָוואָליפּקער הויף. דער גרעסטער טייל האָט זיך געשטיקט שטייענדיק, ווייל ס'איז נישט געווען אַפילו, ווו זיך אָנצושפּאַרן. אזוי זענען מיר געשטאַנען ביז אין דער פרי. ארום צען איז געקומען דער „אדון הגדול" דער פּריסטאַוו. ערשט דאַן האָבן מיר זיך דערוווסט, אז דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט די אָנטיילנעמער פון דער אומלעגאַלער פאַרזאַמלונג אויף באַניפראַטן־גאַס אדמיניסטראַטיוו באַשטראָפט מיט אַרעסט: א טייל מיט דריי חדשים, א צווייטן טייל — מיט צוויי חדשים, און דעם דריטן טייל — מיט איין חודש אַרעסט. איך און ח' שלמה סמאָ־

ליאַר זענען אַריינגעפאַלן אין דער „גליקלעכער" גרופּע פון בלויז אײן חודש אַרעסט.

פאַר וואָס פּשוטע מענטשן פון פאָלק האָבן באַקומען אַ שטראָף פון דריי חדשים און מיר, פאַרשטייער פון דער אָרגאַני־זאַציע, בלויז צו איין חודש אַרעסט, איז שווער געווען צו טרעפן. מעגלעך, אַז דאָס איז געווען אַ כיטרער מאַנעוור פון פּראָוואָקאַ־טאָר, וואָס האָט די פאַרזאַמלונג אַרויסגעגעבן דער פּאָליציי, כדי צו פאַרמאַסקירן זיין שטיקל אַרבעט, מעגלעך — אַ רעזולטאַט פון דעם כאַאָס, וואָס האָט דאַן געהערשט אין די פּאָליציייִשע קאַנ־צעלאַריעס, דורך וועלכע עס פלעגן אין יענע צייטן טאָג־טעג־לעך דורכגיין צענדליקער און הונדערטער אַרעסטירטע. ווי די זאַך איז, מיר זענען געווען צופרידן, וואָס מיר האָבן אַזוי לייכט אָפּגעשניטן, און נאָר געוואָרט, מען זאָל אונז שוין אַרויספירן פון דעם מייז־שטייגל, וואָס האָט זיך גערופן „קאָזע", און איבערגע־פירט צו ווערן אין עפּעס אַן „אָנשטענדיקער טורמע", כדי דאָרט אָפּצוזיצן דעם חודש.

* * *

אַ חודש אַרעסט איז טאַקע אַ קלייניקייט, אָבער י ע ד ע ר חודש ליגט מיר נאָך היינט אין די ביינער, אַזוי לאַנג האָט ער זיך געצויגן און אין אַזוי פיל פאַסקודנע טורמעס האָט מען אונז אין יענעם חודש אַרומגעשלעפּט.

פון דעם פּאָליציי־צירקל אויף נאָוואָליפּקי האָט מען אונז, הונגעריקע, אויסגעמאַטערטע און נישט אויסגעשלאָפענע, אַרום מיטאָג־צייט אָוועקגעפירט אין ראַטוש. פאַרשטייט זיך, אונטער אַ שטאַרקן קאָנוואָי.

ברייט האָבן זיך פאַר אונז געעפנט די גאַסטפריינטלעכע טויערן פון ראַטוש, מ'האָט אונז ווידער רעווידירט און אַרויפגע־פירט אין די קאַמערן פון ערשטן שטאָק (אין פאַרטער זענען גע־זעסן פרויען). ס'איז באַלד געוואָרן אַ שמחה, ווייל מיר האָבן זיך דאָ צוזאַמענגעטראָפן מיט צענדליקער חברים, וועלכע פּאָליציי

פון אַנדערע שטאָטישע ראַיאָנען האָט בײַנאַכט אַרויסגעשלעפּט פון די בעטן און געבראַכט אין ראַטוש.

אויך אין ראַטוש איז געווען ענג און שמוציק. ס'איז געווען דאַן די צײַט פון טאָג־טעגלעכע מאַסן־אַרעסטן פון גאַס, פון לאָקאַלן, פון וואַנען איר ווילט נאָר, און אַלץ האָט מען קודם כּל געבראַכט אין ראַטוש, ווו ס'האָט זיך געפונען נישט נאָר די טורמע, נאָר — נאָענט אין שכנות — אויך די סימפּאַטישע אײַנריכטונג — די אָכראַנע (דעפענסיווע) און די אויספאָרשונג־פּאָליציי (סיסקנאָיע אַטדיעלעניע).

אין ראַטוש איז דאַן געזעסן הונדערטער מענטשן. אין די קאַמערן, וואָס זענען געווען באַזעצט דאָפּלט און אפילו דרייפאַך געדיכטער, ווי די נאָרמע האָט דערלויבט, זענען געווען אויסגעשטעלט האָלצערנע „נאַרעס" (אַזעלכע פּשוטע לאַנגע טאַפּטשאַנעס), וואָס אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי געדינט אַלס בענק און טישן (קיין אַנדער „מעבל" איז בכלל נישט געווען אין די קאַמערן) און בײַ נאַכט — אַלס „בעטן" צום שלאָפן. נישט געקוקט, וואָס אויף די נאַרעס איז מען געלעגן געפּרעסט, ווי הערינג, אײַנער לעבן צווייטן, איז דאָך נישט געווען קיין פּלאַץ פאַר אַלעמען, און אַ גרויסער טייל „געסט" (אויב נישט דער גרעסטער) איז געלעגן אויף שטרויזעק אויף דער שמוציקער פּאָדלאָגע, צווישן איין נאַרע און דער צווייטער, און אפילו אונטער די נאַרעס, אַזוי אַז בײַ נאַכט האָט מען נאָר מיט קונצן געקאָנט דורכשניידן די קאַמער, נישט אָנטרעטנדיק אויף אַ קערפּער פון די שלאָפנדיקע אויף דער פּאָדלאָגע.

די לופט איז באַזונדערס בײַ נאַכט געווען אומדערטרעגלעך — צוליב דער שמוציקער „פּאַראַשע", וועלכע מ'האָט צוליב „באַקוועמלעכקייט" אַרײַנגעשטעלט אויף בײַ נאַכט אין קאַמער. איבער די פאַרקראַטעוועטע פענצטער זענען געהאַנגען ספּעציעלע קאַסטנס, וואָס האָבן פאַרשטעלט די זון און די לופט.

בכלל האָט די אַדמיניסטראַציע פון ראַטוש געהאַלטן, אַז וואָס ווייניקער לופט, אַלץ געזונטער איז פאַר די אַרעסטירטע. אַזוי, למשל, האָט מען די אַרעסטירטע קיין מאָל נישט אַרויסגע־

לאָזן אויף שפּאַציר אויפן הויף, נאָר אין אַ באַשטימטער שעה געעפנט אַלע טירן אין דעם גרויסן האַלב־טונקעלן קאָרידאָר אַרויס, און דעם גאַנצן עולם פון אַלע קאַמערן אַרויסגעפירט אין דעם דאָזיקן קאָרידאָר צו כאַפּן „פרישע לופט". פון אַזאַ שפּאַציר פון הונדערטער מענטשן, וואָס האָבן זיך געשטופּט, געשטויסן, גערעדט, איבערגעשריגן איינער דעם צווייטן, איז מען צוריקגעקומען אין קאַמער אַ צעטומלטער, אַ דענערווירטער, נישט איין מאָל — מיט קאָפּ־שמערצן.

דער עולם אין ראַטוש איז געווען אַ געמישטער, אַ פאַרשידנפאַרביקער ביז גאָר. דאָ איז געווען אַן אמתער ערב־רב, אַ מיש־מאַש פון „פאַרברעכער". דאָ האָט איר געטראָפן פּאַראַנטוואָרטלעכער פירער פון פּאַרטייען, מענטשן פון באַיוווקעס (אייער מ'האָט זיי איבערגעפירט אין „10טן פּאַוויליאָן" אָדער אין „פּאַוויאַק"), זשורנאַליסטן, סטודענטן, לערער, פּשוטע אַרבעטער־שטרייקער, שול־יוגנט פון מיטל־שולן, הויז־וועכטער, גאַסן־בעטלער און אפילו ייִנגעטשקע בחורימלעך צייטונגס־פאַרקויפער, וועלכע מ'האָט געכאַפּט ביי דער „זינד" פון פאַרקויפן אין גאַס... די כשרסטע צייטונגען (אויפן גרונט פון קריגס־צושטאַנד האָט דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פון וואַרשע פאַרבאָטן צו פאַרקויפן צייטונגען אין די גאַסן, דאַקעגן אין יעדן שפּייז־ אָדער זאָדע־וואַסער־געוועלבל האָט מען געמעגט האַנדלען מיט צייטונגען). ס'האָבן אויך נישט געפעלט אין ראַטוש פאַרשידענע טיפּן פון דער אונטערוועלט. קאָמבינאַטאָרן, שיכּורים — דער גאַנצער שוים פון אַ גרויסער שטאָט בכלל, אין דער צייט פון רעוואָלוציאָנערע אויפברויזן בפרט.

נישט געקוקט אויף דעם אַלעמען, איז אין ראַטוש געווען נישט שלעכט צו זיצן. פאַרשטייט זיך, אַז אין „פּאַוויאַק" און אין 10טן פּאַוויליאָן איז געווען פיל ריינער, מער אָרדנונג, רויִקער, איינצל־קאַמערן מיט אַ סטאַבילן פּובליקום, און נישט ווי אין ראַטוש, ווו דער עולם פלעגט זיך בייטן טאָג־טעגלעך — איין פּאַרטיע אַריין, די צווייטע אַרויס, אָבער אין ראַטוש איז געווען היימלעכער, דער רעזשים אַ פרייערער, די אויפזיכט איבער איינצלנע

אַרעסטירטע אַ שוואַכערע. עטלעכע שעה אין דער פרי זענען די קאַמערן געשטאַנען אָפן, און מ'פלעגט אומגעשטערט וואַנדערן פון איין קאַמער צו דער אַנדערער, כדי זיך דורכשמועסן מיט די חברים, כדי צו כאַפן פרישע נייעס פון די פריש־אָנגעקומענע געסט.

דאָס עסן אין ראַטוש איז געווען שמוציק, וואַסערדיק, אָבער דערפאַר איז געווען דערלויבט צו ברענגען „וואַלוווקעס" (פעקלעך) צו די אַרעסטירטע יעדן טאָג. ס'איז אויך געווען דערלויבט אויסצושרייבן (אויף וויפל מ'האָט געהאַט ליגן געלט אין טורמע־קאַנצעלאַריע) מיטאָגן פון וועלכן רעסטאָראַן מען האָט נאָר געוואָלט.

אין די קעלערן פון ראַטוש האָט זיך געפונען די קיך, אין וועלכער מ'האָט געקאָנט אומגעשטערט אַראָפגיין. די קוכערס האָבן שטענדיק געהאַט ביי זיך אין די טאַשן גאַנצע „אוצרות" פון פאַרשידענע פאַפיראָסן, פאָסט־מאַרקן, פאָסט־קאַרטלעך אד"גל, און דער האַנדל איז דאָרט געגאַנגען פון אין דער פרי ביזן שליסן די קאַמערן.

„גריפסן" (אומלעגאַלע צעטעלעך) פלעגן (ווי פון אַלע אַנדערע טורמעס — עד היום הזה) אויף פאַרשידענע וועגן עקספאָרטירט ווערן אין שטאָט אַריין. אָבער אין ראַטוש איז געווען איין פריווילעגיע, וועלכע איך האָב נישט געטראָפן אין קיין שום אַנדערער טורמע: פון ראַטוש האָט מען געקאָנט אַרויסשיקן אין שטאָט אַריין בריוו — גאַנץ אָפיציעל דורך דער קאַנצעלאַריע — דורך שליחים („פאָסלאַנצעס" אין רויטע היטלען). פאַרשטייט זיך, אַז די בריוו האָבן געמוזט זיין פולשטענדיק כשרע, ווייל זיי פלעגן דורכגיין די צענזור פון דער טורמע־אַדמיניסטראַציע, געוויס האָט מען זיך נאָר זעלטן געקאָנט דערלויבן אַזאַ לוקסוס, ווייל די „רויטע היטלען" האָט מען געמוזט גוט באַלויגען. אָבער אין נויטיקע פאַלן איז דאָס געווען אַ זעלטן־באַקוועמער קאָמוניקאַציע־מיטל מיט דער פרייער וועלט.

צייטונגען פלעגט מען אָפיציעל נישט צולאָזן. אָבער צוליב דער שוואַכקייט פון רעזשימס און דעם כסדרדיקן צופלוס פון נייע

געסט, פלעגן דאָך פרישע צייטונגען אַריינדרינגען אַ פּאָר מאָל אין וואָך.

קיין ביבליאָטעק איז דעמאָלט אין ראַטוש נישט געווען. איינצלנע חברים האָבן אפילו מיט זיך מיטגעבראַכט אייגענע ביכער, אָבער לייענען איז געווען אוממעגלעך צוליב דעם אומגעהויערן טומל, וואָס האָט געהערשט אין די קאַמערן און אין די קאָרידאָרן, צוליב די הילכיקע געפילדערן בעת די אַרעסטאַנטישע שפּילן (און געשפּילט זיך האָט מען כמעט אַ גאַנצן טאָג, פריי און מונטער, ווי קליינע קינדער), צוליב דעם גערויש פון צענטליקער מענטשן אד"גל.

ווי איר זעט, איז ראַטוש אין יענע צייטן געווען אַ „פריילעכע" טורמע, און מיר האָבן זיך געחוּנטשן, אַז דעם צוגעמשפּטן חודש זאָלן מיר אָפּזיצן ביזן סוף אין דעם דאָזיקן ראַטוש.

געשעען איז אָבער אַנדערש.

51

פון ראַטוש אין „פאָרט אַלעקסיי״.

צוויי מאָל אין וואָך פלעגן אָפגיין פּאַרטיעס אַרעסטירטע פון ראַטוש אין די פאָרטן פון ציטאַדעל. ווען עס פלעגט ווערן ענג אויך אין די פאָרטן פון ציטאַדעל – פלעגט מען אַ טייל אַרעסטאַנטן אַרויסשיקן אין די פעסטונגען מאָדלין און בריסק.

צוויי מאָל אין וואָך פלעגט אויף אַלעמען ציטערן די הויט דאָס זענען געווען די טעג פון „טראַנספּאָרטן״, פון איבערשיקן די אַרעסטאַנטן אין אַנדערע טורמעס.

פאַר וואָס האָט געציטערט די הויט? סיבות זענען געווען וויכטיקע. קודם האָט זיך נישט געוואָלט אויסטוישן אַזאַ „פרייע״ טורמע, ווי דער ראַטוש איז געווען, אויף אַנדערע, ווו דער רע-זשים איז געווען פיל האַרבער. צווייטנס האָט אַלעמען געשראָקן די פּערספּעקטיוו פון מאַרשירן ביי נאַכט (און די „טראַנספּאָרטן״ פלעגט מען שיקן נאָר ביי נאַכט) אין די פאָרטן פון ציטאַדעל אָדער צום וואָקזאַל אונטער דער שמירה פון מיליטערישע באַ-גלייטער. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז דאָס איז געווען אין דער צייט פון פאַרשטאַרקטן טעראָר פון פּ. פּ. ס׳ישע באָיווקעס, אַז דאָס איז געווען נאָך דעם באַרימטן „בלוטיקן מיטוואָך״ 1906. די רוסישע סאָלדאַטן, געהעצט דורך די אָפיצירן און פאַרביטערט צוליב די שיסערייען פון די באָיווקעס, זענען געווען אין דעם העכסטן גראַד אויפגערעגט אויף אַלע „קראַמאָלניקעס״ (רעוואָ-לוציאָנערן), און זייער גאַנצן צאָרן פלעגן זיי נישט זעלטן אויס-לאָזן צו די שוצלאָזע אַרעסטאַנטן, בעת דעם באַגלייטן זיי פון איין טורמע אין אַ צווייטער.

מיר זענען אָפּגעזעסן אין גאַנצן עפּעס אַ פינף־זעקס טעג אין ראַטוש. זיך „איינגעבירגערט״, אפילו ביסלעכווייז געקריגן פּלאַץ צו שלאָפן אויף די נאַרעס. שלאָף־פּלעצער פלעגט מען באַקומען אין דער רייע נאָך, לויט דעם, ווי אַ פּלאַץ פלעגט זיך באַפרייען. די רייע האָבן געפירט די עלטסטע („גאָספּאָדאַזשע״) אין די קאַמערן.

איין טראַנספּאָרט־טאָג איז אַריבער בשלום, מ׳האָט אונז — דאָס מיין איך די פון אַרעסט אויף באַניפראַטן־גאַס 3 — געלאָזט צורו, ס׳האָט אָנגעהויבן שמעקן מיטן צווייטן טראַנספּאָרט־טאָג. שלעכט! די שאַנסן צו בלייבן אין ראַטוש זענען מינימאַלע. צוליב וואָס זאָל מען אונז דען אייגנטלעך האַלטן אין ראַטוש? אַז קיין „פאַרהערן״ וועלן מיר נישט האָבן, ווייל דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט דאָך שוין אויף אונז אַרויסגעגעבן זיין פּסק־דין. איז קלאָר — מיטן נאָענטסטן טראַנספּאָרט גייען מיר. ס׳איז נאָר אַ פראַגע, אין וועלכער טורמע מ׳וועט אונז שיקן, און וועלכע סאָלדאַטן, וועלכע אָפיצירן ס׳וועלן אונז קאָנוואָירן.

ביז דער לעצטער שעה פאַרן אַרויסשיקן די פּאַרטיע, האָט קיינער נישט געקאָנט ענטפערן אויף אָט די דאָזיקע וויכטיקע פראַגן.

אַרום 11 אַ זייגער אויף דער נאַכט האָט מען אָנגעהויבן אַרויסרופן פון די קאַמערן די, וואָס האָבן באַדאַרפט גיין מיטן טראַנספּאָרט. אַ לאַנגער, אומענדלעך לאַנגער צעטל פון נעמען. יאָ, מיר זענען אויך דאָ. מיר מאַכן גיך אין אָרדנונג אונזערע פּעקלעך, און אַראָפּ אין קאַנצעלאַריע.

דאָרט שטייט דער פעסלדיק־דיקער טורמע־נאַטשאַלניק קוראַקין און שרייט אויס אויף אַ קול זיינע פאַראָרדענונגען. נעבן טורמע־נאַטשאַלניק שטייט אַן אָפיציר — דער שעף פון מיליטעריש אָפּטייל, וואָס דאַרף אונז פירן. פון אים הענגט אָפּ, צי מיר וועלן אָנקומען אין נייעם מקום בשלום, נישט צעקלאַפּטע, נישט צעהרגעטע, אָדער בעתן וועג וועלן זיין קרבנות. איך קוק זיך איין אין דעם אָפיציר. ווער ווייסט, אַן אָפיציר ווי אַלע אָפיצירן. מיר קלייבן זיך אַזוי, מיט די קלומיקעס אויף די איינגע־

בויגענע (פון דער משא) פלייצעס, ערנסטע, מיט אָנגעשפּאַנטע נערוון. ס׳פעלן אויך נישט צווישן אונז געליטענע, צעשלאָגענע אין די פּאָליציי-צירקלען אָדער בעתן איבערפירן אין ראַטוש, אַ טייל זענען נאָך אַרומגעבונדן מיט באַנדאַזשן.

דער אָפיציר קוקט אויף אונז, דאַכט זיך, מיט ביטול, מיט אַ באַהאַלטענעם, פאַרדעכטיקן שמייכעלע, וואָס ביי אונזער אָנגעשפּאַנטקייט האָט עס געקאָנט אויסגעטייטשט ווערן: „איר ווילט וויסן צי מיינע מענטשן קענען, צי זיי וועלן אייך באַווייזן די „מלאכה״? פּלאַצט נאָך אַ ביסל פון אומגעדולד, איר וועט שוין זען אויפן וועג״.

ענדלעך, אַלע זענען דאָ. מ׳פירט אונז אַרויס אויפן הויף, וואָס נעבן דער טורמע. דער דיקער טורמעשעף גיט אָפיציעל איבער די פאַרטיע דעם אָפיציר.

געדיכט רינגלען אונז אַרום סאָלדאַטן מיט ביקסן, אין דער צווייטער ליניע — אַפילו רייטער אויף פערד.

אונזער נייער באַלעבאָס — דער אָפיציר — האַלט פאַר אונז אַ קורצע מיליטערישע רעדע:

גייען צו פיר אין אַ רייע. פון די שורות נישט אַרויסגיין, נישט רויכערן, נישט זינגען, נישט שמועסן צווישן זיך, נישט רעדן מיט די סאָלדאַטן. ווער וועט אַלץ נישט אויספאָלגן, וועלן אים שוין די סאָלדאַטן אָנלערנען.

ביים קלענסטן פּרוּוו פון אַנטלויפן — וועט מען אומבאַדיגגט שיסן.

— מאַרש!

די רייטער, די וואָס פון פאָרנט, געבן אַ צי די פערד. ס׳דערהערט זיך דאָס קלינגען פון די צוימען, דאָס קלאַפּן פון די פּאָדקאָוועס. די פאַרטיע רירט. מיר גייען.

ס׳גיט זיך אַן עפן-אויף דער ראַטוש-טויער, וואָס צום טעאַטער-פּלאַץ. ס׳איז שפּעט ביי נאַכט. דערצו נאָך קריגסצושטאַנד. קוים-קוים מ׳זעט נאָך אַ פאַרשפּעטיקטן דורכגייער, וואָס אַנטלויפט ווי נאָר ער דערזעט אונז.

מיר גייען אין דער ריכטונג צו די פאַרטן. אַט באַווייזט זיך עפּעס אַ געשטאַלט אין אַ פענסטער.

— אַוועק! — שרייען בייז די סאָלדאַטן, און מיט אַ מאָל געבן אַ קנאַק עטלעכע ביקסן־שלעסער, וואָס דאָס באַדייט, אַז מ'איז גרייט צו שיסן.

דערווייל איז רויק. מ'שלאָגט נישט. דער אָדער יענער ביי־זער סאָלדאַט שעלט זיך מיט די גראָבסטע רוסישע קללות. אַן אַנדערער דראָט מיט קלעפּ, אַ דריטער לאָזט אפילו אַראָפּ אַ קאָל־בע אויף אַן איינגעבויגענער פּלייצע, אָבער בכלל פאַרהאַלט מען זיך צו אונז אַנשטענדיק. אומזיסט, הייסט עס, געווען די מורא. מער געניטע, וואָס זענען שוין געווען אין „פאָרט אַלעקסיי", זאָגן אונז אָן, אַז מיר זאָלן זיך נאָך נישט פרייען, אַז מ'קאָן נאָך אַריינכאַפּן די אמתע גאָב בשעת מיר וועלן אַרויס פון שטאָט, בעת מיר וועלן אַרויס אויפן פעלד, און דערהויפּט — ביים אַריינ־גיין אין טויער פון פאָרט, ווו די דאָרטיקע סאָלדאַטן — פון פאָרט — שטעלן זיך אויס אין צוויי רייען און לאָזן אַדורך, ווי דורך אַ שמאָלן קאָרידאָר, די פאַרטיע אַרעסטאַנטן, שניידנדיק מיט די קאָלבעס אומברחמנותדיק.

אָבער אַט זענען מיר אין פעלד, אָט זענען מיר שוין ביים שרעקלעכן טויער פון פאָרט אַלעקסיי, דער טויער גיט אַ פּראַל־אויף, ס'באַווייזן זיך סאָלדאַטן. מידע פון לאַנגן וועג מיט די פּעקלעך, גיבן מיר זיך מיט די לעצטע כוחות שנעל אַ לאָז אַריין אין טויער. פשוט מיר לויפן, כדי אויסצומיידן די קלעפּ, אָבער דער „טייוול איז שרעקלעכער ווי מ'מאָלט אים". מילא, און אַז אייניקע אַרעסטאַנטן האָבן געכאַפּט אַ פּאָר קלעפּ — איז אויך נישט עק וועלט. דערהויפּט — געפּטרט דעם שרעקלעכן וועג און דעם טויער — מיר זענען שוין אינעווייניק, אין דעם פּאָפּולערן אין יענע צייטן „פאָרט אַלעקסיי".

* * *

אַ שוידערלעכן איינדרוק האָט געמאַכט דער „פאָרט אַלעק־סיי", באַזונדער אין דער ערשטער נאַכט, ווען מען האָט אונז

אַהין געבראַכט. שפּעטער איז מען צוגעוווינט געוואָרן. שליסלען זענען מיר אויך אין דער דאָזיקער טורמע לאַנג נישט געזעסן, אפשר אַ דריי־פיר טעג.

די געביידע פון פּאַרט איז געווען אַ ספּעציפיש־מיליטערי־שע. אַלס פּאַרט, האָט די געביידע אין דרויסן אַרויס נישט גע־האַט קיין שום פענסטער, בלויז שמאָלע עפענונגען אויף צו קע־נען אַרויסשטעלן דורך זיי רערן פון האַרמאַטן. אויף די דאָזיקע עפענונגען אין די ריזיקע ווענט פון פּאַרט זענען איצט געווען פאַרשטעלט. דערפאַר זענען אין הויף אַריין (אַ גרויסער, רונדי־קער, אויסגעפּלאַסטערטער הויף) אַרויסגעגאַנגען כמעט נאָרמאַלע פענסטער.

דעם דאָזיקן פּאַרט (ווי אויך אַנדערע) האָט מען אין די רעוואָלוציאָנערע יאָרן 1905—1906, בעת דעם קאָלאָסאַלן וווקס פון דער צאָל אַרעסטירטע, „צוגעפּאַסט" פאַר אַ טורמע. געמאַכט איז דאָס געוואָרן אין איילעניש, אויסערגעוויינלעך נאַכלעסיק.

אינעווייניק, אין דער געביידע, אין דער גאַנצער לענג פון פּאַרט, איז פּאַראַלעל צו די פענסטער, דורכגעצויגן געוואָרן אַ וואַנט פון שטאַכעטן, געדיכטע, פּשוטע, אַפילו נישט געהובלטע שטאַכעטן, פון דער פּאָדלאָגע ביזן סופיט. כדי צו באַקומען באַ־זונדערע קאַמערן, האָט מען די גאַנצע געביידע איינגעטיילט אין דער קווער מיט ווענטלעך פון ברעטער׳ אַפילו שוואַך צוגעקלאַפּ־טע איינע צו דער צווייטער (וואָס עס האָט אויסגענוצט נישט איין אַרעסטירטער).

לופט און זון זענען אין די פּראָוויזאָריש געמאַכטע „קאַ־מערן" דירעקט נישט אַריינגעקומען. ליכט און לופט האָבן מיר געשעפּט אומדירעקט דורך די פענסטער פון „קאָרידאָר". צוליב דעם איז אין די „קאַמערן" כסדר געווען טונקל, די לופט — פייכטלעך.

די נאַרעס זענען געשטאַנען אַרום דריי ווענט, ווייל די פערטע וואַנט איז געווען די דערמאָנטע שטאַכעטן־וואַנט, וואָס אין „קאָרידאָר" אַריין, מיט אַ טיר צום אַריינגיין אין קאַמער. אויף

די נאַרעס — שטרוי, בייטאָג — צוגעשאַרט צו דער וואַנט, בײַ נאַכט — אויסגעשפּרייט איבער די נאַרעס. דאָ, אין פּאַרט, ווו ס'איז אויך געווען גענוג ענג, איז דאָך געווען פאַר אַלעמען פּלאַץ אויף די נאַרעס. בלויז איין חברה־מאַן, אַ שמוציקער עפּילעפּטיק, האָט געמוזט שלאָפן אויף דעם האַרטן און שמוציקן אַספאַלט פון דער פּאָדלאָגע, ווייל אויף די נאַרעס האָבן אים אפילו זיינע קאָלעגן פונעם טיפּ „דעק־מענטשן" נישט אַרויפגעלאָזט.

די „תושבים" פון פּאָרט פלעגן שוין וויסן, ווען ס'דאַרף אָנקומען אַ נייע פּאַרטיע. דער סימן איז געווען — דאָס אָנגרייטן פרישע שטרוי צו געלעגערס אויפן הויף פון פּאָרט. די מענטשן, וואָס זיצן אונטער די קראַטעס, זענען אַזוי דורשטיק נאָך וועלכע נישט איז פרישע איינדרוקן, אַז דאָס אָנקומען פון אַ נייער פּאַרטיע, איז אַ גאַנץ געשעעניש, וועלכע ווערט מיט אומגעדולד אָפּגעוואַרט פון דעם גאַנצן טורמע־עולם. פאַרשטייט זיך, אז אויך ווען אָנקומען פון אונזער פּאַרטיע איז פון פריער געווען באַוווסט אין פּאָרט, און ווי נאָר אונזער חברה איז אַרייַנגעלאָזט געוואָרן אין קאָרידאָר, איז אינעווייניק, אין די קאַמערן, געוואָרן אַן אומגעהויערער גערודער. די כלומרשט שלאָפנדיקע אַרעסטאַנטן האָבן זיך אַ הויב געטון פון די נאַרעס, און מיט טומל און ליאַרעם באַזעצט די שטאַכעטן. יעדער האָט געוואָלט פאַרכאַפּן אַ בעסערן פּלאַץ יעדער האָט געוואָלט זען די ניי־אָנגעקומענע קאָלעגן, אַ טייל האָבן געזוכט באַקאַנטע, אַ טייל האָבן ווירקלעך דערזען צווישן די נייע געסט זייערע פּריינט אָדער חברים. מיר, די אָנגעקומענע, זענען געשטאַנען ביי די טירן און געוואַרט, די סאָלדאַטן זאָלן אונז אַרייַנלאָזן אין די קאַמערן, און פון יענער זייט שטאַכעטן האָבן זיך געהויבן קאָפּ אויף קאָפּ, ווער נידעריקער, ווער העכער — איבער אַ צווייטנס קאָפּ, האַלב־נאַקעטע מענטשן מיט צעשויבערטע קעפּ, און האָבן געשריען, און געפּילדערט און אַרויסגעשטעקט די הענט דורך די שטאַכעטן צו באַגריסן באַקאַנטע, געפרייט זיך, געלאַכט און געליאַרעמט — פּשוט טויב צו ווערן. און די סאָלדאַטן זענען אַרומגעלאָפן, אויפגעשלאָסן טירן, געציילט די נייע אַרעסטאַנטן, געטיילט פאַר זיי שטרוי, געשריען, זיך גע־

זידלט, און ענדלעך אונז אַריינגעלאָזט אינעווייניק — אין די שטייגן, צו די אויפגערודערטע מענטשן.

אין דער שטייג, אָדער „קאַמער", וווּהין מ'האָט מיך מיט נאָך אייניקע חברים אַריינגעלאָזן, איז געווען כמעט אין גאַנצן טונקל (די באַלייכטונג איז געקומען פון אַ נאַפט-לעמפּל אין קאָרידאָר), אויף דעם אַספאַלט האָט געקנאַקט צעוואָרפענע שטרוי, אויף די נאַרעס האָבן זיך מענטשן גענורעט אין שטרוי, אַ סך אפילו אָן צודעקונג.

מ'האָט אונז געוויזן אונזער פּלאַץ. מיר האָבן אָנגעהויבן אויף גיך זיך איינאָרדנען אין דער נייער טורמע, און מידע, אויסגעשעפּטע פון דעם וועג, וואָס איז אַדורך פול מיט שרעק, און פון די נייע שווערע איינדרוקן אין פאָרט, האָבן מיר זיך אויסגעצויגן אויף די נאַרעס און צוגעדעקט מיט וואָס איינער איז געווען רייך.

ביסלעכווייז האָט דער עולם אָנגעהויבן איינשלאָפן. ס'האָט קיין סך נישט געדויערט און אין דער נאַכט-שטילקייט האָט זיך דערהערט אַ כראָפּעריי, אַ פייפעריי פון די נעזער — די כאַראַקטעריסטישע נאַכט-טענער אין אַ טורמע-קאַמער, ווו מענטשן, באַרויבטע פון זון און פרייהייט, פון לופט און באַוועגונג, דענערווירטע פון די פאַרהערן און פאַרשידענע טורמע-איבערלעבענישן, שלאָפן מיטן שווערן קאַשמאַר-שלאָף פון אַן אַרעסטאַנט.

אין קאָרידאָר האָט זיך אַרומגעדרייט דער וואַך-סאָלדאַט מיט דער ביקס. זיינע שטיוול האָבן הילכיק אָפּגעקלאַפּט אויף די שטיינער, וואָס אין קאָרידאָר אויף דער פּאָדלאָגע. ער האָט זיך אַרומגעדרייט, אַריינגעקוקט אין דער קאַמער, אויף די נאַרעס, געטאַפּט פון צייט צו צייט די שלעסער אויף דער טיר, און ווידער פויל, פאַרשלאָפן מאַרשירט פון טיר צו טיר, און ווידער געצויגן די שלעסער.

* * *

אַזעלכע מיליטערישע טורמעס, ווי דער „פאָרט אַלעקסיי" אָדער די פעסטונג מאָדלין, וווּהין מ'האָט אונז שפּעטער פון „פאָרט

אַלעקסיי" איבערגעשיקט, האָבן זייערע ספּעציפֿישע חסרונות, אָבער — אויך זייערע באַזונדערע מעלות.

די טורמע אין „פּאָרט אַלעקסיי" האָט געהאַט בלויז איין שטענדיקן באַאַמטן. דאָס איז געווען דער אינטענדענט. דער, וועלכער האָט אין זיין האַנט געהאַלטן די ווירטשאַפֿט, די אַפּראָוויזאַציע פֿון פּאָרט. קיין שטענדיקער טורמע-שעף מיט שטענדיקע פּראָפֿעסיאָנעלע שומרים איז אין פּאָרט נישט געווען. יעדע 24 שעה פֿלעגט זיך בייטן די וואַך, יעדע 24 שעה פֿלעגן אָנקומען נייע שומרים.

יעדן טאָג, אַרום 1 אַזייגער נאָך מיטאָג, פֿלעגט אָנקומען אַ נייע וואַך מיט אַ נייעם שעף — אַן אָפֿיציר, אין דער שפּיץ, און יעדער אָפֿיציר מיט זיינע „מענטשן" פֿלעגט זיך איינשטעלן זיין רעזשים. און אַזוי ווי אין װאַרשע איז געשטאַנען אַ סך רוסיש מיליטער, אַ שפּאָר ביסל פּולקן מיט באַטאַליאָנען, האָבן מיר יעדן טאָג געהאַט אַ שפּאָגל-נייעם רעזשים. דאָס זעלבע איז שפּעטער געווען אין מאָדלינער פֿעסטונג.

ס'זענען געווען וואַכן מיט אַ גאָר ליבעראַלער, הומאַניטאַרער באַציִונג. דאַן איז געווען גוט: אַ גאַנצן טאָג אָפֿן די קאַמערן, לאַנגע שפּאַצירן אויפֿן הויף פֿון פּאָרט, אַ גאַנצן טאָג האָבן דאַן אין די קאַמערן געהילכט רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער-לידער, און די סאָלדאַטן, נישט נאָר זיי האָבן נישט געשטערט, נאָר צומאָל אַפֿילו צוגעשמייכלט מיט צופֿרידנקייט.

ביי אַזאַ וואַך פֿלעגט מען לייכט קענען אַרויסשיקן „גריפּסן" אין שטאָט אַריין, און נישט איין מאָל איז געווען, ווען סאָלדאַטן פֿלעגן זיך אָפּזאָגן צו נעמען וועלכע נישט איז באַלוינונג פֿאַר אַזאַ ריזיקאַלישער שליחות, דערקלערנדיק, אַז זיי טוען עס בלויז אויס מיטגעפֿיל צו די אַרעסטירטע חברים.

ס'האָבן אָבער נישט געפֿעלט וואַכן ביטערע, וואָס מ'פֿלעגט האָבן דעם טויט פֿון זיי אין פֿאַרלויף פֿון זייער דינסט. דאַן זענען די קאַמערן געווען די גאַנצע צייט פֿאַרשלאָסן. זינגען איז געווען שטרענג פֿאַרבאָטן, אַ גאַנצן טאָג — זידלערייען, געשרייען, סקאַנדאַלן, רעוויזיעס אויף און אונטער די נאַרעס און אין שטרוי,

פערזענלעכע רעוויזיעס, קאָנפיסקאַציעס פון די כשרסטע ביכער, דראָונגען מיט קאַרצער, מיט שיסן דאָ אויפן אָרט אאַז״וו.

דאָס עסן איז אין פאָרט געווען, אויב נישט בעסער ווי אין ראַטוש, איז דאָך אַ ביסל ריינער. צוויי מאָל אין טאָג די באַרימ־טע „פּאָכליאָבקע״ (זופּקע), וועלכע מ׳האָט מיט הילצערנע געפּאַרב־טע לעפל געגעסן גרופּנווייז צו 6—8 מענטשן פון איין שיסל. דאָס האָט קיין באַזונדערן אַפּעטיט און געשמאַק נישט צוגעגעבן דעם עסן... אַפילו ווען אין די שיסלען איז אַמאָל געווען די אַזוי באַליבטע ביי די אַרעסטאַנטן ברוינע גראָבע קאַשע.

דער עולם אין פּאָרט איז געווען כמעט דער זעלבער, וואָס אין ראַטוש, אָבער דאָ, אין פּאָרט, זענען געווען נאָך מער „אַדמי־ניסטראַטיווע״ (ריכטיקער — קרימינעלע), נאָך מער דעק־מענטשן, ווי אין ראַטוש, און געזעסן איז מען געמישט — „פּאָליטישע״ מיט „אַדמיניסטראַטיווע״ צוזאַמען אין איין קאַמער. אָבער די קעגנזיי־טיקע באַציִונגען זענען געווען קאָרעקטע, נישט זעלטן פלעגן אַפילו אין דער קאַמער אָרגאַניזירט ווערן געמיינזאַמע אַרעסטאַנ־טישע שפּילן (ווי „פּאַטשערלעך״, „אָרקעסטער״ אד״גל) מיטן אָנ־טייל פון אַלע, ווער ס׳האָט נאָר געוואָלט.

מיר האָבן נאָך נישט באַוויזן ווי געהעריק זיך איינצולעבן אין די באַדינגונגען פון דער נייער פאַר אונז טורמע, האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו הערן קלאַנגען, אַז פון פּאָרט שיקט מען אַרויס אַ גרויסע פּאַרטיע אין די טורמעס, וואָס זענען אויסער וואַרשע — אין איינע פון די צוויי פעסטונגען: בריסק אָדער מאָדלין. ווי אַזוי חברה פלעגט דערשמעקן טורמע־נײַעסן, איז מיר אומבאַקאַנט, אָבער אין גרעסטן טייל פלעגט זיך אַרויסווייזן, אַז די קלאַנגען האָבן אַ גרונט.

איז געוואָרן טרויעריק אין די קאַמערן. ווי נישט איז, איז מען שוין דאָ צוגעוווינט. דאָ קאָן מען נאָך אַרײַנבאַקומען אַ פּעקל פון אייגענע אָדער פריינט, אָדער פון „רויטן קרייץ״, דאָ קאָן מען נאָך אין אַ נײַער פּאַרטיע אָנטרעפן חברים אָדער באַ־קאַנטע, ביי וועלכע מ׳קען זיך דערוויסן פּאָליטישע און אַ מאָל

אויך פּאַרטיי־נייעסן. אָבער אין אַ בריסק אָדער מאָדלין, בלייבט מען דאָך שוין גאָר אָפּגעריסן פון דער וועלט.

מיר, די פון אַרעסט אויף באָניפראַטערסקע, האָבן געמאַכט אַזאַ לאָגישן חשבון: אונזער גאַנצער פּסק־דין איז אַ חודש אַרעסט. מיר זענען שוין אָפּגעזעסן — אין ראַטוש און אין „פּאַרט אַלעק־סיי" — עפּעס אַ דריטל פון טערמין, שוין אויסגעווען, הייסט עס, אין 2 טורמעס. האָט דען אַ זין צו פירן אונז אין אַ דריטער טורמע, קיין בריסק, אָדער מאָדלין? און ווי נישט איז, איז דאָך נאָך אַ רייזע פאַרבונדן מיט אויסגאַבן פאַר „קאַזנאַ" (מלוכה־קאַסע). וועט מען שוין געוויס אונז לאָזן אויססיצן דעם רעשט טערמין דאָ, אין פּאַרט. אַזוי האָבן מיר געחשבונט. אַנדערש אָבער האָט אויסגעטראָגן אונזער שלימזל, און מיר זענען פּונקט אַריינ־געפאַלן אין דעם טראַנספּאָרט, וואָס האָט אַ גרויסע פּאַרטיע אָפּ־געפירט קיין מאָדלין.

ווידער דער זעלבער פּאַראַד, ווי ביים אָפּשיקן אונז פון ראַטוש אין פּאַרט אַריין, ווידער די זעלבע מורא פאַר דעם מאַרש ביי נאַכט (דאָס מאָל צום וואָקזאַל) מיט מיליטערישער באַגלייטונג. אָבער אויך דאָס מאָל זענען מיר אַרויס מיט גאַנצע ביינער. מ'האָט אונז אַריינגעפּאַקט אין פּאַסאַזשיר־וואַגאָנען, ווו ביי יעדן פאַר־קראַטעוועטן פענצטער זענען געזעסן צו צוויי סאָלדאַטן. מ'האָט אונז נאָך אַ מאָל איבערגעציילט. אַלץ אין אָרדענונג. דער צוג האָט געריירט, קיין מאָדלין. וואָס דערוואַרט אונז דאָרט? און צי איז דאָס שוין די לעצטע טורמע אונזערע?

52

אין מאַדלין. – אין דער טראַנספּאָרט־טורמע אויף פּראַגע. – פריי.

אין מאַדלינער פעסטונג זענען מיר אָנגעקומען שפּעט ביי נאַכט. לאַנג־לאַנג האָבן מיר זיך געשלעפּט פון דער באַן ביז דער פעסטונג, און ווייטער – אויף דער טעריטאָריע פון דער פעסטונג גופא, ביז מיר זענען ענדלעך אָנגעקומען אין אונזער תפיסה, וואָס איז געווען איינגעאָרדנט פונקט אַזוי ווי די תפיסה אין „פּאָרט אַלעקסיי". אויך דאָרט האָבן אונז אָפּגעוואַרט אין זייערע שטייגן ביי די קראַטעס נייגעריקע אַרעסטאַנטן, אויך דאָרטן האָבן זיי אונז באַגעגנט מיט אַ געפּילדער און מיט אַ ליאַרם, אָבער קיין שום באַזונדערן איינדרוק האָט שוין אויף מיר די דאָזיקע סצענע נישט געמאַכט. דאָס אויג האָט זיך צוגעוווינט צו די שטייגן־פאָרמיקע קאַמערן, דער אויער – צום טומל און געפּילדער.

דער רעזשים אין מאַדלינער פעסטונג איז בכלל געווען דער זעלבער, וואָס אין „פּאָרט אַלעקסיי". די ווירטשאַפטלעכע זייט פון תפיסה איז אפילו געשטאַנען אויף אַ העכערן ניוואָ – די קאַמערן האָבן אויסגעזען אַ סך פרישער, ריינער ווי אין „פּאָרט אַלעקסיי", דאָס עסן איז געווען געשמאַקער. ס'האָט זיך געפילט, אַז דאָ פאַרוואַלטעט אַ גוטער, אַן אויפמערקזאַמער באַלעבאָס.

איך געדענק אַזאַ מין געשיכטע. איין מאָל האָט מען אונז געבראַכט אויף אָוונט־ברויט עפּעס אַ געקעכץ, וואָס האָט זיך שטאַרק געפילט מיט נאַפט.

– איין אַרעסטאַנט האָט אָוועקגעלייגט זיין לעפל, אַ צווייטער –

מ׳וועט נישט עסן! אפילו הונגעריקע אַרעסטאַנטן ווילן אויך נישט עסן „זופּקע" מיט נאַפט. ס׳איז געוואָרן אַ גערודער. מ׳האָט אָנגעהויבן פאָדערן ס׳זאָל קומען דער פּולקאָווניק — דער העכסטער באַלעבאָס איבער די ווירטשאַפטלעכע ענינים.

די וואַך־סאָלדאַטן האָבן זיך דערשראָקן — אַ קלייניקייט: „אַ בונט"!

האָבן זיי זיך געבעטן מיט גוטן, מ׳זאָל זיך באַרויִקן, האָבן זיי פּראָבירט מיט בייזן איינשטילן „דעם בונט" — ס׳העלפט נישט, הונגעריקע מענטשן, אפילו ווען זיי זיצן הינטער די קראַטעס, איז נישט אַזוי לייכט צו באַרויִקן.

ענדלעך האָט זיך באַוויזן דער פּולקאָווניק אין באַגלייטונג פון הויפּט־קוכער.

ער האָט גענומען צום מויל איין לעפל געקעכטס אין איין קאַמער, אַ צווייטן — אין אַ צווייטער קאַמער, און — אין אָנוועזנהייט פון אַלעמען — האָט ער מיט אַ ווילדן צאָרן זיך אַ וואָרף געטון אויפן קוכער: ער האָט אויף אים געשריען, געטופּעט מיט די פיס, ער האָט אים געזידלט מיט די ערגסטע ווערטער, און פאַרענדיקט מיט אַ שטרענגער פאַראָרדענונג:

שטעלן די גרויסע סאַמאָווערן, געבן די אַרעסטאַנטן טיי מיט צוקער, מיט ברויט!

דער פּולקאָווניק האָט דאַן שטאַרק אויסגענומען ביים עולם אַרעסטאַנטן — מיט זיין ענערגיע און מיט זיין יושר.

* * *

אין מאָדלין האָבן מיר זיך געטראָפן מיט די חברים פון אַרעסט אויף באָניפראַטן־גאַס, מיט די זעלבע, וואָס מ׳האָט דאַן גלייך פון פּאָליציי־צירקל איבערגעשיקט אין ראַטוש. זיי זענען שוין געזעסן עפּעס אַ 6 וואָכן און האָבן באַדאַרפט לויט דעם פּסק־דין פון גענעראַל־גובערנאַטאָר אָפּזיצן נאָך אַזוי פיל צייט.

די טעג האָבן זיך דאָ אומגעהויער לאַנג געצויגן. אפשר דערפאַר, ווייל דאָס „לעבן" אין דער דאָזיקער טורמע איז געווען אויסערגעוויינלעך מאָנאָטאָן. קיין שום נייע אַרעסטאַנטן זענען דאָ

נישט אָנגעקומען (די פּאַרטיעס אין און פון מאָדלין פלעגן גיין בלויז איין מאָל אין צוויי וואָכן), קיין שום צייטונגען זענען אין דער דאָזיקער טורמע נישט אַריינגעדרונגען. אפילו לעגאַלע ביכער האָט מען דאָ, אין דער אַדמיניסטראַטיוו-מיליטערישער טורמע נישט אַריינגעלאָזן, אַזוי, אַז אין דער גאַנצער טורמע-פעסטונג זענען געווען בלויז אַ פּאָר געציילטע, אַריינגעשמוגלטע, ביכער.

פלעגט מען די גרויע צייט זען צו זיין מיט עפּעס פאַרנומען. די מער אינטעליגענטע חברים – מיט דיסקוסיעס, מיט שפּילן אין שאָך, „דאַמקע" (די פיגורן האָט מען קונציק געמאַכט פון ברויט). דאָס „פאָלק" – מיט מאַסן-שפּילן, מיט מעשהלעך, מיט געזאַנג, אפילו מיט אימפּראָוויזירטע „טעאַטער-פאָרשטעלונגען", ווי צום ביישפּיל: „כינקע-פינקע". ביי די יידישע אַרבעטער איז דאַן געווען זייער פּאָפּולער דאָס לידל וועגן פּ. פּ. סישן העלד ברוך שולמאַן, וואָס איז יענעם זומער 1906 אומגעקומען צוליבן וואַרפן אַ באָמבע אויף דעם געוואַלטיק פאַרהאַסטן צאַרישן דינער, דעם פּריסטאַוו קאָנסטאַנטינאָוו.

דאָס דאָזיקע באַליבטע לידל – איינגעפאַסט אין אַ לייכטן פאָלקס-מאָטיוו – וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

> ווי ברוך שולמאַן איז אין גאַס געגאַנגען,
> באַגעגנט האָט ער דעם טיראַן.
> מיט דער באָמבע האָט ער אים צעריסן.
> קאָנסטאַנטינאָוון, דעםווילדן טיראַן, –

האָט מען געזונגען אין טורמע גאַנצע טעג.

ענדלעך, האָבן מיר זיך דערוואַרט: מיר זענען אָפּגעזעסן אונזער חודש. אָבער – מ'באַפרייט אונז דאָך נישט. וואָס איז? אַ פּאַרטיע פון מאָדלין אין וואַרשע וועט ערשט גיין אין עטלעכע טעג אַרום. פאַרפאַלן. מ'מוז האָבן געדולד!

נאָך אַט פאָרן מיר אַרויס פון מאָדלין. מיר זענען שוין אין וואַרשע, אָבער – נאָך אַלץ נישט אויף דער פריי. מ'פירט אונז אין אַ שפּאָגל נייער פּאַר אונז טורמע – איך מיין, אין די אַלטע עיפּושדיקע עטאַפּן-טורמע („פּערעסילנאַיאַ"), וואָס האָט זיך געפונען אויף פּראַגע.

אין דער טראַנספּאָרט־טורמע אויף פּראַגע האָט מען אונזער חברה, וואָס איז אָנגעקומען פון מאַדלין, קודם גוט אָרומרעווידירט און אַריינגעזעצט אין די קאַמערן.

געווען איז אין דער דאָזיקער „פּערעסילקע" (טראַנספּאָרט־טורמע) זייער אומהיימלעך, ווי אין יעדער טורמע, וואָס דערפילט די אויפגאַבע פון אַ „האָטעל" פאַר דורכגייענדיקע אַרעסטאַנטן.

אין אַזאַ טורמע פילט זיך יעדער אַרעסטאַנט אַלס גאַסט, וואָס דאַרף דאָ פאַרברענגען בלויז אייניקע שעה אָדער געציילטע טעג, זאָרגט ער שוין גאָרנישט וועגן אַ ביסל אָרדענונג און ריינקייט אין זיין קאַמער.

כדי דאָך אויף וויפל נישט איז נאָכצוקומען די פאָדערונגען פון „עסטעטיק" און „היגיענע", האָט די אַדמיניסטראַציע פון דעם דאָזיקן שמוציקן 3־שטאָקיקן מיסטקאַסטן אָפּגעפאַרבט די ווענט אויף שוואַרץ — אַזש ביז אויף דער העלפט, און אָנגעכליאַפּעט קאַרבאָל ביז דערשטיקט צו ווערן.

נאָך שטייענדיק אויפן הויף פון „פּערעסילקע", נאָך איידער די נייע מאַכט האָט גענומען איינאָרדענען אונזער פּאַרטיע אין די קאַמערן, האָבן מיר געהאַט די געלעגנהייט פון דער ווייטנס זיך אַ ביסל צו באַקענען מיט דער באַפעלקערונג פון אונזער נייער טורמע. דאָס איז געווען אַ פאַרשידנאַרטיקער און פאַרשידנפאַרביקער עולם, ווי אין יעדער טראַנספּאָרט־טורמע פון אַ גרויסער שטאָט, פון אַ קנופּן־פּונקט. דאָ האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן די גרויסע צאָל קרימינעלע אַרעסטאַנטן מיט זייערע גרויע „מונדירן", מיט די קליינע גרויע אַרעסטאַנטסקע היטעלעך אויף די קעפּ. דאָ האָבן געקלונגען די שווערע קייטן פון קאַטאָרזשאַנעס, דאָ האָט געגרילצט אין די אויערן די אמתע אַרעסטאַנטסקע שפּראַך פון גנבים, באַנדיטן און אַנדערע טיפּן, מיט וועלכע ס'איז אַ שרעק זיך צו באַגעגענען ערגעץ אין אַ שטיל געסל.

נאָך איין „מעלה" האָט געהאַט די טראַנספּאָרט־טורמע. דאָס איז געווען — איר ספּעציפישע אַדמיניסטראַציע. זי איז געווען אַ בייזע און אַ באַזונדער שטרענגע. דאָס איז קיין וואונדער נישט:

איז דאָך די טורמע־אַדמיניסטראַציע געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע אַרעסטאַנטן, און צווישן אירע קליענטן האָבן זיך דאָך געוויס געפונען נישט ווייניק ראַפינירטע ספּעציאַליסטן, וואָס האָבן שוין נישט איין מאָל געמאַכט אַ ויברח, האָט מען געמוזט מיט אַ באַזונדער פעסטער האַנט האַלטן דעם גאַנצן עולם. אָבער וואָס זענען שולדיק געווען מיר — מיר פשוטע „אַדמיניסטראַטיווע", וואָס מ'האָט נאָך היינט באַדאַרפט אַרויסלאָזן אויף דער פריי? פאַרוואָס האָבן מיר געמוזט געניסן פון דעם גאַנצן רעזשים פון דער טראַנספּאָרט־טורמע?

איז די גאַנצע אַטמאָספער, די שטימונג אונזערע געווען אַ געדריקטע.

אָבער דאָס וואָלט געווען אַ קלייניקייט. האָבן מיר זיך דאָך שוין „פאַרהאַרטעוועט" אין פאַרלויף פון דעם חודש אַרעסט. ביטערער זענען געווען די נייעס, וועלכע מיר האָבן זיך דאָ דערוווסט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט איינגעפירט אַ נייעם מנהג ביים באַפרייען די, וואָס זענען אָפּגעזעסן אַן אַדמיניסטראַטיווע שטראָף (און צו דער קאַטעגאָריע האָבן מיר געהערט, די פון אַרעסט אויף באַניפראַטן [3]): וואַרשעווער נכתבים — אַרויסלאָזן, אַלע אַנדערע — אַרויסשיקן מיטן טראַנספּאָרט אין זייערע היימשטעט, ד"ה אין די שטעט, ווו זיי זענען איינגעשריבן אין די ביכער אַלס שטענדיקע איינוווינער, כּדי פעסטצושטעלן אויפן אָרט די ריכטיקייט פון זייערע דאָקומענטן. דער דאָזיקער אויפטו איז פון פּאָליציייִשן שטאַנדפּונקט געווען גאָרנישט קרום, בפרט אין יענע צייטן, ווען טויזנטער מענטשן האָבן געלעבט אויף פרעמדע פּעסער, אָדער אויף פשוטע „פּאָזיעס" (ד"ה אין גאַנצן פאַלשע פּעסער מיט אויסגעטראַכטע נעמען און פאַמיליעס). פאַר מיר אָבער מיט „באָריסן" איז די פּערספּעקטיוו פון שלעפּן זיך מיט טראַנספּאָרטן אין אונזערע היימשטעט גאָר נישט געווען קיין פריילעכע.

און ווען נישט דער אַלץ־היילנדער מיטל פון די צאַרישע צייטן — די „לאַפּוועקע", וואָלטן מיר טאַקע קיין ברירה נישט געהאַט און געמוזט אָפּריכטן גלות־„עטאַפּ" („טראַנספּאָרט") אַ שיינע פּאָר וואָכן.

נאָך מיטאָג האָט מען צוזאַמענגענומען די אַרעסטאַנטן, וועלכע מ'האָט באַדאַרפט איבערשיקן אין פאַרשידענע פּאָליציי־צירקלען צום „פעסטשטעלן די פּערזענלעכקייט" און צום באַפרייען. אין דער באַגלייטונג פון עטלעכע פּאָליציאַנטן האָט מען אונז אָנגעהויבן פירן פון איין צירקל אין צווייטן (אומעטום האָט מען איבערגעלאָזן איין אָדער עטלעכע פּערזאָן פון אונזער גרופּע און געגאַנגען ווייטער). ענדלעך — איך און נאָך עטלעכע חברים זענען מיט מזל אין אונזער פּאָליציי־צירקל אויף נאָוואָליפּקי. דאָס מאָל פירט מען אונז שוין נישט אַראָפּ אין „קאָזע" אין קעלער, נאָר מ'שפּאַרט אונז איין אונטער די קראַטעס אויבן אין צירקל.

איצט ליגט מיין גורל אין די הענט פון מיין פּריסטאַוו, און קודם פון „מיין" רעווירָאָווי (וועלכן איך האָב אַפילו נישט געקענט). זאָלן זיי זיך דאָ נאָר נישט כאַפּן, אַז קומען פון אַרעסט קום איך אַלס אַרבעטלאָזער שאַכטלמאַכער, און אין פּאַס בין איך גאָר אַ לערער, ד"ה — פון פּאָליציייִשן שטאַנדפּונקט — דער אמתער אַגיטאַטאָר, דער ריכטיקער „אויפהעצער", דער, וואָס איז שולדיק אין אַלע „רעוואָלוציעס" און „בונטן" קעגן צאַר. מ'דאַרף וואָס גיכער זיך פון דאַנען אַרויסכאַפּן, מ'דאַרף זעען „דערליידיקן" מיטן רעווירָאָווי.

נאָר ווי מאַכט מען דאָס? איך האָב קיין מאָל אין מיין לעבן אַזעלכע עסקים נישט געקאָנט דורכפירן.

צום גליק האָט זיך אין מיין גרופּע געפונען אַ חבר פון דעם זעלבן רעוויר, וואָס איך. ער האָט זיך געקענט מיטן רעוויראָווי, ער האָט זיך מיטן רעוויראָווי „דורכגעשמועסט", און פאַר אַ מתנהלע פון עפּעס אַ 3–5 רובל בין איך נאָך דעם זעלבן אָוונט אַרויס אויף דער פריי.

מיט מיין פּאַס אין טאַש און מיט דעם טורמע־געפּעק אין האַנט האָב איך, פריי אָפּאָטעמענדיק, זיך געלאָזט אין מיין צימערל אויף לעשנאָ 50.

איז דאָס געווען אַ לאַנגער און שווערער חודש!

53

אין „פוילישן ראיאָן־קאָמיטעט פון „בונד“. — מיין ערשטער אַרויספאָר אין פוילישן ראיאָן. — ח׳ משה מיט זיינע וואַליזעס.

די ערשטע טעג פון פרייהייט, ווען דו קאָנסט גיין אַליין, ווען דו ווילסט און וווהין דו ווילסט און אָן אַ שום שומר. ווען דיר ווייזט זיך נאָר אויס כסדר, אַז עמעצער גייט דיר נאָך טריט נאָך טריט און היט אָפּ דיין נשמה, און יעדע מינוט איבערצייגסטו זיך מיט פרייד, אַז ביסט דאָך אַליין, פולשטענדיק פריי, — אָט די ערשטע טעג, ווען דו ביסט נאָך גליקלעך צו זען דיינע פענצטער אָפענע, אָן קראַטעס, ווען דיר פרייט, וואָס דיין טיר קאָנסטו עפענען אַליין אָן שטערונגען, אַ טיר, וואָס איז פריי פון די שווערע און קלינגענדיקע טורמע־שלעסער, — יענע ערשטע טעג זענען איינע פון די שענסטע, פון די בעסטע, פון די אָנגענעמסטע טעג פון לעבן פון אַ מענטשן.

דאָס מאָל, ווען איך בין אַרויס אויף דער פריי, זענען אָבער שוין די ערשטע פרייהייטס־טעג מיינע פאַרשטערט געוואָרן. שוין פון מיין ערשטער באַגעגעניש מיט די אַקטיווע חברים פון דער באַוועגונג, האָב איך זיך דערוווסט וועגן אַ גאַנצער סעריע אַרעסטן, וואָס זענען לעצטנס פאָרגעקומען אין אונזער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע, צווישן אַנדערע — וועגן אַרעסט פון ח׳ ליטוואַק, וועלכן מ׳האָט גענומען מיט אַ מאַנוסקריפּט אין טאַש. מ׳האָט מיר דערציילט, אַז ח׳ ליטוואַק האָט פון טורמע געגעבן צו וויסן, אַז דאָס איז ער אַ דאַנק איטשקען דעם דרוקער אַריי

געפאַלן מיט דעם מאַנוסקריפּט (ס'איז, גלויב איך, געווען אַן אַר־טיקל פאַרן „גלאָק", וועגן וועלכן איך האָב שוין געהאַט גע־שריבן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל). ווייטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז איטשקע דרוקער — מיין רעכטע האַנט פון דער טעכניק, דערהויפּט פון שאַפן דרוקערייען — איז דערקלערט פאַר אַ פּראָוואָקאַטאָר און אַז די אָרגאַניזאַציע האָט אים אַרויסגעשיקט קיין אויסלאַנד.

ס'איז געווען קלאָר, אַז איטשקע האָט פאַר מיר נישט גע־מאַכט קיין אויסנאַם. אַז אויך איך פיגוריר אויפן צעטל בונדיסטן, וואָס איטשקע האָט איבערגעגעבן דער וואַרשעווער אָכראַנע, דע־ריבער איז באַשלאָסן געוואָרן, איך זאָל מיך מער נישט איינמעלדן אין וואַרשע און זאָל בכלל אָנהייבן אַרבעטן ערגעץ־אַנדערש.

האָט מיך דאַן דער צ. ק. באַשטימט צו אַרבעטן אין „פּוי־לישן ראַיאָן־קאָמיטעט".

דער פּוילישער ראַיאָן־קאָמיטעט פון „בונד" האָט אָרגאַ־ניזאַציאָנעל אַרומגענומען די 10 גובערניעס פונעם אַמאָליקן קאָנ־גרעס־פּוילן מיטן אויסנאַם פון די צוויי הויפּט־צענטערן פון דער בונדישער באַוועגונג אין פּוילן — וואַרשע און לאָדזש. די דאָזי־קע צוויי שטעט זענען געשטאַנען אין דירעקטער פאַרבינדונג מיטן צ. ק., אַלע איבעריקע שטעט פון קאָנגרעס־פּוילן — אונטער דער השגחה פון פּוילישן ראַיאָן־קאָמיטעט.

דער ראַיאָן־קאָמיטעט איז דאַן באַשטאַנען פון דריי מיט־גלידער: ליאָלאַ וועגדראָף („ראַפאַיל"), אַ גוטער חבר, איינער פון די בונדישע פּראָפעסיאָנאַלן פון פּעריאָד 1904—1907, (גע־שטאָרבן, דאַכט זיך, אין פינלאַנד, בעת דער וועלט־מלחמה), דאַן — דער אונז שוין באַקאַנטער פריינד מיינער פון אָדעס־בערדיטשעוו — דוד שלאָסבערג („סאָלאָמאָן", „נפתלי" — דער מיט די איינגע־בויגענע קראַנקע הענט־פינגער — געפינט זיך איצט אין רוסלאַנד) און איך.

מיר האָבן אַזוי צעטיילט די אַרבעט, אַז יעדער פון אונז האָט געהאַט אונטער זיין אויפזיכט אַ געוויסע געגנט אין פּוילן. צוויי מאָל אין חודש פלעגן מיר זיך צונויפקומען אויף אונזערס

אַ זיצונג אין וואַרשע, כּדי אָפּצוגעבן אַ באַריכט פון אונזערע אָרגאַניזאַציאָנעלע רייזעס און אויסצואַרבעטן אַ פּלאַן פון דער ווייטערדיקער אַרבעט. יעדע צוויי־דריי חדשים פלעגן מיר זיך טרעפן מיט די געגנטן, וואָס ס'איז געווען וויכטיק פון שטאַנד־פונקט פון קאָנספּיראַציע, ווי אויך פאַרן נוצן פון דער אַרבעט, דהיינו, אַז יעדער פון אונז זאָל קאָנען פערזענלעך די אָרגאַניזאַציעס און די טוער פון גאַנצן שטח פון פּוילישן ראַיאָן־קאָמיטעט.

די אַרבעט אין ראַיאָן איז געווען אַ שווערע. דער גרעסטער טייל אָרגאַניזאַציעס איז געווען אויב נישט אין גאַנצן צעבראָכן, איז אויף יעדן פאַל גאָר שטאַרק אָפּגעשוואַכט — אַ דאַנק דער ירידה פון דער רעוואָלוציע, ווי אויך צוליב דעם האַרטן רעזשים פון קריגס־צושטאַנד, וואָס די צאַרישע דינער האָבן באַזונדער שטאַרק אָנגעווענדעט אויף דער פּוילישער פּראָווינץ.

די אָרגאַניזאַציעס אויף די ערטער זענען געווען שרעקלעך אָרעם. דער צ. ק. האָט אויך מאַטעריעל נישט געקאָנט שטיצן, אַזוי, אַז מיר, די רייזנדע מיטגלידער פון פּוילישן ראַיאָן־קאָמיטעט, האָבן פּשוט נישט געהאַט אויף באַן־בילעטן, ווער רעדט שוין וועגן מעגלעכקייטן צו באַצאָלן פאַר אַ מער אָדער ווייניק באַקוועמען צימער אין אַ האָטעל. פלעגן מיר נעכטיקן אין ביליקע איינפאָר־הייזער, אָדער גאָר מאַכן אַ גרויסע עקאָנאָמיע, שלאָפנדיק ערגעץ ביי אַ חבר, צוזאַמען מיט אים אין זיין אָרעמען פּראָלעטאַרישן בעטל. דער איינציקער ליכטיקער פונקט פון אונזער דעמאָלסדיקן לעבן איז געווען דאָס צוזאַמענקומען זיך אויף אונזערע קאָנפערענצן פון ראַיאָן־קאָמיטעט אין וואַרשע.

פון אונז דריי האָט געהאַט אַ שטענדיקע וווינונג אין וואַרשע בלויז איינער — ראַפאַיל. ער האָט געהאַט אַ צימער אויף טוואַרדע 10. איך בין דאָך געווען טריף אין וואַרשע — איז מיין פּאַס געווען געמאָלדן אין לאָדזש, ביי מיין ברודער. שלאָסבערג („סאַלאָמאָן") איז אויך געווען „פאַרשיט" אין וואַרשע צוליב דער פּראָוואָקאַציע פון איטשקע דרוקער, האָט ער אויך נישט געטאָרט מעלדן זיין פּאַס אין וואַרשע.

איז געווען אַ ביסל געלט אין טאַש — פלעגן מיר, קומענ־

דיק קיין וואַרשע, גיין שלאָפן אין אַ האָטעל, דערבײַ פלעגן מיר
שוין אַזוי מאַנעווורירן, אַז דער פּאַס זאָל נישט געשיקט ווערן,
אין פּאָליציי־צירקל צום איינמעלדן. צוליב דעם פלעגן מיר קו־
מען גאַנץ שפּעט אין אָוונט און אַוועקגיין גאַנץ פרי. אויפן צווייטן
טאָג זענען מיר שוין געגאַנגען שלאָפן אין אַן אַנדערן האָטעל.
מיר פלעגן זיך אויך באַמיִען, אַז אַפילו דער האָטעל־שטעמפּל
זאָל נישט פיגורירן אויפן פּאַס אונזערן, ווײַל צופיל שטעמפּלען
אויף אַ פּאַס בײַ אַ מענטשן, וואָס איז נישט קיין סוחר, קיין
רייזנדער, איז אין יענע צײַטן אויך נישט געווען קיין איבעריקע
מעלה. אָבער מערסטנטייל פלעגן מיר מיט סאָלאָמאָנען נעכטיקן
אין אַ פּשוטער יידישער אכסניה אויף דזשיקע אָדער אויף נאַ־
לעווקעס.

די אכסניה אויף דזשיקע גאַס איז געווען אַ געוויינלעכע
סוחרישע אכסניה. מיט אַ פּשוטן שילדל: „מעבלירטע צימערן”
מיט אַ גוטן „סטרוזש” (וועכטער), וואָס פלעגט פאַר אַ פּאָר קאָ־
פּיקעס נישט מאַכן קיין שום שוועריקייטן בײַם אַרײַנלאָזן בײַנאַכט
אין טויער.

עטלעכע צימערן זענען געווען אָנגעשטעלט מיט בעטלעך
פאַר די געסט, צו עטלעכע בעטלעך אין אַ שטוב. איין צימער מיט
אַ גרויסן, לאַנגן טיש, מיט אַ גרויסן מעשענעם סאַמאָוואַר אויף
אים, האָט געדינט פאַר אַ שפּייז־זאַל. בײַם טיש — דער באַלעבאָס
אַ לעבעדיק, פריינטלעך יידל, וואָס האָט צוזאַמען מיט זײַן טאָכ־
טער, אַ חנעוודיק יונג מיידל, היימישלעך באַדינט די געסט —
יידן סוחרים, יידן פון אַ גאַנץ יאָר. איין גאַסט איז דאָרט געווען
אַ סטאָלער, אַ שטענדיקער, פּשוט — אַ סובלאָקאַטאָר. איך פלעג
אים שטענדיק טרעפן אין דער אכסניה. גאַנץ אָפט בײַם גרויסן
טיש פון שפּייז־צימער. דאָס איז געווען מ ש ה ס ט אַ ו ו ס ק י —
אַ יינגער אָבער שוין אַ ביסל אַ באַקאַנטער יידישער שרײַבער.
ווי אַזוי ער האָט געקאָנט אַרבעטן, שרײַבן, אין אַזאַ מין סוח־
רישן קעסל, ווייס איך נישט. איך געדענק נאָר, אַז איין מאָל
האָט ער מיך געכאַפּט אין אַ צימער, וואָס איז גראָד געווען פרײַ
פון געסט, און האָט מיר איבערגעלייענט זײַנס אַ פריש־צאַפּלדיק

מעשהלע פון זיין זשאַנר – דאַכט זיך מיר – וועגן אַ פערד.

דאָס „איינשטיין" אין דער דאָזיקער אכסניה האָט געהאַט פּאָזיטיווע זייטן, אָבער אויך נישט ווייניק נעגאַטיווע. די מעלות פון דער אכסניה זענען קודם כּל געווען די, וואָס מיר פלעגן זיך דאָרט נישט איינמעלדן, פּונקט ווי אַ גרויסער טייל אַנדערע געסט פון דער אכסניה. מיר זענען געווען זיכער, אַז אפילו אין פאַל פון אַ פּאָליציייִשן נאַכט־וויזיט, וועט דער באַלעבאָס, וואָס „שמירט" געוויס סיסטעמאַטיש, ווו מען דאַרף, אַרויסראַטעווען זיינע אורחים. „יידן צווישן יידן" – מ'וועט נישט פאַרפאַלן ווערן. אָבער פון דער צווייטער זייט, האָט דאָס „יידן צווישן יידן" אויך צו עפּעס פאַרפליכטעט. יידן זענען דאָך זייער נייגעריק, בפרט סוחרים, אין וואַגאָן, אין האָטעל - אויף דער רייזע בכלל. האָבן אונזערע מיטשכנים געוואָלט וויסן: פון וואַנען זענען מיר, מיט וואָס האַנדלען מיר, מיט וועמען האַנדלען מיר אאַ"וו. פלעגן מיר זיך אָפּט געפינען אין אַ פאַרלעגנהייט, נישט וויסנדיק, וואָס ענטפערט מען אויף די פּשוטסטע סוחרישע פראַגן. און ענטפערן האָט מען געמוזט, כּדי, נישט אַרויסצורופן קיין פאַרדאַכט ביי די געסט פון דער אכסניה. איז געווען שלעכט, ביז מיר האָבן זיך אַ ביסל אויסגעלערנט צו „האַקן אַ טשייניק".

* * *

מיין ערשטער אַרויספאָר אין ראַיאָן איז געווען אָנגעמערקט אין ראַדאָם און קעלץ – שטעט, וואָס איך האָב ביז דאַן אין מיין לעבן נישט געזען.

פון וואַרשע בין איך אַרויסגעפאָרן צוזאַמען מיט אַ חבר משה (זיין פאַמיליען־נאָמען איז מיר אויך דאַן געווען אומבאַקאַנט), אַ זייגערמאַכער פון פאַך, וואָס איז ערשט נישט לאַנג געלאָפן פון סיביר. דעם חבר משה האָב איך באַדאַרפט איינאָרדנען אין ראַדאָם און אים איבערגעבן די אָנפירונג פון אונזער ראַדאָמער אָרגאַניזאַציע.

איך האָב פאַר אים געקריגן אַ בלאַנק פון אַ פּאַס מיט אַן אָפּדרוק פון אַן אָפיציעלן שטעמפל און אונטערשריפט פון עפּעס

אַ פּראָווינציעלן „מיעשטשאַנסקי סטאַראָסטע”. איך האָב דעם פּאַס אַליין אויסגעפּילט, און מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

דער חבר משה האָט געהאַט מיט זיך צוויי גרויסע וואַליזעס (איך ווייס באמת נישט, ווי האָבן זיך גענומען צו אַן אַנטלאָפענעם פון סיביר אַזעלכע גרויסע וואַליזעס), וואָס האָבן אויף מיר פּשוט אָנגעוואָרפן אַ שרעק, אָבער פון דער צווייטער זייט האָבן זיי צוגעגעבן אַ סאָלידן אויסזען מיין מיטרייזנדן, וואָס איז, ווי איר ווייסט שוין, געווען דורכאויס טריף. צום אומגליק, איז משה געווען אַ יונג, וואָס האָט זיך יעדן געוואָרפן אין די אויגן מיט זיין ריזיקן וווקס און... מיט זיין ספּעציפיש־רוסישן היטל, מיט אַ לאַקירטן דאַשעק. אַזאַ היטל האָבן אין רוסלאַנד געטראָגן קלענערע רוסישע באַאַמטע און גאַנץ אָפט „שפּיקעס” — אַגענטן פון דער אָכראַנע. ס'איז קלאָר, אַז אַזאַ פּאַסאַזשיר, דערצו נאָך מיט אַ כשרער יידישער נאָז, וועט אויף די באַנען אין פּוילן זיך וואַרפן אין די אויגן אַריין, אַלס עפּעס אַ פרעמדער, פון אַן אַנדער קאַנט, וואָס איז אין יענע צייטן פון קריגס־צושטאַנד געווען ווייט נישט געווונטשן, אָבער קיין געלט אים צו קויפן אַ קאַפּעלוש האָבן מיר נישט געהאַט, זיצן אין וואַרשע און וואַרטן אויף „גליקן”, ד״ה אויף אַן הלואה, איז געווען אוממעגלעך — סיי צוליב טעמים פון עקאָנאָמיע, סיי צוליב פּאָליציייִשע מאָטיוון, האָבן מיר באַשלאָסן, איך זאָל ריזיקירן און אַרויספאָרן מיטן ח' משה.

ביז ראַדאָם זענען מיר געפאָרן בשלום. אָבער אין ראַדאָם שוין אויפן וואָקזאַל: — סטאָפּ! צוויי געזונטע זשאַנדאַרמען האָבן פאַרהאַלטן צוערשט משהן מיט זיין דאַשעק און זיינע גרויסע וואַליזעס, און דאַן מיך מיט מיין לייכטן רייזע־טעשל.

— פּעסער!

מיר גיבן די פּעסער, און די זשאַנדאַרמען הויבן זיי אָן צו שטודירן.

— אייער באַשעפטיקונג, צוליב וואָס פאָרט איר קיין ראַדאָם?

אָט זעט איר, דאָס איז טאַקע נישט אַזוי לייכט אויפצוקלערן

די זשאַנדאַרמען. אָבער שווייגן טאָר מען נישט. דערווייל עפנט אַ זשאַנדאַרם מיין וואַליזקע און איך דערזע גראָד צווישן מיינע רייזע־זאַכן נייענקע פרישע שאַכטלען: איינס — מיט ציין־פּראָשעק, אַ צווייטס — מיט שפּראָטן, אַ דריטס — מיט כאַלווע, אויסגע־צייכנט! מוסטערן פון סחורה! און איך גיב אַ דרייסטן ענטפער:

— איר זעט דאָך מיינע מוסטערן. איך בין אַ פאַרטרעטער פון גאַסטראָנאָמישע און אַפּטייק־זאַכן. איך פאָר אויפנעמען באַ־שטעלונגען.

— און איר? פרעגט מען מיין משהן.

— איך בין אַ זייגער־מייסטער. ווייזט משה אויף אַ פּאָר אינסטרומענטן, וואָס ליגן אין זיין וואַליזע. איך וויל עפענען אַ זייגער־װאַרשטאַט אין ראַדאָם.

— פון וואַנען זשע קומט איר עס צוזאַמען?

— וואָס הייסט? גאַנץ פּשוט, מיר האָבן זיך באַקענט אין וואַגאָן, זיך צערעדט, האָבן מיר אָפּגערעדט צו נעמען איין האָטעל, כּדי ס׳זאָל זיין ביליגער.

די זשאַנדאַרמען האָבן זיך איבערגעקוקט, מיט מזל אונז אָפּגעגעבן די פּעסער, און אַוועק צו אַנדערע פּאַסאַזשירן.

משה האָט זיך גענומען איינשנורעווען זיינע וואַליזעס, וואָס האָט, צו אַלדע רוחות, צוגענומען אַ שפּאָר ביסל צייט. איך האָב אים געאיילט, מורא־האָבנדיק, אַז די זשאַנדאַרמען זאָלן דערווייל נישט פאַרטיק ווערן מיט דער רעוויזיע ביי אַנדערע פּאַסאַזשירן, און נישט חשק באַקומען נאָך אַ מאָל זיך אַ נעם טון צום זייגער־מאַכער און צום „וואָיאַזשאָר פון כאַלווע, שפּראָטן און אַפּטייק־זאַכן“.

ענדלעך, משה איז פאַרטיק.

אַ טרעגער, אַ שטאַרקער יונג, האָט אַ כאַפּ געטון משהס וואַליזעס און אונז אַריינגעזעצט אין אַ דראָזשקע.

איך האָב פריי אָפּגעאָטעמט.

54

מיינע ,,רייזע־דאָקומענטן״. – שנדלעצער פּאָגראָם און דער הילף־קאָמיטעט.

אַרויספאָרנדיק דאָס צווייטע מאָל אויף דער רייזע אין ראַיאָן, האָב איך מיך שוין באַזאָרגט מיט צוויי פּאַפּירלעך: איינס איז געווען אַ באַשייניקונג פון אַ גרעסערער וואַרשעווער הורט־פירמע פון אַפּטייק־זאַכן און קאָסמעטיק, אַז איך בין אַ רייזנדער־פּראָוויזיאָניסט, דאָס צווייטע – אַ קאָרעספּאָנדענץ־קאַרטע פון דער דעמאָלסדיקער ווילנער „פאָלקסצייטונג״, וועמענס קאָרעספּאָנדענט איך בין געווען אין דער ווירקלעכקייט.

ביידע פּאַפּירלעך זענען געווען אויסגערעכנט בלויז אויף נאַיִווע פּאָליציאַנטן אָדער אויף עם־האַרצישע אַגענטן ערגעץ אויף דער פּראָווינץ, ווייל די זשאַנדאַרמען און אָכראַניקעס האָבן בכלל גוט געוווּסט, ווער ס'איז די „פאָלקסצייטונג״ און אירע מיטאַרבעטער.

דאָס רייזנדער־פּאַפּירל ווידער האָט מיר אויך געקאָנט ווייניק העלפן, ווייל איך האָב נישט געהאַט די קלענסטע אַנונג וועגן די מינים און פּרייזן פון די אַפּטייק־סחורות, נישט וועגן דער קונדשאַפט, ד״ה וועגן די אַפּטייקן, אַפּטייק־סקלאַדעס אין די שטעט און שטעטלעך פון פּוילן, וועלכע איך האָב, אַלס רייזנדער, באַזוכט. דער קלענסטער עקזאַמען אויף דעם געביט פון מיין „האַנדל״ האָט מיר געדראָט מיט אַ מיאוסן דורכפאַל. פלעג איך זיך טאַקע בלויז אין זעלטענע פאַלן באַנוצן מיט מיינע „דאָקומענטן״.

בּיסלעכווייז האָבן מיר ווי נישט איז איינגעשטעלט די אַר־
בעט אין פּוילישן ראַיאָן. אין אייניקע שטעט (ראַדאָם, טשענ־
סטאָכאָוו, קאַליש) האָבן מיר אַפילו אַוועקגעזעצט „פּראָפעסיאָ־
נאַלן" (פּאַרטיי־פונקציאָנאַרן), אָבער דער פּולס פון פּאָליטישן
לעבן, און אַפּילו פון עקאָנאָמישן קאַמף, האָט געקלאַפּט זייער שוואַך.
אַ בּיסל אויפלעבונג האָט שפּעטער אַריינגעטראָגן אין דער באַ־
וועגונג די וואַל־קאַמפּאַניע צו דער צווייטער גאָסודאַרסטווענער
דומע.

אונזערע „וויזיטאַציעס" אין די שטעט און שטעטלעך פון
ראַיאָן האָבן געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג. יעדעס מאָל, בעת אונ־
זער קומען, פלעגט די אָרגאַניזאַציע אויפלעבן. מיר פלעגן מיט די
חברים פון דער אָנפירנדער קערפּערשאַפט געניו באַהאַנדלען אָר־
טיקע ענינים, ווען בּיי זיי — און ווי מעגלעך בּיי דער פּערי־
פעריע — דעם אינטערעס צו אַלגעמיין־פּאָליטישע פראַגן. פון
צייט צו צייט פלעגט זיך אַפילו אַמאָל איינגעבן דורכצופירן אַ
גרעסערע פאַרזאַמלונג פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט.

* * *

בעת איינעם פון מיינע באַזוכן אין שעדלעץ, האָב איך צו־
זאַמענגענומען אַן אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל וועגן דער טעטי־
קייט פון אַ יידישן געזעלשאַפטלעך־פילאַנטראָפּישן קאָמיטעט.

אין שעדלעץ איז אין האַרבסט 1906 פאָרגעקומען אַ שרעק־
לעכער מיליטערישער פּאָגראָם אויף יידן. האָט זיך דאָרט, ווי
דער שטייגער איז, באַלד געגרינדעט אַ הילפס־קאָמיטעט פאַר די
פּאָגראָם־געליטענע. דער קאָמיטעט, וואָס האָט באַקומען געלט פון
אַלע עקן לאַנד, האָט זיך גענומען פאַרטיילן די שטיצע. ווען איך
בּין אָנגעקומען קיין שעדלעץ, איז שוין די פאַרטיילונג־אַקציע
געווען פאַרענדיקט און דורכגעפירט אַזוי שענדלעך, אַז אונזערע
אָרטיקע חברים האָבן פּשוט געקריצט מיט די ציין פון עמפּערונג.

אַזוי ווי מיין איינגטלעכע אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט האָב
איך שוין געהאַט פאַרענדיקט, האָב איך באַשלאָסן צו פאַרבלייבן
אין שעדלעץ נאָך אַ בּיסל צייט און צונויפזאַמלען אויטענטישן

מאַטעריאַל וועגן די פּאָגראָם-געליטענע און וועגן דער טעטיקייט פון הילפס-קאָמיטעט.

די חברים האָבן אויסגעפונען אַ פּאַסנדיקע דירה, און אין אַ באַשטימטער צייט (דאָס איז געווען, געדענק איך, שבת אין אָוונט, גלייך ווען מ'האָט אָנגעצונדן די ליכט — יידן אין אַ קליין אָרט האָבן דאַן צייט) — האָבן אָנגעהויבן קומען צו מיר יידן, שעדלעצער געליטענע, יידן בעלי-מלאכות, קליינע הענדלער, אַ ביסל אַרבעטער. יעדער מיט זיין פּעקל צרות און אָנקלאָגעס אויף די פּני, וואָס האָבן פאַרכאַפּט דעם קאָמיטעט און אויסגענוצט אים, אויב נישט פאַר זיך גופא, איז לכל הפחות פאַר „אייגענע מענטשן". אַזוי איז פאַר מיינע אויגן דורכגעגאַנגען אַ גאַנצע גאַלעריע פון פאַרביטערטע מענטשן — „קאָמיטעט-געליטענע".

די צונויפגעזאַמלטע מאַטעריאַלן האָב איך פּובליקירט אין אַ קאָרעספּאָנדענץ אין „פאָלקסצייטונג".

ווען דער נומער „פ. צ." מיט דער דאָזיקער קאָרעספּאָנדענץ איז אָנגעקומען אין שעדלעץ, איז דאָס געווען אַן אמתע באָמבע פאַר די דאָרטיקע כלל-פאַרזאָרגער. פון וועלכע נישט איינער איז געווען אין דער קאָרעספּאָנדענץ אָנגערופן ביים גאַנצן נאָמען. ס'האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען, אַז די שעדלעצער פּני קלייבן זיך אַרויסצוטרעטן געזעלשאַפטלעך און אפילו געריכטלעך קעגן דער פאַרהאַסטער צייטונג און קעגן איר „חוצפהדיקן" קאָרעספּאָנדענט „מיראָן". אָבער סוף כל סוף האָבן זיי שטילערהייט אַראָפּגעשלונגען די גאַנצע געשיכטע.

אַגב האָב איך מיין קאָרעספּאָנדענץ געבויט אויף פּראָטאָקאָלן, וואָס די שעדלעצער „פּאָגראָם- און קאָמיטעט-געליטענע" האָבן אייגנהענטיק אונטערגעשריבן אין אָנוועזנהייט פון מיר און פון אַ פּאָר חברים פון די שפּיצן פון אונזער שעדלעצער אָרגאַניזאַציע. צוזאַמען מיט דער קאָרעספּאָנדענץ האָב איך איבערגעשיקט אין רעדאַקציע פון „פאָלקסצייטונג" אויך די אָריגינעלע פּראָטאָקאָלן, אַזוי, אַז די באַליידיקטע קאָמיטעט-מענטשן פון שעדלעץ האָבן מיר געהערט ווי דעם קאָטער.

55

לאָדזש. — „סערגייי" (א. בראַון), — שמאַי. — וואָל־קאַמפּאַניע צו דער 2טער דומע. — די בוכהאַנדלונג „זשרודלאָ".

ס'איז געקומען מײַן רייע צו באַאַרבעטן דעם לאָדזשער סעקטאָר (אָפּשניט) פֿון פּוילישן ראַיאָן. דער דאָזיקער סעקטאָר איז פֿאַר מיר געווען דער באַקוועמסטער, ווײַל אין לאָדזש גופֿא האָבן געוווינט מײַנע נאָענטסטע, און אין לאָדזש האָב איך מיר געקאָנט שאַפֿן די נויטיקע באַזע פֿאַר דער אַרבעט אין לאָדזשער ראַיאָן. ס'איז דעריבער באַשלאָסן געוואָרן, אַז דעם לאָדזשער סעקטאָר זאָל איך איבערנעמען אויף אַ לענגערע צײַט.

אָן שום אָנשטרענגונגען האָב איך מיר אײַנגעשטעלט מײַן „אַפּאַראַט": אַן אַדרעס פֿאַר בריוו און אַ דירה פֿאַר אַ „יאַווקע". דעם אַדרעס, וואָס איז געווען אַ פּיקטיווער, האָב איך מיר געשאַפֿן אויף פֿאָלגנדיקן אופֿן: מײַנער אַ נאָענטער האָט דאַן געאַרבעט אין דער טראַנספּאָרט־געזעלשאַפֿט „נאַדיעזשדאַ". צו אים אין האַנט פֿלעגט קודם־כּל אַרײַנקומען די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ, וואָס איז געווען אַדרעסירט אין „נאַדיעזשדאַ". האָב איך אים געבעטן, אַז בריוו, וואָס וועלן אָנקומען אין „נאַדיעזשדאַ" פֿאַר אײַנעם, לאָמיר זאָגן גרינבערגן (אַ נאָמען פֿון דער הפטורה), זאָל ער איבערגעבן מיר. מ'האָט געקאָנט מיינען, אַז דער דאָזיקער אַדרעס איז אַ פֿולשטענדיק זיכערער פֿון פּאָליצייִשן שטאַנדפּונקט, האָב איך אָבער צופֿעליק געהאַט אַ געלעגנהייט צו זען אַט דעם קאָנספּיראַטיוון אַדרעס אין — וואַרשעווער אָכראַנע. גע־

שוין איז דאָס אַזוי: אין מערץ 1907 בין איך ווידער אַרעסטירט געוואָרן. בעת מיין אויספאָרשער, אַ זשאַנדאַרמען־אָפיציר — האָט זיך פאַרטיפט אין מיינע אַקטן און האָט געבלעטערט אַ פּאַפּיר נאָך אַ פּאַפּיר, איז פון די אַקטן אַרויסגעפאַלן אויפן טיש עפּעס אַ שמאָל און לאַנג צעטעלע. דאָס האָט מיך, נאַטירלעך, שטאַרק פאַראינטערעסירט. אויף דעם צעטעלע האָב איך איבערגעלייענט— דעם פולן אַדרעס פון „מיין" „גרינבערגן". ווי אַזוי דער אַדרעס איז דורכגעפאַלן, האָב איך זיך נישט דערוווּסט. איך האָב מיר וועגן דעם געבראָכן דעם קאָפּ אין די לאַנגע טורמע־נעכט, אָבער גאָרנישט אויסגעקלערט. אויך האָב איך זיך גאָרנישט געקאָנט דערוויסן שוין נאָך מיין באַפרייונג. איך האָב נאָר פעסטגעשטעלט, אַז אין „נאַדיעזשדאַ" איז נישט געווען קיין שום אויספאָרשונג וועגן דעם דאָזיקן דורכגעפאַלענעם אַדרעס, אויך קיין שום קאָנסעקווענצן פאַר קיינעם פון פּערסאָנאַל.

לויט דער „קאָנסטיטוציע" פון פוילישן ראַיאָן־קאָמיטעט פון „בונד", האָבן זיינע קאָמיטעט־מיטגלידער געהאַט רעכט ביי־צוווינען די זיצונגען פון אַלע פּאַרטיי־אינסטאַנצן פון די אויסגעטיילטע שטעט — וואַרשע און לאָדזש. איך פלעג מיינע רעכט טיילמאָל אויסנוצן בעת מיינע אָפּרוטעג אין לאָדזש. אַזוי, געדענק איך, בין איך געווען אַ צוויי־דריי מאָל אויף „קאָלעקטיוו"־זיצונגען פון לאָדזשער אָרגאַניזאַציע, פון וועלכע איין זיצונג איז פאָרגעקומען אין אַ זאָקן־פאַבריק, ווייטער אין גרינדונג־פאַרזאַמלונגען פון אַ צוויי לעגאַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אד"גל.

אין שפּיץ פון לאָדזשער קאָמיטעט פון „בונד" איז דאַן געשטאַנען ח' „סערגיי" (אַבראַם בראַון פון ריגע). אין באַפרייטן (נאָך דער וועלט־מלחמה) לעטלאַנד איז ח' סערגיי פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. מיט גרויס מי איז געלונגען דעם פּסק־דין אָפּצורופן.

אין יענער צייט, ווען סערגיי האָט געאַרבעט אין לאָדזש, געדענק איך אים, אַלס אַ הויכן שלאַנקן יונגנמאַן, מיט אַ שוואַרץ, פיין געפּוצט בערדל, שטענדיק עלעגאַנט געקליידעט (זיינע

עלטערן זענען געווען פֿאַרמעגלעכע מענטשן). ער האָט גאָרנישט אויסגעזען, ווי אַן אַקטיווער בונדישער טוער.

ח' סערגיי איז געווען אַ גוטער רעדנער. אין לאָדזש איז ער געווען זייער פּאָפּולער, באַזונדער ביי די אָנגעשטעלטע, אין זייער פֿאַריין האָט ער פֿאַרנומען דעם אַמט פֿון פֿאָרזיצער.

ווען ח' סערגיי איז שוין געוואָרן אַזוי פֿיל פּאָפּולער, אַז ס'איז געווען געזינטער ער זאָל זיך אָפּטראָגן פֿון לאָדזש, האָט דער צ. ק. אויף זיין אָרט געשיקט קיין לאָדזש נישט קיין אַנדערן, ווי דעם דאַן באַרימטן אין „בונד” און אין דער לעטישער ס. ד., ח' „מאַקסים”.

פֿון די איבעריקע טוער אין לאָדזש, פֿון יענער צייט, געדענק איך ח' שמאין ווייסענבלום („שמאי קרומקאָפּ”), אַ וועבער. אַ זעלטן־אַנטוויקלטער אַרבעטער (אין די יאָרן פֿון רעאַקציע זיך איבערגעוואָרפֿן אויף אַן אינטעליגענטן־פֿאַך — דענטיסטיק), אַ געטרייער בונדיסט און אַ גוטער טוער אין דער באַוועגונג. ח' שמאי איז אויך געווען זייער פּאָפּולער — דערהויפּט אין די אַרבעטער־קרייזן. (אין 1917 איז ח' שמאי ווייסענבלום געווען מיטגליד פֿון צ. ק. פֿון „בונד” אין רוסלאַנד).

פֿון יענער צייט, ד"ה פֿון 1907—1906, דערמאָן איך זיך אויף די ח'טע „דאַשע”, אַן אַקטיווע טוערין אין דער לאָדזשער בונדישער באַוועגונג.

אין יענעם פּעריאָד איז מיר אויך אויסגעקומען צו זיין אין לאָדזש אויף אַ בונדישן וואַל־מיטינג צו דער צווייטער גאָסודאַרסטווענער דומע. די ערשטע דומע, ווי באַוווסט, האָט דער „בונד” צוזאַמען מיט כמעט אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען באָיקאָטירט. מיט דעם פֿאַלן אָבער פֿון די פּאַליעס פֿון דער רעוואָלוציע האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געענדערט איר טאַקטיק, און אַקטיוו אָנטייל גענומען אין דער וואַל־קאַמפּאַניע צו דער צווייטער דומע. אַ באַזונדערס ברייטע וואַל־קאַמפּאַניע האָט אַנטוויקלט דער „בונד”, און דערהויפּט נאָך אין אַזאַ גרויסער פּראָלעטאַרישער שטאָט ווי לאָדזש.

דער מיטינג, וועגן וועלכן איך דערצייל, איז פֿאָרגעקומען

אין „גרויסן טעאַטער" (שפּעטער אָפּגעברענט) אויף קאָנסטאַנטי־נער גאַס. פאַרשטייט זיך, אַז דער גרויסער טעאַטער־זאַל מיט אַלע זיינע באַלקאָנען און גאַלעריעס איז געווען פול געפּאַקט. פאַר מיר, אַלס קאָרעספּאָנדענט פון „פאָלקסצייטונג", האָט מען אין אַ זייט אויף דער עסטראַדע אַוועקגעשטעלט אַ ספּעציעל טישל, און איך האָב אָבסערווירט דעם אינטערעסאַנטן מיטינג פון אָנהויב ביזן סוף.

פון „בונד" זענען אַרויסגעטרעטן אַזעלכע ערשטקלאַסיקע רעדנער ווי סערגיי, עזרא און וולאַדעק (וועלכן מ׳האָט דאַן צווישן די יידישע אַרבעטער־מאַסן גערופן „דער צווייטער לאַ־סאַל") און אויב, איך האָב נישט קיין טעות, אויך סלאַוועק (ברי־גראָסער), פון די אָפּאָנענטן געדענק איך — „אהרן טשענסטאָכאָ־ווער", אַ באַוווסטער רעדנער פון ס. ס., וואָס איז געווען, צוליב זיין רעדנער־טאַלענט, פּאָפּולער ווייט איבער די קרייזן פון ס. ס. יעצט איז דער דאָזיקער חבר — סינגאַלאָווסקי — אַ טוער פון דער געזעלשאַפט „אָרט".

ס׳איז איבעריק צו זאָגן, אַז דער דאָזיקער ריזיקער מיטינג, מיט אַזעלכע רעדנער, האָט געמאַכט אין שטאָט אַ שטאַרקן רושם.

* * *

אין צענטר פון שטאָט, אין איינעם פון די באַלעבטסטע פונקטן פון לאָדזש, אינם ווינקלהויז פון באַנק ווילהעלם לאַנדוי, דאָרט, וווּ די דעמאָלטיקע ציגלגאַס (היינט שרודמיעיסקע) קרייצט זיך מיט דער פּרינציפּאַלער גאַס — די פּיעטריקאָווער, האָט זיך געפונען אין פּאַרטער אַ באַשיידענע בוכהאַנדלונג מיט אַ שילד „זשרודלאָ". דער אַריינגאַנג אין בוכהאַנדלונג איז געווען פון ציגלגאַס. די דאָזיקע בוכהאַנדלונג איז אין פאַרלויף פון די יאָרן 1907—1906 געווען די „יאַווקע" פון לאָדזשער קאָמיטעט פון „בונד". די בוכהאַנדלונג פאַרדינט בלי ספק, אַז מען זאָל איר נקורצער לעבנס־געשיכטע שענקען אַ ביסל אויפמערקזאַמקייט, בפרט נאָך, אַז די דאָזיקע בוכהאַנדלונג איז אין „בונד" פון יענע צייטן געווען דער איינציקער עקספּערימענט פון שאַפן אַזאַ מין לעגאַלן שטיצפּונקט פאַר דער אומלעגאַלער אָרגאַניזאַציע.

די איניציאַטיוו צו שאַפן די בוכהאַנדלונג איז אַרויסגעקומען פון די קרייזן פון דער פינאַנץ־קאָמיסיע ביים לאָדזשער קאָמיטעט פון „בונד". די גרינדער פון דער בוכהאַנדלונג זענען געווען די דעמאָלטיקע בונדיסטן: מיעטשיסלאַוו פרענקעל (ח' מיעטעק), וואָס איז געווען די נשמה פון דער אונטערנעמונג, ב. באַנעוור, מאַגאַזינער און ראַטנער, אַ האַנדלס־אָנגעשטעלטער, היינט אַ פאַבריקאַנט און אַ הויז־באַזיצער אין לאָדזש.

אָט די פיר פערזאָן האָבן צוזאַמענגעשטעלט אַן „אַקציען־קאַפּיטאַל" פון עטלעכע הונדערט רובל און האָבן אָפּגעקויפט אַ צייטונג־קאַנטאָר טאַקע ביי אַ חבר מיטן נאָמען וואַלאַך. די דאָזיקע „צייטונג־קאַנטאָר" איז געווען אַ קליין און שמאָל געוועלבל אויף פּיעטריקאָווער־גאַס און האָט זיך גאָר אין גיכן אַרויסגעוויזן פאַר אַבסאָלוט נישט טויגבאַר פאַר אַ בוכהאַנדלונג. דאַן איז די אונטערנעמונג איבערגעטראָגן געוואָרן אין אַ גרעסער געוועלב — אין דעם שוין דערמאָנטן לאָקאַל פון באַנקהויז ווילהעלם לאַנדוי. די קאָנצעסיע האָט אַרויסבאַקומען אויף זיין נאָמען מ. פרענקעל, וועלכער איז נאָך דאַן, אַלס זון פון אַ פאַרמעגלעכן פאַבריקאַנט, געווען, ווייזט אויס, פולשטענדיק פּאָליטיש כשר אין די אויגן פון דער פּאָליציי.

אַלס קאַסירערין איז געווען אָנגעשטעלט אין „זשרודלאָ" נאַטאַשע (פרוי פון „יוסף פרעקראַסני"), אויך ליזע מירענסקאַ (שפּעטער אַרעסטירט). דער פאַכמאַן פון געשעפט איז געווען דער אָנגעשטעלטער קאַרל ניימילער (איצט אינהאַבער פון אַ גרעסערער בוכהאַנדלונג אין לאָדזש).

אינם נייעם גרעסערן לאָקאַל ביי ווילהעלם לאַנדוי אין הויז האָט דאָס געשעפט — די בוכהאַנדלונג „זשרודלאָ" — אָנגעהויבן ראַש וואַקסן און זיך אַנטוויקלען. דער ציל, וואָס די איניציאַטאָרן האָבן זיך געשטעלט ביים גרינדן די בוכהאַנדלונג — פאַרשפּרייטן מאַסנווייז דאָס געדרוקטע סאָציאַליסטישע וואָרט — האָט זיך געלאָזט רעאַליזירן אין אַ גאָר גיכן טעמפּאָ. עס איז דאַן געווען די צייט פון וווקס פון דער לעגאַלער (און האַלב־לעגאַלער) פּרעסע, וואָס איז ערשט נישט לאַנג אַרויס פון דער אונ-

טערערד, און אויך לאָדזש פלעגט איינשליינגען גאַנצע בערג סאָציאַליסטישע צייטונגען און בראָשורן. דער וויכטיקסטער פאַרקויף־פלאַץ פון דער גאַנצער סאָציאַליסטישער און רעוואָלוציאָנערער פרעסע איז געווען אונזער „זשרודלאָ", וואָס האָט אין אַ גרויסער צאָל פאַרשפּרייט די ווילנער בונדישע „פאָלקסצייטונג", די באָלשעוויסטישע און מענשעוויסטישע צייטונגען פון פּעטערבורג, סאָציאַליסטישע ביכער און בראָשורן, אויך אַנזיכט־קאַרטן מיט אַ רעוואָלוציאָניזירנדן אינהאַלט, ווי פּאָרטרעטן פון רעוואָלוציאָנערע מאַרטירער (למשל, מאַריאַ ספּירידאָנאָוואַ פון דער פּאַרטיי ס. ר.), פאָטאָגראַפישע אויפנאַמעס פון די צאַרישע שטראָף־עקספּעדיציעס אאַ"וו.

פאַרשטייט זיך, אַז די מאַכט האָט די בוכהאַנדלונג נישט אַראָפּגעלאָזט פון אויג. דער באַרימטער צענזאָר ליסעוויטש פלעגט זיין אַן אָפטער גאַסט אין „זשרודלאָ", ער פלעגט יעדן טאָג דורכפירן רעוויזיעס און קאָנפיסקאַציעס.

אַגענטן, שפּיקעס פלעגן קריכן אַרום דער בוכהאַנדלונג, אַפילו אַריינקומען אין דער בוכהאַנדלונג גופא (אונטער פאַרשיידענע אויסריידן), באַזונדער האָט זיי אינטריגירט דער וואַרשטאַט, וואָס האָט זיך געפונען אין קעלער, אונטער דעם געוועלב. זייער פאַנטאַזיע האָט געוויס זיי געמאָלט ווער ווייסט וואָס פאַר אַ קאָנספּיראַטיווע אַרבעטן ס׳טוט דאָרט אָפּ דער אַרבעטער, וואָס זעגט און הובלט און קלאַפּט דאָרט אונטער דער ערד. אָבער איצט קאָנען מיר דאָך דערציילן וועגן די „גרויסע סודות": אין קעלער האָט געאַרבעט נישט קיין אַנדערער, ווי דער ליבער חבר לייבעטשקע סטאָלאַר (בערמאַן) אין געמאַכט האָט ער אַזעלכע שרעקלעכע זאַכן, ווי רעמלעך צו די בילדער, וואָס מ׳האָט פאַרקויפט אויבן אין געוועלב.

ווען די פאַראינטערעסירונג מיט דער בוכהאַנדלונג מצד די צאַרישע אַגענטן איז געוואָרן שוין צו שטאַרק אינטענסיוו, איז געוואָרן נויטיק צו בייטן די „יאַווקע" פון קאָמיטעט, אָבער דאָך האָט זי זיך געהאַלטן אין „זשרודלאָ" אַ לענגערע צייט. אַ געוויסע צייט איז „זשרודלאָ" אַפילו געווען אַ פונקט, וווּ מ׳האָט

געקאַנט נישט זעלטן טרעפן אַ קאָמיטעט־מיטגליד. איך האָב אין „זשרודלאָ" איין מאָל געטראָפן דעם באַרימטן דאַן אין „בונד" ח׳ מאַקסים (סעמיאָן קלעוואַנסקי), דעם דיקטאַטאָר פון ריגע אין די אָקטאָבער־נאָוועמבער־טעג פון יאָר 1905. ער איז געווען דאַן שטאַרק פאַרקאָנספּירירט, ווייל די פּאָליציי פון גאַנץ רוסלאַנד האָט אים אַרומגעזוכט. ווי מ׳האָט דאַן איבערגעגעבן, איז פאַר זיין קאָפּ באַשטימט געוואָרן אַ באַלוינונג פון גראָבע טויזנטער. קיין לאָדזש האָט דער צ. ק. געשיקט „מאַקסימען" אויפן אָרט פון „סערגייען", און דאָ האָט דער באַרימטער איבער גאַנץ רוסלאַנד „מאַקסים" באַקומען אַ פשוטן יידישן נאָמען „עזריאל".

אין אָקטאָבער 1907 האָט מיעטשיסלאַוו פרענקעל צוליב פּאָליצייִשע טעמים געמוזט פאַרלאָזן לאָדזש. ס׳איז, הייסט עס, אַוועק די פערזאָן, וואָס האָט זיך מער פון אַלע אינטערעסירט מיט דער בוכהאַנדלונג, וואָס האָט אויך פון צייט צו צייט גע־דעקט אַ גרויסן טייל פון די דעפיציטן פון „זשרודלאָ" (נאָך די אַלע „גליקן" האָט די בוכהאַנדלונג צוליב די אָפטע קאָנפיסקאַ־ציעס געליטן פון דעפיציטן). עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פעריאָד פון דער פינסטערער רעאַקציע פון די יאָרן 1908 און ווייטערע. אָנהויב 1908 האָט זיך די „זשרודלאָ" ליקווידירט.

56

א טור אין לאָדזשער ראַיאָן. — די מסירה אין אָפּאָטשנע און דער באָיקאָט־ענטפער פון אָפּאָטשנער אָרגאַניזאַציע פון „בונד".

איך האָב געמאַכט אַן אָרגאַניזאַציאָנעלן טור אין „מיין" לאָדזשער אָפּשניט פון פוילישן ראַיאָן אין דער לענג צו ביידע גרענעצן פון אַמאָליקן רוסלאַנד. פון איין זייט — נאָוואָראַדאָמסק, פּיעטרקאָוו, טאָמאַשאָוו, טשענסטאָכאָוו, בענדין און סאָסנאָוויץ, פון דער צווייטער זייט — אָזאָרקאָוו, זדונסקע־וואָליע און קאַליש, פון אָרטיקע חברים, וואָס זענען דאַן געשטאַנען ביי דער אַרבעט. געדענק איך בלויז געציילטע: חבר אַלפאַ אין נאָוואָראַדאָמסק און ח׳ בעריש בלעכער אין פּיעטרקאָוו.

בעת אין וואַרשע און אין לאָדזש האָט נאָך די באַוועגונג געהאַט אַ ברייטן פאַרנעם, די אַרבעט איז נאָך געגאַנגען מיט אַ פאַרהעלטנישמעסיק שטאַרקן, לעבעדיקן טעמפּ. איז אין די קלע־נערע שטעט פון גאַנצן לאָדזשער ראַיאָן, מיטן אויסנאַם פון די מער אינדוסטריאַליזירטע שטעט, ווי זד. וואָליע און טאָמאַשאָוו, די באַוועגונג שוין געווען גאָר און גאָר אָפּגעשוואַכט. אין זדונ־סקע־וואָליע, למשל, האָט זיך מיר נאָך איינגעגעבן אָפּצוהאַלטן אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג אין אַ גרויסער פאַבריק, ווו מ׳האָט, ספּעציעל צוליב דער פאַרזאַמלונג, אָפּגעשטעלט די מאַשינען אין מיטן דער אַרבעט. דאָס איז געוויס געווען אַ באַווייז, אַז דאָרט האָט מען זיך נאָך גערעכנט מיט דעם כוח און איינפלוס פון דער אַרבע־טער־באַוועגונג בכלל און פון „בונד" בפרט.

די „יאַווקע״ מיינע אין זד. וואָליע איז געווען ביי אַ שוס־טער, אַן עלטערן ייד. ער אַליין האָט נישט געהאַט קיין שייכות צו דער אַרבעטער־באַוועגונג, אָבער זיינע קינדער זענען געווען בונדיסטן. ווייזט אויס, אַז שוסטעריי אַליין האָט נאָך נישט גע־געבן גענוג חיונה צו לעבן, האָט די שוסטערקע געעפנט אַ מין נישט־אָפיציעלן „רעסטאָראַן״, און טאַקע דאָ, אין שוסטער־וואַר־שטאַט, אַרויסגעגעבן „היימישע מיטאָגן״. די קאָנסומענטן זענען באַשטאַנען פון בלויז אַרבעטער. זייענדיק אויף מיין טור אין זד. וואָליע, פלעג איך שטענדיק עסן מיטאָג, צוזאַמען מיטן גאַנצן פאָלק, ביי דער שוסטערקע. די שטימונג ביים עולם איז נאָך געווען אַ לעבעדיקע, אַ מוטיקע, ס׳האָט זיך נאָך דאָ אַבסאָ־לוט נישט געפילט די אָפּגעלאָזנקייט, די אַפּאַטיע, ווי אין אַנדע־רע שטעטלעך. ס׳האָט זיך שוין אָבער אָנגעהויבן די פּלאָג פון אַרבעטלאָזיקייט (נאַטירלעך, ווייט נישט אין אַזאַ פאַרנעם, ווי אין אונזערע צייטן) און אַ סך אַרבעטער פון זד. וואָליע האָבן עמי־גרירט קיין קאָפּענהאַגען און דאָרט נישט שלעכט זיך איינגע־אָרדנט.

* * *

ווי נאָר די צאַרישע רעגירונג האָט אָנגעהויבן צו באַ־הערשן די לאַגע און אונטערצודריקן מיט די גרויזאַמסטע מיט־לען די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, זענען גלייך אַרויסגעקראָכן פון די לעכער אונזערע היימישע רעאַקציאָנערן אויף דער יידי־שער גאַס, באַזונדער אין די קליינע שטעט און שטעטלעך אויף דער פּוילישער פּראָווינץ. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ סעריע אָנפאַלן אויף די אַרבעטער (זד. וואָליע) און מסירות. אונזערע אָרגאַני־זאַציעס האָבן רעאַגירט ווי נאָר זיי האָבן געקאָנט. איינער פון די מיטלען איז געווען — באַיקאָט.

אין צוזאַמענהאַנג מיט אַזאַ מין מסירה־געשיכטע און אַ באָיקאָט־ענטפער, איז מיר אויסגעקומען, — בעת איינער פון מיינע רייזעס — צו זיין אַ שופט: צווישן דער אָפּאָטשנער אָרגאַניזאַ־ציע פון „בונד״ און דער בירגערלעכער רעפּרעזענטאַנץ פון שטעטל.

ס'איז געווען אַן אינטערעסאַנטער פּראָצעס. די איינצלהייטן געדענק איך שוין נישט. איך געדענק נאָר, אַז ביידע צדדים זענען זיך צוזאַמענגעקומען אין טאָמאַשאָוו־מאַזאָוויעצק, און אַז דעם בירגערלעכן צד האָבן רעפּרעזענטירט אַ פּאָר אָפּאָטשנער דאָזאָרעס, זויערע, פאַרזאָרגטע יידן, מיט לאַנגע, לאַנגע בערד.

אין אַלגעמיינע שטריכן איז די מעשה פאָרגעקומען אַזוי: די אָפּאָטשנער שיינע יידן האָבן געמסרט פאַר דער פּאָליציי די אַקטיוווסטע חברים פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין אָפּאָטשנע, וועלכע זענען גלייך אַריינגעפּאַקט געוואָרן אין טורמע. די אָפּאָטשנער אָרגאַניזאַציע פון „בונד" האָט געענטפערט מיט אַ שאַרפן באָיקאָט קעגן די מוסרים. די מוסרים זענען געווען אייגנטימער פון גרויסע קאַלכגרובנס, פון וואָס עס האָט דאַן געצויגן חיונה כמעט דאָס גאַנצע יידישע שטעטל. דער באָיקאָט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די אָפּאָטשנער אָרגאַניזאַציע האָט נישט אַרויסגעלאָזט פון שטאָט די פורן מיטן קאַלך. צו הילף די אָפּאָטשנער חברים זענען געקומען די בונדישע אָרגאַניזאַציעס פון די שכנישע שטעטלעך, אַזוי, אַז דער באָיקאָט איז געווען אַ פולער און זייער אַ פילבאַרער. באַלד האָט אים דערפילט דאָס גאַנצע שטעטל. איז געוואָרן אַ ויצעקו. איז מען געלאָפן צו דער טאָמאַשאָווער אָרגאַניזאַציע פון „בונד", וואָס איז געווען אָרגאַניזאַציאָנעל די העכערע אינסטאַנץ איבער אָפּאָטשנע. טאָמאַשאָווער אָרגאַניזאַציע האָט זיך מיט דער האַרבער פראַגע געווענדעט צום פוילישן ראַיאָן־קאָמיטעט, וועלכער האָט מיך דעלעגירט אויסצופאָרשן דעם ענין.

איך בין אָפּגעזעסן מיט די אָפּאָטשנער צדדים אַ שיינע פאָר שעה, אויסגעפאָרשט אַלע דעטאַלן און בין געקומען צום באַשלוס, אַז די אָפּאָטשנער חברים האָבן נישט געהאַט קיין גענוגנדן גרונט פאַרצונעמען דעם באָיקאָט, בפרט נאָך אין אַזאַ פאָרם, וואָס האָט געבראַכט שאָדן אַ גרויסן טייל אומשולדיקע מענטשן פון דער אָפּאָטשנער באַפעלקערונג.

אויף אונזער נאָענטסטער זיצונג אין וואַרשע, האָט דער פוילישער ראַיאָן־קאָמיטעט, אויסהערנדיק מיין באַריכט און פאַר־

שלאַג, אַראָפּגענומען דעם באָיקאָט פון אָפּאָטשנע, און גלייכצייטיק אָנגענומען אַ וויכטיקן אָרגאַניזאַציאָנעלן באַשלוס, וועלכער האָט געזאָגט, אַז דערקלערן אַ באָיקאָט קאָן בלויז דער פּוילישער ראַיאָן־קאָמיטעט און בשום אופן נישט די לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס.

57

לובלין. — מיין דורכפאַל אין רעד. „קורירער לו־בעלסקיי" און באַפרייונג.

לובלין איז מיר אויסגעקומען צו באַזוכן אין גאַנצן איין מאָל. דאָרט האָט מיט מיר פּאַסירט אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע.

ס'איז געווען אין אָנהויב 1907, אין ברען פון דער וואַל־קאַמפּאַניע צו דער צווייטער גאָסודאַרסטווענער דומע. אונזער לובלינער אָרגאַניזאַציע איז דאַן געווען אַ גאַנץ שוואַכע און האָט קיין עפנטלעכע וואַל־קאַמפּאַניע נישט געפירט, אָבער ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט, דאָס גראָד אין דעם טאָג פון מיין אָנקומען קיין לובלין איז פאָרגעקומען אַ בירגערלעכער וואַל־מיטינג, האָבן די חברים געוואָלט, אַז איך זאָל אַרויסטרעטן אַלס אָפּאָנענט. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב מסכים געווען.

די אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם וואַל־מיטינג זענען געווען דער וואַל־קאָמיטעט פון אַ „פּאַרטיי", וועגן וועלכער מ'האָט שוין לאַנג פאַרגעסן. זי האָט געטראָגן דעם נאָמען: פּ. פּ. ד. — פּאָסטעמפּאָוואַ פּאַרטיאַ דעמאָקראַטישנאַ, אָדער אפשר (איך געדענק שוין נישט גענוי) „פּאָלסקאַ פּאָסטעמפּאָוואַ דעמאָקראַציאַ". דאָס איז געווען אַ פאַרייניקונג פון יידישע — און טיילווייז אויך אַ ביסל פּוילישע — פּראָגרעסיסטן, מענטשן פון דער אַרבעטנדיקער אינטעליגענץ, ליבעראַלע סוחרים, אַסימילאַטאָרן אדג"ל. זיי האָבן געהאַט אַ גאָר שוואַכן דערפאָלג, ווייל זייער געזעלשאַפטלעכע באַזע איז געווען אַ שמאָלע און אַ קליינע. צוביער האָבנדיק אין אירע רייען דיפּלאָמירטע אינטעליגענץ, מענטשן וואָס קאָנען אַרויסטרעטן

אויף פֿאַרזאַמלונגען, האָבנדיק אַ פֿאַרמעגלעכע סביבה סימפּאַטיקער פֿון דער באַוועגונג פֿון פּוילישן „פּאָסטעמפּ" (פּראָגרעס), האָט די פּ. פּ. ד. געפֿירט אין איינִיקע שטעט אַ וואַל־קאַמפּאַניע און גרופּירט אַרום זיך יענע געזעלשאַפֿטלעכע עלעמענטן פֿון פּוילן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשראָקן און אָפּגעטדייסלט פֿון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פֿון איין זייט, פֿון דער ענדעציע, אָדער יידישע נאַציאָנאַליסטן פֿון דער צווייטער זייט.

איך בין געקומען אין זאַל, ווו ס'איז געווען באַשטימט דער וואַל־מיטינג, אין באַגלייטונג פֿון אַ פּאָר חברים, וואָס מען האָט געקענט אין שטאָט אַלס בונדאָווצעס. זיי האָט מען גלייך אַריינגעלאָזן, מיך נישט. ס'האָט נישט געהאָלפֿן די אינטערווענץ פֿון די חברים. ערשט ווען איך האָב געוויזן אַ קאָרעספּאָנדענץ־קאַרטע פֿון ווילנער „פֿאָלקסצייטונג" האָט מען באַוויליקט מיך אַריינצולאָזן.

אין פֿאָרצימער האָט זיך אַרומגעדרייט אַ פּאָליציי־באַאַמטער און זיך צוגעקוקט צום עולם, וואָס איז זיך רויִק, אָן טומל צוזאַמענגעקומען אויפֿן מיטינג.

אונזערע חברים האָבן געמאָלדן דעם וואַל־קאָמיטעט, אַז איך בעט אַ וואָרט אַלס אָפּאָנענט. די פֿאָרשטייער פֿון וואַל־קאָמיטעט האָבן דערקלערט, אַז זיי מוזן זיך וועגן דעם באַראַטן, און אַז זיי וועלן אונז געבן אַן ענטפֿער.

מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אין זאַל. איך האָב געפֿילט, אַז אַ סך אויגן פֿון פּובליקום אָבסערווירן מיר אויפֿמערקזאַם. אַ טייל געסט האָבן זיך געשושקעט און געוואָרפֿן בליקן אין מיין זייט, אַ טייל האָבן געקוקט אויף מיר מיט פֿאַרווונדערונג, מיט אַ פֿראַגע־צייכן אין די אויגן. — אַ גאַנצע סענסאַציע! אַ סך ווייסן שוין, אַז אין זאַל געפֿינט זיך אַ קאָרעספּאָנדענט פֿון „פֿ אָ ל ק ס צ יי ט ו נ ג", אַ בונדיסט, וואָס וויל נעמען אַ וואָרט אויפֿן מיטינג.

ענדלעך, האָט דאָס פּרעזידיום זיך אויסגעזעצט אויף דער עסטראַדע ביים פּרעזידיום־טיש. די חברים מיינע אינפֿאָרמירן מיר תּיכּף, ווער ס'זענען אָט די בכּבודיקע יידן מיט די בייכלעך, מיט ברילן אָדער פּענסנע אויף דער נאָז, וואָס פֿאַרטרעטן דאָ, אויף

דער עסטראַדע, דעם פּוילישן פּראַגרעס. איך הער נעמען, באַשעפֿ־טיקונג: אַט דער איז אַ דאָקטאָר־מעדיצין, דער אַ דירעקטאָר פֿון אַ צוקער־פֿאַבריק, ווידער אַ דאָקטאָר, אַן אַדוואָקאַט, אַ באַנק־דירעקטאָר אאַ״וו. באמת, אַ פֿיינע געזעלשאַפֿט.

ס'האָט שוין אָפּגערעדט איינער פֿון די הערן פֿון פּרעזידיום־טיש, אַ צווייטער הויבט אָן, מיר האָבן נאָך אַלץ נישט קיין ענט־פֿער. פֿאָדערן מיר אונזער וואָרט. דאָס פּרעזידיום גיט אונז צו וויסן, אַז קיין וואָרט וועט מען מיר נישט געבן, ווייל פּרעסע־פֿאַרשטייער האָבן נישט קיין רעכט אַרויסצוטרעטן אויף קיין וואַל־מיטינגען.

קלאָר, אַז דאָס איז אַ פֿאָרמעלער אויסרייד, און נישט מער. אָבער מיר זענען אַ געציילטע פּאָר מענטשן, מיר קאָנען גאָר נישט מאַכן. הויבן מיר זיך אויף אויפגערעגטע פֿון די שטולן און פֿאַרלאָזן דעם זאַל.

אויף מאָרגן איז מיר אויסגעקומען צו זען די זעלבע הערן פֿון פּרעזידיום־טיש בעת אַ פּאָליצייישער רעוויזיע. כ'לעבן, אַז די דאָזיקע הערן האָבן דאַן אויסגעזען זייער ווייניק אימפּאַזאַנט און נאָך ווייניקער — העלדיש, נאָר וועגן דעם ווייטער.

אויפֿן צווייטן טאָג האָב איך געהאַט אין שטאָט פֿאַרשידענע אַרבעט, צווישן אַנדערע — אַ פֿאַרזאַמלונג אויף דער ציגאַרן־פֿאַבריק פֿון קראַסוצקין. אין אָוונט האָב איך זיך באַדאַרפֿט טרעפֿן מיט חברים פֿון דער אָרגאַניזאַציע אין אַ לייען־זאַל, וואָס איז דאַן גע־ווען דער זאַמלפּונקט פֿון סאָציאַליסטישע טוער פֿון פֿאַרשידענע פּאַרטייען. דאָרט האָבן מיך אונזערע חברים באַדאַרפֿט באַקענען מיט פֿאָרשטייער פֿון אַנדערע סאָציאַליסטישע ריכטונגען, כּדי זיך צוזאַמענצורעדן וועגן עפּעס אַן אַקציע.

צו דער באַשטימטער צייט אין אָוונט בין איך אַריין אין הויף, לויט דעם אַדרעס, וואָס די חברים האָבן מיר אָנגעגעבן. דער לייען־זאַל האָט זיך געפֿונען אין אַ נייענקער אָפֿיצינע אויפֿן צווייטן אָדער דריטן שטאָק. אויף דער טיר, ביים אַריינגאַנג אין דער אָפֿיצינע, האָט זיך מיר געוואָרפֿן אין די אויגן אַ שילד מיט דער אויפֿשריפֿט: „קוריער לובעלסקי״.

מיר איז געווען באַוווסט, אַז דער דאָזיקער „קוריער" איז דער אָרגאַן פון די לובלינער פּ. פּ. ד., מיר איז אָבער נישט גע־ווען באַוווסט, אַז די רעדאַציע פון דעם פּ. פּ. ד.־קישן בלעטל איז שוין אויך טריף אין די אויגן פון דער צאַרישער זשאַנדאַרמעריע.

ווי נאָר איך בין אַריין אונטן, אין קאָרידאָר, האָט אין דער טונקלקייט פון די שוואַך־באַלויכטענע טרעפּ, קודם כּל אַ בליץ געטון אין מיינע אויגן אַ באַגנעט, וואָס איז געווען אָנגעזעצט אויף אַ סאָלדאַטישער ביקס. דער סאָלדאַט איז זיך געבליבן שטיין גלייכגילטיק און מיך געלאָזן גיין ווייטער. צוריק — איז שוין אוממעגלעך צו גיין.

דער געדאַנק האָט אָנגעהויבן שנעל צו אַרבעטן. ווייזט אויס, האָב איך געטראַכט, אַז אין לייען־זאַל איז דאָ פּאָליציי, דאַרף מען בעסער אַריינגיין אין דער רעדאַקציע פון „קוריער לובעלסקי", ווייל וואָס קען דען זיין כּשרער, ווי אַריינצוגיין אין אַ בירגערלעכער רעדאַקציע, כּדי צו קויפן אַ צייטונג?

איך האָב אַזוי געטון, איך האָב אָנגעקלונגען אין דער טיר פון „קוריער לובעלסקי", וואָס האָט זיך געפונען מיט אַ שטאָק אָדער צוויי נידעריקער פון לייען־זאַל. געעפנט האָט מיר אַ וואַזשני. אָבער נעבן אים איז געשטאַנען אַ פּאָליציאַנט. ווידער הייסט עס, נישט גוט. אַריינגעפאַלן.

איך האָב ביים וואַזשני געבעטן אַ צייטונג מיט אַ פריער־דיקער דאַטע (וואָס מען קאָן שוין נישט קריגן אין גאַס, אין די קיאָסקן). דער פּאָליציאַנט האָט געלאָזן מיר געבן אַ צייטונג, גע־לאָזן מיר באַצאָלן, אָבער ווען איך האָב זיך — מעשה נאַיִוער מענטש — געלאָזן צו דער אַרויסגאַנג־טיר, האָט ער מיר פאַר־שטעלט דעם וועג, און דערקלערט, אַז ער קען בלויז אַריינלאָזן, אַרויסלאָזן, אָן דער דערלויבעניש פון זיין העכערער מאַכט, האָט ער נישט קיין רעכט.

איך האָב דאָס גוט פאַרשטאַנען אָן זיינע אויפקלערונגען, אָבער איך האָב פּרובירט זיך ווערן.

— סטייטש — האָב איך געטענהט, — מיט וואָס האָב איך

מיך פֿאַרזינדיקט? טאָר מען דען נישט קויפֿן קיין צייטונג אין רעדאַקציע?

— נישט מיין זאַך, באַשליסן וועגן אייך וועט דער פּאָליציי־מייסטער. ער דאַרף אין גיכן קומען.

— פֿון וואַנען ווייסט איר דען, אַז אין גיכן, — האָב איך אַ פֿרעג געטון דעם פּאָליציאַנט.

— ווייל ער געפֿינט זיך דאָ נישט ווייט, אויבן, אין לייען־זאַל.

ווי די זאַך זאָל נישט זיין, בין איך דאָך געבליבן צופֿרידן, וואָס איך האָב זיך אַריינגעכאַפּט אין רעדאַקציע. אין לייען־זאַל וואָלט פֿאַר מיר געווען אַ סך ערגער.

דער גאַנצער שמועס איז פֿאָרגעקומען אין קאָרידאָר פֿון רעדאַקציע. אויף די הענג־האָקן האָב איך באַמערקט אַ גאַנץ בינטל פּאַלטנס מיט פּעלצן, שווערע, טייערע, בגידישע פּעלצן.

אַ טיר רעכטס האָט געפֿירט אין אַ קליין קאַבינעטל. איך האָב געבעטן דעם וואָזשני. ער האָט מיך דאָרט אַריינגעלאָזן. ער איז געבליבן מיט מיר, דער פּאָליציאַנט — אין קאָרידאָר, היטן די טיר.

ביים וואָזשני האָב איך „אויסגעמעלקט" פֿאַרשידענע אינפֿאָרמאַציעס: אויבן, אין לייען־זאַל, דויערט שוין לאַנג אַ רעוויזיע, דאָרט איז פֿול מיט זשאַנדאַרמען און פּאָליציי. אין לעצטן צימער, דאָ, אין לאָקאַל, זיצן די הערן פֿון רעדאַקציע און פֿון וואַל־קאָמיטעט. ביידע אַרויסגענג פֿון רעדאַקציע זענען באַזעצט מיט פּאָליציאַנטן. ווען מ'וועט ענדיקן די רעוויזיע אין לייען־זאַל, וועט מען קומען אונטן, אין רעדאַקציע.

די געשיכטע איז מיר ווייניק געפֿעלן, אָבער איך בין דאָך שוין געווען אין פּעסל. מוז מען זען, אַמווייניקסטן, צו זיין וואָס כשרער. איך האָב אויסגענוצט די צייט, ווען דער וואָזשני האָט מיך געלאָזן אַליין אין צימער און איז אַוועק עפּעס דערלאַנגען זיינע ברויט־געבער, כּדי ביי מיר „בודק־חמץ" צו זיין. איך האָב ביי מיר געהאַט אַ קליין צעטעלע מיט קאָנספּיראַטיווע אַדרעסן, אפֿילו טיילווייז שיפֿרירטע, האָב איך דאָס צעטעלע צעריסן אויף

פיצלעך און די רעשטלעך טיף באַגראָבן אין די שפּיצן פון מיינע קאַלאָשן.

ס׳האָט געדויערט גאַנץ לאַנג, ענדלעך האָבן זיך דערהערט שווערע טריט אויף די טרעפּן. אַ סך מענטשן זענען געגאַנגען פון אויבן אַראָפּ — אין הויף אַריין. דאָ האָט מען אַראָפּגעפירט איין פּאַרטיע אַרעסטירטע, אין אַ צייט אַרום — אַ צווייטע פּאַרטיע. ס׳האָט זיך געהערט קנאַקן פון ביקסן־שלעסער ; קורצע קאָמאַנדע־אויסגעשרייען : מ׳האָט די פּאַרטיעס אַרעסטירטע אַרויסגעפירט פון הויף.

אויף די טרעפּ, שוין נאָענט ביי דער רעדאַקציע־טיר, האָט זיך ווידער דערהערט אַ קלאַפּן מיט שווערע שטיוול, קלינגען מיט שפּאָרן. די טיר האָט זיך מיט רעש געעפנט, און ס׳האָבן זיך אַריינגעלאָזן מיט אַ געפילדער אַ גאַנצע כאָפּטע זשאַנדאַרמישע און פּאָליציייִשע אָפיצירן אין באַגלייטונג פון נידעריקע באַאַמטע. די גאַנצע כאָפּטע האָט זיך אַ לאָז געטון אין דעם לעצטן צימער, ווו ס׳איז געזעסן די עליטע פון יידישן לובלין. „מיין״ פּאָליציאַנט האָט, אויף מיין פּאַרלאַנג, געמאָלדן וועגן מיר איינעם פון זיינע עלטסטע, אָבער יענער האָט נאָר אַ קוק געגעבן אין מיין זייט און איז ווידער אַוועק צו די פּני. די טירן צו יענעם צימער זענען געווען אָפן, און איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט צו זען, ווי די נעכטיקע אימפּאָזאַנטע מענטשן פון פּ. פּ. ד. זענען הילפלאָז גע־שטאַנען אין מיטן צימער, אַרויסגענומען פאַרשידענע זאַכן פון די טאַשן און זיי אַרויסגעלייגט אויפן טיש, געלאָזט זיך אַרומטאַפּן מצד די זשאַנדאַרמען.

איינציקווייז האָט מען זיי אַרויסגעלאָזט אין קאָרידאָר. זיי זענען געווען רויט, שטאַרק צעטומלט, נישט געקאָנט טרעפן אין די אַרבל פון פּעלץ אָדער אין די קאַלאָשן, וואָס דער וואָזשני האָט אונטערגעשטעלט. יעדן פון זיי האָט איינער פון די פּאָלי־ציאַנטן אַרויסגעפירט פון טיר און באַלד צוריקגעקומען מיט אַ צו־פרידענער מינע, וואַרשיינלעך געקריגן אין יד אַריין.

ווען איך האָב דערזען, אַז די צאָל פּעלצן ווערט אַלץ וויניקער, האָב איך אָנגעהויבן מורא האָבן, איך זאָל נישט בלייבן

דער לעצטער. דאָס, האָב איך אויסגערעכנט, וועט זיין פיל ערגער פאַר מיר, ווייל זייענדיק צווישן דער בורזשואַזיע, וועל איך נאָך אפשר ווי נישט איז אַרויס מיט גאַנצע ביינער, אָבער וועל איך בלייבן אַליין, קאָן זיך נאָך אַ מאָל אָנהייבן אַ געניע חקירה ודרישה, ווער איך בין, וואָס איך טו אין לובלין אאז״וו. מיט איין וואָרט — געזינטער וואָס גיכער זיך אַרויסצורייסן פון דעם כאַפּ־שטייגל.

איך האָב מיך אָנגענומען מיט דרייסטקייט, און אויסנוצנדיק אַ פּויזע צווישן צוויי רעוויזיעס, בין איך צו צום אָפיציר, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער גאַנצער אַקציע, און געווענדעט זיך צו אים מיט אַ בקשה, מ׳זאָל מיך באַלד דערליידיקן, ווייל איך זיץ שוין דאָ אומשולדיק אייניקע שעה, פאַרהאַלטן געוואָרן צופעליק ביים קויפן אַ צייטונג.

אַ סך אויגן האָבן מיט איין מאָל מיך אָפּגעמאָסטן, סיי מצד די זשאַנדאַרמען, סיי מצד דעם רעשט פון די פּני. פאַר אַלעמען איז מיין דערשיינונג געווען אַ סיורפּריז. דער עולם זשאַנ־דאַרמען און פּאָליציי איז געווען אין אַ גוטער שטימונג. ווייזט אויס, צוליב דעם גרויסן „פאַנג״ אין לייען־זאַל. חוץ דעם זענען זיי שוין געווען זייער מיד פון דער דויערנדיקער שווערער „אַר־בעט״. האָט מען מיך איבערגעגעבן אין די הענט פון עפּעס אַ רעוויראָווי — מיט אַן אָנזאָג — גוט רעווידירן.

דער רעוויראָווי האָט מיך פונדעסטוועגן גאַנץ אויבער־פלעכלעך רעווידירט, קורץ אויסגעפאָרשט מיך מיטן פּאָליציאַנט, וואָס איז געשטאַנען ביים טיר, און געהייסן מיך אַרויסלאָזן אויף דער פריי. אַפילו נישט פאַרנאָטירט מיין נאָמען.

אַ פּאָליציאַנט האָט מיך באַגלייט ביזן טויער, וואָס איז גע־ווען פאַרשלאָסן און באַוואַכט, און האָט מיך אַרויסגעלאָזט. ס׳איז מיר געוואָרן גוט אויפן האַרצן, און איך האָב דעם גאָרדאָווי אַריינגערוקט אין האַנט אַ קליינע זילבערנע מטבע „נאַ טשאַ־יאָק״ (טרינק־געלד).

אונזערע לובלינער חברים האָבן מיך אָפּגעוואָרט ביים טוי־ער. זיי זענען געווען גליקלעך, ווען זיי האָבן מיך דערזען אַ

פרייען. זיי האָבן געהאַט געוויסנביסן, וואָס זיי האָבן געהאַט באַשטימט די „ראַנדקע" מיט מיר אין אַן עפנטלעכן לאָקאַל, און שפּעטער, ווען זיי האָבן מיך נישט באַמערקט צווישן די פּאַרטיעס אַרעסטירטע, וואָס מ'האָט אַרויסגעפירט פון לייען־זאַל, האָבן זיי גאָר נישט געקענט באַגרייפן, ווו איך בין פאַרפאַלן געוואָרן.

* * *

אויפן צווייטן טאָג, אין דער פרי, בין איך אַוועקגעפאָרן פון לובלין. איך בין געזעסן אויפן וואָקזאַל צוזאַמען מיט אַ חבר פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אַרויסגעקומען מיך צו באַגלייטן. ס'האָט אַזוי פּאַסירט, אַז אין דער זעלבער צייט האָט זיך באַוויזן אויפן וואָקזאַל איינער פון די פירער פון פּ. פּ. ד., דאַכט מיר דער דירעקטאָר פון דער צוקער־פאַבריק, וואָס איז אויך גראָד דעם זעלבן אין דער פרי ערגעץ אַוועקגעפאָרן. ער האָט אַ קוק געטון אויף מיר מער ווי מיט פאַרווונדערונג אין די אויגן, ס'האָט געקאָנט הייסן, וואָס טוט זיך עס דאָ — ווו איך בין דאָ, איז אויך דאָ דער דאָזיקער יונגערמאַן.

שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די פירער פון פּ. פּ. ד. האָבן זיך נאָכגעפרעגט ביי אונזערע לובלינער חברים וועגן מיין פּערזאָן, צי... זיי קענען מיך גוט, ווייל עפּעס איז נישט גלאַטיק, וואָס מ'טרעפט מיך דאָרט, ווו מ'דערוואַרט מיך גאָרנישט.

58

די „יאווקע" אין ווארשע. — 60 קאפּיקעס ראטע־ וזסן צוויי מענטשן פון טורמע.

אונזער „יאווקע" אין ווארשע איז געווען אויף זשעלנע גאס ביי א יינגער דאמע, לאמיר איר אנרופן „העלא" (איר נא־ מען געדענק איך נישט), זי איז געווען נישט מער ווי א סימפּא־ טיקערין פון „בונד", נאר, ווי א סך סימפּאטיקער פון יענער צייט, — ביז גאר איבערגעגעבן דער באוועגונג, גרייט אויף טור־ מע און סיביר, זי איז געווען זייער פּינקטלעך אין אויספירן אי־ רע וויכטיקע פּאר אונז פונקציעס — די פּארמיטלעריי צווישן אונז און דער פּראווינץ, ביי איר אין ווינונג זענען געווען בא־ האלטן די אדרעסן פון אלע אונזערע פּראווינציעלע ארגאניזא־ ציעס, צו איר אין ווינונג פלעגן זיך ווענדן די חברים, וואס האבן באדארפט זיך זען מיט אונז פּערזענלעך, דורך איר פאר־ מיטלונג פלעגט אנקומען צו אונז די קארעספּאנדענץ פון דער פּראווינץ, סוף כל סוף איז זי צוליב אונז דורכגעפאלן, אבער אן ערנסטע פאלגן.

פאר ספּעציעלע ארבעט האבן מיר געהאט צו דיספּאזיציע — דאס צימער פון צוויי יוגנטלעכע חברים — וויקטאר אלטער און זיין ברודער אויף עלעקטאראלנע 4. דארט איז געווען אונזער „ווארשטאט" צו העקטאגראפירן די צירקולאר־בריוו פון פּוילישן ר. ק. צו די ארגאניזאציעס, דארט פלעגן מיר דערלייידיקן אונזער גאנ־ צע קארעספּאנדענץ, פון דארט — פון דעם צימערל פון די צוויי שילער פון מיטלשולן, פלעגט גיין די גאנצע עקספּעדיציע פארן פּוילישן ראיאן.

די זיצונגען אונזערע פלעגן פאָרקומען אין דער וווינונג פון ח' „ראַפאַיל", אויף טוואַרדע 10. דאָס איז אין יענער צייט געווען איינע פון די „כשרסטע" דירות. פאַרשטייט זיך, אַז אויך די דירה איז שפּעטער דורכגעפאַלן.

האָבן מיר אַזוי איין מאָל אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג פון ראַיאָן-קאָמיטעט. די זיצונג האָבן מיר פאַרענדיקט, ווי דער סדר איז פון בונדישע זיצונגען עד היום הזה, גאַנץ שפּעט, דערהויפּט איז עס שפּעט געווען פאַר יענער צייט פון קריגס-צושטאַנד.

איך מיט סעמיאָנען (דוד שלאָסבערג) האָבן זיך אַ לאָז געטון אין אונזער אַכסניה, אויף דזשיקע גאַס. עס איז עפּעס אויסגעקומען אַזוי, אַז מיר האָבן געמוזט מיט זיך מיטנעמען אַ ביסל טריפה זאַכן – איך געדענק שוין נישט וואָס – געשריבענע אָדער געדרוקטע. איך האָב מיין פּאַרציע „טריפות" אַריינגעלייגט אין די זאָקן.

ס'איז געווען אַ פראָסטיקע ווינטער-נאַכט. שטיל, די טויערן געשלאָסן. אַ ווייסער שניי האָט באַדעקט די וואַרשעווער גאַסן, און דער שניי איז אַלץ געפאַלן און געפאַלן און גערופן צו שפּאַצירן אויף די אומגעענדערטע און ווייס אויסגעפּוצטע גאַסן. אַפילו די גאַסן אין יידישן ראַיאָן האָבן אויסגעזען ריין און יום-טובדיק. ס'האָט זיך געוואָלט שפּאַצירן. מיר אָבער האָבן געמוזט זיך איילן צו אונזער יידישע אַכסניה. און דערצו נאָך זען אויסצומיידן די פּאָליציייש-מיליטערישע וואַכן, וואָס האָבן דאַן זיך אַרומגעדרייט אין די גאַסן. מיר האָבן אַפילו געמוזט נישט איין מאָל זיך אַריינכאַפּן אין אַ זייטיקער גאַס, באַמערקנדיק פון ווייטנס די היטער פון רו און אָרדענונג. מיר זענען אַזוי אָנגעקומען מיט מזל אויף קאַרמעליצקע גאַס, ביים ווינקל פון נאַוואָליפּקי איז פלוצים אויסגעוואַקסן אַ קליינער פּאַטרול, וואָס איז באַשטאַנען פון איין פּאָליציאַנט מיט צוויי סאָלדאַטן באַוואָפנטע מיט ביקסן.

– שטייט!

מיר האָבן זיך, פאַרשטייט זיך, אָפּגעשטעלט.

– ווער זענט איר? וואוהין גייט איר אַזוי שפּעט? האָט

שטרענג אויסגערופן דער פּאָליציאַנט און איילנדיק אונז רעוידירט, צי מ'האָט נישט קיין געווער אין די טאַשן.

מיר האָבן זיך אָנגעשטרענגט צו זיין וואָס רויִקער, און דערקלערט, אַז מיר זענען פּראָווינצער סוחרים און גייען מיר שלאָפן אין אונזער האָטעל.

— ווייזט אייערע פּעסער!

מיר האָבן געגעבן דעם גאָראָדאָוואָי (פּאָליציאַנט) אונזערע פּעסער.

ביי דער באַלייכטונג פון אַ גאַסן־לאַמטערן האָט ער אָנגעהויבן „לייענען". דער חברהמאַן איז אָבער געווען שיכּור, ווי לוט, האָט ער געהאַלטן די פּעסער מיטן „קאָפּ אַראָפּ, מיט די פיס אַרויף", און דווקא געוואָלט לייענען. די סאָלדאַטן האָבן געקוקט — און געשמייכלט.

איך האָב געגעבן אַ דריי איבער דעם פּאַס און, טייטלענדיק מיט די פינגער איבער די שורות, האָב איך געלייענט דעם פּאָליציאַנט אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט.

אָבער ער האָט, ווייזט אויס, געפילט, אַז ער איז שטאַרק שיכּור, און מ'קאָן אים נאָך, חלילה, אָפּנאַרן, האָט ער שטרענג אַ געשריי געטון:

— גענוג! קומט אין צירקל, דאָרט וועט מען שוין פּעסטשטעלן, ווער איר זענט, — און אַריינלייגנדיק די פּעסער אין מאַנקעט פון פלאַשטש, האָט ער אונז געהייסן מיטגיין אין צירקל.

דער עסק האָט אונז גאָר נישט געשמעקט. ערשטנס, האָבן מיר דאָך געהאַט ביי זיך טריפה שריפט־זאַכן. ביי אַ גענויער רעוויזיע אין צירקל, קאָן מען אויך אַ טאַפּ־טון אין די זאָקן, און דאַן מעגן מיר געוויס הייסן אונז אָנגרייטן... וואַרעמע מלבושים קיין סיביר. צווייטנס, קאָן מען מיך דאָ דערקענען אין מיין צירקל אויף נאָוואָליפּקי (אין דער ריכטונג צו דעם דאָזיקן צירקל האָט מען אונז טאַקע געפירט), און ווי לאַנג דען בין איך דאָרט געבראַכט געוואָרן אַלס אַרבעטסלאָזער שאַכטל־מאַכער און אַרויסגעלאָזן געוואָרן אַלס לערער?

וועגן אַזאַ „פּראָווינצער סוחר", אַפילו מ'זאָל ביי אים גאָר־

נישט געפינען, קאָן זיך אויף דעם קאָמיסאַר פֿאַרגלוסטן אָנצו־קלינגען אין דער אָכראַנע, און טאַקע פֿאַר איין גאַנג אויך וועגן צווייטן „סוחר" — וועגן סעמיאָנען.

ניין, ס'איז נישט גוט. מ'מוז אַזוי מאַכן, אַז מיר זאָלן אין צירקל נישט געבראַכט ווערן.

ווי אַזוי?

וועגן אַנטלויפֿן קאָן קיין רייד נישט: אַ פּאָליציאַנט מיט אַ רעוואָלווער, צוויי סאָלדאַטן מיט ביקסן, אַלע טויערן פֿאַרמאַכט. ניין. מיר וועלן פּרובירן „אָנוואַרעמען" דעם פּאָליציאַנט מיט אַ קלײנער סומע. אפשר וועט גיין. אָבער די סאָלדאַטן שטערן.

מיר זענען געגאַנגען פֿאָרויס: דער פּאָליציאַנט אין מיטן. מיר פֿון זײַנע בײדע זײַטן, די סאָלדאַטן הינטער אונז, אַ ביסל פֿון ווײַטנס.

מיר האָבן באַוויזן אָפּצורעדן מיט סעמיאָנען, אַז מיר זאָלן פֿאָרלײגן דעם פּאָליציאַנט גאָר קלײנע סומען (קיין גרויסע האָבן מיר, אַגב, נישט געהאַט), כּדי נישט אַרויסצורופֿן בײַ אים קיין פֿאַרדאַכט, אַז מיר זענען עפּעס וויכטיקע „פֿיש".

האָבן מיר אָנגעהויבן מיט אים טענהן בזה הלשון:

— נאָ דיר צו 10 קאָפּיקעס, און לאָז אונז אָפּ. וואָס וועס־טו אונז שלעפּן אין צירקל? דו וועסט פֿון דעם גאָר נישט האָבן, און מיר וועלן פֿאַרלירן עטלעכע שעה. ס'איז אַזוי קאַלט, עס ווילט זיך דאָך שלאָפֿן.

דער פּאָליציאַנט האָט גאָרנישט געענטפֿערט.

מיר האָבן ווײַטער אײַנגעטענהט: — טו נישט קיין עוולות אַזעלכע סוחרים, ווי מיר, וואָס זענען גרייט דיר צו געבן טאַקע אַ פּוסהלע, וועסט דאָך פֿאַרפֿרוירן ווערן פֿון קעלט אין אַזאַ פֿראָסט. נעם די 20 קאָפּיקעס, און לאָז אונז אויך גיין זיך אָנוואַ־רעמען. שוין צײַט צו שלאָפֿן!

— און וואָס מאַך איך מיט די סאָלדאַטן? — האָט אַ פֿרע־געטון דער פּאָליציאַנט.

— נו, פֿאַר זײ באַקומסטו נאָך צו 10 קאָפּיקעס — און פּאַפּיראָסן.

דער פּאָליציאַנט איז גאָר לעבעדיק געוואָרן, האָט אַרויס־ געשיקט פּאָרויס די סאָלדאַטן צום צירקל (ס'איז שוין געווען אַ פּאָר הייזער פאַרן צירקל) און זיי געהייסן אַרויסרופן די „זמיאַ־ נע" — די נייע שיכט.

ווי נאָר די סאָלדאַטן זענען פאַרשוואונדן אין טויער פון צירקל, האָבן מיר אַרויסגענומען צו 30 קאָפּיקעס און זיי אַריינ־ געלייגט אין האַנט אַריין פון דעם ליבן פּאָליציאַנט. ער האָט גלייך אַרויסגעצויגן פון מאַנקעט די פּעסער, און אָפּגעבנדיק זיי יעדן באַזונדער העפלעך געדאַנקט:

— ספּאַסיבאָ, באַרין! (אַ דאַנק, פּריץ).

גליקלעכע האָבן מיר אָנגעהויבן שפּרייזן אין אונזער „האָטעל".

סוף פון ערשטן באַנד.

אינהאַלט:

זײט

קאַפּיטל 1: מײנע ערשטע „דערציער". - מײן סביבה. — אונזער „זשאַרגאָניש" ביבליאָטעקל. 10–3

קאַפּיטל 2: אין בערדיטשעוו. — די קאַזיאָנע יידישע פאָלקסשול און איר „סמאָטריטל" יאַקאָוו ראַמאַנאָ־וויטש קאָרנבליט. 14–11

קאַפּיטל 3: „וואַסבאַד"־שטימונגען. — אַן „אומלעגאַלע" „ביבליאָטעק". — אַ סאָציאַליסטיש קרײזל. — „דער פּראָצעס פון 1־טן מערץ". - די בינע רופט מיך. 19–15

קאַפּיטל 4: מײנע ערשטע וואַנדערונגען: קיעוו, אָדעס.— מעשה ווין־רעבט.–וואָס איז דער ציל פון לעבן? 22–20

קאַפּיטל 5: בערדיטשעווער און אַלט־קאָנסטאַנטינער איג־טעליגענץ־קרײז אין אָדעס. - מײנע ערשטע באַ־ציונגען מיט דער „אַרבעטער־באַוועגונג". 26–23

קאַפּיטל 6: צוריק אין בערדיטשעוו. - פאַר וועמען איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרן דער ערשטער טראַנספּאָרט סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ליטעראַטור? 29–27

קאַפּיטל 7: זשיטאָמיר. - מיר ווילן גרינדן אַ פאַרײן פון „עקסטערנעס". — דער דורכפאַל. 35–30

קאַפּיטל 8: לאָדזש.-דאָס ערשטע מאָל דערהערט „בונד".- טשערקאַס. - ערשטע אײנדרוקן אין דער קאַזאַרמע. 38–36

קאַפּיטל 9: וואָס איז בעסער: טורמע צי קאַזאַרמע. - מיניסטער באַגאַלעפּאַוו באַשטראָפט סטודענטן מיט מיליטער־דינסט. — די געזעלשאַפטלעכע פיזיאָנאָמיע פון מײנע נײַע קאָלעגן. 42–39

קאַפּיטל 10: „די קאַטעגאָריע פון באַשטראָפטע". — די פײַנלעכע שמיץ־עקזעקוציע.—דער שאָס פון קאַרפּאָ־וויטשן. - פרײַ פון דער קאַזאַרמע. 47–43

קאַפּיטל 11: מײן „קאָנדיציע" אין אַ דאָרף. - ד"ר דאַוויד טאָרגאָוויטש. — ווידער אין בערדיטשעוו. - די נײַע ווינטן.- די „סטרוצקע".-פראַניע גרעבעלסקאַ א"אַ. 55–48

קאַפּיטל 12: ראָמאַנטיזם און פּראָזע. - די קאַיגענס. — מאַיסײ ווינאָקור.- מעשה ווילנע.— לעקערט. - איך טרעט אַרײַן אין „בונד". 64–56

קאַפּיטל 13: דוד ליפּיעץ („מאַקס חרפּה") און זײַן שוועסטער פאַניע. — מײן ערשט קרײזל. — מיר פאַרשפרייטן די ערשטע פּראָקלאַמאַציע 68–65

ז״ט

קאַפּיטל 14: מאַיסיי ווינאַקור און „אַלטער דער הויבער״. — „בונד״ און די אַרבעט צווישן קריסטלעכן פּראָלעטאַריאַט. — מיינע פריינט פּאַוועל און מאַלין. — אין שטעטעלע ראַמאַנאָוו. 73–69

קאַפּיטל 15: איך פּאַר אויף „תנאים״ קיין זשיטאָמיר. — די אומלעגאַלע פאַרזאַמלונג אין חתונה־זאַל. — די נאַכט־מאַניפעסטאַציע אין בערדיטשעוו. 77–74

קאַפּיטל 16: בערדיטשעוו פייערט דעם 5־יאָריקן יוביליי פון „בונד״. — די אַלטע בונדישע „שבועה״. — אַ פאַרזאַמלונג ווינטער אין גאָרטן. 81–78

קאַפּיטל 17: קישיניעווער פּאָגראָם. — מאַסן אַרעסטן. — אַ נייע דרוקעריי. — די דעמאָנסטראַציע. — נאָכווייעניש. 88–82

קאַפּיטל 18: ערשטער פּאָליטישער שטרייק. — ראָל פון פלאַכבעצקיס זאַוואָד. — איך ווער אַרעסטירט. 93–89

קאַפּיטל 19: דאָס לעבן אין טורמע. — ליקווידאַציע פון דער בערדיטשעווער גרופּע רוסישע סאָצ.־דעמאָקראַטן. 98–94

קאַפּיטל 20: דער רושם צוליבן „בונדס״ אַרויסטרעטן פון דער רוסל. ס. ד.־פּאַרטיי. — ליבער. — די אָפּאָזיציע פאַרוואַנדלט זיך אין אַן אָרגאַניזאַציע פון דער רוסל. ס. ד.־פּאַרטיי. 103–99

קאַפּיטל 21: סילועטן: ראַוורעבע („קוראַקיי״). — ס. מאַרגאָלין. — „איינער פון פאָלק״. 110–104

קאַפּיטל 22: דער ערשטער נומער „דער בונד״. — ראָווגע. — איך פאַרלאָז בערדיטשעוו. 114–111

קאַפּיטל 23: ביים צ. ק. — אין מינסק. — „רחמיאל״. — ווילנע. — איסאַי אייזענשטאַט („יודין״). — דער טראַנספּאָרט מאַי־ליטעראַטור. — קאָוונע. 120–115

קאַפּיטל 24: „סימכע סענאַל״. — ה׳טע העלענע באַצקעלס. — ח׳טע „פרידע״. — אַרעסט אין קאָוונע. 124–121

קאַפּיטל 25: מיניסטער פּלעווע ווערט צעריסן פון אַ באָמבע. — „מיין קראַנץ פּלעווען״. — דוד זאַסלאַווסקי. — מיין לעצטע רייזע קיין ווילנע. 131–125

קאַפּיטל 26: אין „קוטוזקע״ און לאַנדוואַראָווע. — רעפלעקסן וועגן צאַרישע און פאַשיסטישע זשאַנדאַרמען. 135–132

קאַפּיטל 27: אין ווילנער פּאָליציי־אַרעסט. — דער געמאַכטער „דאָקומענט״ ביז אָבראָנע. — אין טורמע. 138–136

קאַפּיטל 28: אין דער טורמע אויף די לוקישקעס. — די

צייטונג און דער אייגענער ,,טעלעגראף״. — פּאַרט
אַרטור און די שאַנסן פון דער רעוואָלוציע. 141–139

קאַפּיטל 29: אין ,,14טן נומער״.— מאַיסיי גורעוויטש.—
אויפגעדעקט דעם סוד.— דער טורמע-שעף דונקל.—
דער הונגער־שטרייק. 145–142

קאַפּיטל 30: ,,9 יאַנואַר 1905״. — מאַלעצקי. — ערשטע
זעונג מיט ,,מיין כלה״.—באַפרייט אויף קויציע. 151–146

קאַפּיטל 31: אַ מענטש אָן אַ פּאַס. — לאָדזש. — פּאָגראָם־
שטימונגען. — זעלבסטשוץ.—ביים צ.ק. אין דווינסק. 155–152

קאַפּיטל 32: גראָדנע. — ח׳ אריה גאַרבער. — ערשטע
איינדרוקן. — ח׳ אברהם טשעסקיס. 159–156

קאַפּיטל 33: קאַמף פאַר דער בירזשע.— עפּידעמיע פון
עקאָנאָמישע שטרייקן. — שטרייק אין שערעשעוו־
סקיס פאַבריק. 163–160

קאַפּיטל 34: לוויה פון ח׳ פּרץ בערנשטיין. — מיין
פּראָצעס דערנענטערט זיך. — ביאַליסטאָק. — דער
טויט פון ח׳טע אסתר ריסקינד. 168–164

קאַפּיטל 35: די רויטע יוני־טעג: באַריקאַדן אין לאָדזש,
דער אויפשטאַנד פון ,,פּאָטיאָמקין״. — מאַכנאָוויעץ־
אַקימאָוו. 176–169

קאַפּיטל 36: גראָדנער מיליטעריש־רעוו. אָרגאַניזאַציע.—
איר אָנטייל אין דער בונדישער זעלבסטשוץ. 187–177

קאַפּ. 37: מיין פּראָצעס אין ווילנער ,,סודעבנע פּאַלאַטע״. 191–188

קאַפּ. 38: וואַלן צום 6טן צוזאַמענפאָר פון ,,בונד״. 195–192

קאַפּיטל 39: דער אָקטאָבער־שטרייק און די דעמאָנסטראַ־
ציע אין גראָדנע. — סיגנאַלן צום שיסן. — ערשטע
פרייהייט־שעהן. 202–196

קאַפּיטל 40: אַמנעסטיע. — פּאָגראָמען און די ראָל פון
פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט. — פּאָגראָם־שטימונג אין
גראָדנע און אונזער זעלבסטשוץ. — קוריאָזן. 207–203

קאַפּיטל 41: אויפן רעוואָלוציאָנערן וועג. — די דיסקו־
סיע וועגן אַ רעוואָלוצ. רעגירונג. — ווי אַזוי גראָד־
נער אָרגאַניזאַציע האָט געפייערט אין יאָר 1905 דעם
8 יובילײ פון ,,בונד״. 214–208

קאַפּיטל 42: דער געראַנגל צווישן נייעם און אַלטן לעבן.-
איך פאַרלאָז גראָדנע.-ווילנע.-אין בונדישן קלוב. 219–215

קאַפּיטל 43: מאָהילעוו און האָמעל. — גובערנאַטאָר

זייט

קלינגענבערג. — די בונדישע אָרגאַניזאַציע. — די
פּראָפ. באַוועגונג. 223–220

קאַפּיטל 44: 9 יאַנואַר 1906.—באָיקאָט פון דער ערשטער
נאַסוּדאַרסטווענער דומע. — אַרשע נאָכן פּאָגראָם.—
דובראָוונע. 228–224

קאַפּיטל 45: מאָהילעוו און ראַיאָן קלויבן דעלעגאַטן צו
דער 7טער קאָנפערענץ פון „בונד“. — פון מאָהי־
לעוו קיין וואַרשע. 232–229

קאַפּיטל 46: וואַרשע.—דער קאָמיטעט.—די בירזשעס.—
ח׳ „מיכאַיל“ (בייניש מיכאַלעוויטש). 236–233

קאַפּיטל 47: פּראָוואָקאַטאָר „איטשקע דרוקער“ (קאַפּטאַל).—
די דיסקוסיע אויף נאַוואַליפּקי 31 און דער דורכ־
פאַל. — דער אַרעסט אויף באַניפראַטן 3. 244–237

קאַפּיטל 48: „דער גלאָק“.—דער „בלוטיקער מיטוואָך“.—
עקספּראָפּריאַציעס. — אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען
אין פאַבריקן. 252–245

קאַפּיטל 49: דיסקוסיע צום 7טן צוזאַמענפאָר פון „בונד“.—
„האַרטע“ און „ווייכע“.—אַ מענטש פון פאָלק. 256–253

קאַפּיטל 50: ווידער אַרעסטירט.—דער ראַטוש אין 1906. 264–257

קאַפּיטל 51: פון ראַטוש אין „פאַרט אַלעקסיי“. 274–265

קאַפּיטל 52: אין מאָדלין. - אין דער טראַנספּאָרט־טורמע
אויף פּראַגע. - פריי. 280–275

קאַפּיטל 53: אין „פּוילישן ראַיאָן־קאָמיטעט פון „בונד“.—
מיין ערשטער אַרויספאָר אין פּוילישן ראַיאָן. –
ח׳ משה מיט זיינע וואַליזעס. 287–281

קאַפּיטל 54: מיינע „רייזע־דאָקומענטן“. - שעדלעצער
פּאָגראָם און דער הילף־קאָמיטעט. 290–288

קאַפּיטל 55: לאָדזש. - „סערגיי“ (א. בראָון). - שמאַי. –
וואַל־קאַמפּאַניע צו דער 2טער דומע. - די בוכ־
האַנדלונג „זשרודלאָ“. 297–291

קאַפּיטל 56: אַ טור אין לאָדזשער ראַיאָן. - די מסירה
אין אָפּאָטשנע און דער באָיקאָט־ענטפער פון אָפּאָטש־
נער אָרגאַניזאַציע פון „בונד“. 301–298

קאַפּיטל 57: לובלין. - מיין דורכפאַל אין דעד. „קוריער
לובעלסקי“ און באַפרייונג. 309–302

קאַפּיטל 58: די „יאַווקע“ אין וואַרשע. — 60 קאָפּיקעס
ראַטעווען צוויי מענטשן פון טורמע. 314–310